ליטע איז דאס איינציג לאנד, וואס פארמאגט א אידיש מינאריטעט מיניס־טעריום, וואס האט צו טאן מיט אלע אידישע ענינים. אין מאנאט יאנואר, 1919, האט דאס אידיש מינסטעריום גערופען א קאנווענשאן, וואס האט ער־וועהלט א אידישען נאציאנאל-ראט. האט אבער די ליטווישע קאנסטיטוציאנס קא־מיסיע זיך ענטזאגט אריינצושטעלען אין דער נייער קאנסטיטוציע פונקטען, וואס גאראנטירען מיניסטעריומס פאר נאציא־נאלע מינאריטעטען, ניט אבטענדיג אויף די פאדערונגען פון דעם אידישען נא־ציאנאל ראט. האט דער אידישער נא־ציאנאל ראט רעזיגנירט אלס א פרא־טעסט.

אפריל דעם 17טען, 1922, האט די עקזעקוטיווע קאמיטע פון דעם אידישען נאציאנאל ראט ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די אידישע קהלות וועגען דעם, אז די מינאריטעט רעכטען און די אידישע נאציאנאלע אויטאנאמיע אין לי־טע איז אין געפאר און דאס איז געגען דעם צוזאג פון דער ליטווישער קאמי־

סיע, וואס איז געגעבען געוואָרען אויפ'ן פרידענס־קאָנפערענץ.

דאס פארגאנגענע יאהר האט אויך קיין ישועות ניט געבראכט אויף די פאר־פאָלגטע פון יענער זייט ים, וואס ווי־לען אריינקומען אין אמעריקא.

דעם 7טען פעברואר, 1922, האט דער קאָנגרעס, מיט 280 שטימען געגען 36, באנייט דעם 3 פראָצענט קוואָטא גע־זעץ, ביז'ן 30טען יוני, 1923. אויך אין קענעדע זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען באשרענקונגען געגען איינוואנדערער, גע־זעצען, וואס טרעפען אמעהרסטען דעם אידישען אימיגראנט, נעמליך: יעדער אי־מיגראנט מוז האבען 250 דאָלאר, און א פאספארט, וואס איז וויזירט אין דעם לאנד, פון וואנען ער קומט. אויף אזא'ן אופן וועט אן אנטלאָפענער פון רוסלאנד און פוילען ניט קאָנען אריינקומען אין קענעדע, וויבאלד ער האט קיין וויזע ניט פון דעם לאנד, פון וועלכען ער איז א בירגער, ס'הייסט פון רוסלאנד.

דעם 4טען מאי, 1922, האט דער סענאט פון די פאראייניגטע שטאאטען איינשטימיג אָנגענומען א רעזאָלוציע צו גונסטען פון א אידיש היימלאנד אין פא־לעסטינא. די רעזאָלוציע לייענט זיך: די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא זיינען פאר דעם, אז אין פאלעסטינא זאָל געגרינדעט ווערען א נאציאָנאלע היים פאר'ן אידישען פאָלק. דערביי ווערט פארשטאנען, אז קיין זאך אזעלכעס זאָל ניט געטאָן ווערען, וואס קען שאדען די ציווילע און רעליגיעזע רעכטען פון די ניט־אידישע קהלות אין פאלעסטינא, און אז די הייליגע פלעצער און רעליגיעזע גע־ביידען אין פאלעסטינא זאָלען אויף א גלייכען אופן באשיצט ווערען. כמעט אן עהנליכע רעזאָלוציע איז אריינגע־בראכט געוואָרען אין קאָנגרעס.

די אייראפעאישע געגנערשע ציוניס־טען האבען אָפגעהאלטען א קאָנפערענץ אין האאג. די ציוניסטישע אָרגאניזא־ציע האט אָפגעהאלטען איהר קאָנ־גרעס אין קארלסבאד. דער פרע־זידענט האט געמעלדעט, אז די מיט־גלידערשאפט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע איז פארגרעסערט געוואָ־רען פון צוויי הונדערט טויזענד אויף א מיליאָן זינט דעם לעצטען קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האט באשטימט א בו־דזשעט פון זעקס הונדערט פופציג טוי־זענד פונט שטערלינג: אויף סאניטארע ארבייט — 100 טויזענד פונט; אויף אן ארבייטער פאָנד — 50 טויזענד פונט; אימיגראציע — 90 טויזענד פונט; אויף לאנדווירטשאפט — 200 טויזענד פונט; אויף אן עקספערימענטאלע סטאנציע — 10 טויזענד פונט; פאר־שיידענע הוצאות — 25 טויזענד פונט; קאָמערציעלע אינפאָרמאציאָנס ביורא — 3 טויזענד פונט; אדמיניסטראציע — 25 טויזענד פונט; בילדונג — 128 טוי־זענד פונט; צו שטיצען שולען — 90 טויזענד פונט; צו בויען נייע שולען — 25 טויזענד פונט; פאר דער חיפה'ער טעכנישער שול — 10 טויזענד פונט; פאר דער נאציאָנאלער ביבליאָטעק אין ירושלים — 3 טויזענד פונט.

אין פארלויף פון יאהר האט דער אידישער נאציאָנאל־פאָנד ערוואָרבען 52,500 דונאם לאנד. איצט פארמאָגט ער 75 טויזענד דונאם.

דער פאלעסטינא מאנדאט איז גוטגע־הייסען געוואָרען פון דעם ראט פון דער נאציאָנען ליג דעם 24טען יולי, 1922.

די אידישע עקאָנאָמישע לאגע אין אייראפא איז לעצטען יאהר א ביסעל בעסער געוואָרען. דער באווייז איז, וואס די דריי פראָצענט קוואָטא פאר אימיגראנטען איז גאנץ לאנגזאם פאר־פולט געווארען, דאס הייסט, אז די עקאָ־

נאַמישע נויט האָט ניט אַזוי שטאַרק געטריבען אין אמעריקא. די גרעסטע איינוואַנדערונג פלעגט שטענדיג זיין פון רוסלאַנד. נאָר זינט די סאָוועט-רעגירונג האָט ערלויבט קליין־האַנדעל, איז די באַדערפעניש צו פאָהרען קיין אמעריקא פיל קלענער געוואָרען. אויך אין פוילען איז די רעגירונג מעהר אָדער וויניגער געקומען צו זיך, און די עקאָנאָמישע לאַגע איז דערפאַר פאַרהעלטניסמעסיג פאַרבעסערט געוואָרען.

אין גאַנץ צענטראַל אייראָפּאַ איז געווען צו באַמערקען אַ באַדייטענדע שטרעבונג ביי אידען צו ערד־אַרבייט. אין ליטע האָבען 943 אידישע פאַמילען זיך געווענדעט צו דער רעגירונג, מען זאָל זיי געבען די מעגליכקייט צו ווערען ערד־אַרבייטער. אַזאַ באַוועגונג האָט מען אויך געקאָנט באַמערקען אין סאָוועט־רוסלאַנד. ביים דניעסטער האָבען אידען מיט גרויס ערפאָלג אָנגעהויבען פלאַנצען טאַבאַק, זינט בעסאַראַביע איז אָפּגעזונדערט געוואָרען פון סאָוועט-רוסלאַנד. אַרום דעם 1טען יאַנואַר, 1922, האָבען זיך געפונען אין דיסטריקט פון ראשקאָוו 27 אידישע קאָאָפּעראַטיווען, וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט פלאַנצען טאַבאַק, מיט 577 אַקטיווע מיטגלידער. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז צווישען יענע רעגירונגען איז דאָ אַ נייגונג צו שטערען די אידען אין אַזעלכע אונטערנעמונגען. אין רוסלאַנד, צום ביישפּיל, האָבען די פויערים שוין אַרויסגעצייגט זייער פיינדשאַפט צו אידישע פאַרמערס. אין די לענדער, וואו עס ווערען באַטראַכט פאַרשיידענע אַגראַר־רעפאָרמען, זיינען די דאָזיגע רעפאָרמען ווייט ניט לטובה פאַר אידען. אַזוי איז אין ליטע, אַזוי איז אויך אין פוילען. די רעגירונגען וואָלטען ניט וועלען געבען אידען קיין ערד.

אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר זיינען אין אייראָפּאַ געגרינדעט געוואָרען עטליכע העבערע אידישע בילדונגס־אינסטיטוציעס. אין בערלין האָט זיך געעפענט אַ אינסטיטוט פאַר אידישע עקאָנאָמישע פאַרשונגען. אין פוילען האָט זיך געעפענט אַ העבערער אידישער אינסטיטוט „תרבות“. אין ליטע האָט דער אידישער נאַציאָנאַל ראַט אָרגאַניזירט העבערע קורסען אין באָטאַניק, פיזיאָלאָגיע, געשיכטע פון אידישער ליטעראַטור, מאַטעמאַטיק, פיזיק, געשיכטע פון קונסט, אַנאַטאָמיע א. אז. וו. די דאָזיגע קורסען זיינען געגעבען געוואָרען אין אידיש, אין פאַרלויף פון די זומער חדשים, פאַר 198 סטודענטען, אין קאָוונאָ.

אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר איז אין לאָנדאָנער סקול אָוו אָריענטעל סטאַדיעס פון דער לאָנדאָנער אוניווערזיטעט געגרינדעט געוואָרען אַ קאַפעדרע פאַר העברעאיש אויף אחד העם׳ס נאָמען. קורסען פאַר העברעאיש זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרען אין דער מעלבורן אוניווערזיטעט, אין אויסטראַליען.

פילע טעכנישע שולען פאַר אידישע שילער זיינען לעצטען יאָהר געעפענט געוואָרען אין סאָוועט־רוסלאַנד, פוילען, ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע. אין ווייס־רוסלאַנד זיינען דאָ זיבצעהן פּראָפעסיאָנעלע שולען, וואו עס לערנען זיך טויזענד שילער. 90 פּראָצענט פון זיי זיינען אידען. עס באַמערקט זיך אַ באַדייטענדע שטרעבונג צווישען די אידען פון יענער זייט ים צו טעכנישע בילדונג.

זאכען וואס איז ווערט צו וויסען

יהודה קרעסקען, וועלכען מען האט גערופען „דער לאנד־קארטע איד", אדער „דער קאמפאס איד", האט געצייכענט אלע לאנד־קארטעס, וואס קריסטאפאר קאלומבוס האט באנוצט און איז געווען א מיטגליד פון קאלאמבוס'עס שיף־קאמאנדע.

* * *

ראדריגא דע טריאנא, א איד, איז געווען א מיטגליד פון קריסטאפאר קאלאמבוס'עס שיף־קאמאנדע. ער האט דער ערשטער דערזעהן לאנד און קואים דע טארעס, אויך א איד, וועלכער איז געפאהרען מיט קאלאמבוס'עס עקספעדיציע אלס איבערזעצער, איז געווען דער ערשטער ווייסער מענש, וואס האט בעטראטען דעם אמעריקאנישען בארען.

* * *

פאלאמאנע דע־כעססא, א איד, איז געווען א קינסטלער גאלד־ארבייטער, וואס האט געארבייט פאר'ן פאפסט אלעקסאנדער דעם 6טען (ראדריגא באָרדזשיא). דער פאפסט פלעגט איהם אויפנעהמען אין וואטיקאן. א טייערען שטיין, אויף וועלכען דע סעססא האט אויסגעקריצט די ווענערא קאליפינא, האט דער פאפסט איינגעפאסט אין א גאלדענעם קרייץ, מיט וועלכען ער פלעגט בענטשען דאס פאלק ביי די פייערליכע גאטעס־דינסטען אין קוויכטער פון דעם היילינען פעטער. אלעקסאנדער דער 6טער איז געווארען פאפסט אין יאהר 1492, אין דעם אייגענעם יאהר, וואס קאלאמבוס האט ענטדעקט אמעריקא און אידען זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון שפאניען.

* * *

דער דייטשער שפראכען־פארשער, פראנק ני־קאלאוס פינק, ווייזט אן אין זיין בוך, אז אויף דער וועלט זיינען פאראן 2138 שפראכען.

* * *

אויף דער וועלט געפינען זיך 227 מיליאן מחמדאנער.

* * *

די גרעסטע טיפקייט אין דעם פאסיפישען ים איז 31,614 פוס — ניט ווייט פון גואם.

* * *

די געשווינדקייט פון ליכט־שטראהלען איז לעצטענס באשטימט געווארען צו זיין 186,324 מייל אין א סעקונדע.

* * *

בעת די וועטער־ביורא מעלדעט, אז אין א געוויסער געגענד איז אין פארלויף פון 24 שעה געפאלען איין אינטש רעגען, מיינט עס: עס איז געפאלען א רעגען, וואס איז גענוג צו באדעקען דעם בארען מיט איין אינטש וואסער. א וואסער־דעקע פון איין אינטש דיק, בארעקענדיג איין אקער לאנד, וואלט ענטהאלטען 6,272,640 קוביק אינטשעס וואסער. דאס וואלט זיין גלייך צו 27,143 גאלאנס וואסער, וואס וואלט וועגען 226,512 פונט. דאס וואלט אנפילען א באסיין פון 20 פוס סקווער און 9 פוס טיף.

* * *

אין די פאראייניגטע שטאאטען און אין איהרע באזיצען געפינען זיך 28,558,048 קאטאליקען. 18,104,804 געפינען זיך אין די פאראייניגטע שטאאטען אליין.

* * *

דער אינטערנעשאנאל לייבאר אפיס פון דער ליג אוו ניישאנס האט פארעפענטליכט א סטא־טיסטיק וועגען דעם וואוקס פון לייבאר יוניאנס אין פארלויף פון צעהן יאהר — פון 1910 ביז 1919 — אין 20 לענדער, אויסער די יאהרען 1915, 1916, 1917 און 1918. די לענדער זיינען: אמע־ריקא, ענגלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, אי־טאליען, בעלגיען, האלאנד, רענמארק, שווע־דען, נארוועגיען, פינלאנד, שווייץ, שפאניען, עסטרייך, אונגארן, טשעכא־סלאוואקיען, קענעדע, אויסטראליען, ניו־זעלאנד, סערביען. אט איז די אפשאצונג פון דער מיטגלידערשאפט:

יאהר	מיטגלידערשאפט
1910	10,835,000
1911	12,249,000
1912	13,341,000
1913	14,728,000
1914	13,222,000
1919	32,680,000

* * *

א ביליאן באדייט א מיליאן מיליאנען.

אין אמעריקע איז א ביליאן טויזענט מי־ליאן. ווען מען זאל אהן אונטערברעכונג אין יעדער סעקונדע אפצעהלען אכט, וועט דארפען געדויערען ארום 3,962 יאהר, אום אפצוצעהלען א ביליאן. א טריליאן איז איין מיליאן ביליאנען. איין קוואדריליאן איז א מיליאן טריליאנען (אין ציפער אז איינס מיט 24 נולען). א מיליארד איז טויזענט מיליאן.

* * *

„דאס סטאטיסטישע יאהר־בוך פאר דאס דייט־שע רייך" גיט אן די פאלגענדע מענשענפארלוס־טען אין דעם וועלט־קריג:

	טויטע	פארוואונדעטע
דייטשלאנד	1,824,051	4,247,105
פראנקרייך (ווייסע סאלדאטען)	1,358,872	2,560,000
פראנקרייך (שווארצע סאלדאטען)	67,000	140,000
ענגלאנד (אהן די קאלאניעס)	743,702	1,693,262
ענגלאנד (קאלאניעס)	202,321	428,644
איטאליען	496,921	949,576
בעלגיען	115,000	
סערביען	690,000	
אמעריקא	56,618	245,994

* * *

די צאהל אידען, וואס זיינען גע'הרג'עט גע־ווארען אין 50 שטעדט אין אוקראינע באטרעפט 37,570.

די אידען אין אמעריקא

פון פ. וויערניק

אן איבערבליק איבער די היגע אידישע געשיכטע זייט די ענטדעקונג פון די נייע וועלט ביז די געגענווארט.

1.

איינלייטונג

דער אנדענקען פון א גרויסען מענשען ווערט פארעוויגט דורך די פייערונג פון דעם טאג ווען ער איז געבארען געווארן, כאטש ער איז דאמאלסט געווען א קינד ווי אלע קינדער און זיין באדייטונג פאר דער וועלט הויבט זיך ערשט אן מיט צענדליגער יאהרען שפעטער. אפילו ביי גרויסע היסטארישע פאסירונגען שטעלט מען זיך אפט אפ אויף דעם טאג ווען דער ערשטער שריט איז געמאכט געווארען אויפ'ן וועג וואס האט געפיהרט צו זייער פארווירקליכונג. אזוי צום ביישפיל איז דעם פערטען דזשולאי 1776 אויסגעדריקט געווארען דער באשלוס פון די קאלאניעס פון נארד אמעריקא צו ווערען אונאבהענגיג, און דאס איז געבליבען דער טאג פון אינדעפענדענס, כאטש עס האט גענומען זיבען יאהר עס צו געווינען, און עס זיינען אוועק נאך זעקס יאהר ביז דער 57-יעהריגער וואשינגטאן איז איינגעשווארען געווארען אלס דער ערשטער פרעזידענט פון יונייטעד סטייטס.

אזוי ווי עס איז ניט באוואוסט גענוי ווען אדער וואו דער ענטדעקער פון די נייע וועלט איז געבארען געווארען, קען ניט זיין קיין רייד וועגען פייערען זיין געבורטסטאג. נאר ווען די גרעסטע ענטדעקונג אין דער מענשליכער געשיכטע וואלט באהאנדעלט געווארען אזוי ווי די אונאפהענגינגקייט פון יונייטעד סטייטס, האט „קאלאמבוס טאג" געדארפט געהאלטען ווערען ניט דעם 12-טען אקטאבער, ווען לאנד איז דערזעהען געווארען און דער גרויסער זיג איז געווען פאלשטענדיג, נאר דעם 3טען אויגוסט, ווען די דריי קליינע שיפלאך וועלכע ער האט קאמאנדירט זיינען אפגעפאהרען פון שפאנישען האפען, צו געפינען, ווי ער האט געהאפט, א וועג איבער דעם אטלאנטישען ים נאך איסט אינדיען.



פ. וויערניק.

יענער דענקווירדיגער דריטער אויגוסט איז אין 1492 אויסגעקומען דעם

צעהנטען אב, און מיט איין טאג פריהער,
דעם צווייטען אויגוסט פון דעם זעלבען
יאהר, איז דורכגעפיהרט געווארען די
גזירה פון דעם גרעסטען גירוש זייט דעם
חורבן פון ירושלים. דאס איז געווען דער
שוידערהאפטער תשעה באב ווען די אידען
וועלכע האבען געוואהנט אין שפאניען אי־
בער אכט הונדערט יאהר, און האבען דאר־
טען דערגרייכט די העכסטע שטופע פון
גייסטיגע און מאטעריעלע ענטוויקלונג,
זיינען פון דארטען פארטריבען געווארען
אויף אייביג. „די שיפען וועלכע האבען
אוועקגעפיהרט מאסען פון די פארצוויי־
פעלטע און רואינירטע אידען פון דעם
לאנד וואס זיי האבען אזוי שטארק גע־
ליבט, האבען זיך באגעגענט מיט די קליי־
נינקע פלאטע פון דריי שיפלאך וואס איהר
איז געווען באשטימט צו עפענען א נייע
וועלט פון די אונטערדריקטע פון פארשי־
דענע ראסען".

די לעגענדע אז קעניגין איזאבעלא
האט געבארגט געלד ביי אידען אויף די
הוצאות פון קאלאמבוס'עס רייזע, איז
מעהר א קאמפלימענט ווי א פאקט. יענע
בארימהטע פאנאטישע פרוי האט זיך בא־
נוצט מיט שטרענגערע מעטאדען, און די
מתנות וואס מאראנאס אדער געטויפטע
אידען האבען איהר געגעבען פאר דיזען
צוועק זיינען ארויסגעפרעסט געווארען פון
לייטע וועלכע זיינען געווען אין א שטענ־
דיגע געפאהר פארברענט צו ווערען פאר
זייער אונטרייהייט צום קריסטענטהום.
אזוי האבען אידישע „אנוסים" געליפערט
די פינאנציעלע מיטלען פאר די ענטדע־
קונג, און עס איז געוויס אז איינער פון
זיי, לואיס דע טארעס, וועלכער איז מיט־
געפאהרען אויף יענער רייזע אלס דאל־
מעטשער, איז געווען דער ערשטער ווייר
סער מאן וועלכער איז ארויפגעטרעטען
אויף דעם באדען פון דער נייער וועלט.

דאס איז דער צוזאמענהאנג, אדער די
שייכות פון אידען מיט די ענטדעקונג פון
אמעריקא, וואס איז היסטאריש פעסט־
געשטעלט. די אנזיכט אז קאלאמבוס
אליין איז געווען א באהאלטענער איד איז
אין די לעצטע צייט געווארען פארשפרייט,
אבער די באווייזע זיינען נאך ניט גענוג
געזיכערט אז מען זאל קענען מאכען אזא
באהויפטונג מיט געוויסהייט. דר. מ. קיי־
זערלינג ע"ה האט געשריבען א דייטשעס
ווערק איבער „קריסטאפער קאלאמבוס און
דער אנטייל דער יודען אין דען שפאנישען
אונד פארטוגעזישען ענטדעקונגען" וואס
איז איבערזעצט געווארען אין ענגליש.
זייט דאן זיינען געפונען געווארען נאך
מעהר מאטעריאלען וועגען די פאראַרביי־
טען פון אידישע געלעהרטע און די בייר
טרעגע פון אידישע פינאנסירען וועלכע
האבען געמאכט די ענטדעקונג מעגליך.

די פעריאדע פון דער ענטדעקונג איז
געווען אן עת צרה פאר אידען. עס זיינען
פארגעקומען פארטרייבונגען און פארפאל־
גונגען אין פיעלע לענדער און עס האט
אויסגעזעהן אזוי ווי די וועלט וואלט גע־
האלטען ביים ווערען נאך פיעל פינסטע־
רער ווי אין דעם מיטעל־אלטער וואס האט
זיך דאמאלס געענדיגט. צוזאמען מיט
דעם גרויסען אידישען אונגליק איז פאר־
געקומען דער צוזאמענברוך פון די אראבי־
שע מאכט אין שפאניען, וואס איז געווען
די אורזאכע פון דעם גירוש. פון אנדערען
זייט איז דער שטערן פון אן אנדער
מחמדאנישע מאכט, די טירקישע, דא־
מאלס אויפגעגאנגען אין די געגענדען וואס
מיר באצייכענען איצטער אלס דעם נא־
הענטען מזרח, און דאס האט אינדירעקט
אויך בייגעטראגען צו די ענטדעקונג פון
אמעריקא. דערמיט וואס די טערקען הא־
בען אין 1453 פארנומען קאנסטאנטינא־
פאל איז דער אלטער קאראוואנען־וועג אי־
בער ארץ ישראל אדער מעסאפאטאמיען
נאך פערזיען און אינדיען פארשלאסען גע־
ווארען, און די האנדעלס־פעלקער פון
מערב אייראפא האבען דערפאר מעהר ווי

א־מער אָנגעהויבען צו זוכען א וועג ווי צו דערגרייכען אינדיען איבער׳ן וואסער.

לײדער האָבען די אידען פון דער וועלט דאמאָלס ניט געהאט קיין „פּאָליסי“ און זיי האָבען גענאָסען פיעל ווענינער ווי זיי האָבען געקענט געניסען פון די אויפ־ריכטונג פון טירקיי, אין דער צייט וואָס דער אונטערגאנג פון די מורען אָדער שפּאַנישע אראבער איז אויף זיי געפאלען מיט די גאנצע שווערקייט. דער טירקישער סולטאן פון יענער צייט האָט באהויפּטעט אז דער אונגלויביגער קריסט, דער קעניג פון שפּאניען האט געמאכט א געפעהר־ליכען „מיסטייק“ מיט ארויסטרייבען די אידען און האט ערקלערט אז די טויערען פון טירקיי זיינען ברייט אָפען פאר די פארטריבענע. די קליינע צאָהל שפּאנישע אידען וואָס זיינען דאן אוועק אין די טירקישע אימפּעריע, באזונדערס נאָך ארץ ישראל, האָבען פאר די קומענדע הונדערט אָדער הונדערט פופציג יאָהר אויסגעמאכט בעסער ווי די אידען וועלכע זיינען פארוואָגעלט געוואָרען אין אנדערע לענדער.

עס איז געמאכט געוואָרען ווענינ גע־ברויך פון די נאָהענטע רפואה, צו געהן נאָך טירקיי און נאָך ארץ ישראל, א טעות וואָס דענקענדע אידען באדויערען ביז היינטיגען טאָג. די ווייטערע רפואה וואס איז באשאפען געוואָרען אין דער צייט פון גירוש, די רייזע וואָס האָט אונז געגעבען די נייע וועלט מיט איהרע איצ־טיגע פרייע און זיכערע מיליאָנען אידען, האָט ניט געקענט באגריפען ווערען אין דער ערשטער צייט, געוויס ניט אין די ערשטע הונדערט און פופציג יאָהר נאָך דער ענטדעקונג, ווען די נייע וועלט, אזוי ווייט ווי זי איז געווען באזעצט, איז גע־שטאנען אונטער שפּאניען און פּאָרטוגאל, און עס האָט דעם גערריקטען אידען פון אנדערע לענדער ניט געקענט איינפאלען צו זוכען זיכערהייט דאָרטען וואו זיין לע־בען איז געווען אין געפאַהר אזוי שנעל ווי מען האָט אויסגעפונען אז ער איז געטריי דעם גלויבען פון זיינע עלטערן.

2

הונדערט פופציג יאָהר תהו ובהו.

מיט די אויסנאהמע פון די באהאלטענע אידען וועלכע האָבען מיטגעמאכט די רייזע פון ענטדעקונג, זיינען די ערשטע אידישע אימיגראנטען אין די נייע וועלט געווען אידישע קינדער, וועלכע זיינען אוועקגעריסען געוואָרען פון די אָרעמס פון זייערע עלטערן אין דער צייט פון גירוש, און מען האָט אפילו זיי אויך אָנגעהויבען צו פארפאָלגען אזוי שנעל ווי זיי זיינען אויסגעוואקסען. דיזע קינדער, און די איינצעלנע אנוסים וועלכע האָבען געזוכט א מקום מקלט אין אמעריקא אין די ערש־טע צייטען, האָבען באלד נאָך זיך גע־בראכט יענע אגענטורען פון פארפאָלגונג וועלכע האָבען געמאכט זייער לעבען פאר א לאסט אין די אלטע היים. די געשיכ־טע פון אידען אין שפּאניען ענדיגט זיך, זאָגט דר. קייזערלינג, וואו די געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא פאנגט זיך אָן: מיט די אינקוויזיציאָן.

דאָך איז דאָס לעבען אין אמעריקא אפילו אין די פינסטערע שפּאנישע פּע־ריאָדע געווען ברייטער און געראמער, און שוין צוליב דעם אַליין פרייער, ווי אין די אלטע לענדער. די שוואכערע און מעהר ליבעראלע פּאָרטוגאל, פון וואנען אידען זיינען פארטריבען געוואָרען אין 1497, פינף יאָהר נאָך דעם גירוש פון שפּאניען, האָט אין דער היים און אויך אין איהר גרויסע אמעריקאנישע קאָלאָניע, בראזי־ליען, באהאנדעלט אידען ניט אזוי גרוי־זאם ווי שפּאניען. עס האָט אָבער ניט געקענט זיין קיין רייד פון א אידישעם לעבען, ניט צווישען די אנוסים וועלכע האָבען זיך אריינגעגנב׳עט אין די נייע

וועלט און ניט צווישען די „פארברעכער“ אדער פארדעכטיגטע אידען וועלכע פלעגען פארשיקט ווערען, אויף ווען די אינקוויזיטארען און זייערע משרתים האבען געהאט אן אויג.

אזוי קומט עס אז דער זעכצעהנטער יאהרהונדערט און דער אנהויב פון זיעבצעהנטען גיבען אונז א כראנאלאגיע אדער א פארצייכנונג פון נעמען און דאטען פון אידישע מארטירער, באריכטען פון איינצעלנע וועלכע האבען זיך אויסגעדרעהט און האבען באוויזען אז זיי זיינען טריי דעם קריסטענטהום, אבער קיין געשיכטע. אזוי ווייט ווי עס אנבאלאנגט אידישע היסטאריע איז די נייע וועלט תהו ובהו די ערשטע הונדערט און פופציג יאהר נאך איהר ענטדעקונג. ערשט ווען די צוויי פרייע האנדעלס־פעלקער פון מערב אייראפא, האלאנד און ענגלאנד, האבען אנגעהויבען צו באפעסטיגען זייער הערשאפט אין די נייע וועלט הויבט זיך אן א געמיינדע לעבען פון אידען, עס וואקסען אויף נאכבארשאפטען, געגענדען, שטעדט וואו אידען אלס אידען זיינען טעטיג, וואו זיי פרובירען זיך צופאסען צו די אומגעבונג, זיך ארגאניזירען און ווערען איינגעווארצעלט אלס אידען, און עס הויבט זיך דערמיט אן די אידישע געשיכטע פון אמעריקא, וועלכע ווערט מיט געוויסע אונטערברעכונגען פארטגעזעצט ביז היינטיגן טאג.

.3

אין האלענדישע קאלאניעס.

די האלענדער אדער נידערלענדער, וועלכע האבען זיך אליין באפרייט פון שפאנישען יאך אין 1579 האבען געעפענט די טירען פון זייער מדינה פאר אידען, און ענטרונענע פון שפאניען און פארטוגאל האבען באלד אנגעהויבען אריבערצוטראגען אהין זייערע גרויסע פעהיגקייטען, זייער ערפאהרונג אין וועלט־האנדעל און זייער רייכטום. די האלענדישע וועסט אינדיע קאמפאניע, וועלכע איז געשאפען געווארען מיט דעם פלאן איינצונעהמען בראזיליען, האט געהאט אמסטערדאמער אידען צווישען איהרע גרעסטע אקציענאייגענטימער און איינינגע פון זיי צווישען איהרע דירעקטארען.

מען האט זיך דאן אין האלאנד גערעכט אז אנוסים אין בראזיליען וועלען העלפען די האלענדער און דאס האט זיך ארויסגעוויזען אלס ריכטיג. ווען די האלענדישע פלאטע האט אין 1624 גענומען די בראזיליאנער שטאדט באהיא, זיינען הונדערטע אידען אריבער אויף דער זייט פון די זיעגער. און ווען זיי האבען זיך באפעסטיגט אויף א לענגערע צייט אין רעציפע, אדער פערנאמבוקא, וועלכע איז אריין אין זייערע הענד אין 1631, איז דארטען געגרינדעט געווארען די ערשטע אפענע אידישע געמיינדע אין דער נייער וועלט, וועלכע איז אויך געווארען די מוטער פון די גרעסטע אידישע געמיינדע אין דער וועלט : די קהלה פון ניו יארק.

ווען די האלענדער האבען פארלארען רעציפע מיט די גאנצע אומגעגענד אין יאנואר 1654 האבען די פארטוגעזישע זיעגער געהאלטען זייער פארשפרעכען צו לאזען די אידען אונבאשעדיגט. אבער אין קורצען איז ארויס א באפעהל אז זיי מוזען פארלאזען בראזיליען, און עס איז זיי פאר דיזען צוועק געגעבען געווארען זעכצעהן שיפען מיטצונעהמען זייערע פאמיליען און זייער אייגענטום וואוהין זיי ווילען פאהרען. דאך איז עס באוואוסט אז א טייל פון די פארטריבענע, די קליינע גרופע וועלכע האט זיך אין סעפטעמבער 1654 דערשלאגען אין האפען פון ניי אמסטערדאם, דאס איצטיגע ניו יארק, איז געוועזען אזוי ארעם אז זי האט ניט געהאט מיט וואס צו באצאהלען דעם קאפיטאן פון שיף פאר דער רייזע. דאס איז אבער גע־

וועו נאָר א צופעליגע אָרעמקייט, ווייל ווי זיי האָבען אליין ערקלערט זיינען זיי „בארויבט געוואָרען אויפ'ן וועג", און אזוי שנעל ווי מען האָט זיי דאָ ערלויבט צו לאַנדען האָבען זיי אין א קורצע צייט אלעס באַצאָהלט. אין א פּאָר יאָהר געפינען מיר זיי אלס וואָהלהאַבענד און איינפלוסרייך, וואָס איז א געוויסער באַווייז אז עס איז זיי אָנגעקומען רייכטום פון אנדערשוואו, ווייל אין יענע צייטען האָבען אָרעמע אימיגראנטען ניט געקענט זיך אזוי גיך ארויפארבייטען.

די ערלויבניס צו בלייבען אין ניי אמסטערדאם איז ניט אָנגעקומען לייכט, ווייל דער גאָווערנאָר פון די קאָלאָניע, פּעטער סטייוועזאַנט, איז געווען שטאַרק דאַגעגען. נאָר די רעגירונג פון האָלאַנד איז באַשטאַנען דאַרויף אז זיי מוזען אריינגעלאָזען ווערען, און ווען זיי זיינען איינמאָל געבליבען האָבען זיי אונטער דעם איינפלוס פון די ליבעראַלע האָלענדישע געזעצען זיך שנעל ענטוויקעלט. עס איז אַ טעות צו מיינען אז אידען זיינען דאַן אין האָלאַנד אָדער אירגענד־וואו געווען גלייך בארעכטיגט אין דעם זין ווי מיר באַגרייפען עס איצטער. מען האָט זיי אויפ'ן בעסטען אופן נאָר געדולדעט אונטער אַלערליי געזעצליכע און געזעלשאַפטליכע באַשרענקונגען, און מען דאַרף דערביי אויך געדענקען אז די ליבעראַלע טעאָריע אז אידען זיינען נאָר א רעליגיעזע סעקטע און קענען פּאָליטיש זיין א טייל פון די נאַציאָן צווישען וועלכע זיי וואָהנען איז דאַמאָלסט נאָך ניט געווען געבאָרען.

.4

אונטער ענגלאַנד און נאָרד אמעריקא

די האָלענדער זיינען געווען די ערשטע אין אייראָפּא צו פּראָקלאמירען ליבעראַלע געזעצען פאַר אידען ; ענגלאַנד האָט אַזעלכע געזעצען אָנגענומען פיעל שפּע־טער, אָבער די ענגלישע טראַדיציאָנען פון פרייהייט און פון „פעיר פּלעי" האָבען זיך ארויסגעוויזען אין פּראַקטישען לעבען בעסער ווי אין זייערע געזעץ־ביכער. עס איז א פאַקט אז איבעראַל אין די נייע וועלט וואו די אידען האָבען געהאַט די ברירה אויסצוקלייבען, האָבען זיי פאָרגעצויגען צו לעבען און צו האַנדלען מיט ענגלענדער בעסער ווי מיט האָלענדער.

ווען די ענגלענדער האָבען איינגענומען די שטאָדט ניי אמסטערדאם אין 1664 האָבען די אידישע איינוואָהנער עס ניט באַטראַכט פאַר אן אונגליק, און די לאַגע פון די קהלה, וועלכע איז שוין דאַן אלט געווען צעהן יאָהר, איז געבליבען אונגעפעהר די זעלבע. די באַשרענקונגען וועלכע האָבען נאָך עקזיסטירט זיינען לאַנגזאם ארונטער גענומען געוואָרען אָדער מען האָט זיך, אונטער דעם איינפלוס פון דעם אָנהאַלטענדען בריטישען פּראָגרעס, אָן זיי ביסלעך־ווייז פארגעסען. דאָ האָט זיך אויך דער קאָלאָניאַלער באַאַמטער אָפּט געוויזען שטרענגער ווי די היימישע רעגירונג, ווי מיר זעהען דערפון וואָס גאָווערנאָר דאָנגאַן האָט אין 1686 אָפּגעזאָגט די אידישע ביטע זיי צו ערלויבען צו דאַוונען בצבור עפענטליך. אָבער דער דיוק אָוו יאָרק, דער שפּעטערער קעניג דזשיימס דער צווייטער, צו וועמען ניו יאָרק האָט דאַן געהערט, האָט דעם גאָווערנאָר איבערגע'פּסק'ענט. און מיר ווייסען אז ניו יאָרק האָט שוין געהאַט א אידישע שול אין 1695, וואַהרשיינליך נאָך מיט עטליכע יאָהר פריהער. דאָס איז די זעלבע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע קאָנגרעגיישאָן שארית ישראל וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג.

די געמיינדע איז געוואַקסען לאַנגזאם און אלע נעמען וואָס מיר באַגעגענען אין יענער צייט זיינען שפּאַניש. דאָך ווייסען מיר פון אן אויפרוף וואָס דער גייסטליכער דזשאָהן שאַרפּ האָט געמאַכט פאַר

די אויפבויאונג פון א ביבליאָטעק אין פארבינדונג מיט א סקול אין ניו יארק, „אז עס איז שוין איצטער דאָ אויך מעגליך צו לערנען העברעאיש אזוי גוט ווי אין אייראָפא, ווייל ס'איז דאָ פאראן א אידישע שול און פיעלע געלערנטע מענשען פון דיזער נאציאָן פון פוילען, אונגארן, דייטשלאנד א. ז. וו." דאס איז געווען אין 1712, מעהר ווי צוויי הונדערט יאָהר צוריק! עס זיינען שוין דאן דאָ געווען פוילישע אידען, און א קריסט האט געוואוסט אז זיי קענען לשון קודש בעסער ווי די פראָמינענטע בעלי בתים פון די פריהערע פעריאָדע.

אין ניו ענגלאנד, באזונדערס אין מאַסאטשוזעטס, האט געהערשט דער גייסט פון אונזער אלטען תנ"ך, אָבער אידען זיינען דאָרטען ניט געווען ווילקאָמען. די אויסנאהמע האט געמאכט רהאוד איילענד, וואו עס האט געהערשט דער גייסט פון איהר ליבעראלען גרינדער, ראדזשער וויליאמס, און וואו אידען האָבען זיך אָנגעהויבען צו באזעצען א פּאָר יאָהר שפּעטער ווי די ערשטע אידישע פליכטלינגע זיינען אָנגעקומען אין ניי אמסטערדאם. ניופּאָרט, רהאוד איילענד, איז אין ווייניגער ווי א האַלבען יאָהרהונדערט אריבער געשטיגען ניו יארק, און זי האט געהאט די ערשטע גרויסע רייכע אידישע געמיינדע פון וועלכע עס זיינען איבערגעבליבען ניט מעהר ווי היסטאָרישע אָדער ראָמאנטישע צייכענס ווען די שטאָדט איז פאַרוויסטעט געוואָרען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן.

אין פילאדעלפיא געפינען מיר דעם ערשטען אידישען איינוואָהנער, יאָנאס אהרן אין 1703 און אין 1740 איז שוין פאראן א געמיינדע וועלכע קריגט פון דער שטאָדט א שטיק לאנד פאר א בית הקברות. די ערשטע קאָנגרעגיישאָן, מקוה ישראל, איז אָרגאניזירט געוואָרען ארום 1745 אָבער די ערשטע שול איז אויפגעבויט געוואָרען אונגעפעהר 40 יאָהר שפּעטער, ווען די קאָלאָניע איז שוין געווען א סטייט.

גענעראל דזשיימס עדוואַרד אָגלטהארפּ, דער ערשטער גאָווערנאָר פון די קאָלאָניע דזשאָרדזשיא, איז געווען א פריינד פון אידען, און האט גערן אויפגענומען אידישע איינוואנדערער וועלכע זיינען אהין געקומען גלייך אין אָנהויב פון איהר היסטאָריע, אין 1733. נעקסטען יאָהר איז אין סאוואַנאה אָרגאניזירט געוואָרען א קאָנגרעגיישאָן, און דאס ערשטע ווייסע מענליכע קינד וואס איז דאָרטען געבאָרען געוואָרען איז געווען א אידישעס, יצחק מינים.

די קאראָליינאס האָבען אונטער די קאָנסטיטושאָן וואס דער ענגלישער פילאָזאָף דזשאהן לאקי האט פאר זיי געמאכט געגעבען גלייכע רעכטע צו אלע רעליגיאָנען, און אין 1750 געפינען מיר שוין א קאָנגרעגיישאָן, בית אלהים, אין טשארלסטאָן, מיט ר' יצחק דא קאָסטא אלס ראבינער. משה לינדאָ און פראנסיס סאלוואדאָר האָבען געהערט צו די פּראָמינענטסטע סיטיזענס פון סאוטה קאראָליינא ווען די רעוואָלוציאָן איז אויסגעבראָכען.

.5

אידישער אנטייל אין דער רעוואָלוציע

די מייסטע פון די פּאָר טויזענד אידען וועלכע האָבען זיך געפונען אין די קאָלאָניעס אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן האָבען פריהער געוואָהנט אין ענגלאנד אָדער אין איהרע אנדערע קאָלאָניעס, ווי וועסט אינדיען, און האָבען אויך געטאָן פיעל ביזנעס מיט יענע פּלעצער. זיי זיינען אויך כמעט אלע געווען וואָהלהאבענד, און אלס שפּאניער און פּאָרטוגעזער געניינגט צו דער זייט פון אריסטאָקראטיע. דאך איז די צאָהל „לאָיאליס־

טען" אָדער אָנהיינגער פון ענגלאַנד צוויי־
שען די אידען אין דער צייט פון אויפ־
שטאַנד געווען זעהר קליין, און אלע איבע־
ריגע האָבען געהאָלפען די רעוואָלוציאָן
אַלס געשעפטסלייט, אַלס ציווילע אָנגע־
שטעלטע, און אויך אלס סאָלדאַטען און
אָפיצירען אין דער ארמעע.

די נעמען פון עטליכע און פערציג אי־
דען וועלכע האָבען געדיענט אין די אר־
מעען פון דער רעוואָלוציאָן זיינען צו אונז
אָנגעקומען אין די ווערטהפולע זאַמלונג
וואָס מר. סיימאָן וואָלף פון וואַשינגטאָן
האָט געמאַכט. מיר ווייסען פון פיער אי־
דישע לייטענאַנט־קאָלאָנעלס, דריי מאַיאָ־
רען און א האַלב דוצענד קעפּטיינס. דער
גרויסער פּראָצענט אָפיצירען איז ערקלער־
ליך ערשטענס וויל וועגען איינפאַכע
סאָלדאַטען ווייס מען וועניגער, און צוויי־
טענס וויל אידען האָבען געהערט מייס־
טע צו די וואָהלהאַבענדע און גוט־ער־
צויגענע קלאַסען וועלכע דערדיענען זיך
שנעל אָדער ווערען פון אָנהויב אָן געגע־
בען א העכערען ראַנג. לייטענאַנט־קאָלאָ־
נעל אייזאַק פראַנקס פון פילאַדעלפיא איז
געווען א פּערזענליכער פריינד פון
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וועלכער איז איינ־
געשטאַנען ביי איהם אין הויז ווען די רע־
גירונג איז צוליב אַן עפּידעמיע פון געלען
פיבער אריבערגעטראָגען געוואָרען אין די
פאָרשטאָדט דזשערמאַנטאַון.

מרדכי שעפטאַל פון דזשאָרדזשיא איז
געווען קאָמיסערי־דזשענעראַל פון די מי־
ליטער פון יענע קאָלאָניע אין די רעוואָלו־
ציאָנערע ארמעע, און פּאַרזיצענדער פון די
רעוואָלוציאָנערע קאָמיטע אין זיין גע־
בורטס־שטאָדט סאַוואַנאַה. סאָלאָמאָן
פינטאָ פון קאָנעקטיקוט האָט געדיענט
אַלס אָפיציער דורך דעם גאַנצען קריעג;
דזשייקאָב דע לעאָן און דזשייקאָב דע לא
מאָטא זיינען געווען קעפּטיינס אונטער
גענעראַל דע קאַלב.

דער פוילישער איד חיים סאָלאָמאָן, א
באַנקיער פון פילאַדעלפיא, האָט געטאָן
זעהר פיעל פאַר די קאָלאָניעס און פאַר
איינינע פון די פּראָמינענטסטע פיגורען
פון די רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדע, באַזונ־
דערס פאַר דעם שפּעטערען פּרעזידענט
דזשיימס מעדיסאָן. ער האָט אַוועק גע־
געבען זיין גאַנצעס פאַרמעגען, פון איי־
ניגע הונדערט טויזענד דאָלאַר, און נאָך
זיין פּלוצלינגען טויט אין 1785 ווען ער
האָט איבערגעלאָזען נאָר קליינע קינדער,
איז דער „קליים" פון דעם חוב פאַרנאַכ־
לעסיגט געוואָרען און עס איז שפּעטער
געוואָרען אונמעגליך איהם איינצומאָהנען
ביז היינטיגען טאָג.

6.

ווי דער פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרען.

אין דיזער פּעריאָדע איז געוואָרען דריי
הונדערט יאָהר נאָך די ענטדעקונג פון
אַמעריקא, און עס איז א צווייפעל אויב
עס איז אין די גאַנצע נייע וועלט געווען
פיעל מעהר ווי דריי טויזענד אידען, די
מייסטע פון זיי אין די יונייטעד רעפּוב־
ליק פון יונייטעד סטייטס. די הייפעלאַך
אידען אין די עטליכע מיטעל־פּונקטען
האָבען דאָ פאַרנומען א זיכערע און ערהרענ־
האַפטע שטעלונג, אפילו אין וויינציגלאַך
וואו די געזעצליכע גלייך־שטעלונג איז נאָך
ניט געווען פעסטגעשטעלט. די באַפעל־
קערונג האָט געשטרעבט צו ענטוויקלען
און אויפצובויען א גרויסע נאַציאָן אויף
דעם גרינדליכען פונדאַמענט וואָס די פיה־
רער פון דער רעוואָלוציאָן האָבען געלייגט,
און מען האָט אויף דעם סוחר, באַזונדערס
אויף דעם סוחר מיט אויסלאַנד, וועלכער
האָט מיט־געבראַכט קאַפּיטאַל פון אנ־
דערשוואו, געקוקט ווי אויף א העכסט ניצ־
ליכען איינוואָהנער. דאָס לאַנד איז גע־
ווען הונגעריג נאָך אימיגראַנטען, און יע־
דער אויפטהוער איז באַטראַכט געוואָרען

אלס א וואָהלטעטער. מען האָט פון דעם אידען געהאַט א גוטע מיינונג און ער איז קיינעם ניט געווען איבעריג.

די פריינדליכקייט צו אידען, וואָס איז אויסגעדריקט אין די דריי בריף פון פרעזידענט דזשאָרדזש וואשינגטאָן — איינער צו די אידען פון ניו־פּאָרט, דער צווייטער צו די קאָנגרעגיישאָן פון סאוואנאה, און דער דריטער צו א קאָמיטע פון אידען פון עטליכע שטעדט צוזאמען — דריקען אויס די אויפריכטיגקייט פון דעם אונשטערבליכען „פאָטער פון זיין לאַנד" און אויך די הערשענדע געפיהלען פון די יונגע נאַציאָן. עס איז ניט געווען קיין איינגעוואָרצעלטע שנאה און קיין אָנגעקליבענער פאַראורטייל, דער איד איז קיינעם ניט געשטאַנען אין וועג, און ווען מעהר זיינען געקומען, זיינען זיי געווען ווילקאָמען.

אזוי איז פאַרבערייטעט געוואָרען דער גרונד פאַר די גרעסערע איינוואַנדערונג פון מיטעל־אייראָפּאַ, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין דעם ערשטען פערטעל פון נייגצעהנטען יאָהרהונדערט. אין די פעריאָדע פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין דעם יאָהר, ווען די רעגירונג פון יונייטעד סטייטס איז עטאַבלירט געוואָרען אין איהר איצטיגער פאָרם, און די צוואַנציג יאָהר „נאַפּאָליאָנישע" מלחמות, וועלכע האָבען געהאַלטען אייראָפּאַ אין אויפרעגונג און אין הויכע האָפנונגען באַלד נאָך דעם, איז די איינוואַנדערונג אהער געווען קליין, און די נייע נאַציאָן האָט געהאַט צייט צו ווערען סאָליד און איינגעוואָרצעלט. ווען נאַפּאָלעאָן איז פאַרשיקט געוואָרען אויף סאַינט העלענא און א נייע פינסטערניש האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אייראָפּאַ, האָבען מאַסען ענטוישטע פון דער אַלטער וועלט, באַזונדער פון מיטעל־אייראָפּאַ, זיך אוועקגעלאָזען זוכען פרייהייט און גליק אין די נייע וועלט. און זי איז פאַר זיי געווען פאַרטיג, פאַר די ווידערפאַרקנעכטעטע דייטשען, און פאַר די אידען, וואָס זיינען צוריק אונטערדריקט געוואָרען, נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין פאַרזוכט דעם טעם פון בעסערע באַהאַנדלונג אין די לעצטע פאַר צעהנליג יאָהר.

7.
די צווייטע פעריאָדע פון איינוואַנדערונג.

די אויסשפּרייטונג איז אויך אָנגעגאַנגען אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר פון דער ערשטער פעריאָדע. די צאָהל אידען איז לאַנגזאַם פאַרמעהרט געוואָרען, און געמיינדעס זיינען געוואָרען געגרינדעט אין פאַרשיידענע פּלעצער אין די אָריגינעלע קאָלאָניעס. אין מערילענד און אין נאָרד קאַראָליינא איז געקעמפּפט געוואָרען פאַר די אָפּשאַפונג פון געזעצליכע באשרענקונגען, וואָס זיינען געבליבען פון פריהערע צייטען, און דאָס איז געווען דער קאַמף פון דעם וואַקסענדען ליבעראַליזם, וועלכער האָט זיך אימער געענדיגט מיט א זיג פאַר די עלעמענטען, וועמען מען האָט געטאָן אן אונרעכט. די מלחמה פון 1812 האָט געגעבען איינציגע אידען די געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען, און דער פּראָמינענטסטער פון דיזע, יהודה טורא, איז געוואָרען א נאַציאָנאַלע פיגור און א היסטאָרישע פּערזענליכקייט. מרדכי עמנואל נאָאה איז אויסגעוואַקסען און איז געוואָרען א באַוואוסטער זשורנאַליסט, א דראַמאַטיסט, א באַאַמטער, און דער אויפטוער פון א פאַנטאַסטישען פּלאַן צו גרינדען — אין

יאהר 1825 — א אידישע שטאדט אויף גרענד איילאנד, ביי באפלא, ניו יארק. דער אשכנזישער אדער דייטש-פוילישער טייל פון דער געמיינדע אין פילאדעלפיא איז שוין אין 1802 געווען שטארק גענוג זיך אפצוטיילען פון די אריגינעלע קאנגרעגיישאן און צו גרינדען פאר זיך די געמיינדע „דורש שלום". עס הויבען זיך אן צו באווייזען אידישע לאיערס און פראפעסיאנעלע פאליטיקער, און די נייגעקומענע זעהען, אז אידען שטעהען דא אויף א פעסטען באדען, אין דער צייט וואס אין מיטעל-אייראפא זיינען זיי נאך געדריקט פון באשרענקונגען און געזעצליכע אויסנאהמען.

די פיאנערען פון די נייע פעריאדע פארנעהמען זיך ווייטער צו די וועסט, צו די איצטיגע מיטעל-וועסט, און אין 1817 געפינען מיר שוין אן אידישען אוהר-מאכער, יאזעף דשאנאס, אין סינסינעטי, וואו ער איז דער ערשטער איד. די סיטי-דירעקטארי פון יענער שטאדט ענטהאלטעט שוין 14 אידישע נעמען אין 1825, און אין דעם זעלבען יאהר שיקען די אידען פון סינסינעטי אן אויפרוף צו די עלטערע אידישע געמיינדען: פון לאנד, מען זאל זיי העלפען בויען א שול. דער ערשטער איד, סיימאן טהארמאן פון בייערן, באזעצט זיך אין די יונגע קליוולאנד, אהייא, אין 1837, און אין 1839 ווערט דארטען שוין ארגאניזירט די איזראעליטישע געזעלשאפט, דער אנהויב פון איינע פון די גרעסטע און די לעבעדיגסטע אידישע געמיינדען אין דאס איצטיגע יונייטעד סטייטס.

די פאמילע בלאך פון בעהמען האט זיך באזעצט אין סט. לואיס, מיזורי, ארום דעם יאהר 1816, און אין די ימים נוראים פון 1836 איז שוין דארטען געווען א מנין. דריי יאהר שפעטער איז ארגאניזירט געווארען א קאנגרעגיישאן, און אין 1854 איז בערנארד אילאוויי ערוועהלט געווארען אלס איהר ראבינער. אין 1866 האט די שטאדט שוין געהאט דריי שולען.

לואיוויל, קענטאקי, האט שוין געהאט א אידישע ארגאניזיישאן אין 1832, א ראבינער אין 1841 און אן אויפגעבויטע שול אין 1850. א יאהר שפעטער איז דארט ארגאניזירט געווארען די קאנגרעגיישאן בית ישראל אנשי פוילען, וועלכע האט שפעטער געענדערט איהר נאמען. ווייטער אין די כאוטה זיינען געגרינדעט געווארען געמיינדען אין מאביל, אלאבאמא, און אין די שטאדט מאנטגאמערי, אין די זעלבע סטייט. אויף וועלכע מען זאגט, אז זי איז געגרינדעט געווארען פון דעם אידען אברהם מרדכי, וועלכער האט געוואוינט פופציג יאהר צווישען די קריק אינדיאנער, און האט געגלויבט, אז זיי שטאמען פון די עשרת השבטים. דער אויבען-דערמאנטער יהודה טורא, דער פילאנטראפ, וועלכער האט געהאלפען ענדיגען דעם „באנקער היל מאנומענט", איז געקומען נאך ניו ארלינס, לואיזיאנא, אין 1803, א יאהר איידער יונייטעד סטייטס האט אפגעקויפט די גאנצע געגענד ביי פראנקרייך. און זיין נאמען איז פארבונדען מיט די עלטעסטע אידישע אינסטיטוציאנס פון יענער שטאדט.

אידישע איינוואנדערער, מייסטענס פון מיטעל-אייראפא, האבען זיך פארשפרייט איבער די ווייטערע מיטעל-וועסט, און שפעטער ביז צום ברעג פון פאסיפיק. [illegible] איז אנגעקומען אין שיקאגא א[illegible] דעם יאהר ווען זי איז אינ[illegible] געווארען אלס א שטאדט, א[illegible] יאהר שפעטער איז דארטען ג[illegible] געווארען די קהלה אנשי [illegible] עלטעסטע פון די

גרויסע צאָהל קאָנגרעגיישאָנס, וועלכע געפינען זיך דאָרטען איצטער. אין אינדיאנא האָבען זיך אידען באַזעצט אין דער זעלבער צייט, און עס זיינען דאָרטען שוין געווען פיער געמיינדען, אין פאָרט וועין, לאַפאַיעט, עוואַנסוויל און אינדיאַנאַפאָליס, פאַר דעם בירגער קריג. אַלעקסאַנדער ליוואי פון פראַנקרייך האָט געעפענט אַ געשעפט אין דוביוק, אייאָווא, אין 1836, און איז געווען דער ערשטער אויסלענדער צו ווערען נאַטוראַליזירט אין יענע סטייט.

אידען האָבען זיך אין יענער צייט אויך באַזעצט אין מינעסאָטא און אין וויסקאָנסין, און דיטראָיט, מישיגען, האָט שוין געהאַט אַ שול אין 1850. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען אידען אויך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען אַ געמיינדע־לעבען אין די ווייטע סאַן פראַנציסקאָ, וואו פילע זיינען אָנגעקומען אין דער צייט פון גאָלד פיעבער, מיט אַ יאָהר פריהער. דאָרטען האָט זיך אויך אנטוויקעלט ברעט הארט, דער זוהן פון אַ ניו־יאָרקער אידען, דער באַריהמטעסטער אַמעריקאַנישער שריפטשטעלער פון אידישער אָפּשטאַמונג. סאָלאָמאָן היידענפעלד איז אין 1852 ערוועהלט געוואָרען אַלס ריכטער פון סופּרים קאָורט פון קאַליפאָרניא, ער איז געווען נאָך איינער פון די היבשע צאָהל וויכטיגע אידישע באַאַמטע פון יענער פעריאָדע אין פאַרשיידענע סטייטס, אַ באַווייז, ווי אידען האָבען זיך אַמעריקאַניזירט אָדער איינגעבירגערט, און זיינען געעהרט געוואָרען פון זייערע ניט־אידישע מיט-בירגער, אין דער צייט ווען אידישע וואָוטס האָבען נאָך אין ערגעץ ניט געהאַט קיין ענטשיידענע ווירקונג.

.8

דער בירגער־קריג און באלד נאָכדעם

ווען דער גרויסער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבען אין 1861, זיינען געווען אין יונייטעד סטייטס אַרום 150,000 אידען, און אַרום זיבען טויזענד פון זיי האָבען זיך באַטייליגט פוןביידע זייטען. אַ מעהרהייט אויף דער זייט פון די נאָרד. אָבער די פראָמינענטעסטע פיגור אין דעם צוזאַמענשטויס איז געווען אויף דער זייט פון די סאוטה. יהודה פּ. בענדשעמין, אַ געבאָרענער פון וועסט אינדיען און פון שפּאַנישער אָפּשטאַמונג, איז פריהער געווען אַ יונייטעד סטייטס סענאַטאָר פון לואיזיאנא, און איינער פון די פּעהיגסטע פּאַרטיידיגער פון די סאוטה און פון שקלאַפערייַ. ווען די „קאָנפעדערייטעד סטייטס” זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען מיט דזשעפערסאָן דייוויס אַלס פּרעזידענט, איז בענדזשעמין פריהער געווען קריגס-מיניסטער און דערנאָך סעקרעטערי אָוו סטייט, און איז באַצייכענט געוואָרען אַלס „די מאַרך פון די קאָנפעדערייסי”. ווען דער קריג איז פאַר זיין זייט פאַרלאָרען געגאַנגען, האָט ער זיך באַזעצט אין ענגלאַנד, וואו ער איז געווען איינער פון די באַריהמטעסטע אדוואָקאַטען.

די מעהרסטע אידען האָבען געדינט אויף דער אַנדערער זייט, אין די יוניאָן אַרמעע, וואו מיר געפינען מעהרערע פון זיי אַלס קאָמאַנדירען פון רעגימענטען, און עטליכע, ווי לעאָפּאָלד בלומענבערג, פיליפּ י. יאָאַכימסאָן און עדוואַרד ס. סאַלאָמאָן — שפּעטער דער גאָווערנאָר פון וואַשינגטאָן טעריטאָרי— האָבען דערגרייכט די ראַנגע פון גענעראַל. קאָמאַדאָר אוריה פּ. ליוואי, וועלכער איז אַריינגעטראָטען אין דינסט פון די נייווי אַלס איינפאַכער מאַטראָז, האָט דערגרייכט די העכסטע ראַנגע פון יע־

נער צייט, נאָר ער איז שוין געווען
69 יאָהר אלט, ווען דער בירגער־קריג
האָט זיך אָנגעהויבען, און האָט זיך אין
איהם ניט באטייליגט.

די צאָהל אידישע אָפיצירען איז זיך
באלויפען אויף הונדערטע, און די מייס־
טע פון זיי, אזוי ווי פילע אנדערע,
וואָס האָבען געשפּילט א ראָלע אין
קריג, האָבען קומענדיג אהיים אָנגע־
הויבען צו פּארנעמען א וויכטיגען פּלאַץ
אין געשעפטליכען און אין פּאָליטישען
לעבען פון לאַנד. אנשטאָט די פּעד־
לער, קליינע סטאָר־קיפּער און האַנד־
ווערקער פון די 50גער און 60גער יאָה־
רען ערשיינען אין די פּעריאָדע נאָך דעם
בירגער קריג גרויסע געשעפטסלייט אין
באנקירען, מאַנופעקטשורערס און וויכ־
טיגע אונטערנעהמער, מיט א היבשען
פּראָצענט פּראָפעסיאָנעלע מענער, באַ־
זונדערס לאָיערס און דאָקטוירים, אויך
ארכיטעקטען, אינזשענירען און וויסענ־
שאפטס־לייט.

אין יענער צייט פון שנעלע מאַ־
טעריעלע אנטוויקלונג, ווען די נייע־באַ־
לעבטע נאציאָן האָט זיך אוועק.עלאָזען
צו באזעצען און אנטוויקלען דעם קאָנ־
טינענט, איז דער אונטערנעהמונגס־
גייסט באוואונדערט געוואָרען, און מען
האָט אויפ'ן פינאַנציעלען ערפאָלג ניט
געקוקט מיט אזא פּאראורטייל ווי איצ־
טער. די טויזענדע רייכע אידען פון די
צווייטע פּעריאָדע האָבען דאריבער ער־
וועקט אזוי ווייניג אונפריינדליכקייט און
האָבען זיך געפיהלט אזוי היימיש און
באקוועם, ווי די הונדערטע פון די ער־
שטע פּעריאָדע. דער פונדאמענט איז
געוואָרען ברייטער און טיפער. די פּאָר
הונדערט טויזענד האָבען געמאַכט אזא
גוטע פּאָרבארייטונג פאר די איינוואַנ־
דערונג פון מיליאָנען אין דער דריטער
פּעריאָדע, ווי די פּאָר טויזענד האָבען
פריהער געמאַכט פאר זיי.

די צייט צווישען 1865 און 1881,
צווישען דעם בירגער־קריג און די גרויסע
רוסישע איינוואנדערונג, איז אויך גע־
ווען די פּעריאָדע, ווען די אידען, וואָס
האָבען זיך שוין דאָ געפינען, האָבען גע־
בראַכט זייער אינערליכע לאַגע אין
אָרדנונג. דאָס איז געווען די צייט,
ווען זייערע קרובים, די אידען פון
מיטעל־אייראָפּא, זיינען געוואָרען עמאַנ־
ציפּירט, און דאמאָלס האָט דאָס גע־
מיינט, אז עס האָבען אויפגעהערט די
רדיפות און באשרענקונגען, אז זיי האָ־
בען ניט געדאַרפט מעהר קיין הילפע פון
דיזער זייט ים, און זיי האָבען פּראַקטיש
אויפגעהערט אויסצוואוואנדערען נאָך
אמעריקא. די היגע נגידים און בעלי
בתים האָבען אין פינאַנציעלער הינ־
זיכט אָפּגעצויגען דעם אָטעם, און זיי
האָבען אָנגעהויבען צו בויען שעהנע
טעמפּלען, צו אָרגאַניזירען גרויסע וואָהל־
טעטיגע אנשטאַלטען, און אויך צו גע־
בען שטיצע און באשעפטיגונג די היב־
שע צאָהל אידען פון די סלאַווישע לענ־
דער, וועלכע זיינען אהער אָנגעקומען,
איידער עס איז געקומען דער גרויסער
שטראָם, מיט וועלכען די דריטע פּעריאָ־
דע הויבט זיך אָן.

9.

דער שטראָם נאָך די פּאָגראָמען פון יאָהר 1881

אזוי זיינען די אידען אין אמעריקא
געווען אין א באקוועמע מאטעריעלע
לאַגע און אין פרידען מיט די אלגעמיינע
באפעלקערונג, אויסגעצייכענט פּאָרבאַ־
רייטעט צו עמפּפאַנגען דעם שטראָם
פון אונגליקליכע אימיגראַנטען, וואָס
האָט זיך אָנגעהויבען צו ציהען אהער
נאָך די רוסישע פּאָגראָמען פון 1880
און 1881. עס איז שוין דאַן געווען
באַלד פיער הונדערט יאָהר נאָך די

ענטדעקונג פון די נייע וועלט, און איבער צוויי הונדערט יאהר זייט אי־דען האבען זיך דא אנגעהויבען צו באַ־זעצען. די פארמעהרונג פון די אי־דישע באפעלקערונג האט אויסגעזעהן ווי א נאטירליכער פראצעס, וועלכער האט פון קיין זייט ניט געפאדערט קיין באזונדערע אויפמערקזאמקייט, ווען די בארבארישע פארפאלגונגען פון מזרח אייראפא האבען פלוצלינג דא אויפגע־הויבען א אידישען פראבלעם ניט פאר אמעריקא בכלל, נאר גליקליכערווייזע מעהר ניט ווי פאר די אידען, וואס האַ־בען זיך דא געפונען.

עס איז ניט געווען קיין שטערונג דורך אפענע געגנערשאפט אדער דורך געהיימען פאליטישען איינפלוס; די עפענטליכע מיינונג און די אמעריקא־נישע פרעסע איז געווען געגען די רוסישע פאגראמשטשיקעס און אויף דער זייט פון די פארפאלגטע אידען. דער עמפ־פאנג פון די ערשטע פליכטלינגע איז געווען סימפאטיש און זאגאר באגלייטעט מיט פרעהליכע צערעמאניעס. די אי־דען פון דאנען האבען זיך גענומען צו די הילפס־ארבייט מיט א ברייטער האנד, און מען האט געטאן פאר די אימיגראנטען אלעס מעגליכעס. א קליינער טייל איז געהאלפען געווארען מיט דירעקטע שטיצע, פאר אנדערע האט מען געשאפט ארבייט, אדער זיי פארהאלפען זיך צו פארשפרייטען אי־בער׳ן לאנד, און עס זיינען אויך גע־מאכט געווארען פארשיידענע עקספע־רימענטען אין קאלאניזאציאן, פון וועל־כע די מייסטע האבען זיך געענדיגט מיט א דורכפאל. אין פארלויף פון עטליכע יאהר האבען די נייע אימי־גראנטען שוין געקענט העלפען אנדע־רע צו קומען אהער, און די נויט האט געטריבען נאך מעהר צו מאכען די רייזע אויף אייגענער רעכענונג. דער שטראם איז אמאל געשטיגען און אמאל געפאלען, אבער ער האט פראקטיש אנ־געהאלטען אהן אונטערברעכונג, ביז דער וועלט־קריג האט אין 1914 אפגעשני־טען דעם פארקעהר מיט מזרח און מיטעל־אייראפא.

אין די עטליכע און דרייסיג יאהר צווישען 1881 און 1914 איז די צאהל פון די אידישע באפעלקערונג אין יונײ־טעד סטייטס אויסגעוואקסען אויף אי־בער דריי מיליאן, און דאס אמעריקאַ־נישע יודענטום האט געקריגען אן אנ־דער אויסזעהען אדער כאראקטער, ווי אין דער פארגאנגענהייט. די וויכטיג־סטע ענדערונגען, אויסער דעם גרויסען אונטערשייד אין צאהל, זיינען געווען דריי: די אויפלעבונג פון די אסט־אייראפעאישע ארטאדאקסיע, די ערשיי־נונג פון פאליטישען און עקאנאמישען ראדיקאליזם און דער אנהויב פון א וועלטליכע קולטורעלע טעטיגקייט, וועל־כע האט די אידישע שפראך אלס איהר טרייב־קראפט, און געפינט איהר אויס־דרוק אין א אידישע פרעסע, אין א אידישען טעאטער און אין ליטעראטור. שפעטער איז צוגעקומען די נאציאנאלע באוועגונג, וועלכע האט צו זיך אויך צוגעצויגען א היבשע צאהל היגע־געבאַ־רענע אידען.

די לעצטע פעריאדע איז ניט איינ־גאנצען רוסיש, גראדע ווי די צווייטע איז ניט געווען איינגאנצען דייטש. און די ערשטע ניט דורכאויס שפאניש. היב־שע מאסען זיינען געקומען פון די עסט־רייך־אונגארישע אימפעריע, און פון רו־מעניען, און זיי האבען בייגעטראגען, צוזאמען מיט נאך קלענערע גרופען פון אנדערע לענדער, צו שאפען די ריזיגע מזרח־אידישע געמיינדע מיט איהר הארץ אין די אנדערהאלבען־מיליאניגע קהלה פון ניו יארק און די אומגעגענד, מיט

וויכטיגע מיטעל־פונקטען אין פילאדעל־פיא, שיקאגא, קליוולאנד, דיטראיט, כעינט לואיס, סאן פראנציסקא, לאס אנדזשעלעס און אנדערע שטעדט, מיט א פארשפרייטונג איבער'ן גאנצען לאנד, וואס האט אינז געגעבען ארום פופצעהן הונדערט קהלות אדער קבוצים און אזא צאהל שטעדט און שטעדטלאך, אין וועל־כע עס איז דא א טעטיגעס אידישעס לעבען.

אין דעם ערשטען פערטעל יאהר־הונדערט האט דיזע מאסע פיל בייגע־טראגען זיך אליין צו פארגרעסערען, און האט אין צייטען פון נויט געקריגען הילפע פון די אידען, וועלכע זיינען געוועזן לענגער אין אמעריקא. די נייע פארפאלגונגען אין רוסלאנד און אין רומעניען אין די 90גער יאהרען, די נייע פעריאדע פון פאגראמען, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט קישינעוו אין 1903 און האט דערגרייכט איהר העכ־סטע שטופע אין די שלאכטערייען פון הערבסט פון יאהר 1905, די ארימקייט און באדריקונג אין גאליציען: — יעדע פון דיזע אונגליקען האט געבראכט אהער א נייעם שטראם אימיגראנטען, וועלכע זיינען געקומען און פארגרעסערט די גרופע פון זייערע לאנדסלייט, וועלכע זיינען שוין דא געוועזן. אבער די היס־טארישע אויפגאבע פון דיזע גאנץ־נייע איינוואנדערונג איז, ווי מיר קענען עס איצטער באגרייפען, ניט געוועזן צו מא־כען דעם באדען פארבארייטעט פאר א שפעטערען, נאך גרעסערען שטראם, נאר צו געבען, צום ערשטען מאל אין דער אידישער געשיכטע און אין דער וועלט־געשיכטע, אן אנדער סארט מאטעריעלע הילפע פאר מיליאנען אידען, וואס זיי־נען געטראפען געווארען פון א גרויסעם אונגליק פון יענער זייט ים.

10.

הילף פאר מלחמה קרבנות דארטען אויפ'ן ארט.

אונזערע אידען פון די גלות-לענדער אין מזרח איירפא האבען זייט דעם אנהויב פון וועלט־קריג געליטען אלס מענשען, און אויך באזונדערס אלס אי־דען, פון פארניכטונג און פון שלאכטע־רייען, פון פאגראמען, הונגער, קראנק־הייט או אלע אנדערע פלאגען, וואס האבען רואינירט די דארטיגע גאנצע וועלט, צרות, וועלכע האבען זיך ניט געענדיגט מיט די אוועקלייגונג פון די וואפען אין נאוועמבער 1918. די צו־שטערונג האט געבראכט מיט זיך אזוי פיל שוואכקייט, אזוי פיל ארימקייט און אזוי פיל שטערונגען אין פארקעהר צווי־שען לענדער, אז אויסוואנדערונג האט מעהר ניט געקענט זיין א ווירקזאמע רפואה, אפילו ווען דער וואקסענדער פאראורטייל געגען פרעמדע און די מורא פאר ארבייטסלאזיגקייט וואלטען דא ניט געמאכט די איינוואנדערונגס־געזעצען שטרענגער ווי זיי זיינען געוועזן ביז איצ־טער.

די אויפגאבע פאר די מיליאנען פרייע און וואהלהאבענדע אידען פון אמעריקא איז געווארען צו העלפען די ליידענדע דארטען אויפ'ן ארט, און כאטש ניט אלע האבען געטאן וואס זיי האבען געדארפט אדער געקאנט טאן, האבען די אידען פון יונייטעד סטייטס בכלל ערפילט זייער פליכט גרויסארטיג. אין די לעצטע אכט יאהר איז „רעליף“-ארבייט געווארען די איינציגע גרויסע טעטיגקייט פון היגען יודענטום; די פאר־איינינגטע גרויסע קאמיטעס האבען גע־לייסטעט הילפע אויף א מאסשטאב, וואס איז אין פריהערע צייטען געוועזן מעגליך צו ערווארטען נאר פון א רע־גירונג, און קלענערע ארגאניזיישאנס,

לאנדסמאנשאפטען, שולען חברות א.
א. וו., האבען געארבייט אויף זייער
איינענעם אופן, אין דער צייט וואס די
הילפע, וואס פריוואטע אידען האבען
פון דאנען געשיקט צו נאהענטע און
ווייטערע קרובים און צו פריינד, איז
זיך בעלאפען אויף הונדערטע מיליאנען.
די אידען פון גאנצע געגענדען, פון
שטעדט, פון פראווינצען, האבען בוכ־
שטעבליך געלעבט פון אמעריקא. עס
איז ניטא קיין גלייכען אין דער פאר־
גאנגענהייט פון אזא הילפע פון די אי־
דען פון איין לאנד פאר אידען פון
אנדערע לענדער.

דיזע הילפס־ארבייט, וועלכע האט
אונצווייפעלהאפט געראטעוועט הונדערטע
טויזענדע, אויב ניט מיליאנען אידען פון
אונטערגאנג, וואלט אויך ניט געווען
מעגליך אהן די פארבערייטונג, וואס די
לעצטע פעריאדע האט אונז געגעבען. די
וואהלהאבענהייט אדער די פארמעגליכ־
קייט צו העלפען איז געווען דערצו נויט־
ווענדיג, אבער דאס אליין וואלט ניט
געווען גענוג. די עפענטליכע מיינונג
איז געבליבען גינסטיג, און די רעגירונג
האט געשטיצט אידישע דעליף־ארבייט,
אפט אויך ערלויבט און ערמוטיגט
שותפות צווישען אידישע און אלגעמיין־
אפיציעלע הילפס־ארבייט. די מאראַ־
לישע הילפע איז אונז געגעבען געווארען
פאליטיש, ווען דאס איז געווען נויטיג.
גראדע ווי מיר האבען געהאט די אל־
געמיינע פרעסע און די ביידע גרויסע
פארטייען אין קאנגרעס אויף אונזער
זייט אין 1911, ווען עס איז אפגעבראַ־
כען געווארען דער פארטראג צווישען
אמעריקא און רוסלאנד איבער די פראַ־
גע פון היגע פאספארטען אין די הענד
פון אידישע סיטיזענס; אזוי איז עס
געווען אין ווערסאל, ווען אמעריקא איז
באשטאנען, אז די רעכטע פון מינאָרי־
טעטען זאלען ווערען גאראנטירט, און
אזוי האבען מיר עס ווידער געהאט
פאריגעס יאהר, ווען א „ציון רעזאָ־
לושאָן” איז אנגענומען געווארען אין
וואשינגטאן כמעט איינשטימיג, :.
האט פיל ביינעטראגען, אז דער ברי־
טישער מאנדאט אויף ארץ ישראל זאל
באשטעטיגט ווערען. דאס זיינען נאר
איינינע ביישפילע פון א פאליטישען
איינפלוס, וואס איז נאר מעגליך אין א
לאנד, וואו עס איז ניטא קיין אפיצי־
עלער אדער רעגירונגס־אנטיסעמיטיזם.
עס מאכט ניט אויס וועלכען שלעכטען
נעברויך איינצעלנע פערזאנען אדער אינ־
כטיטושאנס מאכען פון די אלגעמיינע
פרייהייט.

.11

א בליק אויף דער איצטיגער לאגע.

דער וועלט־קריג האט פארדונקעלט
אדער געמאכט אויסזעהן בלייך און
אומבאדייטענד דעם גאנצען גאנג פון
דער מענשליכער געשיכטע אין די נאָ־
הענטע פארגאנגענהייט. אונזער אייגע־
נע אינערליכע טעטיגקייט, די גייסטיגע
און די מאטעריעלע, פון די יאהרען פאר
דעם קריג, און אויך אלעס, וואס האט
זייט דאמאלס פאסירט, וואס האט קיין
דירעקטען צוזאמענהאנג מיט דער
מלחמה, זעהט זיך ניט שארף ארויס
און האט געמעגט אויסגעלאזען ווערען
פון אזא איבערזיכט, זאגאר ווען דער
מאנגעל אין פלאץ וואלט דערצו ניט
געצוואונגען. עס הערשט נאך אויך
אזוי פיל צווייפעל וועגען די לעצטע
ענטפערס אויף די גרויסע פראבלעמען,
וועלכע די מלחמה האט אונז איבערגע־
לאזען, אז עס איז אונזיכער צו מאכען
די באהויפטונג איבער די צוקונפט, צו
וועלכע א באטראכטונג פון דער פאר־
גאנגענהייט גיט אלע מאל א בארעכטי־
גונג. מען איז אין א צייט, ווי איצ־

טיגע, קוים זיכער מיט די פאקטען פון היינט, און עס איז ריזיקאליש צו ציהען אפילו אזעלכע שליסע, וואס שיינען צו זיין אונפארמיידליך.

די אידישע וועלט־אנשויאונג איז אימער געווען, פון דער צייט וואס עס זיינען געשריבען געווארען די היסטארישע ביכער פון תנ״ך ביז די היינטיגע טרוימער פון א גרויסע אידישע צוקונפט, אז עס איז דא א ציל און א צוועק אין אלעם וואס די מענשהייט מאכט דורך, אז אלעם פיהרט אויף א וועג, וואס וועט צום סוף מאכען די גאנצע אנטוויקלונג פארשטענדליך. און וואס איז גרינגער צו פארשטעהן, וואו זעהט זיך דער „אצבע אלהים” אין היסטאריע שארפער ארויס, ווי אין די לאנגזאמע אויפוואקסונג אין די פרייעסטע און רייכסטע מדינה אין דער וועלט פון א אידישע מיליאנען־געמיינדע, וועלכע קען ערפילען פליכטען, וואס די אידען פון קיין אנדער לאנד קענען אויף זיך ניט ארויפנעהמען?

די ארבייט איז נאך ניט געענדיגט, עס איז מעגליך, אז זי הויבט זיך נאך ערשט אן, אבער דאס ביישפיל פון מיטווירקונג, פון די שטיצע, וואס מיר קענען געבען, פון די שטיצע וואס מיר קענען קריגען פון א פריינדליכע באפעלקערונג איז אונפארגלייכליך אין היסטאריע. אונזערע אנגרייפער דא אין לאנד זיינען מייסטענס פריוואטע, און זיי וואגען ניט צו ריידען צו הויך; אן אפענע אנטי־אידישע באוועגונג, ווי מען געפינט עס ליידער אפילו אין די פרייע ענגלאנד, איז דא אינגאנצען ניטא. די באטייליגונג פון אידען אין קריג איז געווען אן עהרענהאפטע און זי קריגט איהר פארדינטע אנערקענונג. די ערוועהלונג און ערנענונג פון אידען צו אלערליי עמטער ווערט אנגענומען אלס
און זאך זעלבסט־פארשטענדליכע א

ציהט ניט צו אפילו אונזערע אייגענע אויפמערקזאמקייט.

די אלטע וועלט, וועלכע געפינט זיך נאך אימער אין א פארצווייפעלטע לאגע, ווערט מיט יעדען טאג פעסטער איבערצייגט, אז די הילפע מוז קומען פון אמעריקא. עס איז נאך ניט קלאר, וואס די נייע וועלט קען טאן צו ערהאלטען די עלטערע ציוויליזאציעס פון יענער זייט ים, אבער עס איז זיכער אז זי האט די קראפט און די מיטלען, און אזוי שנעל ווי דער ריכטיגער וועג וועט געפונען ווערען, וועט זי ערפילען איהר גאנצע פליכט. און עס איז א גליקליכער אומשטאנד פאר די אידען פון דער גאנצער וועלט, פאר ארץ ישראל אזוי ווי פאר חוץ לארץ, אז צווישען דיזע הונדערט מיליאן אמעריקאנער אויף וועמען עס הענגט די האפנונג פון דער וועלט, געפינען זיך אלס א וויכטיגער פאליטישער, עקאנאמישער און געזעלשאפטליכער טייל עטליכע מיליאן אידען, וועלכע וועלען מיט־ארבייטען אין יעדע גרויסע רעטונגס־ארבייט, און זיינען זיכער געשטיצט צו ווערען אין יעדען פראקטישען פארשלאג, דורך וועלכען די שטעלונג פון די אידען אין דער אלטער וועלט קען ווערען פארבעסערט.

ניו יארקער באפעלקערונג אין יאהר 2000.

איצט האט ניו יארק א באפעלקערונג פון 9 מיליאן מענשען. אין 1950, בארעכענען סטאטיסטיקער, וועט שוין ניו יארק האבען 16,500,000 מענשען און אין יאהר 2000 וועט ניו יארק האבען א באפעלקערונג פון 37,000,000. דאס מיינט, אז עס האט גענומען 72 יאהר צו פארגרעסערען ניו יארק פון 1 מיליאן ביז 9 מיליאן. עס וועט אבער נעהמען בלויז 50 יאהר צו פארגרעסערען זי פון 16½ מיליאן אויף 37 מיליאן.

די אימיגראַציע קיין אַמעריקא אונטער דעם קוואָטאַ געזעץ

פון ראָזאַ קירשענבוים־מאַרגאָשעס

מען קען שוין אָנהייבען קריגען אַ שטיקעל באַגריף וועגען די ווירקונגען פון דעם קוואָטאַ־געזעץ אויפ'ן גאַנג פון דער אימיגראַציע קיין אַמעריקא בכלל און אויף דער אידישער אימיגראַציע בפרט. דאָס געזעץ איז אריין אין קראַפט אין אַפּריל 1921. האָבען מיר, הייסט עס, אַ קימא לן פון 21 מאָנאַטען, זינט די קוואָטאַ ווערט אָנגעווענדעט אויף אָנקומענדע אימיגראַנטען. דורך דער צייט האָט דער דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר פאַרעפענטליכט יעדען מאָנאַט די צאָהל פון אימיגראַנטען, וואָס זיינען אָנגעקומען, און וואָס זיינען צוריקגעפאָהרען. דערצו האָט אין סעפּטעמבער נומער פון „מאָנטלי לייבאָר רעוויו" דער דעפּאַרטמענט געגעבען אַן אויספיהרליכען אָפיציעלען רעפּאָרט וועגען אַלע פאַזען פון דער אימיגראַציע, זינט דעם 30טען יוני, 1921 ביז דעם ערשטען יולי, 1922, וואָס דאָס איז דער רעגירונגס (פיסקאַל) יאָהר אין אימיגראַציע אָנגעלעגענהייטען. האָבען מיר, הייסט עס, די ציפערען, וואָס קענען אונז העלפען זיך פאַנאַנדערקלייבען אין דעם פאַרפּלאָנטערטען ענין פון אימיגראַציע אונטער דעם קוואָטאַ געזעץ.

ווען מען האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען אריינלאָזען נייע אימיגראַנטען קיין אַמעריקא לויט אַ געוויסען פּראָצענט, וואָס איז באַזירט אויף דער צאָהל פון די עלטערע אימיגראַנטען, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג באַזעצט דאָ, האָבען זיך באַלד געלאָזט הערען פאַרשידענע חקירות וועגען דעם, וואָס עס וועט פּאַסירען ווען אַזאַ געזעץ זאָל טאַקי אָנגענומען ווערען. די אימיגראַנטען פרעסער, די רעסטריקשאָניסטען, האָבען געליאַרעמט, אַז די כוואַליע פון אימיגראַציע נאָך דעם וועלט קריעג וועט זיין אַזוי שרעקליך גרויס, אַז וואָס די באַשטימטע קוואָטאַ פאַר די אייראָפּעאישע לענדער זאָל ניט זיין, וועלען אַלץ הונדערטער טויזענדער מעהר אימיגראַנטען אָנקלאַפּען אין די אַמעריקאַנער טירען ווי עס וועלען קענען אריינגעלאָזען ווערען לויט דעם געזעץ. מען האָט גערעדט וועגען אַן „אינוואַזיע אין אַמעריקא מצד די אייראָפּעאישע האָרדען". און מען האָט זיך געגרייט צו דעפּאָרטאַציעס אויפ'ן גאָר גרויסען מאַסשטאַב.

פון דער אַנדערער זייט האָבען די פריינד פון אימיגראַציע מיט ציטערדיגע הערצער פאַר שרעק פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט, אַז אַמעריקא הערט אויף צו זיין דער האַפען פון רעטונג פאַר אַנטלאָפענע פון פּאָליטישער אונטערדריקונג און עקאָנאָמישער נויט. מען האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס געזעץ וועט אָפּשטעלען די אימיגראַציע. מען האָט גערעדט פון „געשלאָסענע טויערען" און מען איז שוין געווען באַשעפטיגט מיט זוכען אַ נייעם אימיגראַציאָנס צענטער, וואו די מיליאָנען, וואָס ווילען אריין קיין אַמעריקע און קענען ניט, זאָלען געפינען זייער מקום מנוחה.

אָבער אַזוי לאַנג ווי קיין ציפערען זיינען ניט געווען איז איין באַהויפּטונג געווען פונקט אַזוי גוט ווי די אַנדערע. איצט, אַז די ציפערען זיינען פאַראַן, לאָמיר זיי אַנאַליזירען און זעהן, וואָס פאַר אַ פנים די פאַרשידענע טעאָריעס

קריגען אינ'ם ליכט פון די אמת'ע פאקטען.

1.

פון דרייסיגסטען יוני 1921 ביז דעם ערשטען יולי 1922, זיינען אנגעקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען 309,556 אימיגראנטען. די דאזיגע צאהל קען בעסער פארשטאנען ווערען ווען מען פארגלייכט זי מיט דער צאהל אימיגראנטען וואס איז אנגעקומען קיין אמעריקא מיט א יאהר פריהער, דאס הייסט אין משך פון דרייסיגסטען יוני, 1920 ביז דעם ערשטען יולי, 1921, ווען פאר די ערשטע ניין מאנאטען אמווניגסטענס האט דער קוואטא געזעץ נאך ניט עקזיסטירט. אין דער דאזיגער צייט זיינען אריינגעקומען קיין אמעריקא ניט וועניגער ווי 805,228 אימיגראנטען, דאס הייסט מיט ארום א האלבען מיליאן מעהר ווי דעם היינטיגען יאהר.

די צאהל אידישע אימיגראנטען וואס איז אריינגעקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען צווישען דעם דרייסיגסטען יוני, 1921 און דעם ערשטען יולי, 1922 באטרעפט 53,524 נפשות. אויך די דאזיגע צאהל מוז פארגליכען ווערען מיט דער צאהל פונ'ם לעצטען יאהר, כדי ווי געהעריג אפגעשאצט צו ווערען. אין משך פונ'ם פיסקאל יאהר 1920—1921 זיינען אנגעקומען אהער ניט וועניגער ווי 119,036 אידישע אימיגראנטען, מעהר ווי דאפעלט ווי דעם איצטיגען יאהר.

2.

און דאך איז די קוואטא ניט פארפילט געווארען. קליין ווי עס איז די צאהל פון די אימיגראנטען, וואס זיינען אנגעקומען דעם יאהר אין פארגלייך מיט די אימיגראנטען פונ'ם פריהערדיגען יאהר, איז זי דאך קלענער ווי די קוואטא, דאס הייסט די צאהל אימיגראנטען וואס וואלטען לויט'ן געזעץ געקענט אריינקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען ווען זיי וואלטען וועלען אדער האבען די מיטלען דערצו. די קוואטא פאר'ן יאהר איז 355,825 און געלאנדעט האבען בלויז 309,556, דאס הייסט 46,269 אימיגראנטען האבען נאך געקענט אריינגעלאזט ווערען דעם יאהר אונטער'ן נייעם געזעץ, זיי זיינען אבער ניט נעקומען. וואו האט זיך אהינגעטהאן די „אינוואזיע פון די אייראפעאישע הארדען", וועגען וועלכער די געגנער פון אימיגראציע האבען געהאלטען אין איין סטראשען? און, וואס איז פונקט אזוי וויכטיג, פאר וואס זיינען די מיליאנען אימיגראנטען, וואס זוכען אזוי שטארק דעם „האפען פון רעטונג" וועגען וועלכען די פריינד פון אימיגראציע זיינען געווען אזוי שטארק באזארגט, פארוואס האבען אט די אימיגראנטען פארגעסען זיך אין גאנצען אן די 46,000 פרייע איינטריטס קארטען צום גאלדענעם לאנד און אנשטאט צו קומען זיינען זיי גאר פארבליבען אין דער אלטער היים?

דעם תירוץ מוז מען זוכען, ווי שטענדיג אין סאציאלע ערשיינונגען, אין די עקאנאמישע באדינגונגען פון די מענשען, וואס ווערען אנגעריהרט. אימיגראציע איז קודם כל אן עקאנאמישע באוועגונג, גרויסע מאסען מענשען ריהרען זיך ניט פון ארט סיידען זיי ווערען געטריבען אדער בעסער ארויסגעטריבען פון מעכטיגע סאציאלע מאטיווען. אין דעם אימיגראציאנס פראצעס שפילען די הויפט ראלע די עקאנאמישע באדינגונגען פון דעם לאנד פון וועלכען מען וואנדערט אויס און די מאטעריעלע אויסזיכטען פון דעם לאנד אין וועלכען מען וואנדערט איין. אלע אנדערע פאקטארען, חוץ אזעלכע אויסערגעוועהנליכע, ווי מלחמות, פאגראמען, ערד ציטערנישען, פארפלייצונגען און עהנליכע פאלען וואס זיי אליין האבען גרויסע עקאנאמי־

שע באגלייט־ערשיינונגען, אלע אנדערע פאקטארען, רעליגיעזע, סענטימענטאלע, נאציאנאלע, האבען א צווייט קלאסיגע אויב ניט נאך א קנאפערע ווירקונג אויפ׳ן גאנג פון א גרויסער מאסען אימיגראציע.

נעווים מוז מען זיך רעכענען אויך מיט דער פסיכישער רעאקציע פון דעם קוואטא געזעץ אויף די אייראפעאישע קאנדידא־טען אויף אימיגראציע. א סך, הערענדיג פון די באשרענקונגען האבען מורא גע־האט צו ריזיקירען און לאזען זיך אין וועג אריין טאמער וועלען זיי זיין אי־בער דער קוואטא און צוריקגעשיקט ווע־רען. גאר א היבשע צאהל, וואס וואלט געקענט אריין אין די פאראייניגטע שטאאטען איז אויף אזא אופן געבלי־בען זיצען אין דעם היים. אויך מוז מען זיך רעכענען מיט דעם פאקט, אז די גרויסע צרות מיט פאספארטען, וויזעס און אפידייוויטס האט אפגעשראקען ניט ווניגע פון די עמיגראנטען. אבער נאך אלעמען ייינען דאס בלויז שטרויכלונגען אויף דעם וועג פון אימיגראנט און ניט קיין אבסאלוטע שטערונגען. מענשען, וואס מוזען אויסוואנדערען שטעלען זיך ניט אפ פאר אזעלכע שטרויכלונגען. ווען דער אימיגראציאנס שטראם וואלט אין אמת׳ן ארויסגעקוואלען פון דער טיפער הארטער ערד פון עקאנאמישער נויטווענדיגקייט, וואלט ער שוין געוואוסט ווי דורכצוברע־כען זיך א וועג דורך די אלע שטיינער, וואס די מלחמה האט געלאזט נאך זיך.

גראדע אבער האט די דאזיגע דורכ־אויס נויטווענדיגע עקאנאמישע שטופ־קראפט אויטגעפעהלט דעם אימיגראצ־יאנס שטראם דעם יאהר. די עקאנאמישע באדינגונגען פאר אימיגראציע זיינען — א שלעכטע עקאנאמישע לאגע אין דער היים און א גוטע מעגליכקייט פאר עקא־נאמישע פארבעסערונג אין דער פרעמדע. דיביידע עלעמענטען אבער האבען זיך ניט צוזאמענגעטראפען אין דעם אימי־גראציאנס פראצעס היי־יאהר. דערפון קומט די געפאלענע צאהל אימיגראנטען אין די פאראייניגטע שטאאטען.

3.

זייט דעם זומער פון 1920 האלט אן אין אמעריקא דער עקאנאמישער קריזיס, וואס איז אן אונפארמיידליכער רעזול־טאט פון קריג און דעם טרויעריגען שלום. פון איין זייט איז דא א טענדענץ „ארויסצובלאזען" פרייזען, פארקלענערען די מקחים, וועלכע זיינען מורא׳דיג גע־שטיגען בשעת דער מלחמה. דער שטענ־דיגער פאלען פון פרייזען מאכט די נייע פראדוקציע ריזיקאליש, ווייל פרייזען קענען פאלען נאך נידעריגער. דאס פירט דערצו, אז אלץ ווניגער איז דא אר־בייט. פארשפרייט זיך טאקי די אר־בייטסלאזיגקייט, און די וואס ארבייטען יא, מוזען ארבייטען פאר קלענערע ווי־דושעס.

דערצו קומט נאך צו דער פאקט, וואס די וועלט, אויסער די פאראייניגטע שטאאטען, איז רואינירט. איירא פא איז חרוב ונחרב. די גאלד רעזערווען האט אויפגעגעסען דער קריג, צו קויפען רויהע שטאפען אויף פראדוקציע איז ניטא מיט וואס. דאס פאפיר־געלד וואס עס לאזען ארויס די פרעס מאשינען ווערען אלץ ביליגער, וואס מעהר זיי ווערען ארויס־געלאזט, ביז זיי ווערען כמעט ווערטלאז. אמעריקאנער סחורות וואלטען שוין צו־גוץ געקומען אבער מען מוז דערפאר באַ־צאהלען מיט אמת׳ע געלט, מיט דאלא־רען, וואס זייער ווערט איז גאר נישט אפצושאצען אין איירא פאאישע געלט. קויפט מען טאקע ניט, און דער אמערי־קאנער עקספארט הערט אויף. ניטא קיין מארקעט צום פארקייפען אויסער די פאראייניגטע שטאאטען, פראדוצירט ניט דער אמעריקאנער מאנופעקטשורער. און עס וואקסט ווייטער די ארבייטסלא־

ווינקייט אין אמעריקא און די נויט שטייגט. קומט מען וויניגער.

שלעכטע צייטען ווירקען תמיד אפצו־האלטען די אימיגראציע. אין די קריזיס־יאהרען פאלט תמיד די אימיגראציע. אזוי, צ. ב. ש., האבען מיר אין 1907 געהאט אן אימיגראציע פון א מיליאן און צוויי הונ־דערט טויזענד און אין 1908 און 1909 פון ניט מעהר ווי עפעס איבער זיבענ־הונדערט טויזענט, מיט ארום פערציג פראצענט וועניגער. אין 1921 — 1920 קריגען מיר אבער אכט הונדערט טוי־זענט אימיגראנטען און א יאהר שפע־טער בלויז דריי הונדערט טויזענט.

עס מוז געוועהנליך נעהמען א שטי־קעל צייט ביז די שלעכטע צייטען לאזען זיך גוט פיהלען אין די ביינער, אז עס זאל זיך אפרופען אויף דער אימיגראציע. ערשטענס דויערט דאך עפעס פון שיקען די שיפסקארטען ביז דעם קומען פון אי־מיגראנט און א סך אימיגראנטען קומען אין דער שלעכטער צייט אויף טיקעטס, וועלכע זיינען געשיקט געווארען אין גוטע צייטען. צווייטענס נעהמט א ווײלע ביז די נייעס פון די שלעכטע צייטען אין אמעריקא פארשפרייט זיך צווישען די מאסען אין אייראפא. דערפון קומט עס, וואס אין די ערשטע מאנאטען פון קריזיס ווי צום ביישפיעל, די ערשטע חדשים פון קריזיס אין 1907-8 און עטליכע חדשים פון 1921 ביז דער קריזיס האט זיך געלאזט זעהר שטארק פיהלען, איז די אימיגראציע ניט געפאלען ווי זי איז גע־פאלען אביסעל שפעטער. נאר אזוי שנעל ווי דער קריזיס ווערט פעסט עטאבלירט איז זיין ווירקונג אויף דער אימיגראציע פונקט אזוי אונפערמיידליך ווי די וויר־קונג פון דער טעמפעראטור אויף׳ן קוועקזילבער.

4.

פאראלעל מיט׳ן נידערגאנג פון דער אמעריקאנער אינדוסטרי האבען זיך אומ־ערווארטעט פארבעסערט די עקאנאמישע פארהעלטנישען אין די לענדער פון מזרח און צענטראל אייראפא. וואס נידעריגער עס זיינען געפאלען די וואלוטעס, וואס ווערטלאזער עס זיינען געווארען זייער פאפיר געלד, אלץ א גרעסערע צוציהונגס קראפט האבען געקראגען די אייראפעאי־שע לענדער מיט א העכערער וואלוטע. עס האבען זיך אראפגעלאזט סוחרים פון איטאליע, פראנקרייך, ענגלאנד און אמעריקא און האבען פאר זייערע לירעס, פראנקען און דאלארען — הויפטזעכליך דאלארען איינגעקויפט סחורות פאר אזעל־כע שפאט ביליגע פרייזען, אז זיי האט זיך געלוינט צו קומען ווידער אמאל און אבער אמאל. אין די לענדער פון מזרח און צענטראל אייראפא האט אויפגעבליט דער האנדעל, וואס ערגער עס איז געווא־רען דער געלט־קורס אלץ מעהר האט זיך צובליהט דער האנדעל מיט אויסלאנד. די פראדוקציע איז געשטיגען, ארבייטס־לאזיגקייט האט אויפגעהערט און ווײ־דזשעס זיינען געווארען אלץ העכער און העכער. ניט נאטירליך איז דאס אלץ גע־ווען און עקאנאמיש ניט געזונד. מעהר ווי א שטרוי פייער, וואס ברענט זיך שנעל אויס און לאזט נאך זיך א דאפעל־טע פינסטערניש. ווייל פארקויפט האט מען אלץ מעהר פון די גרייטע סחורות. צו פראדוצירען נייע האט זיך געפאדערט אלץ מעהר נייע רויה־שטאפען נאך וועל־כע מען האט סוף כל סוף געמוזט אנקו־מען צו די לענדער פון היכער וואלוטע און פאר וועלכע מען האט געמוזט שוין צאהלען מיט אמת׳ע געלט. די נידעריגע פרייזען האבען אויף אזא אופן ניט גע־קענט אנהאלטען. נאר דערווייל גיט מען זיך ווי עס איז אן עצה, און די עקאנאמישע באדינגונגען אין די אייראפעאישע לענדער זיינען נאך אלץ גוט. דערביי מוז מען ניט פאר־

געסען, אז די ערפאהרונג פון דער מלחמה האט אויסגעלערנט די אייראפעאישע מאסען צו לעבען אין אונבאשרייבליכער נויט. יעדע פארבעסערונג אין די לעבענס באדינגונגען ווערט דערפאר פאררעכענט אלס גאר א גרויסער געווינס.

און אז מען לעבט בעסער ווי פריהער, מען ארבייט און מען פארדינט, ווען מען ווילט זיך דאס נעהמען האק און פאק און אויסוואנדערען אין א פרעמדער מדינה, דערצו נאך ווען די נייעס וועגען דער פרעמדער מדינה איז גארנישט קיין פארשפרעכענדע? פאהרען טאקע ווייניג, בלויז די, וועלכע מוזען, וועלכע האבען עלטערען אין אמעריקא, מענער אדער קינדער. די אנדערע בלייבען אין דער היים.

און ניט נאר פאהרט מען אונטער אזעלכע באדינגונגען ניט קיין אמעריקא, נאר ווער עס קען פאהרט פון אמעריקא צוריק אהיים. לעצטען יאהר זיינען אנגעקומען אין אמעריקא בלויז 6357 פאליאקען און צוריקגעפאהרען זיינען ניט ווייניגער ווי 31,004. דאס הייסט איבער פיער און צוואנציג טויזענט מעהר פאליאקען האבען פערלאזט אמעריקא ווי עס זיינען אנגעקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען. א טייל פון די דאזיגע צוריקוואנדערער זיינען אמת, באוואוגען געווארען פון נאציאנאלע מאטיווען. די נייע אויפגעריכטע פוילען האט זיי געצויגען צוריק אהיים. אבער די מייסטע פון זיי, קען מען זאגען מיט זיכערהייט, זיינען געפיהרט געווארען פון ריין עקאנאמישע גרונטען. ס'האט זיך פשוט געוואלט אויסבייטען די ארבייטסלאזיגקייט אין אמעריקא אויף א בעסערען לעבען אין דער היים. דערצו איז צוגעקומען די מעגליכקייט אויסצומוישען די עטליכע הונדערט הארט אפגעשפארטע אמעריקאנער דאלאר אויף מיליאנען פוילישע מארקען, מיט וועלכע מען קען שוין קויפען שטיקער לאנד און ווערען בעלי־הבתים אין דער היים, אנשטאט צו זיין קנעכט אין דער פרעמד.

פונקט אזא צוריקוואנדערונגס באוועגונג האבען מיר געזעהן אין אנדערע קריזיס יאהרען. אזוי צום ביישפיעל איז די צאהל פון צוריקפאהרענדע אימיגראנטען אין דעם קריזיס יאהר פון 1908 געווען 657,000 בשעת די אנקומענדע אימיגראנטען האבען געצעהלט ניט מעהר ווי ארום זיבען הונדערט טויזענד. כמעט אזויפיל זיינען ארויסגעפאהרען פונ'ם לאנד ווי עס זיינען אריינגעקומען. די פאלגען פון אן עקאנאמישען קריזיס זיינען שוין אזוי: ווער עס קען זיצט אין דער אלטער היים און ווער עס האט די מעגליכקייט טראגט זיך אפ פון דער פרעמד.

5.

די אידישע אימיגראציע האט זיך אויסגעצייכענט דערמיט וואס צו איהר כאראקטער אלס עקאנאמישע באוועגונג איז צוגעקומען נאך א מאמענט, וואס האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף איהר לויף, און דאס איז דער מאמענט פון פארפאלגונג און פאגראמען. זעהר אפט האבען די פארפאלגונגען, ווי צום ביישפיעל, די גירושים פון רוסישע דערפער, בלויז פארשארפט די עקאנאמישע מאטיווען אויסצוואנדערען. אפטמאל אבער, ווי למשל נאך א רייהע פאגראמען, האט די מורא פאר נייע אויסברוכען געווירקט ווי א באזונדערע קראפט אויף דער אידישער אימיגראציע, א קראפט, וואס איז אין גרונד ניט געווען פון אן עקאנאמישער נאטור.

אזוי זעהען מיר, אז אין די אכציגער יאהרען זיינען די מאי געזעצען געווען דער ערשטער שטויס צו א גרויסער אידישער מאסען אימיגראציע פון רוסלאנד אין די פאראייניגטע שטאאטען. דער גירוש מאסקווע אין זיין צייט, האט אויך

ביינעטראגען זיין חלק צו פארשטארקען דעם אידישען אימיגראציאנס שטראם קיין אמעריקא. דעם העכסטען פונקט דער־גרייכט די אידישע אימיגראציע אין די פאראייניגטע שטאאטען אין 1906. אי־בער הונדערט און פופציג טויזענד אידישע אימיגראנטען, זיינען יענעם יאהר אנגעקו־מען קיין אמעריקא, גראד אין דעם יאהר ווען די ערשטע רוסישע רעוואלוציע האט זיך אויסגעלאזט מיט א דורכפאל און די טריאומפירענדע זעלבסט הערשאפט האט געזוכט צו דערטרינקען די לעצטע שפו־רען פון אויפשטאנד אין אידיש בלוט. בשעת דער מלחמה, ווען דער אידישער ישוב האט געליטען מעהר ווי אלע אנ־דערע, נעפינען מיר, אז א גרויסע צאל אי־דען האבען אויסגעוואנדערט קיין אמערי־קא אין א צייט ווען עס איז פאקטיש ניט געווען קיין אימיגראציע פון אנדערע פעלקער. די זעלבע ערשיינונג ווידערהאלט זיך אין 1920 ווען טראץ דעם מאנגעל אין שיפען און פארקערס מיטלען זיינען דאך טויזענדער אידען געקומען קיין אמע־ריקא, אנטלויפענדיג פון די פאגראמען און נגישות אין פוילען.

דאס מיינט אבער נאך ווייט ניט, אז די אידישע אימיגראציע איז ניט אונטער־ווארפען די זעלבע עקאנאמישע געזעצען ווי די אימיגראציע פון אנדערע פעלקער. מיר זעהען פארקערט, אז געוועהנליך, ווען דער עלעמענט פון ספעציעלע אידי־שע פארפאלגונגען הערט אויף צו שפילען א גרויסע ראליע, פאלט אדער שטייגט די אידישע אימיגראציע צוזאמען מיט דער כוואליע פון אלגעמיינער אימיגראצ־יע. אזוי אין 1908 און אין 1909 ווען אימיגראנטען בכלל האבען זיך געפוילט ארויסצוריהרען פון זייער ארט אין איי־ראפא צוליעב די שלעכטע צייטען אין אמעריקא און די אימיגראציע האט גע־האלטען זעהר שמאל איז דער אידישער וואנדערער אויך געבליבען זיצען אין דער היים. אין 1907 זיינען נאך אריינגעקומען קיין אמעריקא 149 טויזענד אידען, אין 1908 אבער בלויז 103 טויזענד. אין א יאהר שפעטער ניט מעהר ווי 57 טוי־זענט. כמעט ווענינער ווי א העלפט! דאס זעלבע האט פאסירט פאר אונזערע אויי־גען אין די לעצטע צייטען. אין 1920־21, ווען דער קריזיס האט נאך ניט געהאט קיין צייט צו ווירקען אויף דער אימי־גראציע און די אלגעמיינע אימיגראציע איז געווען גרויס, זיינען אנגעקומען 119 טויזענט אידען. דערפאר אבער אין 1921 און 1922, אינ'ם סאמען קריזיס יאהר, האבען איינגעוואנדערט ניט מעהר ווי 53 טויזענט. ווענינער ווי א העלפט!

אנדערע האט ניט געקענט זיין. די אידען אין מזרח און צענטראל איראפא זיינען איצט אין גאר א גרויסען גראד באפרייט געווארען פונ'ם קאשמאר פון בלוטיגע רדיפות און פאגראמען, וואס איז געהאנגען איבער זייערע קעפ, אזוי שפעט נאך ווי מיט א יאהר צוריק. אין פוילען איז די אידישע לאגע ווייטער, אין אוקראינע איז דער אידישער לעבען ניט מעהר אזוי הפקר, אין אונגארען ניכטערט מען זיך שוין אויס פון דער אנטיסעמיטישער שכרות. דער מאמענט פון פארפאלגונגען און פאגראמען הערט אויף צו שפילען די דאמינירענדע ראלע אין דער אידישער אימיגראציע און טרעט אפ זיין פלאץ דעם עקאנאמישען מאטיוו. און דער עקאנאמישער מאטיוו איז איצט געגען אויסוואנדערונג. דער אויפבליהענדער האנדעל אין פוי־לען, דער „נעפ" (נייע עקאנאמישע פא־ליטיק) אין סאוועט רוסלאנד מאכט עס מעגליך פאר די אידישע מאסען צו בליי־בען זיצען אויף זייערע וואהנערטער און פארשפארט זיי צו וואלגערען זיך קיין אמעריקא, וואס איז היינט־צו־טאג, ווי זיי דערוויסען זיך פון זייערע קרובים אין די פאראייניגטע שטאאטען, ניט מעהר דער

ארץ זבת חלב ודבש, וואס איז אמאל געווען.

דא איז נאך ווערט אנצואווייזען אויף איין כאראקטעריסטישען שטריך, וואס אונטערשייד די אידישע אימיגראציע פון וועלכער עס איז אנדערער. ענג פארבונדען ווי עס איז די אידישע איינוואנדערונג קיין אמעריקא מיט דער אלגעמיינער איינוואנדערונג, איז אבער נישטא קיין שיכות צווישען דער אידישער אויסוואנדערונג פון אמעריקא און דער אלגעמיינער אויסוואנדערונג. דער דורכשניטליכער אימיגראנט קומט קיין אמעריקא צו פארדינען געלט און אומקעהרען זיך אהיים. ביי׳ם ערשטען סימן פון א קריזיס געזעגענט ער זיך מיט אמעריקע. ניט אזוי איז דער אידישער אימיגראנט. ער איז אויך געקומען קיין אמעריקא הויפטזעכליך צו מאכען א לעבען אבער פון אומקעהרען זיך אין זיין געבורטס לאנד אויף שטענדיג טראכט ער גאר ניט. דער דורכשניטליכער אימיגראנט קען פאהרען אהיים, פאר דעם אידישען אימיגראנט ווערט אמעריקא זיין היים. אזוי זעהען מיר, אז בשעת פון יעדער הונדערט אימיגראנטען, וואס קומען צו קיין אמעריקא פאהרען 42 צוריק אהיים, פאהרען פון יעדע הונדערט אידישע אימיגראנטען בלויז 8 צוריק. אין קריזיס יאהרען איז די פראפארציע צווישען אידען און ניט אידען נאך גרעסער. אין 1921-22 זיינען צוריק געפאהרען 31 טויזענט פאליאקען און בלויז 830 אידען. הפנים, ווי שלעכט עס זאל ניט זיין דעם אידען אין אמעריקא ציהט איהם אלץ ניט צוריק צום לאנד פון וואנען ער איז געקומען. אויסער דעם מוז מען זיך אויך רעכענען מיט דעם פאקט, אז בשעת דער דורכשניטליכער אימיגראנט קומט אהער אליין אין פאהרט צוריק צו זיין ווייב און קינדער ברענגט דער אידישער אימיגראנט אראפ אהער זיין פאמיליע אזוי שנעל ווי מעגליך. די אידישע אימיגראציע איז דערפאר א פאמיליען־באוועגונג. און דער אידישער אימיגראנט ווערט פריהער אדער שפעטער צוגענאגעלט צו אמעריקא דורך זיין ווייב און קינדער.

.6

דער סוף הכל איז קלאהר, די קוואטא באשרענקונגען האבען לעת עתה ניט באשרענקט. די אימיגראציע געהארכענדיג די אייזערנע עקאנאמישע געזעצען איז איינגעשרומפען פון זיך אליין אזוי, אז די צוואנג־יאקע וואס די שונאים פון אימיגראציע האבען אויסגעטראכט פאר איר איז נאך אלץ געווען צו לויז פאר איהר איינגעשרומפענעם גוף.

די אידישע אימיגראציע בפרט האט ווייניג געליטען. עס איז א גרויסער ספק צי אונטער מעהר ליבעראלע געזעצען וואלט די אידישע אימיגראציע דעם יאהר ביי די איצטיגע עקאנאמישע פארהעלטניסע געווען פיעל גרעסער. סאי ווי סאי וואלטען געבראכט געווארען אהער בלויז די, וואס מוזען קומען, פרויען און קינדער וועמעס שפייזער געפינען זיך אין אמעריקא און די אנדערע וואלטען געבליבען אין דער היים. די קוואטא האט אלזא ביי די איצטיגע באדינגונגען ווייניג וואס קאליע געמאכט.

וואס שפעטער וועט זיין קען קיינער ניט פאראויסזאגען. זאל די עקאנאמישע לאגע אין אמעריקא זיך באדייטענד פארבעסערען וועט זיכער איינטרעטען אן ענדערונג אין אימיגראציאנס שטראם. דאמאלס וועלען מעהר מענשען ווערען צוגעצויגען צו אמעריקא און די קוואטא באשרענקונגען וועלען ווערען א באדייטענדע שטערונג. נאר דעמאלס קען אויך פאסירען, אז די קוואטא זאל אין גאנצען אפגעשאפט ווערען. שוין היינט קען מען הערען שטימען פון מאנופאקטשורערס און געשעפטסלייט, אז אמעריקא קריגט

ניט גענוג נייע ארבייטער. זאָל נאָר ווערען א גרעסערער פארלאנג אויף ארבייטער און זאָל נאָר דאָס לאַנד דערפיהלען דעם דראַנג פון אינדוסטריעלער אויסשפרייטונג וועט אלץ שטארקער און העפטיגער ווערען די פאָדערונג אריינצולאָזען אלץ מעהר און מעהר פראָדוצירער אנשטאט זיי אויסצושליסען. קיין לאַנד קען זיך ניט שטעלען קעגען די עקאָנאָמישע געזעצען, אזא לאַנד פון שטארקען עקאָנאָמישען וואוקס, ווי אמעריקא, זיכער ניט. מען קען ערווארטען אלזאָ, אז דאָס קוואָטא־געזעץ זאָל דויערען אזוי לאנג ווי עס האַלטען אָן די שלעכטע צייטען. עס איז אפילו מעגליך, אז די שונאים פון אימיגראציע זאָלען אויספיהרען און די קוואָטא זאָל רעדוצירט ווערען צו צוויי פראָצענט אנשטאט די איצטיגע דריי, אויב די צייטען זאָלען נאָך ערגער ווערען. קיין גרויסען אונטערשיד וועט דאָס יעדענפאלס ניט ברייגגען, ווייל ביי ערגערע עקאָנאָמישע באדינגונגען וועט די אימיגראציע סאַי ווי סאַי פאלען פון זיך אליין. ביי גוטע צייטען אָבער און ביי א גרויסער נאָכפראגע אויף ארבייטער וועט מוזען פלאצען די רייף וועלכע די קוואָטא וויל ארומשלאָגען ארום דער אימיגראציע, ווייל, סוף־כל־סוף, קען קיינער ניט רעגולירען אזא מעכטיגע עקאָנאָמישע קראפט ווי אימיגראציע. זי איז שטארקער פון אונז און רעגולירט זיך אליין.

אימיגראנטען קוואטאס

דעם 19טען מאַי פון יאָהר 1921 איז אריין אין קראפט דאָס געזעץ וועגען דער דריי־פּראָצענטיגער קוואָטא פאר אימיגראנטען. דאָס מיינט, אז די צאָהל אימיגראנטען, וואָס קאָן יעהרליך אריינגעלאָזט ווערען אין אמעריקא פון פארשידענע לענדער, זאָל ניט איבערשטייגען דריי פּראָצענט פון די צאָהל אימיגראנטען פון יענע לענדער, וואָס וואוינען שוין אין אמעריקא אין 1910.

לויט דעם דאָזיגען געזעץ קאָנען יעהרליך אריינקומען אין די פאראייניגטע שטאַטען 355,825 אימיגראנטען.

אָט זיינען די קוואָטאָס פאר יעדען לאנד:

עסטרייך	7,444	אימיגראנטען
בעלגיען	1,557	״
טשעכאָ־סלאָוואקיע	14,269	״
דענעמארק	5,644	״
פינלאַנד	3,890	״
פראנקרייך	5,692	אימיגראנטען
דייטשלאַנד	68,039	״
גריכענלאנד	3,286	״
אונגארן	5,635	״
איטאליען	42,021	״
יוגאָסלאוויע	6,405	״
האָלאַנד	3,602	״
נאָרוועגיען	12,116	״
פוילען	26,019	״
מזרח גאליציען	5,781	״
פּאָרטוגאל	2,269	״
רומעניען	7,414	״
רוסלאַנד	34,247	״
שוועדען	19,956	״
שווייץ	3,745	״
ענגלאַנד (יונייטעד קינגדאָם)	77,206	״
ארמעניען	1,588	״
שפּאַניען	663	״

אידישע אימיגראציע אין אמעריקא פאר 30 יאהר, פון 1881 ביז 1910.

פון רוסלאנד — — —	1,119,059	אידען
„ עסטרייך־אונגארן	281,150	„
„ רומעניען — —	67,057	„
„ גרוים בריטאניען -	42,589	„
„ דייטשלאנד — —	20,454	„
„ בריטיש נארד אמע־ריקא — — —	9,701	„
„ טערקיי — — —	5,081	„
„ פראנקרייך — —	2,273	„
אלע אנדערע לענדער	15,436	„
סך הכל — —	1,562,800	אידען

צוועלף שטאטען וואו עס געפינען זיך איבער 90 פראצענט פון די אידען אין די פאראייניגטע שטאטען.

ניו יארק — — — — —	1,603,923	אידען
פענסילווייניא — —	322,406	„
איללינאי — — —	246,637	„
מעסעטשוזעטס — —	189,671	„
אהייא — — — —	166,361	„
ניו־דזשוירזי — — —	149,476	„
מיזורי — — — —	80,807	„
קאנעקטיקוט — — —	66,862	„
קאליפארניא — — —	63,652	„
מערילענד — — —	63,642	„
מישיגען — — — —	63,254	„
אינדיאנא — — —	25,833	„
סך הכל — — —	3,042,524	„

אבשאצונג פון דער אידישער באפעל־קערונג אין ניו יארק לויט בארא'ס

מאנהעטען — — — — —	696,000
בראנקס — — — — — —	211,000
ברוקלין — — — — — —	568,000
קווינס — — — — — —	23,000
ריטשמאנד — — — — —	5,000
סך הכל — — — —	1,503,000

אפשאצונגען פון דער אידישער באפעלקערונג אין אמעריקא.

אפשאצונגען פון דער אידישער באפעל־קערונג אין אמעריקא, וואס זיינען גע־מאכט געווארען אין פארשידענע צייטען.

יאהר	אפגעשאצט פון	צאהל אידען
1818	מרדכי מ. נח — —	3,000
1824	סאלאמאן עטטינג —	6,000
1826	אייזעק הארבי — —	6,000
1840	אמעריקען אלמאנאק	15,000
1848	מ. א. בוירק — —	50,000
1880	וויליאם העקענבוירג	230,000
1888	אייזעק מארקענס —	400,000
1897	דוד סולצבערגער —	937,800
1905	דזשואיש ענסייק־לאפעדיע — — —	1,508,435
1907	אמעריקאן דזשואיש יער־בוק — — —	1,777,185
1910	אמעריקען דזשואיש יער־בוק — — —	2,043,762
1914	ביורא פאר אידישע סטאטיסטיק און פארשונגען — —	2,933,874
1918	ביורא פאר אידישע סטאטיסטיק און פארשונגען — —	3,300,000

צעהן שטעדט וואו עס געפינט זיך די גרעסטע צאהל אידען

ניו יארק — — — —	1,500,000	אידען
שיקאגא — — — —	225,000	„
פילאדעלפיא — — —	200,000	„
קליוולאנד — — —	100,000	„
באסטאן — — — —	77,500	„
באלטימאר — — —	60,000	„
סט. לואיס — — —	60,000	„
פיטסבורג — — —	60,000	„
נוארק — — — —	55,000	„
דעטראיט — — —	50,000	„
סך הכל — —	2,387,500	„

אמעריקאנער שטעדט וואס האבען א אידישע באפעלקערונג פון 1,000 און מעהר.

שטאדט	צאהל אידען
אלבאני, נ. י.	7,000
אלטונא, פא.	1,000
אטלאנטיק סיטי, נ. דזש.	4,000
אטלאנטא, דזשא.	10,000
איווענסוויל, אינד.	1,500
אוקלענד, קאליפ.	5,000
אמאהא, נעב.	10,000
אינדיאנאפאליס, אינד.	10,000
אגוסטא, דזשא.	2,500
אקלאהאמא, אקלא.	1,000
איסט סט. לואיס, איל.	1,000
אירי, פא.	1,500
באלטימאר, מד.	60,000
בענגאר, מע.	1,000
בעי סיטי, מיש.	1,000
בעיאן, נ. דזש.	10,000
בינגהעמטאן, נ. י.	1,500
בורמינגהעם, אלא.	3,500
בלומפילד, נ. דזש.	1,000
באסטאן, מאסס.	77,500
ברעדדאק, פא.	1,600
ברידזשפארט, קאנ.	12,000
בראקטאן, מאסס.	1,500
באפאלא, נ. י.	20,000
ביוט, מאנט.	1,000
גאלוועסטאן, טעקס.	1,100
גרענד רעפידס, מיש.	1,000
גערי, אינד.	1,200
דאללאס, טעקס.	8,000
דעיטאן, א.	4,000
דענווער, קאלא.	11,000
דעמאין, אייאווא	3,200
דעטראיט, מיש.	50,000
דאלאטה, מיננ.	2,300
דזשעקסאנוויל, פלא.	2,000
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.	12,500
דזשאליעט, איל.	1,100
העריסבורג, פא.	4,000
העריסאן, נ. דזש.	1,000
הארטפארד, קאנג.	16,000
הייווערהיל, מאסס.	3,500
האבאקען, נ. דזש.	5,000
האליאוק, מאסס.	1,000
האוסטאן, טעקס.	5,000
וואשינגטאן, ד. ק.	10,000
וואטערבורי, קאנג.	6,000
ווייקא, טעקס.	5,000
וועסט ניו יארק, נ. דזש.	1,500
ווהילינג, וו. ווא.	1,000
ווילקסבאר, פא.	3,000
ווילמינגטאן, דעל.	3,500
ווינטראפ, מאסס.	1,500
וואודביין, נ. דזש.	1,900
ווא סטער, מאסס.	10,000
טאמפא, פלא.	1,000
טאלידא, אהייא	7,500
טאפעקא, קענ.	1,000
טרענטאן, נ. דזש.	7,000
טראי, נ. י.	3,000
טשארלסטאן, ס. ק.	1,900
טשארלסטאן, וו. ווא.	1,000
טשעטענוגא, טענג.	1,400
טשעלסי, מאסס.	13,000
טשעסטער, פא.	1,000
יאנקערס, נ. י.	5,000
יאנגסטאון, א.	5,000
יוטיקא, נ. י.	1,600
לאנקעסטער, פא.	1,400
לארענס, מאסס.	2,000
לינקאלן, נעב.	1,200
ליטל ראק, ארק.	1,500
לאנג ברענטש, נ. דזש.	1,300
לאס אנדזשעלעס, קאל.	18,000
לואיוויל, קענ.	9,000
לאועל, מאסס.	6,000
לינן, מאסס.	7,500
מאלדען, מאסס.	9,000
מעקיספארט, פא.	3,000

ש ט א ד ט	צאהל אידען
מעמפיס, טענג.	7,000
מערידען, קאנג.	1,000
מילוואקי, וויסק.	20,000
מינעאפאלים, מיננ.	15,000
מאביל, אלא.	2,200
מאנטגאמערי, אלא.	1,650
מאונט ווארנאן, נ. י.	3,000
נעשוויל, טענג.	3,000
נוארק, נ. דזש.	55,000
ניו בעדפארד, מאסס.	3,500
ניו בריטיין קאנג.	2,500
ניו בראנזוויק, נ. דזש.	3,000
ניו הייוועז, קאנג.	18,000
ניו לאנדאן, קאנג.	1,000
ניו ארלינס, לואיזיאנא	8,000
ניופארט ניוס, ווא.	2,000
ניו ראשעל, נ. י.	3,000
ניו יארק, נ. י.	1,500,000
נארפאלק, ווא.	5,000
נארוויטש, קאנג.	1,500
סינסינעטי, א.	25,000
סאגינא, מיש.	1,000
סט. דזשאזעף, מא.	3,300
סט. לואיס, מא.	60,000
סט. פאול, מיננ.	10,000
סיילעם, מאסס.	1,500
סאלט לייק סיטי, יוטא	2,500
סאן אנטאניא, טעקס.	3,000
סאן פראנציסקא, קאל.	30,000
סאוואנא, דזשא.	5,000
סקענעקטעדי, נ. י.	3,500
סקרענטאן, פא.	7,500
סיאטל, וואש.	5,000
סיו סיטי, אייאווא	2,500
סאמערוויל, מאסס.	2,000
סאוט בענד, אינד.	2,000
סאוט בעטלעהם, פא.	1,300
סאוט נארוואלק, קאנג.	1,000
ספאקיין, וואש.	1,100
ספרינגפילד, מאסס.	6,000
סטעמפארד, קאנג.	1,500

ש ט א ד ט	צאהל אידען
סטאקטאן, קאל.	1,000
סיראקיוז, נ. י.	12,000
עלענטאון, פא.	1,200
עליזאבעטה, נ. דזש.	5,000
עלמיירא, נ. י.	1,200
על פאזא, טעקס.	1,800
עקראן, א.	2,000
פאסייק, נ. דזש.	6,000
פעטערסאן, נ. דזש.	15,000
פענסאקאלא, פלא.	1,000
פעאריא, איлл.	1,750
פוירטה עמבאי, נ. דזש.	5,000
פילאדעלפיא, פא.	200,000
פיטסבורג, פא.	60,000
פיטספילד, מאסס.	1,500
פליינפילד, נ. דזש.	1,500
פארט טשעסטער, נ. י.	1,000
פארטלענד, מע.	1,000
פארטלאנד, ארע.	2,500
פארטסמוטה, ווא.	8,000
פאקיפסי, נ. י.	1,600
פראווידענס, ר. א.	16,000
פועבלא, קאלא.	1,000
פאל ריווער, מאסס.	7,500
פארט וועין, אינד.	1,650
פארט ווארטה, טעקס.	2,250
קווינסי, מאסס.	1,250
קיימברידזש, מאסס.	8,000
קעמדען, נ. דזש.	2,000
קענטאן, א.	1,000
קליוולענד, א.	100,000
קאלאמבוס, א.	9,000
קאונסיל בלאפס, אייאווא,	1,000
קענזעס סיטי, קענ.	3,500
קענזעס סיטי, מא.	12,000
רעדינג, פא.	1,750
רעווערע, מאסס.	6,000
ריטשמאנד, ווא.	4,000
ראטשעסטער, נ. י.	20,000
שיקאגא, איל..	225,000
שריוופארט, לואיז.	1,500

ציוניזם אין 1922

(אן איבערבליק)
פון י. פישמאן.

דער קלימאקס פון די ציוניסטישע פאליטיק זייט די באלפור דעקלאראציע איז ארויסגעגעבען געווארען, דעם 2טען נאוועמבער 1917, איז ערגרייכט געווארען אין דעם פארגאנגענעם יאהר. נאך אייניגע חדשים פון נערוועזע ערווארטונג און אונגעדולד האט דעם 22טען דזשולאי דער טעלעגראף ענדליך אנגעקינדיגט אין דער גאנצער וועלט, אז דער קאונסיל פון דער פעלקער ליג, וואס איז געווען פארזאמעלט אין לאנדאן, האט ענדליך גוטגעהייסען דעם פאלעסטינא מאנדאט פאר ענגלאנד. צוויי טעג שפעטער, דעם 24טען דזשולאי, איז דער מאנדאט אפיציעל ראטיפיצירט געווארען.

די באשטעטיגונג פון דעם מאנדאט איז געקומען נאך א פעריאדע פון דראנג און שטורם סאי פון די ציוניסטישע פאליטיקער און סאי פון זייערע געגנער. די פאליטישע ארענע פון דעם ציוניזם איז אריבערגעטראגען געווארען אין אמעריקא נאך אנפאנג יאהר. עס האבען זיך געהערט קלאנגען, אז אמעריקא וועט ניט געבען איהר הסכמה אויף דעם מאנדאט איידער זי וועט ניט זיכערן איהרע אינטערעסען אין מעסאפאטאמיען, און ווייל מעסאפאטאמיען און פאלעסטינא געהערען ביידע צו די קלאס „א" מאנדאטען, איז די געשיכטע אביסעל פארפלאנטערט געווארען, וואס אנבאטרעפט אמעריקא'ס צושטימונג.

די אמעריקאנער ציוניסטען האבען אין דער צייט איינגעזעהן, אז איצט איז זייער צייט צו שפילען אביסעל פאליטיק. זיי האבען אויסגענוצט די אנוועזענהייט פון סאקאלאוו און פון לארד באלפור. דער לעצטער איז דא געווען אלס דעלעגאט צו דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ, וואס פרעזידענט הארדינג האט בערופען אין וואשינגטאן. סאקאלאוו איז מיט איהם געשטאנען אין שטענדיגע פערבינדונג פאר דער צייט וואס ער איז געווען אין אמעריקא.

דעם 11טען יאנואר, אין דער צייט ווען עס האט געהערשט אביסעל פעסימיזם אין ציוניסטישען לאגער, האט לארד באלפור אויפגענומען א דעלעגאציע פון אמעריקאנער ציוניסטען מיט סאקאלאוו'ן בראש, און ער האט געגעבען די וויכטיגע ערקלערונג: „איך שטעה איצט אויף דעמזעלבען שטאנדפונקט ווי איך בין געשטאנען אין 1917". ער האט פערזיכערט, אז ענגלאנד וועט ניט ברעכען איהר ווארט צו די אידען, אויב די אידען ווילען נאר אליין טאן זייער פליכט.

דעם 14טען יאנואר האט סאקאלאוו געהאט אן אונטערערדונג מיט פרעזידענט הארדינג, און איהם געגעבען וויכטיגע אויפקלערונגען איבער דעם ציוניזם.

פון דאנען אן האבען די אמעריקאנער ציוניסטען מאביליזירט זייערע כחות אויף דעם פאליטישען פעלד. די ערשטע ערמוטיגונג האבען זיי באקומען פון סענאטאר הענרי קעבאט לאדזש, דער טשערמאן פון דער סענאט קאמיטע איבער אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען. ענדע מערץ האט די לעדזשיסלייטשור פון מאססאטשוזעטס אנגענומען

א רעזאָלוציאָן צום גונסטען פון דעם היימלאַנד. דעמזעלבען מאָנאַט האָט אויך דער נייער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, געדעס, אויפגענומען א ציוניסטישע דעלעגאַציע און איהר געגעבען ווייטערע פערזיכערונגען.

דערווייל האָט קאָנגרעסמאַן האַמילטאָן פיש, א בעקאַנטער אידען־פריינד, פערבאַסט דעם וועג און פאָרגעשלאָגען א פראָ־ציוניסטישע רעזאָלוציאָן אין רעפּרעזענטאַנטען הויז דעם 4טע אפּריל. פיש'ס רעזאָלוציאָן האָט געהאַט א הקדמה, וואָס האָט ערקלערט דעם חוב וואָס די קריסטליכע וועלט איז שולדיג די אידען.

דעם 10טען אפּריל האָט סענאַטאָר לאָדזש, נאָך פילע קאָנפערענצען מיט ציוניסטישע טוער און אויך מיט פּרעזידענט האַרדינג, פאָרגעשלאָגען א קירצערע און מעהר זאַכליכע רעזאָלוציאָן אין סענאַט. סענאַטאָר לאָדזש'עס רעזאָלוציאָן, אויף וועלכע די „האוז" האָט זיך שפּעטער געאייניגט, לויטעט:

באַשלאָסען, אז די יונייטעד סטייטס אָוו אַמעריקאַ איז צום גונסטע פון גרינדען אין פּאַלעסטינאַ די נאַציאָנאַלע היים פאַר דאָס אידישע פאָלק. עס ווערט אָבער קלאָר פאַרשטאַנען, אז קיין זאַך זאָל געטאָן ווערען, וואָס קען שטעלען אין געפאַהר די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכטע פון ניט־אידישע געמיינדע' אין פּאַלעסטינאַ, און אז די הייליגע פּלעצער און די רעליגיעזע געביידען און פּלעצער אין פּאַלעסטינאַ זאָלען געהעריג בעשיצט ווערען.

די רעזאָלוציאָן איז דורכגעגאַנגען איינשטימיג אין ביידע הייזער פון קאָנגרעס. טראָץ דעם, וואָס מאַנכע רעפאָרם ראַבינער זיינען אַרויסגעטראָטען געגען דעם ביי די הירינגס. אין סענאַט איז די רעזאָלוציאָן אָנגענומען געוואָרען דעם 3טען מאי, און אין די „האוז" דעם 1טען דזשולאי. דעם 21טען סעפּטעמבער, א טאָג פאַר ערב ראש השנה, האָט דער פּרעזידענט געגעבען זיין אונטערשריפט אויף דער רעזאָלוציאָן אלס א „נייַ־יאָהרס מתנה פאַר דאָס אידישע פאָלק".

איידער דאָס איז געשעהן, האָט אַמעריקאַ אָבגעשלאָסען א טריטי מיט ענגלאַנד וועגען פּאַלעסטינאַ, לויט וועלכער אַמעריקאַ קריגט דאָרטען גלייכע האַנדעלס געלעגענהייטען מיט אַנדערע לענדער. דיזע טריטי האָט אָבגעראַמט דעם וועג פאַר אַמעריקאַ'ס צושטימונג אויף דער באַלפור דעקלאַראַציע.

אין ענגלאַנד האָט דער ציוניזם אין דעם ערשטען האַלבען יאָהר דורכגעלעבט אַנגסטיגע טעג. די אַראַבער דעלעגאַציע האָט זיך באַראייניגט מיט מאַנכע אַנטיסעמיטישע פּאַרלאַמענט־מיטגלידער און לאָרדען און צוזאַמען מיט דער „מאָרנינג פּאָסט" און אַנדערע רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבען זיי אָנגעפיהרט גרויסע העצעס געגען די ציוניסטען.

דעם 21טען דזשון האָט די לאָרדען־הויז אונערוואַרטעט אָנגענומען אַן אַנטי־ציוניסטישע רעזאָלוציאָן מיט 60 געגען 29 שטימען. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי דער קאָונסיל פון פעלקער ליג האָט אין מאי אויף זיין זיצונג אין זשענעוואַ אָבגעלייגט די גוטהייסונג פון מאַנדאַט ביז דזשולאי, ווייל פראַנקרייך און איטאַליען, ווי אויך דער פּאַפּסט, האָבען געהאַט טענות.

די געגנערישע שטעלונג פון דער לאָרדען הויז איז אָבער באַלד אָבגעווישט געוואָרען דורך דעם, וואָס די האוז אָוו קאָמאָנס האָט דעם 4טען דזשולאי פאַרוואָרפען אַן אַנטי־ציוניסטישע רעזאָלוציאָן, אין וועלכער עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם רוטענ־

בערג פראיעקט צו עלעקטריפיצירען פא־לעסטינא דורך וואסער־קראפט, מיט 292 געגען 35 שטימען.

איידער די דאזיגע ענטשיידענדע אב־שטימונג איז אבער פארגעקומען אין די האוז אוו קאמאנס, האט דער ענגלישער קאלאניאל מיניסטער, טשוירטשיל, ארויסגעגעבען א „וויסען פאפיר" וועגען ענגלאנד'ס פלענער פאר ארץ ישראל. דער הויפט צוועק פון דעם „וויסען פא־פיר" איז געווען צו פארגלעטען דעם איינדרוק פון אן ערקלערונג, וואס דר. וויצמאן האט אמאל געהאט געמאכט, אז „ארץ ישראל מוז זיין אזוי אידיש ווי ענגלאנד איז ענגליש". דער „ווייסער פאפיר" ערקלערט, אז דאס איז אונמעגליך, אבער, אז אידען וועלען קענען זיין אין ארץ ישראל ניט אלס איינגעבעטענע, נאר וויל זיי האבען א רעכט דערצו. אין אלגעמיין קען מען ניט לייקענען, אז דער „ווייסער פאפיר" פערוואסערט אביסעל די באלפור דע־קלאראציע, וויל דארטען ווערט גערעדט פון דעם, אז אידען זאלען קענען ענט־וויקלען אין ארץ ישראל אן אייגענעם „געמיינדען לעבען".

דעם 24טען דזשולאי איז דער נציב העליון, סער הערבערט סעמיועל, אויפ־גענומען געווארען פון פאפסט, אבער דער רעזולטאט פון זייער אונטעררעדונג איז ניט בעקאנט. סעמיועל האט פער־בראכט עטליכע חדשים אין איירא́פא.

גלייך נאך דער בעשטעטיגונג פון דעם מאנדאט, האט דר. וויצמאן איינ־געלאדען אלע גרויסע אידישע ארגאני־זאציאנען צו העלפען בילדען די „אידי־שע איידזשענסי", וואס דער מאנדאט שרייבט פאר. דערווייל איז די ציוניס־טישע ארגאניזאציאן אנערקענט אלס די דאזיגע „אידישע איידזשענסי".

אין איינקלאנג מיט דער דאזיגער איינלאדונג, האט דער ציוניסטישער יאהרעס־קאנפערענץ, וואס איז אפגע־האלטען געווארען אין קארלסבאד פון דעם 25טען אוגוסט ביז דעם 1טען סעפ־טעמבער, ארויסגעשטעלט אויף זיין אגענדא אלס איינע פון די הויפט פונק־טען די איינבערופונג פון א אידישען וועלט־קאנגרעס פאר פאלעסטינא. דער פארשלאג איז דורכגעגאנגען טראץ אפא־זיציאנען פון פוילישע און אנדערע ציו־ניסטען.

אויף דעם יאהרעס־קאנפערענץ האט זיך אויך געהערט שארפע קריטיק דער־פאר וואס דר. וויצמאן און סאקאלאוו האבען אונטערשריבען דעם „ווייסען פא־פיר" פון טשוירטשיל. דאך איז אב־געשטימט געווארען א צוטרויענס וואָ־טום צו די פיהרער.

דער קאנפערענץ האט ארונטערגע־שניטען דעם פאלעסטינא בודזשעט פאר דעם יאהר ביז 785 טויזענד פונט), דא־רונטער שוין 114 טויזענד פונט צו דע־קען דעם דעפיציט פון לעצטען יאהר) אנשטאט וואס דער קאנגרעס האט אין 1921 אבגעשטימט א בודזשעט פון אנ־דערהאלבען מיליאן פונט. די פערקיר־צונג איז געווען נויטיג צוליב דעם, וואס דער קאנגרעס בודזשעט איז ניט געשא־פען געווארען.

אין אלגעמיין קען מען ניט זאגען, אז די בעשטעטיגונג פון מאנדאט האט גע־בראכט די נויטיגע געלד־סומען, וואס זיינען נויטיג דורכצופיהרען די ציוניס־טישע ארבייט מיט ערפאלג. דער חורבן אין איירא́פא האט ווידער געלייגט די גרעסטע געלד פאראנטווארטליכקייט אויף די אמעריקאנער אידען. די קאלאני־זאציאנס און אנדערע עפענטליכע אר־בייטען אין ארץ ישראל, און די אויס־האלטונג פון די חלוצים, איז אינגאנצען אבהענגיג פון דעם קרן היסוד, און דער קרן היסוד איז כמעט אינגאנצען אב־העגגיג פון אמעריקאנער אידען. וועה־

רענד די אמעריקאנער אידען האבען זיך
ווארים אבגערופען, איז אבער דאך דער
רעזולטאט אן ענטטוישונג. אין דער
צייט ווען דער איבערבליק ווערט גע־
שריבען, האט דער אמעריקאנער קרן
היסוד אריינגעבראכט אין מזומן פאר
דער גאנצער צייט זייט די זאמלונגען
זיינען אנגעפאנגען געווארען אין אמע־
ריקא, צווי מיליאן מיט פיר הונדערט
און זעכציג טויזענד דאלאר. פאר דעם
יאהר 1922 וועט אויסקומען אונגעפער
אנדערהאלבען מיליאן דאלאר. עס מוז
קאנסטאטירט ווערען, אז נאר דער אי־
דישער מיטעל־קלאס האט זיך ביז איצט
אפגערופען פאר דעם קרן היסוד, אבער
ניט די אידישע עשירים ווי אויך ניט
דער ארבייטער־קלאס.

דעם צווייטען סעפטעמבער איז די
פאלעסטינא קאנסטיטוציאן אפיציעל
אנגענומען געווארען און דעם עלפטען
סעפטעמבער איז סער הערבערט סעמועל
אפיציעל איינגעשווארען געווארען אלס
האי־קאמישאנער.

אין מיטען אקטאבער, נאכדעם ווי
לאיד־דזשארדזש'עס רעגירונג האט רע־
זיגנירט און אין ענגלאנד האט זיך אנ־
געהויבען א וואהל־קאמף פאר'ן פארלא־
מענט, האבען די אנטי־ציוניסטישע הע־
צערס ווידער באנייט זייער ארבייט מיט
מעהר קוראזש. עס האבען זיך אנגע־
פאנגען געשרייען „ארוים פון פאלעס־
טינא". די „דיילי עקספרעס", וועלכע
ווערט רעדאקטירט פון א גע'שמד'טען
איד, בלומענפעלד, איז ארוים מיט סענ־
סאציעס וועגען דעם „געהיימניספאלען
חיים", וועלכער האלט ענגלאנד אין זיי־
נע הענד, מיינענדיג דר. וויצמאן'ען. די
לייבאר פארטיי האט באשלאסען צו
בלייבען טריי דעם אידישען היימלאנד.

איצט ווערט אבער פארזיכערט, אז
אין פארלאמענט געפינען זיך ניט מעהר
ווי 16 דעפוטאטען וואס זיינען פאר דער
פאליסי, אז ענגלאנד זאל אויפגעבען פא־
לעסטינא. וועהרענד א דעבאטע אין דער
לארדען הויז דעם דרייסיגסטען נאוועמ־
בער, האבען די רעגירונגס פארטרעטער,
דער דיוק אוו דעוואנשייר, לארד בויר־
קענהעד און לארד סאליסבורי ערקלערט,
אז ענגלאנד וועט ניט באהאנדלען אזוי
לייכטזיניג איהרע פארשפרעכענס. בא־
נאר לאא, דער נייער פרעמיער, האט אויך
אין א פאר רעדען באריהרט די ציוניסטי־
שע פראגע און אבוואהל ער האט ניט גע־
געבען קיין קאטעגארישע ערקלערונג, האט
ער דאך געזאגט, אז ענגלאנד שעצט ניט
אזוי גרינג איהרע פארפליכטונגען, ווי
מאנכע געגנער פון ציוניזם ווילען עס
האבען.

דער זיג פון די טערקישע נאציאנא־
ליסטען האט דערוייל אריינגעבראכט ווי־
דער אמאל אביסעל נערוועזיטעט פאר די
ציוניסטען. קעמאל פאשא, דער נייער
דיקטאטאר פון טערקיי, האט נאך קיין
ערקלערונג ניט געגעבען צו ער האט פא־
דערונגען בנוגע ארץ ישראל. עס הערט
זיך אבער, אז ער פרובירט באוועגען די
אידען אין טערקיי, הויפטזעכליך די
ספרדישע, אז זיי זאלען פאדערען דעם
מאנדאט פאר טערקיי. בזכות דעם האט
ער זיי פארשפראכען געוויסע הנחות באר
אידען אין ארץ ישראל. עס הערט זיך,
אז די אידישע קהילות האבען די פאדע־
רונג צוריקגעוויזען. פון דעסטוועגען איז
עס וויכטיג אין דיזער באציהונג וואס חיים
נחום, דער געוועזענער חכם באשי פון
טערקיי און א פריינד פון קעמאל פאשא,
געפינט זיך איצט ביי דער קאנפערענץ
וועגען טערקיי וואס ווערט אבגעהאלטען
אין לאזאן, שווייץ, וועהרענד דער ארטי־
קעל ווערט געשריבען.

די ציוניסטישע פיהרער ערווארטען
ניט, אז דער קאנפערענץ אין לאזאן זאל
ווידער אויפהויבען די פראגע פון פאלעס־
טינא און דער ציוניסטישער דיפלאמאט

סאקאלאוו איז צוליב דעם ניט געפאהרען אויפ׳ן קאנפערענץ. פון דעסטוועגען הערט זיך, אז טשיטשערין, דער פארטרעטער פון רוסלאנד, האט פארשפראכען אן אראבער דעלעגאציע, אז ער וועט אויפהויבען די פראגע פון א פלעביסציט אין פאלעסטינא.

אין ארץ ישראל גופא איז דעם יאהר געווען א צימליך רוהיגער. די אראבער האבען איינינע מאל פרובירט מאכען דעמאנסטראציעס, ווי אן אנטי־מאנדאט סטרייק און א סטרייק געגען דעם צענזוס, אבער די רעגירונג האט דיזען מאל געוויזען א שטארקערע האנד ווי פריהער און פארהעלטניסמעסיג איז געווען רוהיג. דער צענזוס האט באוויזען, אז עס זיינען דא 120,000 אידען און בלויז 400,000 אראבער אין ארץ ישראל. דאס איז אן אנגענעהמע איבערראשונג.

די ארץ ישראל אידען פיהרען אן זייערע אינטערעסען דורך דעם ועד הלאומי וואס איז אנערקענט פון דער רעגירונג, כאטש די רעגירונג וויל נאך דערווייל ניט נאכגעבען דעם באשלוס פון ועד הלאומי, אז ער זאל האבען דאס רעכט צו לייגען שטייער אויף די אידישע איינוואוינער פאר געמיינדע צוועקען.

די פראגע וועגען פרייערע איינוואנדערונג פון אידען אין ארץ ישראל איז נאך דערווייל ניט ערלעדיגט. אין דעם געגענווארטיגען מאמענט קומען פאר אונטערהאנדלונגען צווישען דעם נייעם פאליטישען פארטרעטער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן אין ארץ ישראל, קוירנעל קיש, און דעם האי־קאמישיאנער וועגען גרינגער מאכען די תקנות פאר אימיגראנטען אין ארץ ישראל. דר. וויצמאן איז אויך געגענווארטיג אין ארץ ישראל און האט געהאט איינינע אונטעררעדונגען מיט דעם נציב העליון. דאך זיינען אין דעם פארגאנגענעם יאהר צוגעקומען ארום 15 טויזענד אידען אין ארץ ישראל.

די רוסישע רעגירונג פארפאלגט נאך אלץ די ציוניסטען. זי לאזט איבערהויפט אויס איהר כעס צו די ראדיקאלע ציוניסטען, ווי די צעירי ציון און די פועלי ציון. די לעצטע איז זעהר שוואך אין אייראפא צוליב די פיעלע אבשפאלטונגען אין איהרע רייהען.

אין אמעריקא געהט דער ציוניזם איצט מיט זאכטע אבער פעסטע שריט. די ארגאניזאציאן איז פיעל אבגעשוואכט געווארען דורך דעם וואס די מעהרסטע ארבייטער זיינען אריבער צום קרן היסוד. די לעצטע צייט איז אבער די מיטגלידערשאפט געוואקסען ביז פיערציג טויזענד.

צווישען די ציוניסטען און דער בראנדייס גרופע האלט איצט ביי א פארשטענדיגונג. אויף א קאנפערענץ וואס איז אבגעהאלטען געווארען די לעצטע טעג צווישען די שלום קאמיטעס פון ביידע ארגאניזאציאנען, איז באשלאסען געווארען צו ארבייטען געמיינשאפטליך פאר די רוטענבערג קאנצעסיאן. די פארטרעטער פון דער בראנדייס גרופע האבען ערקלערט, אז עס קען ניט זיין קיין פראגע פון צוריק־קומען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, ווייל זייער ארגאניזאציאן, דער פאלעסטינא דעוועלאפמענט קאנסיל, באשטעהט פון ציוניסטען און ניט־ציוניסטען. דער שלום מיט די געוועזענע פיהרער, האבען זיי ערקלערט, איז א פריוואט זאך.

---

17 טויזענד אידען אין מאזעל

די באפעלקערונג פון מאזעל, דער אויל־דיסטריקט אין מעסאפאטאמיען, וואס ענגלאנד קאנטראלירט איצט, באשטעהט פון 786 טויזענד און איז איינגעטיילט:

אראבער — — — — — —	186,000
קורדען — — — — — —	455,000
טערקען — — — — — —	66,000
קריסטען — — — — — —	62,000
אידען — — — — — —	17,000

אידישע אָרדענס אין אַמעריקא

פון דר. ש. מאַרגאָשעס

1.

מען קאָן זאָגען, אז די אידישע אָרדענס זיינען כמעט אויסשליסליך אן אמעריקאנישע ערפינדונג. כאָטש אידישע אָרדענס עקזיסטירען אויך אין אייראָפּא, איז עס אָבער דאָך א פאַקט, אז אידישע אָרדענס האָבען זיך אנטוויקעלט און זיינען אויסגעוואקסען אלס גרויסע, מעכטיגע און פאָפּולערע אָרגאניזאציעס ערשט אויפ׳ן אמעריקאנער באָדען. די אידישע איינוואנדערער, קומענדיג קיין אמעריקא, האָבען זיך גענויטיגט אין פינאנציעלער שטיצע און שוץ פאַר דער פרעמדער סביבה, אין פריינד און אין א געזעלשאַפטליכען פאַרקעהר. אזוי לאנג ווי זיי זיינען דאָ געווען גאנץ פרעמדע, האָבען זיי געמוזט אָננעמען אָט די אלע נויטיגע זאכען בדרך צדקה פון די עלטערע, לענגער־איינגעזעסענע אמעריקאַנער ברידער. נאָר אזוי באלד ווי די אימיגראנטען האָבען זיך דאָ אָנגעהויבען פיהלען היימישער, האָבען זיי אָנגעפאנגען צו טראַכטען פון פאַרבייטען די אונטערשטיצונג פון פרעמדע אויף אייגענער געגענזייטיגער אונטערשטיצונג. עס האָבען זיך צוערשט געגרינדעט קליינע פאַראייִנען פון לאנדסלייט, וועמענס צוועק עס איז געווען ארויסצוהעלפען איינער דעם אנדערען און ניט לאָזען א לאנדסמאַן אָדער זיין פאמיליע פאַלען צו לאסט דער אלגעמיינער באַפעלקערונג, דערנאָך האָבען די פאַראיינען געשטעלט זיך אנדערע אויפגאבען, וואָס האָבען געהאט צו טאָן מיט׳ן וואוילזיין פון זייערע מיטגלידער. די צרה מיט די דאָזיגע פאַראיינען אָבער איז געווען, וואָס זייענדיג צו קליין, האָבען זיי פיל ניט געקאָנט טאָן פאַר די, וואָס זיינען געווען אָפּהענגיג אָן זיי. צו קאָנען זיך געגענזייטיג אונטערשטיצען, איז נויטיג געוואָרען א גרעסערע פאַראייניגונג, מיט מעהר מענשען און גרעסערע קאַפּיטאלען, און אזוי איז מען געפאלען אויפ׳ן פּלאַן פון אָרדענס. אָדער מעהרערע קליינע פאַראיינען האָבען זיך פאַראייניגט אין איין גרעסערען אָרדען, אָדער איינצעלנע מענשען האָבען צוגעצויגען צו זיך זייערע געזינונגס־גענאָסען און חברים און צוזאמען געגרינדעט אַן אָרדען פאַר דער געגענזייטיגער אונטערשטיצונג און שוץ פאַר אלעמען, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אלס מיטגלידער.

דער אָרדער בני ברית איז געווען דער ערשטער אידישער אָרדען, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין ניו יאָרק אין יאָהר 1843 און איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסליך פון אידישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד. דער צוועק פונ׳ם אָרדען איז געווען הויפּטזעכליך צו העלפען די אידען אין די לענדער וואו זיי זיינען אונטערדריקט, דאָך האָט זיך דער אָרדען באַלד געפונען געצוואונגען אויפצונעמען די אונטערשטיצונג פון אייגענע מיטגלידער, כאָטש ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג איז געגענזייטיגע שטיצע ניט די אָפיציעלע אויפגאַבע פונ׳ם אָרדען.

דער יונייטעד אָרדער אָף טרו סיסטערס, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין 1846, איז שוין געווען אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָגראַם פון

געגענזייטיגער הילף. זייט דעמאָלט זיינען אויסגעוואקסען א סך גרויסע אידישע אָרדענס, הויפּטזעכליך צוזאמענגעשטעלט פון איינגעוואנדערטע אידען פון רוסלאנד, עסטרייך און רומעניען, און אלע אָהן אן אויסנאהם האָבען זיך געשטעלט אלס הויפט אויפגאבע צו פארזיכערען זייערע מיטגלידער און זייערע פאמיליען אין פאל פון טויט, קראנקהייט אָדער אנדערען אומגליק.

די וויכטיגקייט פון די אידישע אָרדענס באשטעהט אבער ניט בלויז אין זייער טעטיגקייט אלס פארזיכערונגס־געזעלשאפטען. זייענדיג דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס, וואו אלע פאראיינסאנגעלעגענהייטען ווערען פא־האנדעלט ביי פאראיינס־מיטינגען, וואו די גאנצע מיטגלידערשאפט באטייליגט זיך, זיינען די אָרדענס געווארען די בעסטע שולען פאר דעמאָקראט׳ע צווישען די איינגעוואנדערטע אידען אין אמעריקא. ביי די לאָדזש־מיטינגען לערענט זיך אויס דער אימיגראנט די כללים פון פארלאמענטארישער פיהרונג, דארט קריגט ער די ערשטע מעגליכקייט אויפצוטרעטען פאר אן עולם און דאָרט געוועהנט ער זיך אויך צו טאָלערירען די מיינונגען פון געגנער און צו רעספעקטירען דעם באשלוס פון דער מאיאריטעט. און נאָך מעהר, דורך די דיסקוסיעס וועגען אלגעמיינע אידישע פראגען וואס ווערען געפיהרט אין די לאָדזשען פון צייט צו צייט ווערט דער לאָדזשען־ברודער ביסלעכווייז אריינגעצויגען אינ׳ם עפענטליכען אידישען לעבען און ווערט פאראינטערעסירט אין וויכטיגע אידישע פּראָבלעמען, אזוי אז די לאָדזש־מיטינג ווערט פארוואנדעלט ניט נאָר אין א דעמאָקראטישע שולע, נאָר אויך אין א אידישע שולע אינ׳ם בעסטען זין פונ׳ם וואָרט. די גרויסע סומען געלט וועלכע די אָרדענס האָבען אין די לעצטע יאָהרען אויסגעגעבען פאר אלגעמיינע אידישע צוועקען האָט נאָך מעהר פארשטארקט זייער ראלע אלס די פיהרענדע ארגאניזאציעס פון די אידישע מאסען אין אמעריקע.

.2

פאראַן אין די פאראייניגטע שטאַטען און אין קענעדע 14 אידישע אָרדענס מיט א מיטגלידערשאפט פון ארום א האלבען מיליאָן און מיט איינקונפטען פון נאָהענט צו אכט מיליאָן דאָלאר א יאָהר, וואס קומט אריין פון מיטגלידער־דיוס. די אכט מיליאָן דאָלאר ווערען אויסגעגעבען פון די אָרדענס אויף בענעפיטס צו מיטגלידער, טויטען־בענעפיטס פון ארום 500 דאָלאר און העכער צו די אלמנות פון מיטגלידער אין פאל ווען מיטגלידער שטארבען, קראנקען־בענעפיט פון זיבען ביז פופצעהן דאָלאר א וואך אין דורכשניט, אין פאל פון קראנקהייט, און אונטערשטיצונגען פון פארשידענע סאָרטען, לאון־פאָנדס ארבייטסלאָזיגקייט־אונטערשטיצונג, סעמעטערים און עהנליכע הילף אין פאל פון נויט און אונגליק. אויסערדעם האלטען נאָך אויס געוויסע אָרדענס אנדערע אנשטאלטען פאר זייערע מיטגלידער. אזוי, למשל, האלט אויס דער ארבייטער רינג א סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע אין ליבערטי, א גאנצע רייהע אידישע שולען פאר די קינדער פון מיטגלידער, א באזונדערען ביכער־פארלאג און א זשורנאל מיט׳ן נאָמען „דער פריינד”. דער נאציאָנאלער ארבייטער פארבאנד אונטערשטיצט די נאציאָנאלע־ראדיקאלע שולען און גרייט זיך בויען א סאניטאריום אין ארץ ישראל. דער אָרדען בני ברית האָט געגרינדעט א גאנצע רייהע בתי יתומים אין דער סאוטה און אין דער וועסט פון די פאראייניגטע שטאאטען. דערצו נאָך זיינען א סך

ארדענס טעטיג אויפ'ן געביט פון אלגעמיינער צדקה און גיבען אוים גרויסע סומען געלדער אויף דער אונטערשטיצונג פון ארימע וואס זיינען ניט פארבונדען מיט זייער ארגאניזאציעס. אזוי, למשל, האט דער אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם בייגעשטייערט ריזיגע סומען צו די פאנדען פאר די מלחמה־ליידענדע, דער ארבייטער־רינג פאר די הונגעריגע סאוויעט־רוסלאנד, דער ארדער בני ציון פאר ציוניסטישע צוועקען, און דער קליינער ארדען פרי סאנס אף איזראעל אויף צוועקען פון בילדונג און אמעריקאניזאציע. פאראן אויך ארדענס מיט באזונדערע געזעלשאפטליכע אידעאלען פאר וועלכע די מיטגלידער ארבייטען אקטיוו און ווערען באזונדערס באשטייערט. דער ארבייטער־רינג שטעהט אויף דער סאציאליסטישער פלאטפארם און געהט האנד און האנד מיט דער סאציאליסטישער פארטיי אין אמעריקא, דער נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד איז פועל־ציוניסטיש און אונטערשטיצט די פועל־ציוניסטישע ארבייט אין לאנד בשעת ווען דער ארדער בני ציון איז א ציוניסטישע ארגאניזאציע און העלפט מיט אלע מיטלען אויפצובויען אן אידישע היים אין ארץ ישראל. די אנדערע ארדענס מיט ווייניג אויסנאהמען האבען באמת אויך אנגענומען דעם ציוניסטישען פראגראם, זיי זיינען אבער ניט אקטיוו באטייליגט אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

די פאלגענדע טאבעלע גיט א גענויען איבערבליק וועגען די צאהל מיטגלידער פון יעדען אידישען ארדען אין אמעריקא, ווען דער ארדען איז געגרינדעט געווארען און וואס עס זיינען זייערע יעהרליכע הכנסות.

טאבעלע פון ארדענס

נאמען פון ארדען	ווען ארגאניזירט	צאהל לאדזשעס	צאהל מיטגלידער	דורכשניט דיוס	איינקונפט פון דיוס יעהרליך
ארבייטער רינג	1900	700	83,000	$15	$1,245,000
אינדעפענדענט ארדער בני ברית	1843	313	35,422	12	425,064
אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם	1887	600	146,000	18	2,952,000
אינדעפענדענט ארדער ברית שלום	1905	294	42,980	20	859,600
אינד. ארדער פרי סאנס אף איזראעל	1849	80	8,429	20	168,580
יונייטעד ארדער טרו סיסטערס	1846	26	8,200	10	82,000
אינדעפענדענט ארדער וועסטערן סטאר	1894	128	17,924	20	358,480
אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד	1912	108	6,100	20	122,000
ארדער ברית אברהם	1859	365	58,000	15	870,000
ארדער בני ציון	1908	101	7,000	20	140,000
ארדער יונייטעד היברו בראדהערס	1915	—	4,132	15	61,980
ארדער נייטס אף דזשאזעף	1896	75	14,556	15	218,340
אינדעפענדענט ארדער סאנס אף דייוויד	1905	—	1,485	25	22,275
אינדעפענדענט ארבייטער רינג	1906	16	5,986	20	119,720
צוזאמען		2806	450,914	16.9 דורכשניט	$7,645,039

3.

ווענגען דער גרויס פון אונזערע אידישע אָרדענס איז אינטערעסאנט צו באַמערקען אז דאָס איז א גרויסקייט וואָס האלט זיך אין פארקלענערען אָנשטאָט וואקסען און ווערען אלץ גרעסער. מיט דער אויסנאַהם פון ארבייטער־רינג האָט קיין אָרדען ניט געמאכט קיין באַדייטענדען פאָרטשריט אין דער צאָהל פון מיטגלידער אין די לעצטע פינף יאָהר. פאַרקעהרט, די גרויסע אלטע אָרדענס זיינען גאָר געגאנגען אויף צוריק, פארלירענדיג טויזענדער פון מיטגלידער. דאָס ערקלעהרט זיך, נאַטירליך מיט דער גרעסערער שטערבליכקייט צווישען די מיטגלידער פון די אלטע אָרדענס אָבער די ערקלעהרונג איז בלויז א טיילווייזע, פיעל מעהר מיטגלידער פאלען אָפּ פון די אלטע אָרדענס ווי עס שטאַרבען אוועק. אין די לעצטע פינף יאָהר האָט דער אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם, למשל, פאַרלוירען ארום 60 טויזענד מיטגלידער, דער אָרדער ברית שלום ארום צעהן טויזענד, דער וועסטערן סטאַר ארום פינף טויזענד און עטליכע אָרדענס זיינען אינגאנצען אונטערגעגאנגען. עס איז ניט מעגליך אז די אלע פארלוירענע מיטגלידער זאָלען האָבען געשטאָרבען אויסער מיר זאָלען אָננעהמען אז א מגפה האָט אויסגעבראָכען אין אמעריקא וועלכע האָט אָנגעריהרט בלויז די לאָדזשען־ברידער.

דער אמת איז אז די סיבה פונ'ם מיטגלידער־פארלוסט פון די עלטערע אָרדענס איז גאָר אן אנדערע ווי דער טויט. לעבעדיגע מיטגלידער פאלען אָפּ צוליב דעם סיסטעם פון די אָרדענס וואָס מאכט עס אונמעגליך פאר פיעלע מיטגלידער ווייטער צו באלאנגען צום אָרדען. אונטער דעם אזוי־גערופענעם „אסעסמענט סיסטעם” וואָס איז איינגעפיהרט אין כמעט אלע אלטע אָרדענס, צאָהלט יעדער מיטגליד, יונג אָדער אלט, דיזעלבע דיוס און ווען א טויטען־פאל פאסירט מאכט מען אן „אסעסמענט” אָדער שטייער אויף יעדען מיטגליד צו דעקען די סומע וואָס מוז אויסגעצאָלט ווערן דער אלמנה אין טויטען־בענעפיט. איז, אז די טויטען־פאלען זיינען ניט גרויס אין צאָהל, איז דער שטייער נאָך צום דערליידען, אז דער אָרדען איז אָבער אלט, באשטעהט פון עלטערע מענשען און די טויטען־פאלען זיינען גרויס אין צאָהל, איז טאקע דער „אסעסמענט” אזוי הויך אז א סך מיטגלידער געפינען עס פאר אונמעגליך איהם צו צאָהלען און זיי פארלאָזען דעם אָרדען. דערפאר נעהמט זיך טאקע דער גרויסער פארלוסט אין דער מיטגלידערשאַפט פון די עלטערע אָרדענס.

צו אָט דער דאָזיגער מכה איז פאראן בלויז איין רפואה, אָפּשאַפען דעם „אסעסמענט סיסטעם” און אָנשטאָט איהם איינצופיהרען וואָס מען רופט די „פראַטוירנאל רייטס”. לויט די פראַטוירנאל רייטס צאָהלט יעדער מיטגליד לויט זיין עלטער, דער יונגערער ווייניגער און דער עלטערער מעהר, וואָס עלטער א מיטגליד ווערט און אלץ גרעסער עס ווערט די געפאהר אז דער אָרדען זאָל דארפען צאָהלען טויטען־בענעפיט צו זיין פאמיליע אלץ מעהר מוז דער מיטגליד אריינטראָגען אין דער קאַסע פונ'ם אָרדען. דאָס האָט שוין ממילא די ווירקונג אז וואָס עלטער דער אָרדען ווערט, אלץ גרעסער ווערט זיין הכנסה פון דיוס און ער דאַרף ניט אָנקומען צו ספּעציעלע שטייערען. פארשטעהט זיך אז דאָס איז ניט תמיד לייכט איינצופיהרען ווייל פאר די עלטערע מיטגלידער ווערען די צאָהלונגען אלץ שווערער אָבער פון דער אנדערער זייט מוז מען אויך געדענקען אז די אינגערע מיטגלידער זיינען אונטער אזא סיסטעם צופרידען צו צאָהלען זייערע דיוס און די אלטע האָבען אויך ניט

קיין סך חשק אוועקצוגעהן פונ'ם אָרדען אויף דער עלטער נאָכדעם ווי מען האָט שוין אזוי פיעל יאָהרען אפגעצאָהלט פאר פארזיכערונג. דער אָרדער, אלזאָ, איז נים אין געפאהר צו פארלירען קיין מיטגלידער.

דעם סוד פון די פראָטווירנאל רייטס האָבען אויסגעפונען די אינגערע אָרדענס ווי דער ארבייטער־רינג און דער אידיש־נאַציאָנאלער ארבייטער־פארבאנד און זיי האָבען איהם טאקע איינגעפיהרט ביי זיך מיט גרוים ערפאָלג. זייט דער איינפיהרונג פון די פראָטווירנאל רייטס איז דער ארבייטער־רינג געוואקסען פון זעכציג טויזענט מיטגלידער ביז איבער אכציג טויזענד. דער אינגערער נאַציאָנאלער ארבייטער פארבאנד האָט אויך געמאכט פאָרטשריט כאָטש ניט אזוי פיעל ווי דער ארבייטער־רינג. די אנדערע אָרדענס, דאָגעגען, וואָס האַלטען זיך נאָך אָן אלטען „אסעסמענט סיסטעם" פארלירען מיטגלידער אין די מאסען און מיזען קוקען מיט מורא אין דער צוקונפט. פאר א סך פון די עלטערע אָרדענס איז שוין אפשר צו שפעט צו ענדערען דעם סיסטעם ווייל זייערע יונגע מיטגלידערשאפט האָט זיי כמעט אינגאנצען שוין פארלאָזען און די אלטע מיטגלידער קענען ניט טראָגען די גאנצע לאסט. אנדערע אָרדענס אָבער קענען נאָך בייטען זייער וועג און פארהיטען זיך אין צייט פונ'ם גורל פון יענע אָרדענס וועלכע האָבען אָדער געמוזט באנקראָטירען אָדער אינגאנצען זיך אויפלעזען. פון אָט דער דאָזיגער ענדערונג אין דער סיסטעם פון צאָהלונגען העננט אָפּ די צוקונפט פון די אידישע אָרדענס אין אמעריקא.

פאַרווײַלונגס־פּלעצער פאַר אונזער יוגענט

פון דר. ש. אָשיצער.

.1

אין ניו יאָרק אליין געפינען זיך ארום 250 טויזענט אידישע יונגע לייט און מיידלאך אינ'ם אלטער צווישען 18 און 25 און מען רעכענט אז אויסער ניו יאָרק זיינען פאראן נאָך א 250 טויזענט. די דאָזיגע פינף הונדערט טויזענט אידישע יונגע לייט און מיידלאך שטעלען מיט זיך פאָר אונזער יוגענט, אונזער שטאָלץ, אונזער גאנצע האָפנונג אויף דער צוקונפט. זיי געפינען זיך אין א געפעהרליכען אלטער, ווען עס איז לייכט זיך אויסצוגליטשען און אראָפּגעהן פון דרך הישר. אהן א ריכטיגער השגחה איז דאָס יונגוואַרג אויסגעזעצט צו אלע געפאהרען וואָס לויערען אויף אונערפארענע אין יעדער גרויסער אמעריקאנער שטאָדט.

די הויפט געפאהר ליגט אין דער פרייער צייט. א גאנצען טאָג איז אונזער יוגענט באשעפטיגט ווער אין דער שול, ווער אין שאָפּ און פאבריק און ווער אין אָפיס, קומט אָבער דער אָוועגט און דער זונטאג לאָזט מען זיך ארוים אויף די גאסען קריגען א שטיקעל פארגעניגען און אונטערהאלטונג. אזוי ווי די טעגליכע ארבייט איז מייסטענס א מעכאנישע, אונאינטערעסאנט און אָפט אָן אונאנגענעהמע, ווילט זיך אוועקלויפען צום צווייטען עקסטרים און געפינען פארגעסענהייט פון די טעגליכע צרות אין ווילדע פארגעניגענס, אויפרעגענדע אונטערהאל־

טינגען און דער אויפברייצונג פון לאנגאונטערדריקטע ליידענשאפטען. און דא שטעהט דער אמעריקאנער קאמערציאליזם פארטיג אנגעגרייט אויסצונוצען דאס זוכעניש נאך פארגעניגען פון אונזער יוגענד אויף וואס פאר עס איז אופן, אבי נאר צו מאכען וואס מעהר געלט ניט אכטענדיג צי דערמיט קומט דער יוגענט צו געזונט אדער מאראלישע שטארקייט. די טאנץ זאאלען ווינקען מיט צוזאגען פון אויפרעגענדע טענץ און פארבארגענע תענוגים. די טעאטערע און מוווינג פיקטשורס זוכען צו קיצלען די נידעריגסטע ליידענשאפטען מיט סצענעס און בילדער פון א נאך־ניט אנטפלעקטען לעבען, די קארטען־טישען לאדען איין צו געווינסען און ווילדער אויפרעגונג — און אונזער יוגער עולם לויפט ווי אנגעצויגען פון א מאגנעט.

„זאג מיר ווי אזוי דו פארברענגסט דיין פרייע צייט און איך וועל דיר זאגען וואס פאר א מענש דו ביסט" — דאס דאזיגע אלטע שפרוך ווארט קען גוט אנגעווענדעט ווערען אויף אונזערע אמעריקאנער אידישע יוגענט. אז ביי אונז מעהרען זיך די פארברעכער צווישען דער יוגענט, אז אונזער פאמיליען לעבען איז ניט מעהר דאס וואס עס איז אמאל געווען, אז ביי אונז פעהלט דער נויטיגער דרך ארץ פון די יונגע פאר די עלטערע און די אלטע קולטור ווערטען אונזערע, קען מען דאס אלץ צושרייבען אויפ'ן חשבון פון דעם סארט פארוויילונגען מיט וועלכער עס אמוזירט זיך אונזער יוגענט אין אמעריקא. דער אמאליגער איינפלוס פון דער היים איז פארשוואונדען, דער חדר און דער בית המדרש האבען אויפגעהערט צו שפילען א ראלע, טא וואס איז א וואונדער אז די השפעה פון דער גאס, פונ'ם דענסינג־האל און פון דער מאווינג פיקטשור טוט מיט אונזער יוגענט וואס איהר געפעלט?

2.

עטליכע פארזוכען ווערען געמאכט צו פארזארגען אונזער אידישע יוגענט מיט אינסטיטוציעס וואו זיי קענען פארברענגען זייער פרייע צייט אויף א נוצליכען אנשטענדיגען אופן אונטער אנגענעהמע באדינגונגען. איבער'ן לאנד זיינען צוזייעט 350 אזעלכע אינסטיטוציעס וועלכע זיינען באקאנט אונטער פארשיידענע נעמען ווי „יאנג ווימענס היברו אסאסיאיישאן", „יאנג מענס היברו אסאסיאיישאן", עדיוקיישאנאל אלייענס, היברו אינסטיטוט און דזשואיש סעטעלמענט. 88 פון די דאזיגע אנשטאלטען האבען זייערע אייגענע געביידען און סופעראינטענדענטס וואס פערוואלטען מיט די פארשידענע טעטיגקייטען פון די אינסטיטוציעס. די מיטגלידערשאפט פון די 350 ארגאניזאציעס איז ארום 150 טויזענד און איז צוטיילט אין 38 שטאאטען. די ארגאניזאציעס גיבען קודם כל א מעגליכקייט די אידישע יונגע לייט און מיידלאך פון דער שטאט אדער שטעטעל זיך צונויפצוקומען אין קלוב־צימערען וואו מען קען אריינקומען אין אווענט און שמועסען, טישלאך זיינען פאראן צו שפילען דאמינא, טשעקערס און שאך. אינטערעסירטע אין ביכער קענען פארברענגען זייער צייט אין קלוב־ביבליאטעק וואו עס געפינען זיך חוץ ביכער אויך די וויכטיגערע צייטונגען און זשורנאלען, פארשידענע יוגענט פאראיינען זיינען דארט פאראן, ספעציעל געגרינדעט צו געבען די יונגע לייט און מיידלאך א געלעגענהייט צו ווערען פאראינטערעסירט אין געזונטע גוטע צוועקען. ספארט פאראיינען, ליטערארישע און דראמאטישע קלובען, סאשעל קלאבס, דאס אלץ ציהט צו די יוגענט און די מיטינגען ווערען גוט באזוכט פון מיטגלידער וועלכע ביי אנדערע באדינגונגען וואלטען געשטאנען ארום די

קאָרנערס. אָפּטע בעלער גיבען דעם יונג־
וואַרג אַ געלעגענהייט צו טאַנצען אונטער
אַ קאָמפּעטענטער אויפזיכט. יום־טוב־
פייערונגען וועקען אויף אַ געזונטען אינ־
טערעס אין אידישע ענינים און פאַרשי־
דענע קלאַסען אין ענגלישע ליטעראַטור,
קונסט און מוזיק ברענגען דעם יונגען
עולם נעהנטער צו דער קולטור פון דער
מענשהייט. אין פיעלע אינסטיטוציעס
זיינען אויך פאַראַן ארבייטס ביוראָס,
דורך וועלכע ארבייטסלאָזע יונגע לייט
קענען קריגען באשעפטיגונג. דאָס אַלץ
בינד צו די אידישע יוגענד צו זייערע
אינסטיטוציעס און פאַרהיט זיי פון׳ם
שעדליכען איינפלוס פון דער גאַס.

די 350 אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראיי־
ניגט אין איין גרויסער קערפּערשאַפט, די
דזשואיש וועלפעיר באַארד, וועלכע פירט
אָן די גאַנצע ארבייט איבער׳ן לאַנד און
העלפט אריינברענגען מעהר סיסטעם און
פּלאַנמעסיגקייט אין אַלע טעטיגקייטען
וואָס האָבען צו טהאָן מיט אונזער אמע־
ריקאַניש אידישער יוגענט. די דזשואיש
וועלפעיר באַארד האָט זיך געגרינדעט אין
דער צייט פון דער מלחמה מיט׳ן צוועק
צו באַזאָרגען די אידישע סאָלדאַטען אין
דער אמעריקאַנער אַרמיי מיט דער גייס־
טיגער אידישער שפּייז אין וועלכער זיי
האָבען זיך גענויטיגט. נאָך דער מלחמה
אָבער האָט די דזשואיש וועלפעיר באַארד
איבערגעטראָגען איהר אינטערעס פון דער
אידישער יוגענט אין דער אַרמעע אויף
דער אידישער יוגענט אין ציווילען לע־
בען. איהר איז געלונגען צו פאַראייניגען
די פאַרשידענע יוגענט אָרגאַניזאַציעס
איבער׳ן לאַנד און צו ווערען די וואָרט־
פיהרערין פון אידישער יוגענט ארבייט
אין אַמעריקאַ.

די דזשואיש וועלפעיר באַארד האָט
קודם כל געזוכט אוועקצושטעלען די אי־
דישע יוגענט אנשטאַלטען אויף אַ זי־
כערען פינאַנציעלען באַזיס. כדי צו דער־
גרייכען איהר צוועק האָט זי פּרובירט
פאַראינטערעסירען די עלטערע און איינ־
פלוסרייכע בעלי בתים אין די פאַרשי־
דענע שטעדט אין די יוגענט אנשטאַלטען.
קאַמפּיינס פאַר מעמבערשיפּס און געלט
זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אין פאַרשי־
דענע געגענדען און איבעראַל זיינען זיי
געווען געקרוינט מיט ערפאָלג. אין פי־
לאַדעלפיאַ איז געשאַפען געוואָרען 900
טויזענט דאָלאַר, אין קענסעס סיטי 160
טויזענט דאָלאַר, סויט נאָרוואָלק, קאָנעק־
טיקוט, מידעלטאַון, ניו יאָרק און טשעס־
טער, פּענסילוויניאַ, האָבען בייגעשטיי־
ערט 25 טויזענד דאָלאַר אַ יעדער. סך
הכל האָט דער דזשואיש וועלפעיר באַארד
געזאַמעלט 12 הונדערט טויזענט דאָלאַר
פאַר אידישע יוגענט אנשטאַלטען אין
משך פון לעצטען יאָהר.

אויסער דער זאַמלונג פון געלטער פאַר
די יוגענט אנשטאַלטען העלפט די דזשו־
איש וועלפעיר באַארד איהרע אינסטי־
טוציעס מיט דעם וואָס זי האָט אויפזעה־
ער וואָס פאָהרען ארום פון שטאָט צו
שטאָט און העלפען ארויס מיט זייער
ערפאַהרונג די קלענערע און יונגערע אָר־
גאַניזאַציעס. חוץ לזה קריגען די אָרגאַ־
ניזאַציעס פון דער וועלפעיר באַארד פאַר־
שידענע פּראָגראַמען פאַר ליטעראַרישע
אָווענטען, דעבאַטען און יום־טוב פייע־
רונגען וואָס זיינען זעהר נוציליך פאַר די
ווייניגער ערפאַהרענע אינסטיטוציעס. די
וועלפעיר באַארד האַלט אויך אויס אַ שו־
לע פאַר סאָשעל וואָרקערס וואו צוקונפ־
טיגע פיהרער פון יוגענט אנשטאַלטען
קריגען זייער נויטיגע בילדונג.

אַן אינטערעסאַנטער פאַרזוך ווערט
אויך געמאַכט פון דעם „פרידלענדער
עדיוקיישאָנאַל קאָנפערענץ פון אידישע
יוגענט אָרגאַניזאַציעס” אונטער דער אָנ־
פיהרונג פון מר. ישראל ס. ציפּקין צו
ציהען די אידישע יוגענט צו

די אידישע אַנשטאַלטען אין ניו יאָרק. דורך אַ באַזונדערן קאַמפּיין איז געמאַכט געוואָרען דער פּרואוו צו פאַר־בינדען די אידישע יונגע לייט מיט די זעקס און אַכציג פאַרשידענע ערציהונגס אינסטיטוציעס אין ניו יאָרק. דער פּרואוו האָט זיך נישט־קשה'דיג איינגעגעבען און איצט זיינען די אַנשטאַלטען רייכער מיט באַזוכער און די יוגענט מיט אַנשטאַל־טען וועלכע מען קען באַזוכען. די זעלבע פרידלענדער קאָנפערענץ האָט אויך אָרגאַנ־זשירט אונטער דער אויפזיכט פון לעה־רער אינסטיטוט פון אידישען טעאָלאָ־גישען סעמינאַר אַ גאַנצע רייהע אָווענט קורסען פאַר דער דערוואַקסענער אידי־שער יוגענט פון ניו יאָרק. די דאָזיגע קור־סען שליסען איין לעקציעס איבער דער העבּעאישער שפּראַך און ליטעראַטור, אידישע געשיכטע, אידישע צייט פראַגען און עהנליכע וויכטיגע אידישע ענינים. די צוציהונגס קראַפט פון די דאָזיגע קור־סען האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין גרויס אין אַ סך אידישע יונגע לייט, וועלכע וואָלטען פאַר אונז פאַרלאָרען גע־גאַנגען, קריגען אַ געלעגענהייט צו ווערען גוטע און נוצליכע מיטגלידער פון ניו אָרקער יודענטום.

אינטערעסאַנט איז אויך די אַרבייט פון דער יאָנג דזשודעא, אַ פאַראייניגונג פון ציוניסטישע יוגענט קלובען. אַהער באַלאַנגען יונגלאַך און מיידלאַך אין אַל־טער צווישען 14 און 18 יאָהר, וואָס ציהגען אַ באַזונדערען אינטערעס צום ציוניזם. אַ שטאַרקע ערציהונגס טעטיג־קייט ווערט אָנגעפיהרט צווישען די מיט־גלידער און קורסען ווערען געגעבען אין אידישער געשיכטע און ליטעראַטור, געאָ־גראַפיע פון ארץ ישראל און ציוניזם. באַ־זונדער געוויכט ווערט געלעגט אויף די פייערונגען פון נאַציאָנאַלע ימים טובים. יאָנג דזשודעא צעהלט איצט מעהר ווי 600 קלאַבס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון העכער פון 12 טויזענד איבער'ן גאַנצען לאַנד.

זעהר ווייניג טוען אויף אויפ'ן געביט פון יוגענט אַרבייט די אידישע שולען און טעמפּלען. מען וואָלט זיך געקאָנט ריכ־טען אַז דוקא די שולען און די טעמפּלען זאָלען ווערען די צענטערען פאַר דער אידישער יוגענט, איז אָבער פאַרקערט, אַז די בעלי הבתים פון די שולען און טעמפּלען יאָגען זיך ניט נאָך נאָך די יונגע לייט אַז די יוגענט לויפט ניט אַהין. די ווייניגע יאָנג פיפּעלס ליגס אָרגאַני־זירט פון די טעמפּלען צעהלען ווייניג מיט־גלידער און האָבען גאָר אַ קנאַפּען איינ־פלוס. וואָס אַנבאַלאַנגט די יוגענט איז, הפנים, די שול שוין אַזוי גוט ווי אויס־געשפּילט.

3.

די אַרבייט צווישען דער אידישער יו־גענט אין אַמעריקא ליידעט פון דריי גרויסע פעהלערען: ערשטענס, פון שוואַכקייט; צווייטענס, פון צופיל אַפּטרופּסות און דריטענס, פון צו ווייניג אידישקייט. די שוואַכקייט קאָן יעדער איינער איינזעהן. פון איבער 500 טוי־זענט אידישע יונגע לייט און מיידלאַך קומען ווייניגער ווי 200 טויזענט אין וועל־כער עס איז באַריהרונג מיט די פאַרשיי־דענע יוגענט אינסטיטוציעס. דער רוב פון די דאָזיגע אינסטיטוציעס פאַרדינען קוים דעם נאָמען, זיינענדיג אָהן וועלכע עס איז מעגליכקייטען צו געבען דער יו־גענט די נויטיגע באַקוועמליכקייטען פאַר אונטערהאַלטונג און ערציהונג. די צרה מיט דער אַפּטרופּסות איז אויך ניט קיין קליינע. די יוגענט האָט ליב ווען מען לאָזט זי זיך אַמוזירען מעהר אָדער ווייני־גער אויף איהר אייגענעם שטייגער, זי האָט פיינט אַז מען מישט זיך צופיל אין איהרע ענינים, אַז ביים טאַנצען, אַז ביי די קלאָב־פאַרזאַמלונגען. אַזוי צו פיה־

רען די ארבייט, אז די יוגענט זאָל זיך פיהלען פריי און אין דער זעלבער צייט זאָל זיין א קאָנטראָל, דערצו נויטיגט זיך זעהר פיל טאקט און דאס איז, ליידער, ניטאָ ביי די מייסטע פיהרער פון די יוגענט־אנשטאלטען. געהט טאקע די יוגענט אוועק אין אזעלכע פלעצער, וואו קיין אויפזיכט איז איבערהויפט ניטאָ און וואו מען קאָן טאָן וואס דאס הארץ גלוסט גאָר. דערצו קומט נאָך צו דער פעהלער פון וועניג אידישקייט. א סך אינסטיטוציעס, ספּעציעל פון דעם יאָנג מענס היברו טיפּ, האָבען גאָר א קנאפּע פארשטענדניש פאר דעם מין אידישקייט, וואס די איינגעוואנדערטע אידען האָבען מיטגעבראכט מיט זיך קיין אמעריקא. די אידישע שפּראך איז ביי זיי טריף, אידישע מנהגים זיינען פרעמד. בכלל ווערט די אידישע פּסיכאָלאָגיע פארלעצט אויף שריט און טריט. דאס מוז זיך נאטירליך אָפּרופען אויף דער באציהונג פון דער אידישער איינגעוואנדערטער יוגענט צו די יוגענט־אנשטאלטען. פאראן אזעלכע אינסטיטוציעס פון וועלכע די אידישע אימיגראנטען יוגענט וויכט מיט א כיון. זיי זיינען ניט צוגעפּאסט צו איהר, זיי זיינען איהר ניט צום הארצען און זי געהט זיך שוין בעסער אוועק דאָרט וואו זי האָט שוין גאָר ניט צו ערווארטען, אז איהרע געפיהלען זאָלען גענומען ווערען אין אנבאטראכט.

דערוויל בלייבט די אידישע יוגענט אין אמעריקא אָהן א גייסטיגען שוץ און איז כסדר אויסגעזעצט צו דעם שעדליכען איינפלוס פון דער גאס, דעם טאנץ־זאל, דער מואווי און דעם ביליגען טעאטער.

אידישע צדקה אין ניו יארק

פון דר. ש. מארגאשעס.

1.

אין דער שטאָדט ניו יארק, מיט אן אידישער באפעלקערונג פון א מיליאָן און א האלב, געפינען זיך תמיד א צאָהל אידען, וועמען דאס גרויס־שטעטיגע לעבען האָט צוגעדריקט צו דער וואנט און וועלכע מוזען אָנקומען צו קהל. מען רעכענט, אז די צאָהל פון אלמנות, יתומים, אומפארזאָרגטע אלטע לייט, קראנקע, פארקריפּעלטע און כראָנישע ארבייטסלאָזע, באטרעפט ארום פופצעהן פּראָצענט פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג. פאר זיי מוז געזאָרגט ווערען, אויב מען וויל ניט, אז זיי זאָלען פאלען צו לאסט דער אלגעמיינער ניט־אידישער בירגערשאפט פון שטאָדט. חוץ דער דאָזיגער מאטעריעלער נויט פון די, וועלכע קענען זיך אליין ניט העלפען, איז אין ניו יארק אויך פאראן א גאנצע רייהע פון גוטע צוועקען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א גייסטיגע נויטווענדיגקייט און וועלכע מוזען געשטיצט ווערען, אויב די אידישע קהלה אין ניו יארק וויל שטעהן אויף א געהעריגער גייסטיגער הויך. עס איז נויטיג, למשל, אויפצופּאסען, אז דער פּראָצענט פון פארברעכער זאָל ביי אונז זיין קליין, אז די אידישע קינדער זאָלען קריגען א גוטע אידישע ערציהונג, אז דער יונגער דור אונזערער זאָל האָבען פאסיגע פּלעצער וואו צו פארברענגען זיין פרייע צייט. מען קען ניט ערווארטען, אז די באטרעפענדע אליין, וועלכע נויטיגען זיך אין אט דער דאָזיגער פארזאָרגונג, זאָלען

טראָגען די קאָסטען פון אלע די טעטיגקייטען. דאָס מוז געטאָן ווערען פון אלע אידען אין ניו יאָרק.

פארשידענע צוועקען אפּעלירען צו פארשידענע מענשען, אזוי זיינען אין ניו יאָרק אנטשטאַנען פארשידענע אידישע צדקה חברות וועלכע האָבען זיך פארנומען מיט כל׳ערליי דברים של צדקה. שפּיטעלער זיינען אויפגעבויט געוואָרען פאר קראנקע, וויזען־הייזער פאר יתומים, אנשטאַלטען פאר אלטע לייט, אונטערשטיצונגס־קאַסען פאר אָרימע — א גאנצע נעץ פון אידישע צדקה־אנשטאַלטען איז אויסגעוואקסען אין ניו יאָרק אין משך פונ׳ם לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט. די צרה מיט די דאָזיגע אנשטאַלטען איז געווען וואָס צווישען זיי האָט ניט עקזיסטירט קיין שום קאָאָרדינירונג פון ארבייט. יעדע צדקה חברה האָט זיך פונקציאָנירט פונקט ווי עס וואָלטען גאָר קיין אנדערע ניט געווען אין שטאָדט. אין איין שטאָדט־טייל זיינען געגרינדעט געוואָרען דריי שפּיטעלער בשעת אין אנדערען טייל האָט זיך ניט געפונען אפילו קיין איינציגער. פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער בויענדיג אויף דער אונוויסענהייט פון איין אנשטאַלט וועגען דער ארבייט פון דער צווייטער, האָבען אָנגעשלאָגען די טירען פון אלע צדקה־אינסטיטוציעס קריגענדיג אונטערשטיצונג פון אלע, בשעת ווען דער אָרענטליכער אָרימאַן האָט געמוזט אויסקומען מיט גאָרניט. אומנויטיגע קאָסטען זיינען געמאַכט געוואָרען אויף טעטיגקייטען וואָס זיינען שוין אָנגעפיהרט געוואָרען אנדערשוואו. קורץ, עס האָט געהערשט אַן אמת׳ער כאָאָס אין דער פארוואלטונג פון אונזערע צדקה־אינסטיטוציעס. נאָר ווי גרויס דער תוהו ובהו איז ניט געווען אין דער פארטיילונג פון צדקה־געלטער איז ער נאָך גרעסער געווען אין דער זאמלונג. יעדע צדקה־אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט זאַמלען געלט פאר זיך אליין. מען האָט אָרגאַנזשירט בעלער, באַזארס, טעאטער־אונטערנעמונגען, אויסגעשיקט שנאָרער־בריף, אויסגעהאַלטען אַגענטען וועלכע האָבען געאַרבייט אויף א קאָמישאָן־באַזיס. דאָס האָט געפיהרט צו א פאָלשטענדיגער דעמאָראַליזאַציע אין צדקה־ענינים. זיבען אינסטיטוציעס פלעגען האַלטען ביי די ארבלען איין אידישען געשעפטסמאַן און ער, דער געשעפטסמאַן, פלעגט ניט וויסען וואָס צו טאָן מיט זיי, ווי:מען גיט מען צו ערשט, ווער פארדינט אין אמת׳ען געשטיצט צו ווערען און ווער ניט. אָפטמאָל פלעגט זיך דער געשעפטסמאַן ארויסדרעהען מיט דער טענה, אז ער האָט שוין געגעבען צו אַן אנדערער אָרגאַניזאַציע און גלויבען האָט מען איהם געמוזט, ווייל קיין קאָנטראָל איז ניט געווען. עס איז באַשאַפען געוואָרען א לאגע, וואו עס האָבען געליטען אי די געשעפטסלייט וואס האָבען געגעבען צדקה אי די אינסטיטוציעס, וועלכע האָבען געזאַמעלט די צדקה־געלדער.

נאָך מיט 15 יאָהר צוריק איז א ניו־יאָרקער אידישען פילאנטראָפּ איינגעפאַלען א געדאנק ווי אזוי צו ענדיגען די דאָזיגע טרויעריגע לאגע און צו שאַפען מעהר אָרדנונג אין די אנגעלעגענהייטען פון אידישער צדקה אין ניו יארק. אין זיין צוואה האָט ה. היינסהיימער איבערגעלאָזט א מיליאָן דאָלאר צו די גרעסערע ניו יארקער אידישע צדקה־אינסטיטוציעס בתנאי, אז זיי זאָלען זיך אלע פאראייניגען אין א פעדעראציע, וואס זאָל רעגולירען אלע זייערע טעטיגקייטען און וועלכע זאָל אָנפיהרען א בשותפות׳דיגע געלד־זאמלונג, אפשאַפענדיג די קאָנקורענץ פון צדקה־בעלער און באַזארען. דער מיליאָן איז פארלאָרען געגאנגען פאר צדקה, ווייל די אידישע צדקה־אנשטאלטען זיינען דאמאָלס נאָך ניט רייף געווען פאר דער אידעע פון א

פעדעראציע. די טענה איז געווען, אז אויב די אידישע צדקה־אָרגאַניזאציעס זאָלען זיך פאראייניגען וועט דאָס אָפּשוואכען די איניציאטיווע פון די אקטיווע מיטגלידער, וועלכע וועלען דאַן ניט האָבען מעהר קיין אייגענעם אינטערעס אין זייערע אנשטאַלטען און דאָס וועט פיהרען דערצו, אז די געלד־אונטערשטיצונג וועט איינגאַנצען אָפּגעשניטען ווערען. מען האָט ארגומענטירט פון דער אנדערער זייט, אז א פעסטע צדקה־פעדעראציע וואס וועט איינשליסען אין זיך אַלע נוצליכע צדקה־אינסטיטוציעס און וועלכע וועט האָבען פּראָמינענטע מענשען אין איהר שפּיץ וועט קריגען דעם צוטרויען פונ'ם אידישען עולם אין אזא גראַד, וואס איז ניט מעגליך פאר קליינע, אונבאוואוסטע אנשטאַלטען און אז מיט דעם וואוקס פון צוטרויען וועלען אויך שטייגען די ביישטייערונגען צו צדקה. עס האָט ניט געהאָלפען. ערשט אין 1917, ווען צדקה־פעדעראציעס האָבען שוין עקזיסטירט אין אנדערע שטעדט און זיך ארויסגעוויזען פאר א גרויסען ערפאָלג, איז געגרינדעט געוואָרען די צדקה־פעדעראציע אין ניו יארק מיט פעליקס מ. ווארבורג בראש. אין משך פון די לעצטע זעקס יאָהר איז דער פעדעראציע געלונגען ניט נאָר אריינצוברענגען מעהר סדר אין דער פאַרוואַלטונג פון די ניו יארקער צדקה־אנשטאַלטען, נאָר אויך מעהר ווי צו פאַרדאָפּלען זייערע הכנסות. קרוב צו הונדערט אידישע צדקה־אָרגאַניזאציעס און אינסטיטוציעס זיינען שוין אָנגעשלאָסען אן דער ניו יארקער צדקה פעדעראציע און ארום צוואַנציג אָן דער ברוקלינער פעדעראציע. כאָטש די קלענערע צדקה־חברות האַלטען זיך נאָך פון דער ווייטענס קען מען דאָך שוין זאָגען, אז מיר זיינען שוין גאָר נאָהענט דערצו, אז מיר זאָלען האָבען אין ניו יארק אזא סיסטעם פון אידישער צדקה, ווי עס פאַסט פאר דער גרעסטער אידישער שטאָדט אויף דער וועלט.

2.

מען קען איינטיילען די פארשידענע ארבייטען אויפ'ן געביט פון אידישער צדקה אין ניו יארק אין צעהן באזונדערע גרופּען:

1. קינדער־פאַרזאָרגונג.
2. אידישע ערציהונג.
3. פאַרבעסערונג פון יונגע פאַרברעכער.
4. פאַרווייַלונג פאר יונגע לייט און מיידלאַך.
5. זומער־טעטיגקייטען.
6. פאַך־ערציהונג.
7. אונטערשטיצונג פאר אָרימע.
8. קראַנקען־פאַרזאָרגונג.
9. פאַרזאָרגונג פון קריפּעלס.
10. פאַרזאָרגונג פון אַלטע לייט.

1. אין דער קלאַסיפיקאַציע פון קינדער־פאַרזאָרגונג ווערען איינגעשלאָסען בתי יתומים און דיי נוירסעריס. פאַראַן אין ניו יאָרק 6 אידישע בתי־יתומים, צווישען וועלכע עס געפינען זיך די בעסטע קינדער־אינסטיטוציעס אין גאַנצען לאַנד. ארום 4,500 קינדער געפינען זיך אונטער'ן שוץ פון די בתי־יתומים. די קינדער קריגען זייער אידישע און אַלגעמיינע ערציהונג אונטער דער אויפזיכט פון קאָמפּעטענטע לעהרער און עס ווערט אויך געזאָרגט, אז זיי זאָלען זיך אויסלערנען א באַשעפטיגונג איידער זיי פאַרלאָזען די אנשטאַלטען. דיי נוירסעריס זיינען פאַראַן 16, וועלכע האָבען פּלאַץ פאר ארום 1,200 קינדער. מאַמעס, וועלכע מוזען געהן ארבייטען, ברענגען אריין זייערע קינדער אין די נוירסעריס, וואו מען האַלט זיי א גאַנצען טאָג, גיט זיי צו עסען און האַלט זיי

אונטער דער אויפזיכט פון א נוירס.

2. אידישע ערציהונג קריגען ארום 65,000 קינדער, וועלכע זיינען צוטיילט אין ארום 700 אידישע שולען. די דורכשניטליכע קאָסטען פון א קינד'ס ערציהונג דורכ'ן יאָהר זיינען ארום 22 דאָלאר. בלויז א העלפט פון די קינדער קענען באצאָהלען דעם פולען שכר למוד, די אנדערע העלפט קריגט אן ערציהונג אויפ'ן חשבון פון קהל. פיער אידישע לעהרער־סעמינאריען ווערען אויסגעהאַלטען צו ערציהען א נייעם דור פון אידישע לעהרער. דערצו זיינען נאך פאַראַן צוויי רבנים סעמינארען אין ניו־יאָרק.

3. די פארבעסערונג פון אונזערע יונגע פארברעכער באשעפטיגט 8 אידישע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוציעס. כאָטש עס איז ניט אמת, אז די צאָהל פון אונזערע פארברעכער איז ניט אזוי גרויס ווי אונזערע שונאים זאָגען איז דאך נויטווענדיג צו טאָן אלץ, כדי די צאָהל זאָל ווערען אלץ קלענער. די אינסטיטוציעס זוכען ערשטענס צו פארהיטען פארברעכען דורך געבען עצות יונגע לייט און הילף ווען נויטווענדיג, צווייטענס, אויפצופאסען אויף די, וועלכע דער געריכט שטעלט אונטער פאראָל, דריטענס, העלפען די וועלכע געפינען זיך שוין אין די פריזאָנס און העלפען זיי צו א נייעם לעבען. אין די צוויי אידישע פראָטעקטאָרים אָדער היימען פאר שלעכטע קינדער געפינען זיך איצט ארום 400 אינגלאך און מיידלאך, וועמען מען זוכט צו ראטעווען פון א פארברעכערישער קאַריערע, אין וועלכער אומשטענדען האָבען זיי אריינגעשליידערט.

4. פאראן אין ניו יארק 250,000 אידישע יונגע לייט און מיידלאך אין אלטער צווישען 14 און 22. אויב מיר ווילען ניט, אז זיי זאָלען זיך חבר'ען מיט די גענגס אויף דער גאס און מיט דער צייט אָננעהמען זיך מיט קרימינעלע טענדענצען, אויב מיר ווילען ניט, אז זיי זאָלען ווערען באזוכער פון טאנצזאאלען פון נידריגען מין, מוזען מיר באזאָרגען זיי מיט פאסיגע פלעצער, וואו זיי זאָלען זיך קענען פארוויילען אין די פרייע שטונדען. כדי צו לעזען אָט דעם פראָבלעם פון דער פארוויילונג פון אונזער יונגען דור זיינען אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען 15 יאָנג מענס היברו און יאָנג וואָמענס היברו אסאָסיאיישאָנס און 7 סעטעלמענטס, יעדע מיט איהר געביידע. אין די דאָזיגע געביידען זיינען פאראן איינריכטונגען פאר פארשידענע שפילען, טענץ, פאָרלעזונגען, מיטינגען, קלאָס־דעבאטען, דראמאטישע און עטלעטישע איבונגען און גלאט אָנגענעהמע צוזאמענקונפטען. קלאסען ווערען אויך געגעבען אין פארשידענע למודים פאר די, וועלכע נויטיגען זיך אין זיי און בכלל ווערט געמאכט א פארזוך אריינצוציהען וואס מעהר פון דער יוגענד און אָפציהען זיי וואָס מעהר פון דער גאס. ארום 100,000 יונגע לייט ווערען אויף אזא אופן געבראכט אונטער א אידישען און אן ערציהערישען איינפלוס. פאר די אנדערע 150,000 איז פשוט קיין פלאץ ניטאָ.

5. פיער זומער־קעמפס ווערען אָנגעפיהרט פאר ארבייטער־מיידלאך און יונגע ארבייטער. די פרייזען זיינען זעהר נידריגע און די באקוועמליכקייטען זיינען זעהר גרויס. אריבער 1000 יונגע לייט און ארבייטער־מיידלאך באנוצען זיך מיט דער געלעגענהייט צו אנטלויפען פון דער שטיקענדיגער שטאָדט אין זומער און לאָזען זיך וואוילגעהן אויף דער שויס פון דער נאטור.

6. פאראן פיער אידישע פאך־שולען וואו קינדער ווערען געלערענט א פראפעסיע. אין די שולען לערענט מען צו ווערען א מאשיניסט, חאלץ־שניצער,

עלעקטרישען, מעכאַניקער, קאַרפּענטער, דרוקער, אינזשיניר, מילינער, עמבראָידערער, סטענאָגראַפער, טייפּיסט און בוכהאלטער. ארום 1500 קינדער קריגען אויף אזא אופן די מעגליכקייט דורכצושלאָגען זיך א וועג אין לעבען און ווערען נוצליכע און אונאבהענגיגע פּראָדוצירער.

7. ארום 80 פאראיינען און אינסטיטוציעס זיינען פאראן, וואס גיבען אונטערשטיצונג צו אָרימע, ניט רעכנענדיג די הונדערטע געגענזייטיגע אונטערשטיצונגס־פאראיינען, וועלכע עקזיסטירען בלויז פאר זייערע אייגענע מיטגלידער. פון די אלגעמיינע אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען איז די גרעסטע די יונייטעד היברו טשאריטיס, וועלכע גיט אונטערשטיצונג צו ארום 5,000 ארימע פאמיליען. רענט ווערט געצאָהלט פאר פאראָרימטע פאמיליען, און געלד ווערט געגעבען אויף שפייז. גרעסערע סומען ווערען אויך אויסגעבאָרגט צו די דאָזיגע, וועלכע ווילען אריין אין אייגענע געשעפטען. פאר ארבייטסלאָזע ווערט געזוכט ארבייט און א יעדער פארזוך ווערט געמאכט צו שטעלען די מקבלים פון צדקה אויף זייערע פיס אזוי שנעל ווי מעגליך. יעדער פאל ווערט גרינדליך אויסגעפאָרשט איידער די אונטערשטיצונג ווערט געגעבען.

8. צוואנציג אידישע שפּיטעלער און דיספּענסעריס דינען די קראַנקע פון ניו יארק. אין די שפּיטעלער איז פאַראן פּלאַץ פאר העכער ווי 2000 בעטען בשעת ווען די דיספּענסעריס ווערען באַזוכט פון ארום 20,000 יעדע וואָך. פון די שפּיטעלער זיינען די גרעסטע מאונט סיני האָספּיטאל און מאָנטעפיאָרע האוּם און האָספּיטאל, וועלכע געהערען צו די בעסטע אנשטאלטען פון דעם מין אין לאנד. ערשט לעצטענס זיינען געבויט געוואָרען עטליכע שפּיטעלער, וואו די פּאציענטען קריגען כשר עסען, אינ׳ם רוב אָבער פון די אידישע שפּיטעלער מוז זיך דער קראנקער באגעהן אָהן כשרות. אלע זיינען זיי פרייע שפּיטעלער, וואו קראנקע ווערען אָנגענומען אָהן געלד, בלויז פּאציענטען אין פּריוואטע צימערען מוזען צאָהלען. אין מאונט סיני האָספּיטאל אליין זיינען דורכ׳ן יאָהר געהיילט געוואָרען איבער 12,000 פּאציענטען אין גאנצען אומזיסט. אין בית ישראל האָספּיטאל ארום 4000, אין די קלענערע שפּיטעלער זיינען די צאָהלען קלענער, נאָר מען שאַצט, אז ארום 30,000 אידישע חולאים ווערען באהאנדעלט אין די אידישע שפּיטעלער פון ניו יארק דורכ׳ן יאָהר. אויסער מעדיצינישער הילף גיבען נאָך עטליכע שפּיטעלער אויך אכטונג אויפ׳ן פּאַציענט נאָכדעם ווי ער געהט ארויס פונ׳ם האָספּיטאל דאדורך וואס נוירסעס ווערען געשיקט אהיים צו זעהן, אז די היגיענישע רעגלען זאָלען אָפּגעהיט ווערען. די סאָשעל סוירוויס אָפּטיילונגען פון די שפּיטעלער שיקען אויך אוועק די חלאים אין ערהאָלונגס־היימען, וואו דער קראַנקער קומט צו זיך נאָך עטליכע וואָכען פון רוה, גוטע קעסט און פרישע לופט.

9. אין ניו יארק געפינען זיך ארום 1,200 אידישער בלינדע מענער און פרויען, ארום 5,000 טויבע און העכער ווי 3,000 שטומע. די דאָזיגע אונגליקליכע נויטיגען זיך כמעט אלע אין א סאָרט ערציהונג, וואס וואָלט זיי גיבען א מעגליכקייט צו מאכען א לעבען פאר זיך און ניט זיין אָפּהענגיג פון אנדערע. זעקס אינסטיטוציעס גיבען זיך אָפּ מיט העלפען זיי קריגען אזא ערציהונג. צוויי אינסטיטוציעס זיינען פאראן פאר די בלינדע, וואו מען לערענט זיי לעזען דורך א ספּעציעלער מעטאָדע, מאכען געוויסע חפצים ביי וועלכע זיי קענען פאַרדינען. צוויי פאראיינען גיבען זיך אָפּ

מיט די טויבע, לערנען זיי אויס באזונ־דערע פראפעסיעס און זוכען פאר זיי אר־בייט. אן עהנליכע ארבייט ווערט געטאן פאר די שטומע, וועלכע מען לערענט אויס די צייכען־שפראך מיט וועלכע זיי קענען זיך פארשטענדיגען מיט זייערע אייגענע. פאראן אויך אן אנשטאלט פאר פארקריפעלטע קינדער, וועלכע קע־נען נים באזוכען די עפענטליכע שולען צוליב זייער שוואכען געזונד.

10. אכט מושבי זקנים געפינען זיך אין ניו יארק, וואו אונפארזארגטע אלטע לייט ווערען אריינגענומען צו פארברענ־גען אין רוה זייערע לעצטע פאר יאהר. ארום 750 אלטיטשקע ווערען פארזארגט אויף דעם אופן. פון די מושבי זקנים זיינען די האומס פון די „דאטערס אף דזשייקאב" און די „האום פאר דהי איידזשעד" די גרעסטע אין ניו יארק.

3.

וואס קאסטען אפ אט די אלע צדקה־טעטיגקייטען אין ניו יארק?

דער בודזשעט פון דער ניו יארקער צדקה פעדעראציע פאר'ן לעצטען יאהר איז געווען דריי און א האלב מיליאן דאלאר, די ברוקלינער פעדעראציע האט אויסגעגעבען א האלבען מיליאן — א קימא לן פון פיער מיליאן דאלאר הוצאות. אויסער אבער די הכנסות, וואס די פארשידענע צדקה־אנשטאלטען קריגען פון דער פעדעראציע קריגען זיי אויך פון זייטיגע קוועלען געוויסע סומען, וועלכע זיי גיבען אויס אויף די ארביי־טען פון די אינסטיטוציעס. אזוי, למשל, קריגען שפיטעלער און בתי יתומים ביי־שטייערונגען פון דער שטאדט־רעגירונג, און תלמוד תורה'ס קריגען שכר למוד פון די קינדער און אז מען רעכענט צו־נויף די אלע געלדער פון אלע קוועלען, וואס די אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן די פעדעראציעס, האבען אויסגעגעבען דורכ'ן יאהר קריגט מען די אימפאזאנטע סומע פון זעקס און א האלב מיליאן דאלאר. דערצו קען מען נאך רוהיג צורעכענען אמווייניגסטענס א גאנצען מיליאן פאר די צדקה־אינסטי־טוציעס, וואס באלאנגען נים צו די פע־דעראציעס, אזוי אז די אונטערשטע שורה פון דער אידישער צדקה אין ניו יארק פאר'ן יאהר באטרעפט נים ווייני־גער ווי זיבען און א האלב מיליאן דא־לאר.

אינטערעסאנט איז ווי די דאזיגע ריזיגע סומע איז צוטיילט געווארען צווי־שען די פארשידענע צדקה־אקטיוויטע־טען. פון יעדען צדקה־דאלאר געהט אויף ארמען־אונטערשטיצונג 25 סענט, אויף קראנקען־פארזארגונג 27 סענט, אויף קינדער־פארזארגונג 13 סענט, אויף פאר־בעסערונג פון פארברעכער 6 סענט, אויף פארוויילונג 12 סענט, אויף פאך־ערצי־הונג 6 סענט, אויף אידישער ערציהונג 6 סענט, אויף פארזארגונג פון קריפעלס 2 סענט, אויף פארזארגונג פון אלטע לייטע 3 סענט.

קומען — קומען די צדקה־געלדער פון 30,000 מנדבים נים רעכנענדיג די, וואס צאהלען צו די אינסטיטוציעס, וואס זיי־נען נים פארבונדען מיט די פעדעראציעס. ארום 16,000 מנדבים גיבען פון 10 דא־לאר ביז 25, 5,000 פון 25 ביז 50 דאל., ארום 3000 פון 50 ביז הונדערט דאל., ארום 3000 פון 100 ביז 200 דאל., ארום 1500 פון 200 ביז 500 דאל., ארום 700 פון 500 ביז 1000 דאלאר, 513 פון טויזענד ביז פינף טויזענד דאל., 38 פון 5000 ביז 10,000 און 23 פון 10,000 דאלאר און העכער.

די ציפערן זיינען, דעם אמת זאגענ־דיג, נים זעהר ערמוטיגענד. ערשטענס איז 30,000 מנדבים אין א באפעלקע־רונג פון א מיליאן און א האלב גאר און גאר א קליינע פראפארציע. עס דארפען

זיין אמוויינינגסטענס 100,000 אידען, וואס זאלען עס באטראכטען אלס זייער חוב צו העלפען טראגען די שווערע לאסט פון אידישער צדקה אין ניו יארק. צווייטענס קען מען זעהן פון די ציפערן, אז די הייפעלע מענשען, וואס גיבען פון 500 דאלאר ביז 10,000 און מעהר גיבען די גרעסערע העלפט פון דער גאנצער סומע, וואס ווערט אויסגעגעבען פון די צדקה־פעדעראציעס דורכ'ן יאהר. דאס איז אן אונגעזונדע ערשיינונג. אידישע צדקה אין ניו יארק וואלט באדארפט זיין באזירט אויף די נדבות פון די גרויסע מאסען און ניט אויף די ביישטייערונגען פון עטליכע רייכע און גוט־הארציגע יחידים. ווי די זאך זאל אבער ניט זיין איז די אידישע צדקה א ריזיגער מאָי־מענט צום אידישען הארץ אין ניו יארק. און די אידען פון ניו יארק פארדינען כשר דעם אלטען אידישען טיטעל פון רחמנים בני רחמנים.

דער מצב פון דער אידישער ערציהונג אין ניו יארק

פון דר. ש. מארגאָשעס.

אין 1880, ערב דער גרויסער אידישער אויסוואנדערונג פון רוסלאנד, האבען זיך אין ניו יארק געפונען 60,000 אידען. היינט־צו־טאג, נאך א גאנצער רייהע פון אימיגראציאנס־כוואליעס פון מזרח־אייראפא, פארמאגט ניו יארק א אידישע באפעלקערונג פון העכער א מיליאן און א האלב — די גרעסטע צאהל אידען וואס האט זיך ווען עס איז אין דער לאנגער אידישער געשיכטע צוזאַמענגעקליבען אין וועלכער עס איז שטאדט אין דער וועלט. דער דאזיגער פענאמענאלער וואוקס האט דעם אידישען קבוץ אין ניו יארק באשאנקען מיט קאלאסאלע כחות, גייסטיגע און מאַטעריעלע, א דאנק וועלכע ער פארנעהמט איצט דעם פראמינענטסטען ארט אין די פעדערשטע רייהען פון די גרויסע אידישע קהילות פון דער וועלט. פון דער אנדערער זייט אבער מוז מען קאנסטאַטירען אז דער שוואמען־וואוקס פון אידישען ניו יארק ווערט באגלייט פון אן אויסערגעוועהנליכער רייכקייט אין פארפלאנטערטע פראגען און אנגעוועהטאגטע פראבלעמען, וועלכע ניט נאר זיי פארהינדערען די ענטוויקלונג פון א נארמאַלען און געזונטען אידישען לעבען אין אמעריקא נאר זיי דראהען מיט'ן סאמען אונטערגאנג פון אידישקייט אין דער גרעסטער אידישער שטאדט אויפ'ן ערד־קוגעל.

פון די דאזיגע פראבלעמען, רעליגיעזע, פילאנטראפישע, אינדוסטריעלע און קולטורעלע, איז דער פראבלעם פון אידישער ערציהונג דער פונדאמענטאלסטער ווייל פון זיין לעזונג הענגט אפ די גאנצע אידישע צוקונפט אין אמעריקא און ממילא שוין די אלע צוקינפטיגע לעזונגען פון די פארשיידענע פראגען, מיט וועלכע די קומענדע דורות אין אמעריקאנער יודענטום וועלען זיך מוזען ראנגלען. עס וואלט זיך דערפאר געלעגט אויפ'ן שכל אז דער דאזיגער פראבלעם זאל קריגען די הויפט אויפמערקזאמקייט אין אונזער קהל'שען לעבען און אין דער פרעסע. דאס אבער איז גאר ווייט פון צו זיין אמת. זעהר ווייניג פון אונזערע כלל־טוער אינטערעסירען זיך בכלל מיט'ן

אידישען חנוך און די פרעסע איז מיס־טענס שטום וועגען גאנצען ענין. אין אידיש איז סך הכל פאראן בלויז צוויי קליינע בראשורען וועגען דער אידישער ערציהונג אין אמעריקא, ח. ליבערמאן'ס „די אידישע ערציהונג אין אמעריקא" און „די אידישע רעליגיאן אין דער נא־ציאנאל־ראדיקאלער ערציהונג", און די דאזיגע צוויי מאגערע העפטען דערצעה־לען זעהר ווייניג וועגען דעם אמת'ען באשטאנד פון דער אידישער ערציהונג אין די פאראייניגטע שטאאטען. אין ענגליש קען מען פון א ים גארניט־זא־גענדע מליצה־ און פראפאגאנדע־ארטיק־לען און בראשורען אויסקלייבען בלויז דריי וויכטיגע ווערק וועגען אידישער ערציהונג. דר. ס. בען־ערלי'ס „פרע־זענט סטאטוס אוו דזשואיש עדיוקיי־שאן", פראפעסאר י. פרידלענדער'ס „דהי פראבלעם אוו דזשואיש עדיוקיישאן אין אמעריקא" און דר. א. דושקין'ס „דזשי־איש עדיוקיישאן אין ניו יארק סיטי". אין העברעאיש געפינט מען א סך מאמרים אודות החנוך, אבער כמעט אלע, חוץ ישראל קנוביץ'ס „מצב החנוך העברי באמריקה", אין לוח אחיעבר שנה א', געהערען זיי צו דעם גוט־באקאנטען טיפ פון מאמר'יסטיק וואו די הויפט־זאך איז די פראזע און די פאקטען — א תפל.

אן אויסערגעוועהנליך־וויכטיגער און קאמפליצירטער פראבלעם פון איין זייט און א שוואכער, ווייניג־באארבייטער פאקטען־מאטעריאל פון דער אנדערער זייט — דאס איז די לאגע, אין וועל־כער מען געפינט זיך, ווען מען נעהמט זיך צו געבען א געטרייעם בילד פונ'ם אמת'ען צושטאנד פון דער אידישער ער־ציהונג אין ניו יארק.

1.

וויפיל אידישע קינדער פון שול־אל־טער, דאס הייסט, אין די יאהרען צוויי־שען 6 און 14 זיינען פאראן אין ניו יארק? ווען מיר דערוויסען זיך זייער צאהל ווייסען מיר די גרויס פון דער אויפגאבע פון דער אידישער ערציהונג אין ניו יארק, ווייל עס איז קלאר אז וויל מען ערציהען א אידיש קינד אידיש מוז מען איהם דערגרייכען אין את די יאהרען צווישען 6 און 14 ווען זיין מוח איז נאך פלאסטיש און ווען די שול קען נאך האבען די גרעסטע ווירקונג אויף איהם. די דאזיגע צאהל אבער איז ניט אזוי לייכט אויסצוגעפינען. די פאלקס־צעהלונג אין אמעריקא רעכענט ניט די באפעלקערונג לויט דער רעליגיע נאר לויט די לענדער פון וועלכע מען קומט, די שפראכען וועלכע מען רעדט, די בא־שעפטיגונגען מיט וועלכע מען פארנעהמט זיך, לויטער סימנים נאך וועלכע עס איז שווער צו דערקענען דעם אידען. די פאבליק סקולס סטאטיסטיקע גיט אויך ניט אן די אידישע אפשטאמונג. קיין אפיציעלע ציפערען וועגען דער גרויס פון דער אידישער קינדער־באפעלקערונג אין ניו יארק זיינען אלזא ניטא.

דאך ווייס מען, אז די צאהל אידישע קינדער אין ניו יארק אין אלטער צווי־שען 6 און 14 באטרעפט ניט ווייניגער ווי 275,000. דער חשבון איז פשוט. נעהמט די צאהל קינדער וואס באזוכען די ניו יארקער פאלקס־שולען פאר און נאך יום כפור און פארגלייכט זי מיט דער צאהל קינדער וואס געהען אין די שולען אין טאג פון יום כפור, וועט איהר אויסגעפינען אז דעם טאג ווען אידישע קינדער באזוכען ניט די פאבליק־סקולס פעהלען אוים ניט ווייניגער ווי 275,000 קינדער. טוט דאס צוויי־דריי יאהר כסדר און איהר וועט זעהן אז די צאהל

איז תמיד כמעט א גלייכע, הייסט עס אַלזאָ אַז איהר האָט זיך ניט אָפּגענאַרט אין חשבון און אַז די אמת'ע סיבה פון דעם אויספעהלען פון די קינדער פונקט אינ'ם טאָג פון יום כפור, איז טאַקע בלויז זייער אידישקייט.

וויפיל פון די 275,000 אידישע קינדער פון שול־אַלטער קריגען א אידישע ערציהונג? אויף דער דאָזיגער פראַגע איז שוין לייכטער צו ענטפערען. מען קען פשוט מאַכען א צעהלונג פון די קינדער אין די פאַרשיידענע אידישע שולען און קריגען זייער צאָהל. אַזאַ צעהלונג איז טאַקע געמאַכט געוואָרען און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די צאָהל פון אַלע אידישע קינדער אין ניו יאָרק וואָס קריגען וועלכע עס איז אידישע ערציהונג, ראַי אין רעגולערע שולען סאַי פּריוואַטע באַטרעפט ניט מעהר ווי 65,000. אין פשוט'ע ווערטער הייסט דאָס אַז פון די 275,000 אידישע קינדער אין ניו יאָרקער שול־אַלטער קריגען בלויז 24 פּראָצינט, אָדער בלויז איינער פון פיר, וועלכע עס איז אידישע ערציהונג. א סך הכל פון 210,000 אידישע קינדער אין ניו יאָרק באַגעהט זיך אין גאַנצען אָהן וועלכען עס איז אידישען איינפלוס בשעת דעם סאַמען וויכטיגסטען אַלטער ווען די שול־השפעה איז אַם שטאַרקסטען.

2.

די 65,000 תלמידים זיינען איינגעטיילט אין אַרום 700 אידישע שולען, וועלכע פאַלען זיך פאַנאַנדער אין זיבען באַזונדערע שול־טיפּען. די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די פאַרשיידענע טיפּען און די צאָהל קינדער וועלכע באַזוכען זיי.

טאַבעלע פון אידישע שולען און זייערע תלמידים.

שול־טיפּ	צאָהל שולען	צאָהל תלמידים
תלמוד תורה'ס	127	31,237
ישיבות (פּאַראָקיעל סקולס)	4	985
פּריוואַט־שולען	9	1,230
חדרים	500	12,000
מלמדים		10,000
זונטאָג־שולען	41	7,951
ראַדיקאַלע שולען	19	2,000
צוזאַמען	700	65,403

די גרעסטע צאָהל תלמידים אַלזאָ, כמעט א העלפט פון אַלע אידישע קינדער וואָס קריגען א אידישע ערציהונג אין ניו יאָרק, באַזוכען די תלמוד תורה'ס. אָבער תלמוד תורה'ס צו תלמוד תורה'ס זיינען ניט גלייך. פון די 127 תלמוד תורה'ס זיינען 67 קהל'שע, דאָס הייסט, פאַרוואַלטעט פון באַזונדערע תלמוד תורה אָרגאַניזאַציעס, 50 וואָס געהערען צו שוהלען און בתי מדרשים און 10 וואָס געפינען זיך אין אַנשטאַלטען, ווי צום ביישפּיל, בתי יתומים, יאַנג מענס היברו אַסס'ן און עהנליכע אינסטיטוציעס. די קינדער, וועלכע באַזוכען די קהל'שע תלמוד תורה'ס האָבען נאָך א שטיקעל מזל ווייל די געביידען זיינען צום מעהרסטען טייל גאָר ניט קשה'דיג, און די סאַניטאַרע פאַרהעלטנישען גאָרניט שלעכט. די אינסטיטוציע תלמוד תורה שטעהען אויך ניט אָפּ אין דיזער הינזיכט. דערפאַר אָבער זאָל זיך איין גאָט מרחם זיין אויף די קינדער וועמעס עלטערען שיקען זיי אין די תלמוד תורה'ס פון די שולען און בתי מדרשים. נעוועהנליך דאַווענט מען אויבען און די קינדער שיקט מען לערנען אין קעלער אונטען וואו עס איז פינסטער און גליטשיג. פון לופט איז שוין אָפּגערעדט. סך הכל לערנען בלויז 18,000 תלמוד תורה קינדער אין מאָדערנע, סאַניטאַרע געביידען, 9,000 קריגען זייער אידישע ערציהונג אין ביליגע, געשטאָפּטע, הול־

צערנע פייער־פאסטקעס, און די איבע־רינע צעהן טויזענד שטיקען זיך אין די קעהלערען וואס געפינען זיך אונטער די שולען און בתי מדרשים.

לאנג האלטען זיך די קינדער אין דער תלמוד תורה ניט. 42 פראצענט, דאס הייסט, באלד א העלפט, פארלאזען די תלמוד תורה איידער א יאהר געהט פארביי קיינמאל ניט אומצוקעהרען זיך צוריק. 14 פראצענט, דאס הייסט איי־נער פון זיבען, בלייבען צוויי יאהר אין דער תלמוד תורה און ניט מעהר ווי זיבען פראצענט, דאס הייסט איינער פון פערצעהן, בלייבט איבער אין דריטען יאהר.

געהן געהט מען אין ת"ת יעדען טאג, אויסער פרייטאג און שבת, און מען לערנט צוויי שעה א טאג. דער סדר הלמוד בא־שטעהט פון העברעאיש, וועלכער למוד פארנעהמט ארום 35 פראצענט פון דער גאנצער צייט וואס מען לערענט, תנ"ך ארום 40 פראצענט, אידישע געשיכטע ארום 10 פראצענט, תפילות און מנהגים ארום 10 פראצענט און ארום 5 פרא־צענט צייט גיט מען אפ צו זינגען אי־דישע לידער. אידיש ווערט געלערענט בלויז אין גאר ווייניגע תלמוד תורה'ס און דארט אויך בלויז אויפ'ן שפיץ מע־סער.

אן אינטערעסאנטער עקספערימענט ווערט אנגעפיהרט מיט ישיבות אויפ'ן אמעריקאנער באדען. קרוב צו טויזענד קינדער באזוכען די דאזיגע שולען, וועל־כע אונטערשיידען זיך פון אלע אנדערע אידישע שול־אנשטאלטען מיט דעם וואס בשעת אלע אנדערע אידישע שולען ווי־לען בלויז דערגענצען די פאבליק סקולס, צוגעבען דעם קינד אידישע ידיעות וועל־כע ער קריגט ניט אין די פאבליק סקולס, שטרעבען די ישיבות אדער ווי מען רופט זיי, פאראקיעל סקולס, אין גאנצען צו פארבייטען די עפענטליכע שולען. אנ־שטאט די צוויי שעה א טאג וואס דאס קינד געהט אין ת"ת, פארברענגט דער תלמיד פון דער ישיבה פינף שעה, אין דער פריה און נאכמיטאג. אין דער דא־זיגער צייט קריגט דער תלמיד אי א וועלטליכע אי א אידישע ערציהונג. פון די וועלטליכע ענינים לערענט ער כמעט אלץ, וואס ווערט געלערענט אין די פאב־ליק סקולס בשעת אין אידישען סדר הלמוד געהען אריין חומש און רשי און גמרא. גאנצע 20 פראצענט פון דעם תלמיד'ס צייט אין די פאראקיעל סקולס געהט אוועק אויף צו לערנען גמרא. די שולען עקזיסטירען שוין א היבש ביסעל יאהרען, נאר די צאהל קינדער זייערע איז נאך אלץ פארשווינדענד־קליין אין פארגלייך מיט דער צאהל פון אידישע קינדער אין ניו יארק. הפנים אז דער פלאן אפצורייסען דאס קינד פון פאב־ליק סקול און ארומרינגלען איהם מיט דער אטמאספערע פון א ישיבה אפעלירט ניט זעהר שטארק צו די אידען פון ניו יארק.

די ניין העברעאישע פריוואט־שולען זיינען געשעפטליכע אונטערנעהמונגען. דער סדר־הלמוד איז עהנליך צו דעם פון די תלמוד תורה'ס. די געביידען זייערע זיינען מייסטענס הילצערנע הייזקעס, די היגיענישע פארהעלטנישען זיינען שלעכט, די דיסציפלין שוואך.

ניט ווייניגער ווי 500 חדרים געפי־נען זיך אין ניו יארק. כמעט אלע פאר־שפרייטען די תורה און גאט ווייס וואס פאר א קראנקהייטען אין פינסטערע לע־כער, קעלערען און געשטאקטע רומקעס. דער סדר הלמוד און די מעטאדען זיינען די זעלבע וואס אונזערע עלטער־זיידעס האבען אריבערגעטראגען אויף זייערע רוקענס אין מזרח־איירא פא, מיט דעם איינציגען אונטערשייד וואס אין אמע־ריקא האט דאס קינד ווייניגער צייט און געדולד ווי אין דער אלטער היים און

דער חדר־איינפלוס קען פאלגליך ניט ווירקען אזוי שעדליך פאר איהם. איבער 12,000 אידישע קינדער, מייסטענס די קינדער פון פריש־אריבערגעקומענע אימיגראנטען ציהען זייער אידישע יניקה פונ׳ם חדר.

חוץ די חדר־מלמדים וואס זיצען זיך אויף איין פלאץ און וואס האלטען זיך, אזוי צו זאגען, זייערע חדר־סטארקעס וואו די קינדער קומען צו זיי, געפינען זיך אין ניו יארק אזוי געוויסע פעדלער־מלמדים, דאס הייסט אזעלכע וואס געהען ארום מיט׳ן סדור פון הויז צו הויז און לערנען מיט קינדער. כמעט זיי פארמעסטען זיך אפט צו לערנען „פון א״ב ביז בר מצוה“, בלייבען זיי געוועהנליך שטעהן ביי א״ב אדער דערפאהרען אמאל ביז עברי מיט׳ן תלמיד. ווייטער געהט מען זעהר זעלטען. מען שאצט אז ניט ווייניגער ווי 10,000 אידישע קינדער לערנען ביי אזעלכע פעדלער־מלמדים.

די זונטאג־שולען אדער סאנדיי־סקולס לערנען אויך אוים די גאנצע תורה אויף איין פוס. דורכשניטליך ווערט אין די סאנדיי־סקולס געלערענט בלויז 35 זונטאגס דורך׳ן יאהר צו צוויי שעה א זונטאג — א קימא לן פון 70 שעה א יאהר. די גרעסטע טייל קינדער באזוכען די סאנדיי־סקולס ניט מעהר ווי צוויי יאהר. הייסט עס, אז אין 140 שעה דארף מען דאס איינקנעלען די גאנצע אידישקייט. אלץ אבער וואס זיי נעהמען מיט מיט זיך פון דער סאנדיי־סקול זיינען עטליכע מעשיות פון תנך, א ביסעל עטיקס פון דזשודאאיזם, און דאס איז דער גאנצער אידישער גייסטיגער באגאזש זייערער.

די ראדיקאלע אדער אידישיסטישע שולען צופאלען זיך אין צוויי גרופען. א) די נאציאנאל־ראדיקאלע שולען ; ב) די ארבייטער־רינג שולען. ביידע זיינען פאראייניגט אין דעם וואס די שפראך, אויף וועלכען די למודים ווערען געלערענט איז אידיש און וואס די אידישע שפראך און ליטעראטור ווערען באטראכט אלס דער הויפט־געגענשטאנד פון סדר־הלמודים. אין אלע ראדיקאלע שולען ווערט אויסגעלאזט דער למוד פון דער אידישער רעליגיע נאר בשעת אין די נאציאנאל־ראדיקאלע שולען איז די באציהונג צו רעליגיעזע מנהגים א מעהר אדער ווייניגער סימפאטישע, איז די באציהונג אין די ארבייטער־רינג שולען א נעגאטיווע. אינ׳ם רוב פון די נאציאנאל־ראדיקאלע שולען ווערט העברעאיש געלערענט אין די העכערע קלאסען בשעת ווען אין די ארבייטער־רינג שולען ווערט העברעאיש אינגאנצען ניט געלערענט. אין אלגעמיין איז די ראדיקאלע שולע אן ערשטער ערנסטער פארזוך צו באפרייען די אידישע ערציהונג פון דער היסטארישער פארבינדונג מיט דער אידישער רעליגיע. ביז איצט קען מען ניט זאגען אז דער פארזוך האט זיך איינגעגעבען. בלויז א גאר קליינע צאהל קינדער געפינען זיך אין די ראדיקאלע שולען פון ביידע ריכטונגען. אויף יעדען קינד וואס באזוכט די ניט־רעליגיעזע אידישיסטישע שולע געפינען זיך מעהר ווי דרייסיג קינדער וואס געהען אין די אלטע רעליגיעזע שול־אינסטיטוציעס.

3.

ווער זיינען אונזערע אידישע לעהרער און וואס פאר א קוואליפיקאציעס פארמאגען זיי?

פאראן פיר טיפען אידישע לעהרער:

א) ד ע ר מ ל מ ד. געוועהנליך איז דאס אן עלטערער איד, אן אימיגראנט, וואס האט זיך דא אין אמעריקא ניט געקענט נעהמען צו עפעס אנדערש, איז ער געווארען א מלמד. טרעפט זיך אז

ער איז געווען אויך א מלמד אין דער היים, נאר מעהרסטען טייל איז ער גאר געווען א קרעמער און האט מיט לעהרעריי קיינמאל ניט געהאט קיין שייכות. צווישען די מלמדים געפינט מען אפט בני תורה, נאר די פראפארציע פון עמי־הארצים איז אויך זעהר הויך. אין בעסטען פאל ווייס דער מלמד וואס צו לערנען אבער בשום אופן ניט ווי אזוי צו לערנען, ווייל פון פסיכאלאגיע און פעדאגאגיע האט ער גאר קיין באגריף ניט בשעת ווען זיין אונוויסענהייט פון ענגליש און פון דעם אמעריקאנער לעבען בכלל פארוואנדעלט פאר איהם דאס אידישע קינד אין אמעריקא אין א סארט רעטעניש וועלכע ער קען קיינמאל ניט פארשטעהן. ב) **דער העברעאישער לעהרער.** דאס איז א יונגערמאן, וועלכער האט זיך אויפגעהאדעוועט אויף דער מאדערנער העברעאישער ליטעראטור, פריה געווארען אויס קלויזניק און גענומען זיך צו השכלה. זיין וועלטליכע בילדונג האט ער זיך ערווארבען פריוואט אהן וועלכען עס איז סיסטעמאטישען אופן. מען קען דערפאר זאגען, אז קיין גרינדליכע וועלטליכע קענטנישען פארמאגט ער געוועהנליך ניט. קיין אמעריקא איז ער געקומען שפעט, שוין אין זיינע צוואנציגער יאהרען, און דא האט ער זיך מייסטענס אפגעגעבען מיט אימיגראנטען־קרייזען אזוי אז די אמעריקאנער השפעה איז אויף איהם ניט זעהר קענטיג. ער רעדט איבערהויפט א קנאפען ענגליש און זיין פארשטענדניש פאר אמעריקא איז ניט זעהר גרויס. גענומען צו אידישער לעהרעריי האט ער זיך טיילוויז אויס אידעאליזם און טיילוויז אויס אפנייגונג צו געהן אין שאפ אריין. לערענט ער מיט אידישע קינדער אין וועמעס הערצער ער וויל איינפלאנצען אידישע אידעאלען, וועמעס פסיכאלאגיע ער פארשטעהט אבער זעהר ווייניג. ער האט זיך קיינמאל ניט אריינגעטאן אינ'ם וועלטעל פונ'ם אידיש־אמעריקאנער קינד און איז איבערהויפט ניט פאכמעניש צוגעגרייט צו לערנען מיט קינדער. ג) **דער אמעריקאנער לעהרער.** ער איז א יונגער מאן אדער א היגער געבוירענער אדער א יונג־אריבערגעקומענער. ער איז א דורכאויס־אמעריקאניזירטער און א גראדואירטער פון א היגען קאלעדזש. דאס אמעריקאניש־אידיש קינד קען ער אויסגעבונדען; איז ער דאך אליין אויסגעוואקסען אויף דער אמעריקאנער ערד. דערצו האט ער א פאכמענישע פארבערייטונג צו לעהרעריי. ער האט שטודירט פעדאגאגיק און פארשטעהט די נשמה פונ'ם קינד אויסגעצייכענט. זיינע אידישע ידיעות אבער זיינען שוואך. די תלמוד תורה, וועלכע ער האט באזוכט, האט איהם קיין סך ניט אויסגעלערנט. ער איז פרעמד אין דער העברעאישער ליטעראטור, אין דער אלטער ווי אין דער נייער, כאטש רעדען רעדט ער העברעאיש ניט שלעכט. ער ווייס ווי אזוי צו לערנען, אבער ער איז ניט זיכער אז ער ווייס וואס צו לערנען. ד) **דער אידישיסטישער לעהרער.** דער דאזיגער טיפ איז א פנים חדשות אין דער אידישער לעהרער־משפחה. ער איז ערשט צוגעקומען מיט דריי־פיר יאהר צוריק ווען די ראדיקאלע שולען־באוועגונג האט זיך גענומען פארשפרייטען. געוועהנליך איז דאס א יונגערמאן מיט אמביציעס צו ווערען א אידישער שרייבער, אדער א מיידעל מיט ליטערארישע נייגונגען. קיין אלגעמיינע בילדונג האבען זיי ביידע ניט, קיין פעדאגאגישע פארבערייטונג אויך ניט, מעהר ניט זיי פארשטעהען די אידישע ליטעראטור און האבען א גרויסע ליבע צו איהר. דאס גלויבען זיי איז גענוג.

קומט אויס, הייסט עס, אַז די וואָס ערציהען אונזערע אידישע קינדער האָבען גאָר שוואכע קוואַליפיקאַציעס אויף צו זיין ערציהער און אַז אויב מיר ווילען אַז אונזערע קינדער זאָלען טאַקע קריגען אַן אמת'ע אידישע בילדונג מוזען מיר האָבען בעסער קוואַליפיצירטע לעהרער. דער „באָארד אָוו לייסענס" פון דער אגודת המנהלים פון אַלע תלמוד תורה'ס פּרובירט איצט איינפיהרען אַ בעסערע אָרדנונג צווישען די תלמוד תורה לעהרער מיט דעם וואָס יעדער לעהרער וואָס וויל אָנהאַלטען זיין שטעלע מוז אָפּלעגען אַן עקזאַמען פאַר דער באָארד און קריגען זיין לייסענס. מען גיט דעם לעהרער אַ געוויסע צייט זיך פּאַרצוברייטען פאַר'ן עקזאַמען און דער לעהרער מוז זעהן צו קריגען אַם ווענינגסטען אַ מינימום פון ידיעות. דאָס איז גאַרניט קיין שלעכטער פּלאַן אָבער איינגאַנצען לעזען דעם לעהרער־פּראָבלעם קען דאָס ניט ווייל קיין מענש קען פּלוצלונג ניט ווערען קיין געבילדעטער מענש ווייל דער אָדער יענער באָארד פּאָדערט עס. כדי אויפצוהויבען דעם גייסטיגען מצב פון די לעהרער אין די אידישע שולען פאָדערען זיך לעהרער־סעמינאַרען וואו די לעהרער זאָלען קענען קריגען די נויטיגע בילדונג.

אזעלכע לעהרער־סעמינארען זיינען אין ניו יאָרק פאַראַן דריי. א) דער לעהרער־סעמינאַר פון אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר וואו אַ דריי־יעהריגער קורס ווערט געגעבען וואָס שליסט אין זיך איין אַזעלכע למודים ווי העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, אידישע געשיכטע, אידישע רעליגיע און פילאָזאָפיע און די טעאָריע און פּראַקטיק פון פּעדאַגאָגיע. ב) דער לעהרער־סעמינאַר פון מזרחי, וואו מעהר געוויכט ווערט געלעגט אויפ'ן שטודיום פון תלמוד און די מפרשים. ג) דער אידישער לעהרער־סעמינאַר וואו דער קורס שליסט איין אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, אידישע און אַלגעמיינע געשיכטע, סאָציאַלע וויסענשאַפטען, פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיע.

אין די אַלע דריי לעהרער־סעמינאַרען געפינען זיך אַרום 200 תלמידים, פון וועלכע פילע וועלען ווערען נוצליכע לעהרער. אין די שולען גופא זיינען פאַראַן ניט מעהר ווי 1,000 לעהרער, ניט רעכענענדיג די מיידלאַך וואָס לערנען אין די סאַנדיי־סקולס פאַר וועמען לעהרעריי איז ניט קיין פּראָפעסיע און די פעדלער־מלמדים, ביי וועמען לעהרעריי איז סוף־כל־סוף נאָר אַ נעבען־באַשעפטיגונג. און פון די דאָזיגע 1,000 לעהרער ווערט אויך אַלע וויינינגער. ווער עס קען, נעהמט זיך צו אַן אַנדער מלאכה, ביי וועלכער מען קען מאַכען אַ לעבען. דער דורכשניטליכער לעהרער אין אַ אידישער שול קריגט אַרום 900 דאָלאַר אַ יאָהר און דאָס איז ווייט ניט גענוג צו האַלטען דעם לעהרער צוגעבונדען צו זיין פּאָסטען. אמת, אַ סך לעהרער געברויכען זייער פרייע צייט אויף קליינע פאַרדינסטלאַך, אָבער אָט די קליינע פאַרדינסטען טאַקע רייסען ביסלאַכווייז אָפּ דעם אידישען לעהרער פון זיין ארבייט ביז ביי דער ערשטער געלעגענהייט פאַרלאָזט ער די אידישע לעהרעריי אין גאַנצען.

4.

די אידען פון ניו יאָרק, לויט אַ גענויען חשבון, קאָסט אָפּ די אידישע ערציהונג פון זייערע קינדער די סומע פון אַ מיליאָן און פיר הונדערט טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר. די צרה מיט דער דאָזיגער סומע איז אַ דאָפּעלטע: אי זי איז ניט גרויס גענוג אין פאַרגלייך מיט'ן פאַרנעהם פון'ם אידישען ערציהונגס־פּראָבלעם, אי די רעזולטאַטען וואָס מען

קריגט פאר דער סומע, זיינען צו־קליין. די נייע טענדענצען אין דער אידישער ערציהונג האבען דערפאר פאר זיך א דאָפּעלטען ציעל. ערשטענס, אזוי צו אָרגאַניזירען די איצטיגע אידישע שולען, אז מיט דיזעלבע געלט־מיטלען זאָל געשאַפען ווערען א בעסערע אידישע שול־סיסטעם, און, צווייטענס, צו באשאפען די געלט־מיטלען אויף צו בויען נייע שולען פאר די קינדער, וועלכע זיינען איצט אויסער וועלכען עס איז אידישען איינפלוס. פון די צוויי צוועקען האט דער ערשטער צו טאָן מיט שול־אָרגאַניזאציע און טעכניק, דער צווייטער — מיט פינאנס.

„די ביורא פון אידישער ערציהונג“ האט זיך אונטערגענומען צו לעזען דעם פּראָבלעם פון שול־אָרגאַניזאַציע און פּעדאַגאָגישער טעכניק. זי זאמעלט מאַטעריאל וועגען דעם צושטאנד פון דער אידישער ערציהונג, זי פאָרמולירט, צוזאַמען מיט די לייטער פון די פארשידענע שולען, דעם סדר־הלמוד, זי גיט ארויס שול־ביכער, זי פאַרבארייטעט מעטאָדען פאר די לעהרער, — קורץ, זי זוכט אריינצובריינגען מעהר וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, מעהר ערפאהרונג און פאך־קענטניש אין די פארפלאָנטערטע און פארנאַכלעסיגטע פארהעלטנישען פון די אידישע שולען אין ניו יאָרק. „די אידישע ערציהונגס־געזעלשאפט“ האט זיך פון איהר צד געשטעלט אלס ציעל אויפצואוועקען דעם אידישען עולם אין ניו יאָרק, הויפּטזעכליך דעם וואוילהאבענדען טייל, צו דער נויטווענדיגקייט פון פארזאָרגען יעדען אידישען קינד אין ניו יאָרק מיט אן אידישער ערציהונג. אויב די אידען אין ניו יאָרק ווייסען, אז זיי מוזען אויסגעבען מיליאָנען דאלאר יעדען יאָהר אויף אויסצוהאלטען אידישע שפּיטעלער, פארוואָס קען מען זיי אויך ניט אויסלערנען צו פאַרשטעהן, אז זיי מוזען פונקט אזוי גוט אויסגעבען מיליאָנען יעדען יאָהר, כדי צו דערהאלטען ביי זייער אידישקייט די אידישע קינדער פון דער גרעסטער אידישער שטאָדט אין דער וועלט? פון דעם ערפאָלג פון אָט די דאָזיגע צוויי באַוועגונגען הענגט אָפּ דער צוקונפטיגער גורל פון דער אידישער ערציהונג אין ניו יאָרק.

אידען אין אינדיע.

איבער 2000 יאָהר וואוינען אידען אין אינדיע, לעבען אין פרידען מיט זייערע שכנים. האָבען קיינמאָל ניט געליטען פון פארפאָלגונגען מצד די רעגירונגען, וואָס האָבען זיך אין די 20 יאָהרהונדערטע געביטען, און ניט פון די אנדערע איינוואוינער אין לאַנד.

דאָס איז דער תמצית פונ'ם באריכט, וואָס דער פּאָרזיצענדער כאן סאהעב האָט אויף דער 5טער יעהרליכער קאָנפערענץ פון איזראעליטישען פארבאנד אין אינדיע, אָפּגעגעבען.

דער צוזאמענפאַהר פון אידישע פארטרעטער פון גאַנץ אינדיע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דער שטאָדט פונא.

די ביבעל אין 550 שפּראַכען.

אויף דער יעהרליכער פארזאמלונג פון די בריטישע און אויסלענדישע ביבעל געזעלשאפטען, וואָס איז פאָרגעקומען לעצטען יאָהר, איז באריכטעט געוואָרען, אז די ביבעל איז איצט איבערזעצט אויף 550 שפּראַכען. אויף דער לעצטער ביבעל ליסט זיינען צוגעקומען צוועלף נייע שפּראַכען, דארונטער זעקס אפריקאנישע.

די אמעריקאנער רעגירונג

די קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען, וועלכע איז געשאפען געווארען 1787 פון דער פעדעראלער קאנווענשאן און באשטעטיגט געווארען דעם 4טן מערץ אין דעם יאהר 1789 פון אמעריקאנישען קאנגרעס, האט אויפגעבויט די רעגירונג פון דער רעפובליק אויף 2 גרונד יסודות: דער ערשטער גרונד יסוד איז — דער פעדעראלער פרינציפ; דער צווייטער איז — די צוטיילונג פון דער רעגירונגס מאכט.

דער פעדעראלער פרינציפ באדייט: די פאראייניגטע שטאטען בילדען פון איין זייט א בונד פון זעלבסטשטענדיגע (אויטאנאמישע) שטאטען. די איינצעלנע שטאטען האבען זיך ניט אויפגעלייזט, נאר זיי זיינען פארבליבען זעלבסטשטענדיגע קערפערשאפטען; זיי האבען נאר א טייל פון זייערע רעגירונגס טעטיגקייטען און רעכטען (פונקציאנען) איבערגעגעבען צו דער פעדעראלער (נאציאנאלער) רעגירונג. פון דער צווייטער זייט באדייט עס, אז די דאזיגע פעדעראלע (נאציאנאלע) רעגירונג איז פאר זיך אליין א פעסטע רעגירונגס-קערפערשאפט; אין די ראהמען, וואס זיינען אנגעצייכענט געווארען איז זי זעלבסטשטענדיג, אומאבהעננגיג. פון איין זייט אונטערשיידט זיך די פעדעראלע רעגירונג פון א צענטראליזירטער רעגירונג, וואו דאס גאנצע פאליטישע לעבען געהט ארויס פון איין צענטער; פון דער צווייטער זייט אונטערשיידט זי זיך פון א קאנפעדעראציע, וואו די איינצעלנע שטאטען האבען די גאנצע דעה.

דער צווייטער פרינציפ פון דער צוטיילונג פון דער פעדעראלער רעגירונגס־מאכט (און דערזעלביגער פרינציפ איז אויך געלייגט געווארען אלס גרונדלאגע פאר די איינצעלנע שטאטען אין זייערע קאנסטיטוציעס) באשטעהט אין פאלגענדעם: די רעגירונגס מאכט איז צוטיילט אויף דריי טיילען: 1) די געזעצגעבענדע (לעדזשיסלייטיוו), 2) די געזעצ־אויספיהרענדע (עקזעקוטיוו) און 3) געזעצ־אויסטייטשענדע (דזשודישיעל).

דער קאנגרעס

די געזעצגעבענדע מאכט פון די פאראייניגטע שטאטען ליגט אין די הענט פון קאנגרעס. דער קאנגרעס באשטעהט פון צוויי הייזער: דאס אויבער־הויז (סענאט) און דאס דעפוטאטען־הויז (האוז אָוו רעפרעזענטאטיווס).

די דעפוטאטען (קאנגרעס־לייט) ווערען ערוועהלט דירעקט פון פאלק אויף א משך פון צוויי יאהר. אום צו קאנען ערוועהלט ווערען אלס קאנגרעסמאן (דעפוטאט), מוז מען זיין אלט װעניגסטענס 25 יאהר און וועניגסטענס 7 יאהר א בירגער און וואוינען אין דעם סטייט, פון וועלכען מען ווערט געוועהלט. די צאהל פון די קאנגרעסלייט באשטימט דער קאנגרעס יעדעס מאל נאך א פאלקסציהלונג (צענזוס) אויפ'ן גרונד פון דער דאזיגער פאלקסציהלונג.

דער קאנגרעס באשטעהט איצט פון 435 מיטגלידער. דער פרעזידענט פון קאנגרעס ווערט אנגערופען דער ספיקער און ער פארנעמט א וויכטיגען אמט. ער באשטימט קאמיטעטען, באשליסט ווער

עס האָט דאָס רעכט צו ריידען און גיט זיין ענטשיידונגס־שטימע אין פאַל אַ פּראָיעקט האָט דיזעלבע צאָהל שטימען פאַר און געגען.

דער געהאַלט פון אַ קאָנגרעסמאַן איז 7500 דאָלאַר אַ יאָהר מיט באַהנגעלד פון זיין וואוינונגס פּלאַץ. דער ספּיקער (פאָרזיצענדער פון קאָנגרעס) באַקומט 12,000 דאָלאַר אַ יאָהר געהאַלט.

דער סענאַט באַשטעהט פון צוויי מיטגלידער פאַר יעדען שטאַט, אָהן אונטערשייד צו די שטאַטען זיינען גרויסע אָדער קליינע. די סענאַטאָרען ווערען אויך ערוועהלט דירעקט פון פאָלק. אַזוי ווי מיר האָבען 48 סטייטס, זיינען איצט דאָ 96 סענאַטאָרען. דאָס געהאַלט פון אַ סענאַטאָר איז 7500 דאָלאַר אַ יאָהר מיט באַהן געלד פון זיין וואוינונגס פּלאַץ, 20 סענט פּער מייל.

אום צו קאָנען ערוועהלט ווערען פאַר סענאַטאָר, מוז מען אַלט זיין ווענינסטענס 30 יאָהר, זיין ווענינסטענס 9 יאָהר אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַטען און וואוינען אין דעם זעלביגען שטאַט פון וועלכען מען ווערט געוועהלט.

דער קאָנגרעס מוז זיך צוזאַמענקומען ווענינסטענס צו איין זיצונג דעם ערשטען מאָנטאַג אין מאָנאַט דעצעמבער.

יעדער געזעץ־פּראָיעקט (ביל), אום צו ווערען אַ געזעץ, מוז אָנגענומען ווערען פון ביידע הייזער (פון קאָנגרעס און סענאַט) און דאַן באַשטעטיגט און אונטערגעשריבען ווערען פון פּרעזידענט. אויב דער פּרעזידענט ווייזט צוריק (וועטירט) אַזאַ ביל, דאַן געהט דער ביל צוריק צום קאָנגרעס. און אויב ביידע הייזער (דער קאָנגרעס און סענאַט) נעמען דעם ביל פון דאָס ניי אָן מיט אַ צוויי דריטעל מאַיאָריטעט, ווערט עס אַ געזעץ אויך אָהן דער באַשטעטיגונג פון פּרעזידענט.

דער קאָנגרעס האָט פאָלגענדע רעכטען: באַשטימען טעקסעס (שטייערן), ערקלעהרען קריג, מאַכען רעגירונגס הלואות, באַשטימען געזעצען וועגען דעם, ווי צו ווערען אַ בירגער (נאַטוראַליזיישאָן), אַרויסצולאָזען געלד, איינצופיהרען פּאָסט־אַמטען און פּאָסט־וועגען, רעגולירען דעם האַנדעל, און העלפען דעם פאָרטשריט פון וויסענשאַפט און נוציליכע קונסטען (דאָס אַרויסגעבען פּאַטענטען און דרוק־רעכטען), דורכצופיהרען געזעצען, וואָס זיינען פּאַסיג און נוצליך פאַר דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

אויפ'ן גרונד פון די דאָזיגע פּונקטען האָט די פעדעראַלע רעגירונג מיט דער צייט גאַנץ ווייט אויסגעשפּרייט איהר מאַכט און איבערגענומען אַ סך פונקציעס, ווי צום ביישפּיל, די גאַנצע אימיגראַציאָנס אַדמיניסטראַציע, דאָס רעגולירען פון דעם צווישען שטאַט האַנדעל (אינטערסטייט קאַמערס) און נאָך אַנדערע פונקציעס.

פּרעזידענט און קאַבינעט.

די אויספיהרענדע (עקזעקוטיווע) מאַכט פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען ליגט אין די הענד פון פּרעזידענט. דער פּרעזידענט און וויס־פּרעזידענט ווערען אויסגעקליבען אויף 4 יאָהר פון וואַהל־מענער (עלעקטאָרס), וועלכע ווערען ערוועהלט פון די בירגער. זייער צאָהל איז גלייך צו דער צאָהל פון סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט צוזאַמען, צו וועלכער יעדער שטאַט איז באַרעכטיגט. נאָר די וואָס זיינען אַלט 35 יאָהר און זיינען געבאָרען געוואָרען אין לאַנד, קאָנען ערוועהלט ווערען פאַר פּרעזידענט און וויס־פּרעזידענט. די נעקסטע וואַהלען פאַר פּרעזידענט און וויס־פּרעזידענט וועלען פאָרקומען אין 1924.

דער וויס־פּרעזידענט פאַרנעהמט די שטעלע פון פּרעזידענט אין פאַל ווען דער פּרעזידענט שטאַרבט, רעזיגנירט, ווערט

ארונטער־געזעצט, אדער ווערט אומפעהיג צו ערפילען זיינע פליכטען. אין געוועהנ־ליכע צייטען איז ער דער פארזיצענדער פון סענאט.

דער פרעזידענט איז דער אויבער־קאָ־מאנדיר איבער דער ארמיי און פלאָט פון די פאראייניגטע שטאטען, ווי אויך איבער דער מיליץ פון איינצעל־שטאטען, ווען זיי ווערען געשטעלט אין אקטיווען דינסט פון די פאראייניגטע שטאטען; ער האט דאס רעכט צו באגנאדיגען פארברעכער; מיט דער צושטימונג פון צווי דריטעל פון סע־נאט, קאָן ער שליסען אפמאכען מיט אנ־דערע רעגירונגען; ער שלאגט פאר גע־זאנדטע, קאָנסולס, ריכטער פון העכסטען געריכט אין לאנד (יונייטעד סטייטס סו־פרים קאורט) און אלע אנדערע באאמטע, וועמענס אפאינטמענט עס איז ניט אנ־דערש באשטימט, און אויב דער סענאט איז מסכים, באשטימט ער זיי. ער קאָן אויך צוזאמענרופען דעם קאָנגרעס אויף ספעציעלע זיצונגען (עקסטרא סעשאָנס) אין דרינגענדע פעלען.

דער פרעזידענט פיהרט אָן די רעגי־רונגס עסקים מיט דער הילף פון די מיני־סטאָרען (דער קאבינעט), ער באשטימט די מיניסטאָרען, זיי ווערען אָנגערופען „סעקרעטערים". אזעלכע סעקרעטערים זיינען איצט דאָ צעהן:

1) מיניסטער פון אויסלענדישע ענינים (סטייט סעקרעטער). ער רעכענט זיך פאר דעם ערשטען מיניסטער. דעם דאָזיגען אמט פארנעהמט איצט טשארלס עוואנס יוהז.

2) פינאנץ מיניסטער (סעקרעטערי אָוו טרעזשורי), וואס פארוואלטעט אלע פינאנסען. דעם דאָזיגען אמט פארנעמט איצט ענדרו וו. מעלאָן פון פענסילווייניא.

3) קריגס־מיניסטער (סעקרעטערי אָוו וואָר), איצט איז דזשאהן ווינגעיט וויקס פון מאסאטשוזעטס.

4) אָבער־פראָקוראָר (אטורני דזשע־נעראל), יוסטיץ־מיניסטער. איצט איז הערי ע. דאָהערטי, פון אָהייאָ.

5) גענעראל פאָסט־מייסטער (פאָסט־מייסטער דזשענעראל)—היובערט וואָירק.

6) פלאָט־מיניסטער (סעקרעטערי אָוו די נייווי) — עדווין דענבי, פון מישיגען.

7 מיניסטער פון אינערליכע ענינים (סעקרעטערי אָוו אינטיריאָר)—אלבערט בייקאן פאָל. פון ניו מעקסיקא.

8) אגריקולטור מיניסטער (סעקרע־טערי אָוו אגריקולטשור) — הענרי קענט־וועל וואלאס, פון אייאָווא.

9) מיניסטער פון קאָמערץ (סעקרע־טערי אָוו קאָמערס) — הערבערט ק. הוא־ווער, פון קאליפאָרניא.

10) מיניסטער פון ארבייט (סעק־רעטערי אָוו לייבאָר) — דזשיימס דזשאהן דייווויס, פון פענסילווייניא.

(דאס מיניסטעריום פון ארבייט עק־זיסטירט זינט דעם 4טען מערץ 1913.)

דאס געהאלט פון יעדען מיניסטער איז 12,000 דאָלאר א יאָהר. דער וויס־פרעזידענט באקומט אויך דאס זעלבע געהאלט — 12,000 דאָלאר א יאָהר. דער פרעזידענט באקומט 75,000 דאָלאר א יאָהר געהאלט און 25 טויזענד דאָלאר א יאָהר אויף ארומפאָהרען.

דער פרעזידענט איז איצט (זינט דעם 4טען מערץ, 1921) ווארען גאמאליעל הארדינג, פון אָהייאָ; דער וויצע־פרעזי־דענט איז קאלווין קולידזש, פון מעסעטשו־זעטס.

געריכטען

די אינסטיטושונג פון געזעצען געהערט דעם העכסטען געריכט פון די פאראייניג־טע שטאטען (יונייטעד סטייטס סופרים קאורט), וואס באשטעהט פון 9 ריכטער, און די אונטערשטע געריכטען, וואס זיי־נען געשאפען געוואָרען פון קאָנגרעס.

וויליאם האוארד טאפט איז איצט דער הויפטריכטער פון דעם יונייטעד סטייטס סופרים קאורט.

אזעלכע געריכטען זיינען געשאפען געווארען: 89 דיסטריקט קאורטס און 9 סוירקוט קאורטס. אלע ריכטער ווערען באשטימט פון פרעזידענט מיט דער צושטימונג פון סענאט, אויף לעבענס לאנג.

דער העכסער געריכט, דער יונייטעד סטייטס סופרים קאורט, איז דער איינציגער, וואס האט דאס ענטשיידענדע ווארט צו באשטימען אויב דער אדער יענער נייער געזעץ איז קאנסטיטוציאנעל.

ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע

אין דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאאטען קאנען געמאכט ווערען ענדערונגען (אמענדמענטס) אויף פאלגענדע צוויי ארטען; ענטוועדער די איניציאטיווע קומט פון קאנגרעס, דאן מוזען צוויי דריטעל פון ביידע הייזער די ענדערונגען אננעהמען, אדער די איניציאטיווע קומט פון די לעדזשיסלייטשורס פון די איינצעלנע שטאאטען. אויב צוויי דריטעל פון די לעדזשיסלייטשורס פאדערען עס, דאן מוז צונויפגערופען ווערען א ספעציעלע קאנווענשאן פאר דעם דאזיגען צוועק.

אין ביידע פעלען מוזען די אמענדמענטס באשטעטיגט ווערען פון דריי־פערטעל פון די לעדזשיסלייטשורס פון די שטאאטען, איידער זיי ווערען א געזעץ. ביז איצט זיינען אנגענומען געווארען 19 אמענדמענטס צו דער קאנסטיטוציע.

די שטאאט רעגירונג.

די שטאאטס רעגירונג ווערט אויך צוטיילט אויף דריי צווייגען אדער אפטיילונגען:

1. די עקזעקוטיווע—דער גאווערנאר.
2. די געזעצגעבענדע — די שטאאטס געזעצגעבונג.

1. די עקזעקוטיווע—דער גאווערנאר.

דער גאווערנאר איז דער הויפט פיהרער פון דער שטאאטס רעגירונג און אין ניו יארק סטייט ווערט ער ערוועהלט אויף א טערמין פון צוויי יאהר פון דער דירעקטער שטימונג פון פאלק. די הויפט־שטאט פון שטאאט איז דער צענטער פון דער רעגירונג און דאס וואוין־ארט פון דעם גאווערנאר די גאנצע צייט פון זיין אמט. די הויפט־שטאדט פון ניו יארק סטייט איז אלבאני.

דער גאווערנאר שטעלט אן די באאמטע פאר אזעלכע קערפערשאפטען און קאמיסיעס וועלכע זיינען נויטיג צו אנפיהרען די פינאנציעלע, בילדונגס און וואוילטעטיגע אנגעלעגענהייטען פונ'ם שטאאט. ער איז דער הויפט קאמאנדיר פון די שטאאטס מיליטער און קאן שיקען סאלדאטען צו אירגענד וועלכען טייל פון שטאאט וואו עס איז נאר נויטיג. ער טוט דאס אין פאל פון בונטען, אויפשטענדע אדער מאסענפארזאמלונגען צוליב אונגעזעצליכע צוועקען, אום צו האלטען ארדנונג און פארזיכערען מיט זיכערקייט יעדען פרידליכען בירגער. ער האט אויך די מאכט פון „וועטא" און דעריבער א גרויסען איינפלוס אויפ'ן איינפיהרען פון שטאאט'ס געזעצען. די שטימען פון צוויי דריטעל פון דער שטאאט'ס געזעצגעבונג זיינען נויטיג אום דורכצופיהרען א געזעץ טראץ דעם גאווערנאר'ס „וועטא". דער גאווערנאר פון ניו יארק איז איצט אל. סמיטה. זיין געהאלט איז 10,000 דאלאר א יאהר און ער האט א היים אין אלבאני.

דער איצטיגער ליוטענאנט גאווערנאר איז דזשארדזש ר. לאן. זיין סאלערי איז 5,000 דאלאר א יאהר.

2. די געזעצגעבענדע — שטאאט'ס געזעצגעבונג.

די אלגעמיינע פארזאמלונג אדער שטאאטס געזעצגעבונג איז א קערפערשאפט

וועלכע מאכט געזעצען פאר'ן שטאט. זי קאן דורכפיהרען אירגענד וועלכען געזעץ פאר'ן אלגעמיינעם וואויל און בעסטען פון דעם שטאט, נאר דיזע געזעצען מוזען זיין אין איינקלאנג מיט דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען. יעדער שטאט פיהרט דורך זיינע אייגענע געזעצען, און דערפאר זיינען דא אזוי פיל אונטערשי־דען, אין די געזעצען פון די פארשידענע שטאטען (48), וועלכע בילדען די פאר־אייניגטע שטאטען.

דער גאווערנאר קאן באאיינפלוסען דאס מאכען פון געזעצען אין דער שטאטס געזעצגעבונג אין דעם זעלבען ארט ווי דער פרעזידענט באאיינפלוסט געזעצגעבונג אין דעם קאנגרעס, ווייל געזעצען ווערען דורכ־געפיהרט אין שטאטס געזעצגעבונג פונקט ווי זיי ווערען דורכגעפיהרט אין דעם קאנ־גרעס פון די פאראייניגטע שטאטען.

די ארגאניזאציע איז אויך עהנליך צום קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאטען. זי באשטעהט פון צוויי הייזער — די אסעמבלי און סענאט.

די אסעמבלי הויז פון די פארשטעהער

דאס הויז פון פארשטעהער פונ'ם שטאאט (אסעמבלי), ערוועהלט זיין איי־גענעם פארזיצענדען, וועלכער הייסט „ספיקער פונ'ם הויז". ער באשטימט קא־מיטעען דורכצוקוקען פראיעקטען, וועל־כע ווערען אריינגעגעבען צו דער געזעצ־געבונג און צו באריכטען אין דער אסעמבלי וועגען אננעהמען די פראיעק־טען, פונקט ווי פראיעקטען ווערען אריינ־געטראגען אין דעם קאנגרעס. אין ניו יארק סטייט זיינען איצט דא 150 אסעמ־בליליים; 81 רעפובליקאנער און 69 דעמאקראטען. אסעמבלי לייט ווערען דא ערוועהלט יעדען יאהר.

דער שטאאטס סענאט

דער שטאאטס סענאט האט אלס זיין פארזיצענדען דעם לויטענאנט גאווערנאר. שטאטס סענאטארען ווערען ערוועהלט אויף א טערמין פון צוויי יאהר. אין ניו־יארק סטייט זיינען איצט דא 51 סענא־טארען, 25 רעפובליקאנער און 26 דעמא־קראטען.

3. די געריכטליכע — די געריכטס הייזער

יעדער שטאאט האט זיך זיין געריכלי־כע אפטיילונג, זיין העכסט געריכט, עהנ־ליך צו דער נאציאנאלער רעגירונג אין וואשינגטאן. די ריכטער פון די שטאאטס געריכט הייזער טוען די זעלבע פליכטען פאר'ן שטאאט, ווי די פעדעראלע ריכ־טער פאר די פאראייניגטע שטאאטען.

די שטאדט רעגירונג

די שטאדט רעגירונג איז געגרינדעט אויף א טשארטער פון דער שטאאט גע־זעצגעבונג און האט צוויי אפטיילונגען: די עקזעקוטיווע — דער מעיאר; און די געזעצגעבענדע — שטאדט ראט (באארד אוו אלדערמען).

דער מעיאר איז דער הויפט פארוואל־טער פון שטאדט און אין ניו יארק ווערט ער ערוועהלט אויף א טערמין פון פיער יאהר פונ'ם דירעקטען שטימען פון פאלק. דער מעיאר זעהט אז די געזעצען פון שטאדט זאלען דורכגעפיהרט ווערען, שרייבט אונטער אדער ווייזט צוריק אר־דינענסעס אדער רעזאלושאנס וואס ווע־רען אנגענומען פון דער באארד אוו אל־דערמען, אפאינטעט וויכטיגע שטאדט בעאמטע און האט אנדערע פליכטען און מאכט. דער מעיאר קאן ארונטערגעזעצט ווערען פון דעם גאווערנאר פון דיזער סטייט נאכדעם ווי קלאגען זיינען אויס־געהערט געווארען געגען דעם מעיאר און ווייזען זיך ארויס צו זיין ריכטיג.

די באארד אוו אלדערמען (שטאדט ראט) מאכט די פארשיידענע געזעצען פאר דער שטאדט. די געזעצען וואס ווע־רען געמאכט פון דיזען שטאדט ראט

היסען פאראָרדנונגען. דיזע פאראָרדנונגען טאָרען ניט ווידערשפּרעכען די קאָנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאאַטען, שטאַט אָדער שטאָדט משארטער. אין דער שטאָדט ניו יאָרק האָט די באָארד אָוו אָלדערמאַן א פּאָרזיצענדען, וועלכער ווערט ערוועהלט דירעקט פון פאָלק. ער הייסט פרעזידענט אָוו דהי באָארד אָוו אָלדערמען. ער האָט פילע פּריווילעגיעס און פליכטען. אין דער אבוועזענהייט פון מעיאָר איז ער עקטינג מעיאָר. די מיטגלידער פון דער באָארד אָוו אָלדערמאַן ווערען אין ניו יאָרק ערוועהלט אויף צוויי יאָהר.

דער איצטיגער מעיאָר פון דער שטאָדט ניו יאָרק איז דזשאהן פ. היילען. ער איז ערוועהלט געוואָרען אין 1921 פאַר נאָך א טערמין פון פיער יאָהר. זיין סאלערי איז פופצעהן טויזענד דאָלאר א יאָהר. דער פרעזידענט פון דער באָארד אָוו אָלדערמען איז יעצט מאָרעי האָלבערט. זיין סאלערי איז 10,000 דאָלאר א יאָהר. אין דער באָארד אָוו אָלדערמאַן געפינען זיך איצט 65 מיטגלידער, זייער סאלערי איז 3,000 דאָלאר א יאָהר.

די שטאָדט ניו יאָרק איז איינגעטיילט אין פינף באָראָוס און די פרעזידענטען פון די פארשיידענע באָראָוס פון שטאָדט זיינען ווי פאָלגט:

מאַנהעטען — דזשוליוס ד. מילער.

בראָנקס — הענרי ברוקנער.

ברוקלין — עדוואַרד ריגעלמאַן.

קווינס — מאָריס ע. קאָנעלי.

ריטשמאָנד — דזשאהן א. לינטש.

די סאלארי פון א באָראָו פרעזידענט איז 10,000 דאלאר א יאָהר.

ווי צו ווערען אן אמעריקאנער בירגער

יעדע פּערזאָן וועלכע איז ניט קיין געבאָרענער בירגער פון די פאראייניגטע שטאַטען, אָדער א בירגער לויט דעם אקט פון קאָנגרעס, קאָן ווערען א בירגער דורך נאַטוראליזירונג.

דער אקט פון נאַטוראליזירונג איז צוטיילט אויף צוויי טייל:

1. די דערקלערונג צו ווילען ווערען א בירגער, אָדער די ערשטע פּאַפּירען.

2. די פּעטיציע פאר נאַטוראליזירונג, אָדער די צווייטע פּאַפּירען.

דיזע פּאַפּירען ווערען ארויסגעגעבען פון געוויסע געריכטס־הייזער: די „דיסטריקט" געריכטס הייזער פון די פאראייניגטע שטאַטען, און די „סופרים" געריכטס הייזער פון יעדען שטאַט.

1. די ערשטע פּאַפּירען. — אויב איהר זייט ניט ווייניגער ווי אכצעהן (18) יאָהר אַלט, קאָנט איהר ארויסנעהמען דורך ארייגגעבען, מיט א שבועה אָדער באהויפּטונג, א פּאַפּיר, דערקלערענדיג אייער באַגער צו ווערען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאַטען און אויפצוגעבען אייער טרייהייט צו אירגענד וועלכען אויסלענדישען הערשער, שטאַטען אָדער רעגירונגען. איהר מוזט אויך געבען אייער נאָמען, עלטער, באשעפטיגונג, פּערזענליכע באשרייבונג, פּלאַץ פון געבורט, דאָס לעצטע אויסלענדישע וואוינונגס־אָרט און אונטערטע־

ניגקייט, דאטום פון איינוואנדערונג, נא־מען פון שיף אויף וועלכען איהר זייט געקומען אין די פאראייניגטע שטאטען, און אייער איצטיגען וואוינונגס־פלאץ.

2. די צווייטע פאפירען. — נאכדעם ווי איהר האט אפגעוואוינט צום וועניג־סטען פינף (5) יאהר אין די פאראייניג־טע שטאטען און צום וועניגסטען איין (1) יאהר אין איין געוויסען שטאט, און אויב ניט וועניגער פון צוויי (2) יאהר און ניט מעהר פון זיבען (7) יאהר זיינען פארגאנגען זינט איהר האט ארויסגענו־מען אייערע ערשטע פאפירען, קאנט איהר קריגען אייערע לעצטע פאפירען, דורך אריינגעבען א פעטיציע פון אייער נאטוראליזירונג, אין איינע פון די אוי־בענדערמאנטע געריכטס־הייזער. די פע־טיציע מוז אונטערגעשריבען ווערען מיט אייער אייגענער האנד, איהר מוזט אויך געבען די אינפארמאציעס וועגען זיך, וועגען אייער איינוואנדערונג צו דיזען לאנד און אייער משפחה, לויט ווי עס פאדערט דאס געזעץ. איהר מוזט אויך בעטען צום וועניגסטען צוויי פערזאנען, וועלכע זיינען שוין בירגער פון די פאר־אייניגטע שטאטען, עדות זאגען אז זיי קענען אייך אלס אן איינוואוינער פון די פאראייניגטע שטאטען צום וועניגסטען פינף (5) יאהר נאכאנאנד, און פון דעם שטאט צום וועניגסטען איין (1) יאהר פאר דעם, און אז איהר האט א גוטען מאראלען כאראקטער און זייט ווערט צו־געלאזען צו ווערען צו בירגערטום. די באשטעטיגונג פון דיזע עדות ווערט צו־געזעצט צו אייער פעטיציע, און אויב איהר זייט געקומען אין דיזען לאנד נאך יוני 29טען, 1906, מוזט איהר אויך צו־געבען א סערטיפיקייט פון דעם דעפארט־מענט פון האנדעל און ארבייט, אנגע־בענדיג דעם דאטום פון אייער איינוואנ־דערונג, ארויסגענומען פון די ערשטע פא־פירען און אזוי ווייטער.

וואס עס ווערט געפאדערט אום צו ווערען א בירגער.

אום צו קאנען קריגען די לעצטע פא־פירען אלס א בירגער, —

מוזט איהר האבען געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטען צום וויינינגסטענס פינף יאהר נאכאנאנד פאר דעם, און אין א געוויסען שטאט ניט ווייניגער פון איין יאהר פאר׳ן ארויסנעמען די צווייטע פא־פירען;

איהר מוזט וועלען ווערען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען און דא די גאנצע צייט וואוינען און אויפגעבען אייער אונטערטעניגקייט צו אירגענד וועלכען אויסלענדישען הערשער, שטאט אדער רעגירונג;

איהר מוזט האבען א גוטען מאראלען כאראקטער;

איהר טארט ניט זיין קיין פאליגא־מיסט;

איהר טארט ניט זיין קיין אנארכיסט;

איהר מוזט קאנען רעדען ענגליש, סיידען איהר זייט פיזיש אומפעהיג;

איהר מוזט וויסען די פרינציפען פון דער רעגירונג און דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען, און מוזט זיין טריי צו זיי.

נאכדעם ווי איהר האט זיך געווענדעט נאך אייערע צווייטע אדער לעצטע פא־פירען, וועט איהר דארפעןווארטען ניינ־ציג (90) טעג ביז וואנען איהר וועט זיי קריגען.

פילע מענשען זיינען ענטוישט געווא־רען, ווייל זיי האבען דאס ניט געוואוסט. אין א סך פעלע האבען מענשען געוואלט האבען זייערע פאפירען פאר פרעזידענט אדער אנדערע וואהלען, נאר זיי האבען זיך צו שפעט נאך זיי געווענדעט אום צו קריגען זיי אין צייט. דרייסיג (30) טעג פאר וואהלען ווערען קיין פאפירען ניט ארויסגעגעבען.

אום צו פארמיידען ענטווישונגען, און צו קריגען די מעגליכקייט צו באזיצען די רעכטע און פריווילעגיעס פון א בירגער וואס גיבער, טוט אט די פיר זאכען:

קריגט אייערע ערשטע פאפירען באלד ווי איהר קומט אין דיזען לאנד;

פאדערט אייערע צווייטע פאפירען באלד נאך פינף (5) יאהר וואוינען דא;

פאנגט אן לערנען ענגליש באלד ווי איהר קומט אן אין לאנד.

ענגליש ווערט געלערנט פריי אין פאבליק סקולס.

לערנט אלץ וואס איהר קענט יועגען די פליכטען פון א בירגער, און די פרינציפען פון דער אמעריקאנער רעגירונג.

אלס א נאטוראליזירטער בירגער, וועט איהר האבען אלע רעכטע און פליכטען פון א געבארענעם בירגער, חוץ וואס איהר קענט ניט ווערען קיין פרעזידענט אדער וויים־פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען. די רעכטע פון אזעלכע בירגער זיינען פאלגענדע:

צו נעמען אנטייל ביי די ערשטע וואהלען אין נאמינירען קאנדידאטען פאר שטאט און שטאדט עמטער, ווי צום ביישפיל, גאווערנאר פון שטאט, מעיאר פון שטאדט, „אלדערמען", א. ז. וו.

צו שטימען ביי די וואהלען פון די נאמינירטע קאנדידאטען;

צו ווערען א קאנדידאט פאר אירגענד וועלכען אמט, חוץ פאר א פרעזידענט אדער וויים־פרעזידענט;

צו קויפען ערד פון דער רעגירונג און צו פארנעמען רעגירונגס שטעלעס, וועלכע ווערען געגעבען נאר צו בירגער;

צו פאדערען די שוץ פון דער רעגירונג פין די פאראייניגטע שטאטען יוען איהר זענט אין א פרעמד לאנד.

די פראגע צי א נאטוראליזירטער בירגער קאן באזוכען זיין פריהערדיגע היים אהן מורא פאר שוועריגקייטען פון וועלכען עס איז קארט דארף קיינעם ניט ליגען אין זינען. א נאטוראליזירטער בירגער איז אזוי זיכער ווי אירגענד וועלכער אמעריקאנער בירגער אין אירגענד וועלכען לאנד. עס זיינען געווען פעלע וואו נאטוראליזירטע בירגער האבען געהאט שוועריגקייטען מיט אויסלענדישע באאמטע, אבער אזעלכע פעלע זיינען זעלטען, און אין יעדען פון דיזע פאלען האט דער בירגער געקאנט אפעלירען צו דעם אמעריקאנעם קאנסול און קריגען הילף.

נאר א בירגער פון דיזען לאנד קאן קריגען ארבייט אין דער פעדעראלער רעגירונג, שטאט אדער שטאדט. אמעריקאנער בירגערטום האט פאר אייך דעריבער א גרויסע ווערדע, און איהר זאלט זיך באלד פאר דעם צוגרייטען.

וואס מען דארף וויסען.

אויב איהר האט ארויסגענומען די ערשטע פייפערס דריי יאהר נאכדעם ווי איהר זענט אהער געקומען, קאנט איהר גלייך צו די פינף יאהר ווערען א בירגער.

אויב, אבער, איהר נעמט ארויס די ערשטע פייפערס ווען איהר זענט שוין דא אפגעוועזן 5 אדער 10 אדער 15 יאהר, מוזט איהר ווארטען נאך צוויי יאהר איידער איהר קריגט די צווייטע פייפערס.

אויב איהר נעמט ארויס די ערשטע פייפערס, און איהר פארנאכלעסיגט און איהר קומט ניט נאך די צווייטע פייפערס, און עס געהט אוועק 7 יאהר, דאן ווערען די ערשטע פייפערס בטל, און איהר מוזט אויף ס'ניי ארויסנעמען ערשטע פייפערס.

ווען איינער נעמט ארויס די ערשטע פייפערס און ער שטארבט איידער זיי געהען אויס, קאן זיין אלמנה ארויסקריגען די צווייטע פייפערס, און זי און די מינדער־יעהריגע קינדער קאנען אויף דיזען אופן ווערען בירגער.

פראגען און ענטפערס וועגען בירגערשאפט

מיר גיבען דא איבער א צאהל פראגען וואס ווערען געפרעגט ביי די וועלכע ווענדען זיך נאך די צווייטע פייפערס און די אנטווארטען אויף דיזע פראגען. דיזע פראגען און אנטווארטען זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דער ניו יארקער נעטשוראליזיישאן אייד ליג.

1. פראגען וועגען דער לאנד־רעגירונג.

האט איהר געלעזען די דעקלערישאן אוו אינדעפענדענס?

— יא.

וואס איז די דעקלערישאן אוו אינ־דעפענדענס, און ווען און וואו איז זי אונ־טערגעשריבען געווארען?

— דאס איז א פראקלאמאציאן אין וועלכער אונזער לאנד האט צוערשט ער־קלערט איהר אונאפהענגיגקייט פון ענג־לאנד; זי איז אונטערגעשריבען געווארען דזשולייי 4, 1776, אין פילאדעלפיא.

האט איהר געלעזען די קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאאטען?

— יא.

וואס איז אזוינס די קאנסטיטוציאן?

— די קאנסטיטוציאן איז דאס העכסטע געזעץ פון די פאראייניגטע שטאטען.

גלויבט איהר אין די פרינציפען פון דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען?

— יא.

דורך וועמען, ווען און וואו איז די קאנסטיטוציע אנגענומען געווארען?

די קאנסטיטוציע איז אנגענומען גע־ווארען דורך די דרייצעהן אריגינעלע שטאטען, סעפטעמבער 17, 1787, אין פי־לאדעלפיא.

וואס גאראנטירט די קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאטען?

— פרייהייט פון רעדע, פון פרעסע, און פון רעליגיאן.

ווי אזוי קאן די קאנסטיטוציאן אמענ־דירט (געענדערט) ווערען?

— דורך צוויי־דריטעל מאיאריטעט פוןביידע הייזער פון קאנגרעס און דער צושטימונג פון דריי פערטעל פון די שטא־טען.

וואס פאר א פארם רעגירונג האט די פאראייניגטע שטאטען?

— די פאראייניגטע שטאטען איז א רעפובליק.

וואס הייסט א רעפובליק?

— א לאנד, וועמעס בעאמטע עם ווע־רען ערוועהלט דורכן פאלק אדער בא־שטימט דורך זיינע ערוועהלטע בעאמטע, און וועמעס געזעצען ווערען געמאכט פון זיינע פארטרעטער.

וואס איז א מאנארכי?

— א לאנד וואס ווערט רעגירט פון א קעניג, אן אימפעראטאר, א צאר, אדער אן אנדער הערשער, וואס ווערט ניט ער־וועהלט פון דעם פאלק.

וואו איז די הויפט־שטאדט, אדער רע־גירונג־זיץ, פון די פאראייניגטע שטאא־טען?

— אין וואשינגטאן, דיסטריקט פון קאלאמביא (ד. ק.)

אויף וויפיל צווייגען איז די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען איינגע־טיילט?

— אויף דריי צווייגען.

וואס זיינען די דריי צווייגען פון דער רעגירונג?

— די געזעצמאכענדע, די געזעצדורכ־פירענדע, און די געזעצפערטייטשענדע.

ערקלערט בקיצור, דעם צוועק פון יעדען איינעם פון די צווייגען פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען.

— דער געזעצמאכענדער צווייג, אדער קאנגרעס, מאכט די געזעצען; דער געזעצדורכפיהרענדער צווייג אדער דער פרעזידענט מיט זיין קאבינעט (מיניסטעריום) פיהרט דורך די געזעצען; און דער געזעץ־פערטייטשענדער צווייג, אדער דער סופרים קאורט פון די פאראייניגטע שטאטען, פערטייטשט די געזעצען.

ווער מאכט די געזעצען פון די פאראייניגטע שטאטען?

— דער קאנגרעס אין וואשינגטאן.

פון וואס באשטעהט דער קאנגרעס?

— פון צוויי הייזער, דער סענאט און דאס רעפרעזענטאנטען הויז.

ווי אפט מוז זיך דער קאנגרעס צוזאמענקומען?

— ווענינסטענס איינמאל א יאהר, דעם ערשטען מאנטאג אין דעצעמבער.

ווי ווערען די געזעצען פון די פאראייניגטע שטאאטען געמאכט?

— א ביל ווערט פארגעשלאגען אין רעפרעזענטאנטען הויז אדער אין סענאט. דיזער ביל ווערט א געזעץ אויף דריי וועגען: 1) ווען ער קריגט א מאיאריטעט שטימען אין „הויז" (קאנגרעס) און אין סענאט, און אויך דעם פרעזידענט'ס אונטערשריפט; 2) ווען ער קריגט צוויי דריטעל מאיאריטעט אינ'ם „הויז" און אין סענאט, אין פאל דער פרעזידענט וועטאירט דעם ביל (שרייבט איהם ניט אונטער), אדער 3) ווען ער קריגט א מאיאריטעט שטימען אין „הויז" און אין סענאט, אויב דער ביל ווערט פארהאלטען פונ'ם פרעזידענט אויף צעהן טעג אהן אונטערשריבען אדער וועטאירען איהם.

ווי אזוי, און אויף ווי לאנג ווערען די יונייטעד סטייטס סענאטארס ערוועהלט?

— דורך דעם דירעקטען וואוט פונ'ם פאלק, פאר א טערמין פון זעקס יאהר.

וויפיל יונייטעד סטייטס סענאטארס זיינען דא?

— 96.

וויפיל יונייטעד סטייטס סענאטארס ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאט?

—צוויי.

ווי אזוי, און אויף ווי לאנג, ווערען רעפרעזענטאנטען אדער קאנגרעסלייט, ערוועהלט?

— דורכ'ן דירעקטען וואוט פונ'ם פאלק, פאר א טערמין פון צוויי יאהר.

וויפיל רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט, ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאאט?

— עס זיינען איצט (ביז'ן יאהר 1923) דא 435 רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט.

וויפיל רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט, ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאט?

— די צאהל ווענדעט זיך אן דער באפעלקערונג — וואס גרעסער די באפעלקערונג אלץ גרעסער די צאהל קאנגרעסלייט.

ווי פיל רעפרעזענטאנטען, אדער קאנגרעסלייט, האט ניו יארק סטייט?

— דריי־און־פערציג.

ווער איז דער הויפט בעאמטער פון די פאראייניגטע שטאטען?

— דער פרעזידענט.

ווי אזוי ווערען דער פרעזידענט און דער וויים־פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען ערוועהלט?

— פונ'ם פאלק, אינדירעקט, דורך זיינע עלעקטארס, וואס ערוועהלען דעם פרעזידענט און דעם וויים־פרעזידענט דירעקט.

אויף ווי לאנג ווערען דער פרעזידענט און דער וויים־פרעזידענט ערוועהלט?

— אויף א טערמין פון פיר יאהר.

ווער מעג ווערען פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען?

— יעדער הי־געבאָרענע פערזאָן, מאַן אָדער פרוי, 35 יאָהר אלט.

וואָס זיינען די פליכטען און מאכט פון דעם פרעזידענט?

— דער פרעזידענט (1) פיהרט אויס די געזעצען, 2) שרייבט אונטער בילס, 3) וועטאָאירט (ענטזאגט זיך אונטערצושרייבען) בילס, 4) איז דער קאָמאנדיר פון דער ארמעע און פלאָטע, 5) פיהלט אָן דערוויילינע וואקאנסיעס (פלאַץ־ערלעדיגונגען) פון רעגירונגס־באאמטע (ווען דער סענאט האלט קיינע זיצונגען), 7) רופט צוזאמען עקסטרא סעשאָנס, 7) שליסט דעם קאָנגרעס אין פאל פון א ניט־איינשטימעניש, 8) שענקט בעגנאדיגונגען; און מיט דער ראט און צושטימונג פון סענאט 9) באשטימט ער קאבינעט־בעאמטע, פעדעראלע ריכטער, אמבאסאדאָרען, און אנדערע; 10) שליסט אבמאכען (טריטיס), און האט אנדערע פליכטען און מאכט.

אין פאל פון טויט אָדער אומפעהיגקייט פון דעם פרעזידענט ווער נעמט איבער זיינע פליכטען?

— דער וויס־פרעזידענט.

וויפיל סעקרעטערע (מיניסטאָרען), אָדער הויפטען פון רעגירונגס־אָפטיילונגען, זיינען דאָ?

— צעהן.

רעכענט אויס איינינע סעקרעטערע, אָדער קאבינעט־מיניסטאָרען, דורך זייערע אָפיציעלע עמטער.

— פרעמיער, קריגס־מיניסטער, פלאָטען מיניסטער, פינאנס־מיניסטער.

וואָס שטעלען די צעהן מיניסטאָרען צונויף?

— דעם פרעזידענט'ס קאבינעט.

וואָס איז דאָס העכסטע געריכט אין די פאראייניגטע שטאָטען?

— דער יונייטעד סטייטס סופרים קאָרט.

וויפיל דזשאָדזשעס זיינען דאָ אין דעם יונייטעד סייטס סופרים קאָורט?

— ניין. איין טשיף דזשאָסטיס און אכט אסאָשיאייט דזשאָסטיסעס.

ווער באשטימט די דזשאָסטיסעס פון דעם סופרים קאָורט און אנדערע דזשאָדזשעס פון די יונייטעד סטייטס געריכטען?

— זיי ווערען באשטימט אויפ'ן גאנצען לעבען, דורך גוטער אויפפיהרונג, פון דעם פרעזידענט, מיט'ן ראט און צושטימונג פון דעם סענאט.

ווי אלט מוז זיין דער פרעזידענט, א סענאטאָר און א קאָנגרעסמאַן?

— דער פרעזידענט מוז זיין וועניגסטענס 35, א סענאטאָר 30, און א קאָנגרעסמאַן 25 יאָהר אלט.

2. פראגען וועגען דער סטייט־רעגירונג.

וואָס איז דאָס העכסטע געזעץ פון דער סטייט?

— די סטייט קאָנסטיטושאָן.

וואָס זיינען די דריי צווייגען פון דער סטייט רעגירונג?

— די געזעצמאכענדע, די געזעצדורכפיהרענדע און די געזעצפארטייטשענדע.

ווער איז דער הויפט באאמטער פון דעם שטאַט?

— דער גאָווערנאָר.

וועלכע איז די הויפט שטאָדט פון דער סטייט ניו יאָרק?

— אָלבאַני.

ווער מאכט די געזעצען פאר דעם שטאַט ניו יאָרק?

— די לעדזשיסלייטשור (געזעץ־אָפּטיילונג) אין אָלבאַני.

פון וואָס באשטעהט די לעדזשיסלייטשור?

— פונ'ם סטייט סענאַט און פונ'ם סטייט אַסעמבלי.

ווי אזוי און אויף ווי לאנג ווערען סטייט סענאטארס און אסעמבלי־לייט ערוועהלט?

— דורך דעם דירעקטען אפשטימען פון דעם פאלק, סטייט סענאטארס אויף 2 יאהר און אסעמבלי־לייט אויף 1 יאהר.

אויף ווי לאנג ווערט דער גאווערנאר ערוועהלט?

— אויף צוויי יאהר.

וואס זיינען די פליכטען און מאכט פונ׳ם גאווערנאר?

— דער גאווערנאר (1) פיהרט אויס די געזעצען, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטאאירט (אנטזאגט זיך אונטער־צושרייבען בילס), (4) רופט ספּעציעלע זיצונגען פון דער לעדזשיסלייטשור, (5) איז מוחל באשטראפטע, (6) ערנאנט איינינע סטייט באאמטע.

3. פראגען וועגען דער שטאדט־רעגירונג.

וואס זיינען די דריי צווייגען פון דער שטאדט (מוניציפּאלער) רעגירונג?

פיהרענדע און די געזעצפארטייטשענדע.

די געזעצמאכענדע, די געזעצדורכ־ווער איז דער הויפּט באאמטער פון דער שטאדט?

— דער מעיאר.

ווי אזוי ווערט דער מעיאר ערוועהלט?

— דורכ׳ן דירעקטען וואוט פון דעם פאלק.

אויף ווי לאנג ווערט דער מעיאר פון ניו יארק ערוועהלט?

— אויף 4 יאהר.

וואס זיינען די פליכטען און מאכט פון דעם מעיאר?

— דער מעיאר (1) פיהרט אויס די געזעצען, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטאאירט (אנטזאגט זיך אונטער־צושרייבען) בילס, (4) ערנאנט איינינע שטאדט באאמטע און האט אנדערע פליכ־און מאכט.

ווער מאכט די געזעצען פאר דער שטאדט ניו יארק?

— די באארד אף אלדערמען.

אויף ווי לאנג ווערט אן אלדערמאן ערוועהלט?

—אויף צוויי יאהר.

די שטאטען, וואס האבען גע־שטימט געגען פרויען־שטימרעכט.

פאלגענדע שטאטען האבען געשטימט געגען פרויען שטימרעכט: אלאבאמא, דזשארדזשיא, מיסיסיפּי, סאוט קארא־ליינא, ווירדזשיניא, מערילענד, דעלעווער, לואיזיאנא און נארט קאראליינא. אלע איבעריגע שטאטען האבען געשטימט פאר דעם אמענדמענט וועגען פרויען שטימ־רעכט.

פרויען האבען באקומען שטימרעכט אין ניו זילאנד אין 1893; אין אויס־טראליען אין 1902; אין פוילען, ענג־לאנד, סקאטלאנד, אירלאנד, וועלס, קע־נעדע, עסטרייך, אונגארן, טשעכא־סלא־וואקיע און דייטשלאנד אין 1918; אין האלאנד, בעלגיען און שוועדען אין 1919.

* * *

דער שטאט דעלעווער האט די קלענ־סטע צאל קאונטיס.

* * *

אלאסקא איז אנעקסירט געווארען צו די יונייטעד סטייטס אין יאהר 1867.

די פּרעזידענטען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען

דער נאָמען פון יעדען פּרעזידענט, ווען ער איז געבוירען, ווען ער איז ערוועהלט געוואָרען, ווי לאנג ער איז געווען אין אמט, וויפיעל יאָהר ער האָט געלעבט און אין וועלכען יאָהר ער איז געשטאָרבען.

די צאָהל	נאָמען	געבוירען: טאג	געבוירען: מאָנאט	געבוירען: יאָהר	אין אמט איינגעפיהרט	געווען פּרעזידענט: טאג	געווען פּרעזידענט: מאָנאט	געווען פּרעזידענט: יאָהר	געלעבט יאָהרען	געשטאָרבען: טאג	געשטאָרבען: מאָנאט	געשטאָרבען: יאָהר
1	דזשאָרדזש וואשינגטאָן	22	פעב.	1732	1789	4	10	7	67	14	דעצ.	1799
2	דזשאהן אדעמס	30	אָקט.	1735	1797	—	—	4	90	4	יולי	1826
3	טהאָמאַס דזשעפערסאָן	13	אַפּר.	1743	1801	—	—	8	83	4	יולי	1826
4	דזשיימס מעדיסאָן	16	מאַר.	1751	1809	—	—	8	85	28	יוני	1836
5	דזשיימס מאָנראָו	28	אַפּר.	1758	1817	—	—	8	73	4	יולי	1831
6	דזשאהן קווינסי עדעמס	11	יולי	1767	1825	—	—	4	80	23	פעב.	1848
7	ענדריו דזשעקסאָן	15	מאַר.	1767	1829	—	—	8	78	8	יוני	1845
8	מארטין וואן ביורען	5	דעצ.	1782	1837	—	—	4	79	24	יולי	1862
9	וויליאם ה. העריסאָן	9	פעב.	1773	1841	—	1	-	68	4	אַפּר.	1841
10	דזשאהן טיילאר	29	מאַר.	1790	1841	—	11	3	71	17	יאַנ.	1862
11	דזשיימס נאָקס פּאָלק	2	נאָוו.	1795	1845	—	4	—	53	15	יוני	1849
12	זאַבארי טעילאָר	24	נאָוו.	1784	1849	5	4	1	65	9	יולי	1850
13	מיללארד פילמאָר	7	יאַנ.	1800	1850	26	7	2	74	8	מאַר.	1874
14	פרוינקלין פּיערס	23	נאָוו.	1804	1853	—	—	4	64	8	אָקט.	1869
15	דזשיימס בוקהענען	23	אַפּר.	1791	1857	—	—	4	77	1	יוני	1868
16	איברעהעם לינקאָלן	12	פעב.	1809	1861	11	1	4	56	15	אַפּר.	1865
17	ענדרו דזשאָנסאָן	29	דעצ.	1808	1865	19	10	3	66	31	יולי	1875
18	יוליסיס סימפּסאָן גרענט	27	אַפּר.	1822	1869	—	—	8	63	23	יולי	1885
19	רוטהערפאָרד ב. העיס	4	אָקט.	1822	1877	—	—	4	70	17	יאַנ.	1893
20	דזשיימס א. גארפיעלד	19	נאָוו.	1831	1881	15	6	-	49	19	סעפּ.	1881
21	טשעסטער אלען ארטהור	5	אָקט	1830	1881	15	5	3	56	18	נאָוו.	1886
22	גראָווער קליוולענד	18	מאַר	1837	1885	—	—	4	71	24	יוני	1908
23	בענדזשעמין העריסאָן	20	אוג.	1833	1889	—	—	4	67	13	מאַר.	1901
24	גראָווער קליוולענד	18	מאַר	1837	1893	—	—	4	71	24	יוני	1908
25	וויליאם מעקקינלי	29	יאַנ.	1843	1897	10	6	4	58	14	סעפּ.	1901
26	טהעאָדאָר רוזוועלט	27	אָקט	1858	1901	18	5	7	61	6	יאַנ.	1919
27	וויליאם האָוואַרד טעפט	15	סעפּ	1857	1909	—	—	4	—	—		—
28	וואודראָו ווילסאָן	28	דעצ	1856	1913	—	—	3	—	—		—
29	וואררען ג. הארדינג	2	נאָוו	1865	1921	—	—	-	—	-		—

אידישע קאנגרעסלייט אין אמעריקא

געוועזענע:

בענדזשאמין, יהודה, פיליפ,	1812—1884	סענאטאר פון לואיזיאנא,	1853—1861
קאנטאר דזשייקאב א.	1854—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1913—1915
איינשטיין, עדווין	1842—1906	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1879—1881
עמעריטש, מארטין	1847—	קאנגרעסמאן פון אילינאיז,	1903—1907
פישער, איזראעל פ.	1858—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1895—1899
פרענק, נייטהען	1852—	קאנגרעסמאן פון מיזורי,	1889—1891
גאלדפאגעל, הענרי מ.	1856—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1901—1915
„ „		„ „ „ „	1919—1921
גאלדציער, דזשוליוס	1854—	קאנגרעסמאן פון אילינאיז,	1893—1895
גוגענהיים, סיימאן	1867—	סענאטאר פון קאלאראדא,	1907—1913
הארט, עמאנועל ב.	1809—1897	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1851—1853
האוסמאן, דזשוליוס	1832—1891	קאנגרעסמאן פון מישיגען,	1883—1885
דזשאנאס, בענדזש. פרענקלין	1834—1911	סענאטאר פון לואיזיאנא,	1879—1885
לעסלער, מאנטעגיו	1869—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1902—1903
לעווין, לואיס טשארלז	1808—1860	קאנגרעסמאן, פענסילוו.	1845—1851
לעווי, דוד יאלי	1811—1886	דעלעגאט פון פלארידא,	1841—1845
„ „ „		סענאטאר פון פלארידא,	1845—1851
„ „ „		„ „ „	1887—1889
לעווי, דזשעפערסאן מאנרא		קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1899—1901
„ „ „		„ „ „ „	1911—1915
ליטטאוער, לוסיוס נייטען	1859—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1897—1907
מעי, מיטשעל	1871—	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1899—1901
מעיער, אדאלף	1842—1908	קאנגרעסמאן, לואיזיאנא	1891—1908
מארז, לעאפאלד	1831—1892	קאנגרעסמאן פון מאסס.	1877—1885
„ „		„ „ „	1887—1889
פיליפס, הענרי מייער	1811—1884	קאנגרעסמאן, פענסילוו.	1857—1859
פיליפס, פיליפ	1807—1884	קאנגרעסמאן, אלאבאמא,	1853—1855
פוליצער, דזשאזעף	1847—1911	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1885—1886
ריינער, איזידאר	1850—1912	קאנגרעסמ. פון מערילענד,	1887—1895
„ „		סענאטאר פון מערילענד,	1905—1912
סיימאן, דזשאזעף	1851—	סענאטאר פון ארעגאן,	1898—1903
סטרוים, איזידאר	1845—1912	קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1894—1895
סטרוים, מייער	1825—1878	קאנגרעסמאן פון פענסיל.	1863—1867
וואלף, הערדי ב.	1880—	קאנגרעסמאן, מערילענד,	1907—1909
אנזארגע, מ. ס. רעפובל.		קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1921—1923
קראוס, מילטאן, רעפובל.		קאנגרעסמאן, אינדיאנא,	1917—1923
לאנדאן, מאיר, סאצ.		קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1915—1917
„ „ „		קאנגרעסמאן פון ניו יארק,	1921—1923

ראסדייל, אלבערט. רעפובל.	קאָנגרעסמאַן פון ניו יאָרק, 1923—1921
סיגעל, אייזיק. רעפובל.	קאָנגרעסמאַן פון ניו יאָרק, 1923—1915
וואָלק, לעסטער ד. רעפובל.	קאָנגרעסמאַן פון ברוקלין, 1923—1921

א י צ ט י ג ע :

(מיטגלידער פון דעם 68טען קאָנגרעס)

באַכראַך, אייזעק. רעפוב.	קאָנגרעס., אַטלאַנטיק סיטי	—1915
קאהן, דזשוליוס. רעפוב.	קאָנג., סאַן פראַנציסקאָ,	1902—1889
„ „ „	„ „	—1905
פערלמאַן, נייטהעניעל ד. רעפוב.	קאָנגרעסמאַן, ניו יאָרק	— 1921
סאַבאַטה, אַדאָלף דזש. דעמאָקראַט	קאָנגרעסמאַן, שיקאַגאָ	—1907
ראָזענבלום, ב. ל. רעפוב.	קאָנגרעסמאַן, וו. ווירדזש.	—1921
מייקעלסאָן, מ. א.	קאָנגרעסמאַן, אילינאָיז	—1922
דיקשטיין, סעמיועל. דעמאָקראַט	קאָנגרעסמאַן, ניו יאָרק	—1922
בלום, סאָל. דעמאָקראַט.	קאָנגרעסמאַן, ניו יאָרק	—1922
סעלער, עמנואל	קאָנגרעסמאַן, ברוקלין	—1922
דר. דזשייקאָבסטיין, מייער	קאָנגרעסמאַן, ראָטשעסטער, נ. י.	—1922

די ענגסטע טייל פון ניו יאָרק.

כמעט 69 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ניו יאָרק וואוינט אויף א שטח פון ווייניגער ווי 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער שטאָדט.

די ענגסטע, געדיכסטע טייל פון ניו־יאָרק געפינט זיך צווישען דער 3טער און 9טער סטריט און צווישען עוועניו „בי" און עוועניו „די". דאָרט וואוינען 650 מענשען אויף יעדען אַקער לאַנד. א נאָרמאַלער שטאָדט־אַקער דאַרף נישט אנטהאַלטען מעהר ווי 100 מענשען. ווען די צאָהל דערגרייכט ביז צו 300 מענשען פער אַקער, ווערט דער געגענד באַצייכענט אַלס אַן „ענג (קאָנדזשעסטעט) אָרט".

עס פאַרשטעהט זיך, אַז וואָס ענגער א געגענד, אַלס אומגעזונטער איז ער. אָבער ס'איז מערקווירדיג, אַז גראָד דער ענגסטער געגענד אין ניו יאָרק, פון דער 3טער ביז דער 9טער סטריט און פון עוועניו „בי" ביז עוועניו „די", איז דער געזונדסטער. דאָרט שטאַרבען בלויז 6 מיט א דריטעל מענשען פון יעדע טויזענד אַלע יאָהר. אין יענעם געגענד וואוינען מעהרסטענס אידען.

אין 73 דיסטריקטען (אינגאַנצען איז די שטאָדט איינגעטיילט געוואָרען אין 3427 צענזוס־דיסטריקטען) וואוינען מעהר ווי צו 300 מענשען אויף אַן אַקער לאַנד, און פון די אַלע 73 דיסטריקטען איז פאַראַן בלויז איינער, וואו די מעהרסטע איינוואוינער זיינען ווייסע אַמעריקאַנער געבוירענע, וואָס זייערע עלטערען זיינען אויך דאָ געבוירען געוואָרען.

אין דעם משך פון די לעצטע 30 יאָהר איז די באַפעלקערונג פון ניו יאָרק געוואַקסען אויף גאַנצע 2 מיליאָן נפשות.

די באַפעלקערונג פון ניו יאָרק איז גרעסער ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען אין דעם יאָהר 1800.

די שטאַטען פון אמעריקא

דער נאמען פון יעדען שטאט, וויפיל סקווער מייל יעדער שטאט פארנעמט, די אלגעמיינע און די אידישע באפעלקערונג פון יעדען שטאט און די קעפיטאל פון יעדען שטאט.

נאָמען פון שטאט		סקווער מייל אין שטאט	אלגעמיינע באפעלקערונג אין 1920	אידישע באפעלקערונג	קעפיטאל
אלאבאמא	Alabama	51,998	2,348,174	11,086	מאָנטגאָמערי
אריזאָנא	Arizona	113,956	334,162	1,013	פעניקס
ארקאנזאס	Arkansas	53,335	1,752,204	5.012	ליטל ראָק
קאַליפאָרניא	California	158,297	3,426,861	63,652	סאקראמענטא
קאָלאָראדאָ	Colorado	103,948	939,629	14,565	דענווער
קאָנעטיקוט	Connecticut	4,965	1,380,631	66,862	הארטפאָרד
דעלאווער	Delaware	2,390	223,003	3,805	דאָווער
וואשינגטאָן, ד. ק.	Dist. of Columbia	70	437,571	4,900	וואשינגטאָן
דזשאָרדזיא	Georgia	59,265	2,895,832	22,414	אטלאנטא
פלאָרידא	Florida	58,666	968,470	6,451	טאלאהעסי
איידאהאָ	Idaho	83,888	431.866	1,078	באָיז
אילינאָי	Illinois	56,665	6.485.280	246.637	ספרינגפילד
אינדיאנא	Indiana	36.354	2.930.390	25,833	אינדיאנאפאָליס
אייאָווא	Iowa	56.147	2.404.021	15.555	דעמאָין
קענזעס	Kansas	82,158	1,769.257	9,450	טאָפּיקא
קענטאָקי	Kentucky	40,598	2,416.630	13.362	פרענקפאָרט
לואיזיאנא	Louisiana	48.506	1,798.509	12.723	בייטאָן רוזש
מעין	Maine	33,040	768,014	7,387	אגוסטא
מערילענד	Maryland	12,327	1,449,661	63.642	אנאפאָליס
מעסעטשוזעטס	Massachusetts	8,266	3,852,356	189 671	באָסטאָן
מישיגען	Michigan	57,980	3,668,412	63.254	לענסינג
מינעסאָטא	Minnesota	84,682	2,387,125	31.462	סט. פאָול
מיזורי	Missouri	69,420	3,404,055	80.807	דזשעפערסאָן סיטי
מיסיסיפי	Mississippi	46.865	1,790.618	3.881	דזשעקסאָן
מאָנטאנא	Montana	146,997	548,899	2.518	העלענא
נעבראסקא	Nebraska	77,520	1,296,370	13,547	לינקאָלן
נעוואדא	Nevada	110,690	77,407	503	קארסאָן סיטי
ניו העמפשייר	New Hampshire	9,341	443,083	3.257	קאנקאָרד
ניו דזשוירזי	New Jersey	8,224	3,155,900	149,476	טרענטאָן
ניו מעקסיקאָ	New Mexico	122,634	360,350	858	סאנטא־פעי
ניו יאָרק	New York	49,204	10,385,277	1,603.923	אָלבאני
נאָרטה קאראָליינא	North Carolina	52,426	2,559,123	4.915	רעלעי
נאָרטה דאקאָטא	North Daktota	70,837	646,872	1.492	ביסמארק
אָהייאָ	Ohio	41,040	5,759.394	166.361	קאָלאָמבוס
אָקלאהאָמא	Oklahoma	70,057	2,028.283	5.186	אָקלאהאָמא סיטי
ארעגאָן	Oregon	96,699	783,389	9.767	סיילעם
פענסילווייניא	Pennsylvania	45,126	8,720,017	322 406	העריסבוירג
רהאָוד איילענד	Rhode Island	1,248	604,397	20.502	פראווידענס
סאוטה קאראָליינא	South Carolina	30,989	1,683,724	4,816	קאָלאָמביא
סאוטה דאקאָטא	South Dakota	77,615	636,547	1,262	פיעררע

נאמען פון שטאט		שטח אין סקווער מייל	באפעלקערונג אין 1920	אידישע באפעלקערונג	קעפיטאל
טענעסי	Tennessee	42,022	2,337,885	14,034	נעשוויל
טעקסעס	Texas	265.896	4,663,228	30,839	יוסטאן
יוטא	Utah	84.990	449.396	3,737	סאלט לייק סיטי
וואירמאנט	Vermont	9.564	352,428	2,221	מאנטפעליער
ווירדזשיניא	Virginia	42,627	2.309.187	15,403	רישמאנד
וואשינגטאן	Washington	69,127	1.356,621	9,117	אלימפיא
וועסט ווירדזשיניא	West Virginia	24,170	1.463.701	5,129	טשארלסטאן
וויסקאנסין	Wisconsin	56.066	2,632.067	28,531	מעדיסאן
ווייאמינג	Wyoming	97,914	194,402	498	טשייען
אמעריקאנישע טעריטאריעס					
אלאסקא	Alaska	590,884	54,899	500	דזשונא
האוואי־אינזלען	Hawaii	6,499	255,912	150	האנאלולו
אמעריקאנישע דעפענדענסים					
פיליפינישע אינזלען	Philippine Is.	114,400	10,350,730	500	מאנילא
פארטא ריקא	Porto Rico	3,453	1,299.809	200	סאן זשואן
וואירדזשין אינזלען	Virgin Islands	132	26.051		שארלאט אמאליע
אמעריקאנישע סאמאא	Amer. Samoa	57.9	8,324		פאגא פאגא
גואם	Guam	210	14,246		אגאנזא
מידוועי אינזלען	Midway Is.				

דער שטח פון די פאראייניגטע שטאאטען, אין סקווער מייל, איז: פעסט לאנד, יבשה — 3,026,789; צוזאמען — 3,743,510.

* * *

די באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען (אין 1920) איז: אין די שטאאטען — 105,710,620; צוזאמען — 117,859,495.

* * *

די אמעריקאנישע רעפובליק באשטעהט פון די אויבען־אויסגערעכענטע 48 שטאאטען און דעם פעדעראל דיסטריקט אוו קאלאמביא. דאס ווערט אנגערופען פון באקוועמליכקייט וועגען „קאנטינענטאל יונייטעד סטייטס". די אמעריקאנישע פאסעשאנס און דעפענדענסים באשטעהען פון די טערי־טאריעס אלאסקא און האוואי; פארטא ריקא, די פיליפינישע אינזלען, די וואירדזשין איילענדס אוו דהי יונייטעד סטייטס, אמעריקען סאמאא, גואם, וועיק און די מידוועי איילענדס אין פאסיפיק און דעם פאנאמא קאנאל ראיאן. אט די אלע פאסעשאנס און דעפענדענסים פארנעהמען א שטח פון 716,721 סקוועער מייל. די דארטיגע באפעלקערונג ווערט אפגעשאצט ארום 12,148,875.

פון וואנען שטאמען די נעמען פון די שטאטען?

פון אונזערע 48 שטאטען, וואס בילדען די אמעריקאנישע רעפובליק, זיינען 25 נעמען פון אינדיאנישען אורשפרונג, 12 ענגלישע, 6 שפאנישע, 3 פראנצויזישע און 2, פון היסטארישען שטאנדפונקט, מוזען באצייכענט ווערען פאר אמעריקאנישע.

ניו־העמפשייר האט דעם דאזיגען נאמען באקומען אין יאהר 1629 נאך דעם נאמען פון דער ענגלישער גראפשאפט, פון קאפיטאן דזשאן מייסאן, וואס האט געהאט א פאטענט (דער פאטענטי) פון דער פלימוט קאמפאני.

רהאוד איילאנד פארדאנקט זיין נאמען דעם האלענדישען ים־פאהרער אדריאן בלאך, וואס האט אין יאהר 1614 ענטדעקט אן אינזעל פון א פייערדיגען אויסזעהן און האט איהם א נאמען געגעבען „ראטהע אינזעל" — רויטער אינזעל. מיט דער צייט איז דאס ווארט „ראטהע" פארוואנדעלט געווארען אין „רהאוד", — „רהאוד איילענד". אנדערע ווידער באהויפטען, אז אין יאהר 1644 האט דער גענעראל געריכט פון דער דאזיגער קאלאניע אויסגעקליבען דעם דאזיגען נאמען נאך דעם אינזעל רהאדעס.

דער שטאט ניו יארק, ווי באוואוסט, האט צוערשט געהייסען ניו־נידהערלאנדס, בעת די שטאדט ניו יארק האט געהייסען ניו־אמסטערדאם. שפעטער איז דער נאמען געענדערט געווארען אויף ניו יארק, צו עהרע פון דעם הערצאג אוו יארק (1664), וועלכער האט באקומען דעם פאטענט, די פריווילעגיע פון זיין ברודער, קעניג טשארלז דעם 2טען פון ענגלאנד, און האט געשיקט אן עקספעדיציע, וואס האט צוגענומען ניו־נידהערלאנדס.

ניו דזשוירסי: — אין יאהר 1664 האט דער הערצאג פון יארק, פון ענגלאנד, געגעבען א פריווילעגיע לארד דזשאן בערקעלי, און סער דזשארדזש קארטערעט אויף די גרעניצען, וואס זיינען אנגערופען געווארען נעווא קאעזאריע, אדער ניו דזשוירסי. קאעזאריא, אדער קאעזארייע, איז געווען דער פארצייטיגער נאמען פון דעם אינזעל דזשוירסי פון וועלכען קארטערעט איז געווען אדמיניסטראטאר.

פענסילווייניא: — פענן־סילוואניא — פון פענן און סילווא, צוויי לאטיינישע ווערטער פאר וועלדער, גרופען פון וועלדער; דאס איז דער נאמען צו עהרע פון וויליאם פענן, וועלכער האט אין 1681 באקומען די פריווילעגיע אויף יענעם שטיק לאנד פון ענגלישען קעניג טשארלז דעם 2טען פאר א חוב, וואס די בריטישע רעגירונג איז שולדיג געבליבען זיין פאטער. וויליאם האט יענעם לאנד א נאמען געגעבען סילווייניא און דער קעניג האט מוסיף געווען „פענן".

דער שטאט דעלאווער טראגט דעם נאמען פון דעם ענגלישען לארד דע לא ווארר, וועלכער איז געווען גובערנאטאר פון ווירדזשיניא און האט אין יאהר 1630 געמאכט א פארשונגס רייזע איבער דעם דארטיגען ים־אויסגוס.

מערילאנד טראגט דעם נאמען פון טשארלז דעם ערשטענס קאטוילישער פרוי, קעניגין הענריעטא מאריע (מערי), די טאכטער פון הענרי פון נאווארע.

די שטארקע נייגונג פון די ערשטע

ענגלישע קאָלאָניסטען צו פאַראייביגען אין זייערע קאָלאָניעס קעניגליכע נעמען, צייגט זיך ווייטער ארויס אין די נעמען פון ווירדזשיניא, קאראָליינא און דזשאָר־דזשיא שטאַטען.

ווירדזשיניא טראָגט דעם נאָמען פון עליזאבעט, די טאָכטער פון ענגלישען קע־ניג הענרי דעם 8טען, וועלכע די הויף לייט פלעגען אמאָל רופען „דהי וואויר־דזשין קווין אָוו אינגלענד“.

עס איז ניט גאַנץ קלאָר נאָך וועלכען קעניג קארל די קאראליינא שטאַטען ווע־רען אָנגערופען. אין יאָהר 1663 האָט מען אויסגעפונען, אז די קאראליינאס רופען זיך אויף׳ן נאָמען פון קארל (טשארלז) דעם 2טען. אנדערע ווידער באהויפּטען, אז אין יאָהר 1560 האָט א פראנצויזישער פאָרשער יענע געגענד אזוי א נאָמען געגעבען נאָך קארל דעם 9טען פון פראנקרייך.

דער שטאַט דזשאָרדזשיא טראָגט דעם נאָמען פון קעניג דזשאָרדזש דעם 2טען, פון ענגלאנד.

פון די דריי שטאַטען, וואָס טראָגען פראנצויזישע נעמען, איז דער אורשפּרונג פון איין נאָמען ניט באשטימט. די פראנ־צויזען האָבען אפילו גרויסע ענטדעקונגען געמאכט, ווי צום ביישפּיל, זיי האָבען ענטדעקט דעם סט. לארענס ריווער און דעם לייק טשאמפּליין, אָבער קיין אויס־געצייכענטע קאָלאָניסטען זיינען זיי ניט געוועזן.

ווערמאָנט האָט צוערשט באקומען דעם דאָזיגען נאָמען פון סעמועל דע טשאמפּליין, וועלכער האָט יענע געגענד ערפאָרשט אין יאָהר 1609 און האָט זי א נאָמען געגעבען ווערד מאָנט — צוויי פראנצויזישע ווערטער, וואָס באדייטען — גרינע בערג.

עס ווערט אויך אָנגענומען, אז דער שטאַט מעין רופט זיך אזוי אויף דעם נאָמען פון א פּארצייטיגער פראנצויזי־שער פּראָווינץ, וואָס האָט געהערט צו דער ענגלישער קעניגין הענריעטא מאריע פון ענגלאנד, די פרוי פון קעניג טשארלז דעם 1טען. אנדערע ווידער באהויפּטען, אז די פישער פלעגען פעסטע לאנד, יבשה, רופען „מעין לענד“.

דער דריטער שטאַט, וואָס טראָגט א פראנצויזישען נאָמען, איז לואיזיאנא, אויף׳ן נאָמען פון דעם פראנצויזישען קע־ניג לואיס דעם 14טען. דעם דאָזיגען נאָמען האָט געגעבען דער דרייסטער פראנצויזישער פאָרשער פון דעם מיסי־סיפּי ריווער, ראָבערט דע לא סאלע, אין יאָהר 1682.

דער ערשטער שטאַט מיט א שפּאַ־נישען נאָמען איז געווען פלאָרידא, וואָס איז ענטדעקט געוואָרען פון דעם שפּאַ־ניער דזשאָן פאנסע דע לעאָן אָסטערזונ־טאג אין יאָהר 1512. „פּאסקוא פלארי־דא“ מיינט אין שפּאניש — בלומענ־פעסט, בלומען־יום־טוב, אין יענעם זונ־טאג ווערען אין שפּאניען אלע קירכען באפּוצט מיט בלומען. מעגליך, אז דער ענטדעקער האָט יענע געגענד א נאָמען געגעבען פלאָרידא נאָר דערפאר, וואָס די געגענד איז רייך אין בלומען און פלאנ־צונגען.

די אנדערע שטאַטען מיט שפּאנישע נעמען ליגען אין ווייטען מערב. ווער עס האָט נאָר געזעהן ווי די שפּיצען פון די בערג אין נעוואדא זיינען באדעקט מיט שניי, וועט באלד דערקאָנען די טרע־פענדע באצייכענונג פון נאָמען: נעוואַ־דא באדייט אין שפּאניש באקליידט מיט שניי — שנייאיג.

אויך מאָנטאנא איז א שפּאניש וואָרט, וואָס באדייט בארגיג. די פּערוא־וויער באנוצען דעם אייגענעם וואָרט פאר זייערע דיסטריקטען, וואָס עס געפינען זיך די אנדען־בערג.

קאלאראדא מיינט אין שפּאניש רויט אָדער רויטליך. אין מאנכע טיילען פון

דעם שטאט קאלאראדא איז די ערד רויטליך.

קאליפארניא איז צוזאמענגעזעצט פון צוויי שפאנישע ווערטער — „קאלידא פארמאקס“, וואס מיינט א הייסער פוירנעס, א הייסער אויווען, ס'הייסט א הייס לאנד.

פארשיידענע מיינונגען זיינען דא וועגען דער אפשטאמונג פון דעם שטאט־נאמען — ארעגאן. מאנכע זאגען, אז דאסווארט באדייט אויף שפאניש גרויסע אויערן, ס'הייסט מענשען מיט גרויסע אויערן (אינדיאנער). אנדערע ווידער באהויפטען, אז דאס ווארט ארעגאן איז א אינדיאנישעס און באדייט א פלאץ, וואו אלץ איז דא גענוג ; עס איז אויך דא א מיינונג, אז דאס ווארט איז א פראנצויזיש־שפאנישעס און באדייט פאלענדיג וואסער, אדער דאס איז גאר א ריין פראנצויזיש ווארט, וואס באדייט שטורעמס, אוראגאנען.

די צוויי שטאטען מיט אמעריקאנישע נעמען זיינען — וואשינגטאן, אויף דעם נאמען פון דעם פאטער פון לאנד דזשארדזש וואשינגטאן, און אינדיאנא, ווייל אין יענער געגענד האבען זיך געפונען אויף א גרויסען שטח פילע אינדיאנער משפחות.

דער ערשטער שטאט, וואס טראגט אן אינדיאנער נאמען איז מעסעטשוזעטס, וואס באדייט אויף א געווויסען אינדיאנישען דיאלעקט — „א גרויסער בארג, א קליינער פלאץ“.

אויך קאנעקטיקוט איז א אינדיאנער נאמען — קואנעקטאקוט — וואס מיינט א לאנגער טייך.

אין דעם יאהר 1541 האט דער שפאנישער ענטדעקער פון דעם מיסיסיפי, הערנאנדא דע סאטא, געהאט א קאמף מיט אן אינדיאנער שבט אויף דעם ארט, וואס האט געהייסען אליבאמא, ביים פאזא־טייך אין מיסיסיפי. אט דער פלאץ איז געווען די פעסטונג פון א העלדישען אינדיאנער שבט, וואס האט זיך גערופען אליבאמאנס אדער אליבאמאס. נאכ'ן קאמף מיט הערנאנדא דע סאטא האבען די אינדיאנער אויסגעוואנדערט ווייטער איסט ביי די ברעגען פון א קליינעם טייך, וואס זיי האבען א נאמען געגעבען נאך זייער שבט אלאבאמא טייך און נאך דעם דאזיגען טייך האט שפעטער דער שטאט באקומען זיין נאמען אלאבאמא. מאנכע זאגען אז אלאבאמא באדייט, — „דא רוהען מיר“ ; אנדערע ווידער באהויפטען, אז פון די אינדיאנישע ווערטער „אלבא איא מולע“, וואס באדייטען „איך עפען, איך טרעט אפ דעם גערדיכטען וועלדעל“, — שטאמט דער נאמען אלאבאמא.

מיסיסיפי איז אינדיאניש, דאס ווארט באשטעהט פון צוויי ווערטער: „מישע סעפע“, וואס באדייטען — דער פאטער פון וואסערן, אדער גרויסער טייך. אזוי האבען זיי גערופען דעם גרויסען טייך — מיסיסיפי און דעם דאזיגען נאמען האט מען אויך געגעבען דעם שטאט.

טעקסעס איז אן אינדיאניש ווארט, וואס באדייט „פריינד“ אדער „עליים“. שפעטער האט מען דארונטער פארשטאנען א צאהל פון אינדיאנער שבטים, וואס האבען זיך פאראייניגט געגען די „עפעש־איש“ (אמעריקאנער אינדיאנער) פון אריזאנא.

די באדייטונגען פון די נעמען טענעסי און קענטאקי זיינען ניט קלאר. טענעסי זאל באדייטען אויף אינדיאניש „אן אויסגעבויגענע לעפעל“ (טען־אססע); קענטאקי זאל באדייטען אויף אינדיאניש א פלאנצונג — דער כינא־ווארצעל, וואס ווערט אנגערופען אויפ'ן וויסענשאפטליכען לשון „סמיילעקס פסודא טשיינע“. אנדערע ווידער באהויפטען, אז דאס

ווארט קענטאקי מיינט אויף אינדיאניש א לאנד פון לאנקעס (קאנטאקע).

דער שטאט אהייא טראגט דעם נאמען פון טייך אהייא — אן אינדיאניש ווארט, וואס באדייט „פיין" אדער „גוט", עס הייסט, דער שעהנער טייך.

אילנאיז ווערט אנגערופען נאך דעם אינדיאנער שבט איללינו, וואס האט זיך געפונען אין יענער געגענד. איללינו מיינט „מענער". די ענד „איז" האבען די פראנצויזען מוסיף געווען.

אייאווא רופט זיך אויך נאך אן אינדיאנער שבט — אה־הע־א־בא. דאס ווארט באדייט — „פארשלאפענע מענשען".

מישיגען איז אויך אן אינדיאניש ווארט — „מישיגאמאוו" אדער „מישאווינגונא". די דאזיגע ווערטער באדייטען „א גרויסער טייך". די אינדיאנער האבען אזוי גערופען דעם טייך מישיגען. „מישי" מיינט „גרויס" און „גאמא" מיינט „וואסער". די אינדיאנער פון יענעם שבט האט מען גערופען „מישיגאמאוו", אדער „מישאווינונאר".

דער נאמען פון דעם שטאט וויסקאנסין איז ניט גאנץ קלאר. עס ווערט באהויפטעט, אז דער דאזיגער נאמען איז אויך אינדיאניש. אין אנהויב איז דאס ווארט אויסגעלייגט געווארען „אואיסקאנסין". אזוי האבען אויסגעלייגט דאס ווארט די פראנצויזישע מיסיאנערען. אין מאנכע דאקומענטען איז דאס ווארט געשריבען „מיסקאנסינג", „אואיסקאנטשינג", „אואיסקענסינג". די ערשטע יענקי סעטלערס האבען דאס ווארט אויסגעלייגט „וויסקאנסאן", דערנאך „וויסקאנסין". אבער דער קאנגרעס האט געענדערט אויף „וויסקאנסין" מיט א „סי", ניט מיט א „קעי". מען גלויבט, אז דאס ווארט באדייט אויף אינדיאניש „א ווילד רוישענדיגער קאנאל".

מינעסאטא איז אן אינדיאניש ווארט, וואס באדייט „וואלקענדיגעס וואסער", אדער „הימעלפארביגעס וואסער". אזוי האבען די אינדיאנער גערופען דעם דארטיגען טייך און נאך יענעם טייך האט מען א נאמען געגעבען דעם שטאט.

מיזורי — די מיזורי זיינען געווען אינדיאנער, וואס האבען געטראגען אזא נאמען. די אינדיאנער האבען דארט גערופען דעם ריווער „מיזורי", וואס באדייט אויף אינדיאניש „טריבעס, אנגעכמורעטעס וואסער". דאס וואסער פון יענעם טייך איז געלבלאך, טריב.

ארקאנזאס רופט זיך אויף דעם נאמען פון אן אינדיאנער שבט מיט אזא נאמען. דער שבט האט זיך גערופען „אלקאנזאס" אדער „אלקאנזיא". די באדייטונג פון דעם ווארט איז פארלוירען געגאנגען.

די שטאטען נארט דאקאטא און סאוט דאקאטא טראגען אויך אינדיאנישע נעמען. „דאקאטא" באדייט אויף אינדיאניש „פריינד", „עליים פון פריינד". אין מאנכע דיאלעקטען ווערט דאס ווארט געשריבען „לאקאטא", „לאהקאטא", אדער „נאקאטא".

נעבראסקא (און אויך דאס ווארט אמאהא) זיינען אינדיאנישע ווערטער, וואס באדייטען — „א ברייט וואסער".

דער שטאט קענזאס איז אויף דעם נאמען פון אן אינדיאנער שבט, וואס באדייט „וויגדפאלק", דאס פאלק פון זידליכען ווינד".

אקלאהאמא טראגט אויך דעם נאמען פון אן אינדיאנישען שבט. דאס ווארט באדייט — „דאס רויטע פאלק".

דער היסטאריקער פון שטאט וויאמינג, יונים ענדערסאן, באהויפטעט, אז דאס ווארט וויאמינג איז גענומען געווארען פון וויאמינג וועלי, פענסילווייניא, פון קעמפבעלס פאעמע „גערטרוד אוו וויאמינג". דאס ווארט מיינט „בערג מיט טהאלען אבוועקסלענדיג" עס

הייסט, גאָט האָט ארונטערגעבויגען זיי־נע בערג, כדי די מענשען זאָלען ווערען זיינע איינוואוינער.

ניו־מעקסיקא רופט זיך אויף דעם נאָמען פון דעם נאציאָנאלען מלחמה־גאָט פון די אצטעקען „מעקסיטילי", די אצטעקען זיינען געווען אן אינדיאנישער שבט. אנדערע זאָגען, אז דאָס וואָרט מיינט „די דירה פון דעם מלחמה גאָט".

אריזאָנא איז דער נאָמען פון א. קליי־נעם אינדיאנישען שבט אין זיד־וועסט פון דעם לאנד, א פרידליך שבט, וואס האָט פיל געליטען פון די קריגערישע „עפּעשאיש". דאָס וואָרט „אריזאָנא" (פון „אריאנאק"), באדייט „א געגענד פון קליינע קוואלען".

דער מארמאָנען שטאָט יוטאה טראָגט דעם נאָמען פון דעם אינדיאנישען שבט די יוטעס. די באדייטונג פון וואָרט וויים מען ניט.

איידאהא איז אן אינדיאניש וואָרט, וואס באדייט „די ליכטיגקייט, די ליכ־טיגע, טייערע זאכען אויף די בערג" (עדאה האָע).

אלאסקא — פון אל־עי־עס־קא — א עסקימאָ וואָרט, וואס מיינט — א גרויס לאנד.

קאלאמביא (דיסטריקט אוו קאלאָמ־ביא) — פון קאָלאָמבוסעס נאָמען, אָנ־גענומען אין יאָהר 1791 פון די פעדעראל קאָמישאָנערס.

האוואי — די ענגלישע אויסלייגונג פון אווהייהי, וואו די געבירטיגע האָבען ערמאָרדעט קאפּיטאן קוק אין 1779.

פהיליפּינען — שפּאניש. די פיליפּינישע אינזלען זיינען ענטדעקט געוואָ־רען אין 1521 פון מאגעלאן, וועלכען די געבירטיגע האָבען ערמאָרדעט אין א צוזאמענשטויס; מען האָט די אינזלען א נאָמען געגעבען נאָך דעם שפּאנישען קעניג פיליפּ דעם 2טען.

פּאָרטאָ ריקאָ — פון די שפּאנישע ווערטער „פּוערטא ריקא", וואס מיינט א רייכער פּאָרט.

פּאָסט אָפּיס ביזנעס אין צוויי ניו־יאָרקער באָראָס.

דער פּאָסט־אָפּיס האָט אין מאנהעטען און בראָנקס אריינגענומען לעצטע יאָהר (1922) איבער 56 מיליאָן דאָלאר. דאָס איז צוויי מאָל אזוי פיעל ווי אין יאהר 1912 און מיט קארגע דריי מיליאָן דאָ־לאר מעהר ווי אין יאָהר 1921.

אין די צוויי באָראָס — מאנהעטען און בראָנקס — האָט מען לעצטען יאָהר אָפּגעשיקט אכצעהן הונדערט מיליאָן פּראָסטע בריף, עלף מיליאָן מיט 500 טויזענט רעגיסטרירטע ארטיקלען, 900 מילאָן סוירקולארס, און 54 מיליאָן פּאָ־סילקעס (פּארסעלס).

צוגעשטעלט צו די איינוואוינער פון די צוויי באָראָס האָט מען פופצעהן הונדערט מיליאָן פּראָסטע בריף, עלף מיט א האלב מיליאָן רעגיסטרירטע ארטיקלען.

היגע מאָני־אָרדערס האָט מען ארויס־געגעבען אויף 46 מיליאָן 210 טויזענד, 354 דאָלאר מיט 73 סענט; אויסגע־צאָהלט האָט מען היגע מאָני־אָרדערס 141 מיליאָן 956 טויזענד מיט 19 דאָלאר מיט 87 סענט.

טאבאק אינדוסטריע.

איבער א מיליאָן אַקער לאנד זיינען אין די פאראייניגטע שטאאטען פארזעיט מיט טאבאק. דער יעהרליכער שניט פון טאבאק איז ווערט ארום 318 מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד דאָלאר.

ווייטקייט צווישען אמעריקאנער גרויסע שטעדט

די טאבעלע צייגט און וויפיל מייל עס איז צווישען די שטעדט, וועלכע זיינען דא אויסגערעכענט.

פון ← / ביז	ניו יארק	שיקאגא	פילאדעלפיא	סיינט לואיס	באסטאן	באלטימאר	קליוולאנד	סאן פראנציסקא	פיטסבורג	סינסינעטי
אלבאני — — — —	145	832	236	1,028	202	333	480	3,106	567	724
אטלאנטא — — —	876	733	785	611	1,106	688	736	2,805	805	492
באלטימאר — — —	188	802	97	934	418	—	474	3.076	334	593
באסטאן — — — —	217	1,034	321	1.230	—	418	682	3 308	674	926
באפאלא — — —	442	525	416	731	499	398	183	2,799	270	427
שיקאגא — — — —	912	—	821	284	1,034	802	357	2.274	468	298
סינסינעטי — — —	757	298	666	341	926	593	244	2.572	313	—
קליוולאנד — — —	584	357	493	548	682	474	—	2,631	135	244
קאלאמבוס — — —	637	314	546	428	820	511	138	2,588	193	116
דענווער — — —	1,934	1,022	1,843	916	2,056	1,850	1,379	1,371	1,490	1,257
דיטראיט — — — —	693	272	669	488	750	649	173	2,546	321	263
גאלוועסטאן — — —	1,792	1,144	1,691	860	2,012	1,594	1,408	2,157	1,481	1,157
גרענד רעפידס, מיש	821	178	815	462	878	796	332	2,452	462	308
אינדיאנאפאליס— —	825	183	734	240	965	704	283	2,457	381	111
דזשעקסאנוויל, פלא.—	983	1,097	892	975	1,213	795	1,085	3,098	1,057	841
קענזעס סיטי — —	1,342	458	1,251	277	1,466	1.211	755	1,981	898	618
לאס אנדזשעלעס— —	3,149	2,265	3,058	2,084	3,273	3,018	2,562	475	2,705	2,425
לואיזוויל — — —	871	304	780	274	1,040	703	358	2,468	427	114
מעמפיס — — —	1,157	527	1,066	311	1,387	969	738	2,439	807	494
מילוואקי — — —	997	85	906	369	1,119	887	442	2,359	553	383
מינעאפאליס— — —	1,332	420	1,241	586	1,454	1,222	777	2,096	888	718
מאנטרעאל, קענ. —	386	841	477	1,051	330	574	623	3,115	704	826
נוארק, ניו דזשוירזי	9	903	82	1,056	226	179	575	3,177	435	748
ניו הייווען, קאנ. —	76	980	167	1,141	140	264	628	3,254	520	833
ניו ארלינס — — —	1,372	912	1,281	699	1,602	1,184	1,073	2,482	1,142	829
ניו יארק — — —	—	912	91	1,065	217	188	584	3.186	444	757
אמאהא — — — —	1,405	493	1,314	413	1,527	1,295	1,750	1,781	961	791
פילאדעלפיא— — —	91	821	—	974	321	97	493	3,095	353	666
פיטסבורג — — —	444	468	353	621	674	334	135	2,742	—	313
פארטלאנד, מעין —	332	1,149	436	1,345	115	533	797	3,423	789	1,041
פארטלאנד, ארעגאן —	3,204	2,292	3,113	2,212	3,326	3,094	2,649	772	2,760	2,590
פראווידענס — — —	190	1,034	281	1,230	45	378	682	3,308	634	926
קוויבעק — — —	530	1,013	621	1,343	402	718	795	3,287	876	1,039
ריטשמאנד, ווא.— —	343	879	252	918	573	155	553	3,153	417	581
ראטשעסטער, נ. י. —	373	603	361	799	430	354	251	2 877	338	495
סיינט לואיס — —	1,065	284	974	—	1,230	934	548	2,194	621	341
סיינט פאול— — —	1,322	410	1,231	576	1,444	1,212	767	2.086	878	708
סאן אנטאניא — —	1.943	1,204	1,852	920	2,150	1,755	1,468	1,911	1,541	1,217
סאן פראנציסקא— —	3,186	2,274	3.095	2,194	3,308	3,076	2,631	—	2,742	2,572
סיאטעל — — — —	3,151	2,239	3.060	2,332	3,273	2,941	2,596	957	2,707	2,537
ספרינגפילד, מאסס.	139	935	230	1,131	99	327	583	3,209	583	827
טאלידא — — —	705	244	615	437	795	595	113	2,518	261	203
וואשינגטאן — —	228	790	137	894	458	40	437	3,064	302	553

אידישע פארמעריי אין אמעריקא

פון ב. ס. סטאָן, רעדאַקטאָר פון „אידישען פארמער“.

די ראָלע וואָס אידען שפּילען אויף דעם געביט פון לאַנדווירטשאַפט אין די פאראייניגטע שטאַאטען ווערט אין אלגעמיין ווייניג אנערקענט. ארום 12,000 אידישע פאמיליען — קרוב צו 75,000 נפשות — באשעפטיגען זיך מיט פארמעריי. עס געפינען זיך אין אידישע הענט א מיליאָן אַקער לאַנד וואָס, צוזאמען מיט געביידעס און איינווענטאר, האָבען א באטרעף פון איבער 75 מיליאָן דאָלאר. דאָס רוב פון די אידישע פארמער געפינען זיך אין די 3 מזרח־שטאַאטען, ניו יאָרק, ניו דזשוירזי און קאָנעקטיקוט, אָבוואָהל א באדייטענדע צאָהל פון זיי געפינען זיך אויך אין מאסאטשוזעטס, אייניגע אין פענסילווייניא און דעלעווער. אין דעם צענטראַלען טייל פון די פאראייניגטע שטאַאטען געפינען זיך אם מעהרסטען פון זיי אין מישיגען, אָהייאָ און וויסקאָנסין. קליינע גרופּען און איינצעלנע פארמערס געפינען זיך כמעט אין יעדען שטאַאט.

די דזשואיש אגריקאַלטשורעל סאָסייעטי, אינקאָרפּאָרייטעד, איינע פון די געזעלשאַפטען געשטיצט פון דעם בּאראָן דע הירש פאָנד, וואָס איהר אויפגאַבע איז צו העלפען אין פארשיידענע וועגען די יעניגע, וואָס ווילען זיך באשעפטיגען מיט פארמעריי, האָט געהאָלפען אין דעם יאָהר 1922 104 אידען זיך באזעצען אויף פארמס. אויסער די דאָזיגע האָבען זיך מאנכע באזעצט אויף פארמס אָהן דער הילף פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט. די דזשואיש אגריקאַלטשורעל סאָסייעטי האָט, לויט דעם לעצטען באריכט פון דעם דזשענעראַל מענעדזשער, מר. דייווידסאָן, געמאכט 473 הלואות פון $335,154 — דורכשניטליך האָט עס אויסגעמאכט $895 א הלואה. די הלואות זיינען געמאכט אין 38 שטאַאטען. די געגענד ארום הארטפאָרד, וואו אידישע פארמער באשעפטיגען זיך מיט פלאַנצען טאַבאַק, האָט באקומען $37,000 — א גרעסערע סומע איידער וועלכע עס איז אנדער געגענד.

ביינאהע 780 יונגע לייט האָבען באקומען ארבייט אויף פארמס אין 1922 דורך דער הילף פון דער דזשואיש אגריקאַלטשורעל סאָסייעטי. טראָץ דעם וואָס דאָס לעצטע יאָהר איז געוועזען שלעכט פאר פארמער, און זיי האָבען ניט געקאָנט צאָהלען א גוטען געהאַלט די ארבייטער, האָבען די יונגע לייט באקומען פון 25 דאָלאר ביז 100 דאָלאר א מאָנאַט, מיט קוואַרטיר און עסען. דורכשניטליך האָט עס אויסגעמאכט 28 דאָלאר א מאָנאַט. 76 פּראָצענט פון די ארבייטער האָבען געהאַט ערפאהרונג אין פארם־ארבייט. 6 פּראָצענט זיינען געוועזען סטודענטען פון אגריקולטור קאָלעדזשעס.

אויסער דער הילף צו קויפען פארמס, געפינען שטעלעס אויף פארמס און געבען געלד־הלואות, העלפט די דזשואיש אגריקאַלטשורעל סאָסייעטי דורך איהר אויפקלעהרונגס דעפּאַרטמענט. די עקספּערטען פון דעם דעפּאַרטמענט — אַלע אידישע יונגע לייט — גיבען פרייען

ראט וועגען אלע צווייגען פון פארמע־ריי. אין דעם יאהר 1922 האבען די רייזענדע אגראנאמען פון דעם דעפארט־מענט באזוכט 1607 פארמס. 134 פארזאמלונגען זיינען אפגעהאלטען גע־ווארען אין פארשיידענע געגענדען אונ־טער דער אויפזיכט פון דעם דעפארט־מענט, וועלכע זיינען באזוכט געווארען פון 7260 פארמערס. 1450 פערזאנען האבען באקומען עצות אין דעם אפיס פון דעם דעפארטמענט און 3895 אנטווארּ־טען אויף פארשיידענע פראגען זיינען ארויסגעשיקט געווארען דורך פאסט. אחוץ דעם האט מען ארויסגעשיקט א גרויסע צאהל צייטליכע צירקולארען. דער דעפארטמענט גיט פריי א קארעס־פאנדענץ־קורס אין אגריקולטור צו די לעזער פון דעם „אידישען פארמער", און האט ארויסגעגעבען לעצטעס יאהר א ביכעל אין אידיש וועגען קראנקהיי־טען פון בהמות.

דורך דער ארבייט פון דעם אויפ־קלעהרונגס־דעפארטמענט האבען פילע נייע אידישע פארמער אויסגעמידען א דורכפאל. פילע פון זיי האבען זאגאר געמאכט א וואונדערליכען ערפאלג. אונטער דער פיהרערשאפט פון דער סאָ־סייעטי'ס אגראנאמען האבען זיי אנגע־ווענדעט די מאדערנסטע מעטאדען אין פארמעריי, האבען באקומען גוטע רע־זולטאטען, און האבען זיך אויסגעציי־כענט צווישען די אלטע אמעריקאנער פארמער, און זיינען באעהרט געווארען מיט פרייזען אויף אויסשטעלונגען.

אין מאנכע געגענדען, איבערהויפט אין די קעטסקיל בערג, האלטען אידישע פארמער זומער־האטעלען. וועהרענד די לעצטע פאר יאהר האבען די אייגענ־טימער פון די דאזיגע פלעצער זיך אלץ מעהר פאראינטערעסירט אין פארמעריי.

די דזשואיש אגריקאלטשורעל סאסייטי
(באראן הירש סאסייטי)

ראט און העלפט אלע צוקינפטיגע פארמער ווי צו געפינען פאסענדע פארמס פאר ריכטיגע פרייזען, און ווי צו ארראנזשירען גינסטיגע קויף־באדינגונגען.

עס איז ראטזאם ניט צו געבען קיין דעפאזיט איידער איהר בראט זיך מיט אונזערע אגראנאמען.

פארמער ווערען געראטען אין אלע וואס אנבאלאנגט פארמעריי: וועגען לאנד, ערנטע, מאשינען, בהמות, עופות, פארם געביידען און סאניטארע איינריכטונגען.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי

די סאסייטי גיט ארויס אן אגריקולטור צייטונג „דער אידישער פארמער", דער איינציגער אידישער פארמער זשורנאל אין דער וועלט. סובסקריפשאן פרייז, 2 דאלאר פאר 3 יאהר. שיקט נאך א פרייע סאמפעל־קאפיע.

הויפט אפיס:

THE JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, Inc.

174 Second Avenue, New York, N. Y.

שיקאגא אפיס: 706 West Roosevelt Road, Chicago, Ill.

פילאדעלפיא אפיס: 532 Pine Street, Philadelphia, Pa.

קעטסקיל מאונטיין אפיס: 36 Center Street, Ellenville, N. Y.

אידיש שפרעכענדע אין אמעריקע

לויט די ציפער פון דער רעגירונגס אנדעלס אפטיילונג האבען ארום 2,043,613 אידען אנגעגעבען אידיש און העברעאיש פאר זייער מוטער־שפראך. די ציפער זיינען באגרינדעט אויף דעם צענזוס פון יאהר 1920, וואס באווייזען צווישען אנדערעס אויף וויפיל עס איז געשטיגען די צאהל אידען, וואס האבען ביי דעם דאזיגען צענזוס אנגעגעבען אידיש אלס זייער מוטער־שפראך.

די לעצטע ציפערען האבען צו טאן מיט באסטאן, באלטימאר, סט. לואיס, לאס אנדזשעלעס, באפאלא, און סאן פראנציסקא.

אין באסטאן האבען 60,042 אידען אנגעגעבען אידיש (און העברעאיש) אלס זייער מוטער שפראך; אין באלטימאר 39,335; אין סט. לואיס, 20,430; אין לאס אנדזשעלעס, 10,540; אין באפאלא, 9,705; אין סאן פראנציסקא, 5,598.

געוואקסען איז די צאהל אידיש־שפרעכענדע אין באסטאן פון 1910 ביז 1920 אויף איבער פינף פראצענט. אבער אין באלטימאר אויף גאנצע 46 פראצענט, פון 26,943 אין 1910 ביז 39,335 אין 1920. דער צואוואקס אין סט. לואיס איז אויך אומבאדייטענד—איינגאנצען ווייניגער ווי צעהן פראצענט. דערפאר האט זיך די צאהל אין לאס אנדזשעלעס שטארק פארגרעסערט — פון 5,681 אין 1910 ביז 10,540 אין 1920. אין באפאלא זיינען צוגעקומען איבער 51 פראצענט — אנשטאט 6,403 אין 1910 איז די צאהל אין 1920 געשטיגען ביז 9,705.

לויט דער זעלבינער סטאטיסטיס זיינען אין ניו יארק פאראן 964,139 אידען. נאך די אידען קומען ענגלענדער און קעלטען, וועלכע צעהלען 897,452 נפשות, דאן קומען איטאליענער מיט 803,048 נפשות; דייטשען, 690,780; רוסען, 221,153 און 161 טויזענד מיט 310 פאליאקען.

צווישען די ענגלענדער און קעלטען ווערען אריינגערעכענט אירלענדער, שאטלענדער, וועלשמען און מענקס. אט די אלע זיינען פארקלענערט געווארען פון זינט 1910 אויף 5 פראצענט, און די צאהל פון דער אידישער באפעלקערונג איז פון זינט 1910 פארקלענערט געווארען אויף גאנצע 9 פראצענט.

די אויבען אויסגערעכענטע 6 נאציאנאליטעטען מאכען אויס 86 פראצענט פון דער גאנצער ניו יארקער באפעלקערונג.

עס איז ניט קלאר פון דעם באריכט, צי די צאהל אידען ווערט גערעכענט לויט דער מוטער־שפראך, יואס זיי האבען אנגעגעבען. אין איין פלאץ ווייזט אויס, אז דאס איז טאקע דער פאל. ווארים ריידענדיג וועגען אידען ווערט געזאגט: „איינשליסענדיג העברעאיש און אידיש". אויב אזוי איז זיכער די צאהל אידען פון ניו יארק א סך גרעסער. און ווארשיינליך איז דאס געמיינט לויט דער שפראך וואס אידען האבען אנגעגעבען. ווייל אנדערש קען מען זיך ניט פארשטעלען ווי אזוי די אידישע באפעלקערונג איז אין א משך פון 10 יאהר פארקלענערט געווארען אויף 9 פראצענט, בעת עס איז געווען א נאטירלי־

כער צוואוואקס און א היבשער צופלוס פון אימיגראנטען.

אין 12 שטעדט: באלטימאָר, באָס־טאָן, באפאלא, שיקאגא, קליוולאנד, דע־טראָיט, לאָס אנדזשעלעס, ניו יאָרק, פילאדעלפיא, פיטסבורג, סט. לואיס און סאן פראנציסקא, זיינען אין 1910 געווען 1,260,429 אידען, וואס האָבען גערעדט אידיש; אין 1920 צייגט זיך ארויס, אז 1,482,671 האָבען אָנגעגעבען אידיש אלס זייער מוטער־שפראך, דאָס הייסט, עס האָט זיך פארגרעסערט מיט 222,241.

לויט דער זעלבער סטאטיסטיק זיי־נען דאָ אין לאנד אריבער זעקס און דריי־סיג מיליאָן פרעמד־געבוירענע, פון די פרעמד־געבוירענע באנוצען זיך 29½ מי־ליאָן מענשען מיט זייער מוטער־שפראך. דייטש־שפרעכענדע זיינען דאָ אריבער 8 מיליאָן, איטאליעניש — דריי מיליאָן דריי הונדערט טויזענט, פויליש ארום צוויי און א האלב מיליאָן, שוועדיש־שפרעכענדע ארום א מיליאָן און א האלב, פראנצויזיש 1,290,000 און נאָר־וועגיש שפרעכענדע — א מיליאָן מיט צוואנציג טויזענט.

וואס אמעריקא עסט אויף א יאהר

אמעריקע איז א היבשע מדינה. זי האָט א באפעלקערונג פון 105,710,620 איינוואוינער, און יעדער איינוואוינער האָט א מויל, און יעדעס מויל וויל עסען. מען דערצעהלט אונז, אז אין דורכשניט עסט אויף יעדער איינוואוי־נער ארום 4 מיט איין צעהנטעל פונט שפייז א טאָג. ווען מען זאָל האָבען אין זינען, וויפיל איינוואוינער עס זיי־נען דאָ אין אמעריקע און וויפיל טעג עס זיינען דאָ אין יאָהר, וועט זיך ארויסצייגען, אז אמעריקע מוז האָבען א היבש ביסעל שפייז יעדער יאָהר כדי צו שטילען דעם אפעטיט פון דער גאנ־צער באפעלקערונג.

וויפיל זשע שפייז דארף מען האָבען און וואו נעהמט מען אזוי פיל שפייז? אן ענטפער אויף דעם קען מען געפינען, טיילווייז אין די באריכטען פון דעם דע־פארטמענט אָוו אגריקולטור און טייל־ווייז פאנאנדערגעוואָרפען איבער אנדע־רע ווערק מיט אפיציעלע סטאטיסטישע אינפאָרמאציעס.

עס צייגט זיך ארויס, אז אין אמע־ריקע זיינען פאראן קארגע 6 מיט א האלבען מיליאָן באזונדערע פארמס, אין וועמעס רשות עס געפינען זיך 955 מיליאָן אקער לאנד, וואָל זיינען צוזא־מען ווערט ארום 80 ביליאָן דאָלאר, און וועלכע גיבען ארויס יעדעס יאָהר פאר־שיידענע פראָדוקטען אין ווערט פון סך־הכל 20 ביליאָן דאָלאר. פארגעסט נים, אז א ביליאָן און א מיליאָן איז גרוים געגוג, און א ביליאָן איז טויזענד מאָל אזוי פיל.

וויפיל שפייז גיבען אונז די פארמער און וויפיל שפייז פארברויכען מיר יע־דען יאָהר? א היבש ביסעל. ברויט אליין עסען מיר אויף 38,325,000,000 פונט. ווען מען וואָלט פון אלע ברוי־טען פון א גאנץ יאָהר געמאכט איין פיר־עקיגען לעבעל ברויט, וואָלט ער גע־

וועןן טויזענד פוס די ברייט, טויזענד פוס די הויך און 2,500 פוס די לענג. פאטייטאס עסען מיר אויף 430,500,000 בושעל א יאהר. פלייש עסען מיר אויף 19,600,000,000 פונט א יאהר, ניט אריינרעכענענדיג אהער 1,000,000,000 פונט פלייש, וואס ווערט ארויסגעשיקט אין פרעמדע לענדער. צוליב דעם מוז מען קוילען 100,000,000 קעפ פון פארשיידענע היימישע חיות, ווי קיה, אקסען, שעפסען א. א. וו. ווען מען וואלט דאס גאנצע פלייש אריינגעלעגט אין איין קאסטען, וואלט דער קאסטען געווען אזוי גרויס, ווי 765 פוס די ברייט, 765 פוס די הויך און 765 פוס די לענג. אבער דאס איז נאך ניט אינגאנצען, ווייל יעדעס יאהר עסען מיר נאך אויף 1,700,000,000 פונט פלייש פון פארשיידענע עופות, ווי „טשיקען", טוירקי" און אנדערע.

צוקער פארברויכען מיר יעדעס יאהר 9,660,000,000 פונט. בעבלאך 9 מיליאן בושעל; ציבעלעס — 19 מיליאן בושעל; קרויט — 821 טויזענד טאן; טאמאטאס — א ביסעל מעהר ווי א מיליאן טאן; אייער — צוויי און א האלב ביליאן טוצען.

מילך פארברויכען מיר צעהן ביליאן פיר הונדערט מיליאן גאלאן א יאהר. אבער ניט דאס גאנצע מילך פארברויכט מען דירעקט. א טייל מילך פארברויכען מיר דירעקט, און פון איבעריגען מאכט מען 1,600,000,000 פונט פוטער; 400,000,000 פונט קעז; א ביליאן און א האלב פונט קאנדענסירטע מילך אין קענדלאך; 35 מיליאן פונט געפודערטע מילך, ווי „מאלטעד" מילך און אנדערע; 260 מיליאן גאלאן אייז־קרים.

פיש עסען מיר אויף 2,400,000,000 פונט א יאהר.

פון פרוכט עסען מיר אויף יעדעס יאהר — עפעל 240,000,000 בושעל; בארען — 17,000,000 בושעל; פיטשעס — קנאפע 44,000,000 בושעל; אראנדזשעס — 27,000,000 קאסטענס.

דאס איז ווייט ניט אלץ, וואס מיר עסען אויף יעדעס יאהר.

די העכסטע געביידען אין ניו־יארק

וואולוואירט, בראדוויי און פארק פליים —	56 פלאר	798 פוס הויך
מעטראפאליטען — — — — — — — —	50 "	700 " " 3 אינטשעס
סינגער, בראדוויי ביי ליבערטי סט. — —	41 "	612 " " 1 אינטש
מיוניסיפל, סענטער סט. און פארק ראו —	24 "	560 " " 1 "
בענקער'ס, וואל און נאססאו סט. — —	39 "	539 " "
סיטי אינוועסטינג, 165 בראדוויי — — — —	33 "	486 " " 6 אינטשעס
עקוויטייבל, בראדוויי, פיין און נאססאו —	37 "	485 " " 9 "
וועיטהאל, 17 בעטערי פליים — — —	32 "	424 " "
אדאמס, 61 בראדוויי — — — — — —	32 "	424 " "
טיימז, בראדוויי און 42טע סט. — — —	28 "	419 " " 9 "
אמעריקען עקספרעס, 65 בראדוויי — —	32 "	415 " "
היידעלבערג, בראדוויי און 42טע סט. — —	30 "	410 " "
וועסט סטריט בילדינג — — — — —	19 "	404 " "
וועסטערן יוניאן, בראדוויי און דעי סט. —	28 "	403 " " 6 "
ליבערטי טאוער, נאססאו און ליבערטי סט.	32 "	400 " "

די נייע מלוכות

דאנציג.

אויפ'ן גרונד פון ווערסאלער פרידענס־אפמאך איז די שטאדט דאנציג און אומ־געגענד פארוואנדעלט געווארען אין א פרייער שטאדט אונטער דעם פראטעק־טאראט פון דער ליעג אוו ניישאנס. דער איצטיגער היי־קאמישאנער איז גענעראל ריטשארד העקינג, וועלכער איז בא־שטימט געווארען דעם 24טען יאנואר, 1921.

דעם 16טען מאי 1920 זיינען פארגע־קומען די וואהלען אין דער דאנציגער גרינ־דונגס־פארזאמלונג. דאס וואהלרעכט בא־זיצען אלע בירגער פון דאנציג און אומגע־גענד, וועלכע האבען דערגרייכט דעם על־טער פון 20 יאהר און געפינען זיך אויף דיזער טעריטאריע זינט דעם 10טען יאנו־אר 1920. לויט דעם אפמאך פון דעם 15טען נאוועמבער 1920, געפינט זיך דאנ־ציג אין א קאסטאם־פאראייניגונג מיט פוילען.

דער דאנציגער פארלאמענט באשטעהט פון 120 דעפוטאטען, וועלכע ווערען ער־וועהלט אויף 4 יאהר צייט. דער סענאט באשטעהט פון 22 מיטגלידער, וועלכע ווע־רען טיילווייז ערוועהלט אויף א טערמין פון 6 יאהר (דער פארזיצענדער און 9 מיטגלידער) און טיילווייז אויף 4 יאהר צייט, גלייכצייטיג מיט די וואהלען צום פארלאמענט. דאס רעכט ערוועהלט צו ווערען אין פארלאמענט אדער אין סענאט האבען נאר די בירגער, וואס האבען דער־גרייכט דעם עלטער פון 25 יאהר. מיט־גלידער פון סענאט האבען ניט קיין רעכט צו פארנעהמען רעגירונגס־שטעלען און אויך ניט קיין שטעלען אין פריוואט האנ־דעלס־געשעפטען. דער סענאט איז די העכסטע רעגירונגס־קערפערשאפט און דער פארזיצענדער פון סענאט איז אויך דער פרעזידענט פון דער פרייער שטאדט דאנציג. דער איצטיגער פרעזידענט איז דר. זאאם.

די זיצונגען פון סענאט קומען פאר אונ־טער געשלאסענע טירען. לויט דעם צענ־זוס פון יאהר 1919 איז די באפעלקערונג פון דאנציג באשטאנען פון 351,380 פער־זאן, פון זיי זיינען 7 פראצענט געווען פא־ליאקען. די טעריטאריע פון דאנציג בא־שטעהט פון 325 שטעדט און שטעדטלעך. די 5 שטעדט, וואס געהן אריין אין דער דאזיגער טעריטאריע זיינען: דאנציג מיט א באפעלקערונג פון 195,000, צאפאט מיט א באפעלקערונג פון 18,300, מאריענבורג־קאלטהאף מיט א באפעלקערונג פון 11,790, נייטאך מיט 2,395 און טיגענהאף מיט א באפעלקערונג פון 2,834. די צוויי וויכ־טיגע ים־קוראָרטען זיינען צאפאט און אליוואָ. די טעריטאריע פון דאנציג פאר־נעמט א שטח פון 1,900 קוואדראט קילא־מעטער. א דאנק איהר געאגראפישער לא־גע, איהר נאכבארשאפט מיט די דריי לענ־דער (רוסלאנד, פוילען און מזרח־דייטשלאנד) איז די שטאדט דאנציג איי־נער פון די וויכטיגסטע האפענס אין איי־ראפא. דאנציג פארמאגט דריי אייזענבאן־ליניען, וועלכע פארבינדען איהר מיט פוי־לען. די דאנציג־ווארשעווער אייזענבאן־ליניע, די דאנציג־לאדזער אייזענבאן־לי־ניע און דאנציג־פאזען אייזענבאן־ליניע.

טשעכאָ־סלאָוואקיע.

די טשעכאָ־סלאָוואקיען האָבען געהאַט אן אייגענע מלוכה נאָך אין 5טען יאָהר־הונדערט, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען „די קעניגרייך פון באָהעמיען". אין יאָהר 1526 האָבען די טשעכען ערוועהלט אלס קעניג פון באָהעמיען איינעם פון די האבסבורגער דינאסטיע און אויף אזא אופן איז באָהעמיען פארבונדען געוואָרען מיט עסטרייך־אונגארן.

די אויפלעבונג פון דער טשעכישער שפראך און ליטעראטור, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען גלייך נאָך דער פראנצויזישער רעוואָלוציע האָט ביסלעכוויז אָנגענומען די פאָרמען פון א פאָליטישער באוועגונג. אין מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען די טשעכען שוין אָפען געפאָדערט די ווידערהערשטעלונג פון זייער נאציאָנאַלער אונאָפהענגיגקייט. די טשעכאָ־סלאָוואקישע מלוכה איז ווידער געגרינדעט געוואָרען דעם 28טען אָקטאָבער, 1918.

די טשעכישע נאציאָנאַל־פארזאמלונג האָט איבערגענומען אין איהרע הענד די פארוואלטונג איבער די טשעכאָ־סלאָוואקישע לענדער, וועלכע זיינען פריהער געווען טיילען פון עסטרייך־אונגארן (באָהעמיען, מאָראוויען, סילעזיען און סלאָוואקיע). דעם 14טען נאָוועמבער 1918 איז ערעפענט געוואָרען אין פראג די גרינדונגס־פארזאמלונג וועלכע האָט פראָקלאמירט די אונאָפהענגיגקייט פון טשעכאָ־סלאָוואקיען אלס א זעלבסטשטענדיגע דעמאָקראטישע רעפובליק און פראָפ. טהאָמאס ג. מאסאריק איז ערוועהלט געוואָרען אלס דער ערשטער פרעזידענט פון דער רעפובליק.

דער טשעכישער פארלאמענט ווערט ערוועהלט אויף 6 יאָהר צייט און ער באַשטעהט פון 300 דעפוטאטען. דער סענאט באַשטעהט פון 150 מיטגלידער און ווערט ערוועהלט אויף 8 יאָהר. דער פרעזידענט ווערט ערוועהלט אויף א געמיינשאַפטליכער זיצונג פון פארלאמענט און סענאט אויף א טערמין פון 7 יאָהר.

די באַפעלקערונג פון טשעכאָ־סלאָוואקיען באַשטעהט הויפּטזעכליך פון דריי נאַציאָנען טשעכען ארום 7 מיליאָן, סלאָוואַקען ארום 3 מיליאָן און אונגארן ארום 700 טויזענד מאַן. די גאנצע באַפעלקערונג פון טשעכאָ־סלאָוואקיען איז ארום 13 מיליאָן מיט 635,390. די צאָהל אידען אין טשעכאָ־סלאָוואקיען איז, לויט דעם צענזוס פון 1919, געווען 368,970.

טשעכאָ־סלאָוואקיען געהערט צו די רייכסטע צענטרען פון אייראָפּא סיי לויט איהרע נאטירליכע רייכטימער און סיי לויט איהר האנדעל און אינדוסטריע. די לאנדווירטשאַפט געפינט זיך דאָרט אויך אויף א הויכער שטופע פון אנטוויקלונג. טשעכאָ־סלאָוואקיען פארמאָגט ריזיגע וועלדער. 32 פּראָצענט פון איהר טעריטאָריע איז באדעקט מיט וועלדער. טשעכאָ־סלאָוואקיען איז אויך רייך אין קויהלען, אין זילבער, אין גאָלד און אין פארשידענע מינעראלען. אין 1919 זיינען אין די טשעכאָ־סלאָוואקישע מיינס געוועזען באַשעפטיגט 110,233 ארבייטער. אין יאָהר 1920 האָט טשכאָ־סלאָוואקיען פארמאָגט 8,833 פאבריקען אין זאוואָדין. טשעכאָ־סלאָוואקיען פּראָדוצירט הויפּטזעכליך גלאָז, פארצעליי, לאנדווירטשאַפטליכע מאשינען, עלעקטראָ־טעכנישע אינסטרומענטען, פּאַפּיער, מעבעל, גאלאנטעריי און טעקסטיל סחורות. לויט דעם ווערסאַלער־פרידענס־אָפּמאַך האָט טשעכאָ־סלאָוואקיען דאָס רעכט צו באנוצען זיך מיט די האַפענס פון האמבורג און שטעטין. די וויכטיגסטע האַפענס אין לאנד גופא זיינען בראטיסלאוו (פרעסבורג) אויפ'ן דוניי און טעשען און אוסי (אוסיג) אויף דער טייך עלבא. די ליינג פון דער אייזענבאהנען פון טשעכאָ־סלאָוואקיען איז אין 1920 געווען 13,500 קילאָמעטער, פון וועלכע

8,200 קילאָמעטער געהערט צו דער רעגי־רונג.

די שולדען פון דער טשעכאָ־סלאָוואקי־שער מלוכה האָבען דעם 1טען יאנואר 1921 באטראָפען 3 ביליאָן און 500 מי־ליאָן פראנק אין אויסלענדישע הלואות און 25 ביליאָן אין אינערליכע הלואות. די גאנצע טעריטאָריע פון טשעכאָ־סלאָוואקיען פארנעהמט א שטח פון 140,968 קוואדראט קילאָמעטער.

יוגאָ־סלאַוויע.

נאָך דער רעוואָלוציע אין עסטרייך־אונגארן אין אָקטאָבער 1918 האָבען סלאָ־ווענען, קראָאטיען, דאלמאציען און באָס־ניען ערקלעהרט זיך זעלבסטשטענדיג און צווישען דער באפעלקערונג פון די דאָזיגע לענדער האָט זיך באמערקט א שטארקע שטרעמונג צו פאראייניגען זיך מיט סער־ביען אום צו בילדען א פאראייניגטע מלוכה פון סערבען, כארוואטען און סלאָ־ווענער. די לאגע פון מאָנטענעגראָ איז געוועזען אן אונבאשטימטע. אָבער נאָכ'ן טויט פון דעם מאָנטענעגרישען קעניג ני־קאָליי (דעם 1טען מארטש 1921) איז אויך מאָנטענעגריע צוגעשטאנען צו דער גרוי־סער סערביען און אזוי איז געבאָרען גע־וואָרען די נייע מלוכה פון יוגאָ־סלאַוויען, וועלכע האָט פאראייניגט די אלע אויבענ־דערמאָנטע קליינע לענדער אין איין גרוי־סער מלוכה.

אין נאָוועמבער 1920 איז איינבארו־פען געוואָרען אין בעלגראד די גרינדונגס־פארזאמלונג, וועלכע האָט אויסגעארבייט א נייע קאָנסטיטוציע פאר'ן לאנד. לויט דער נייער קאָנסטיטוציע איז יוגאָ־סלאַ־וויען א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע. דער מיניסטאָרען־קאבינעט איז פאראנט־וואָרטליך פאר'ן פארלאמענט. דער פאר־לאמענט ווערט ערוועהלט אויף 4 יאהר צייט, יעדער דעפוטאט פארטרעט 4,000 איינוואוינער. דער סענאט פון יוגאָ־סלאַ־וויען באשטעהט פון 100 מיטגלידער און ער האָט נאָר א בעראטונגס־רעכט. ער ווערט ערוועהלט אויף 9 יאָהר צייט, א דריטעל פון זיינע מיטגלידער ווערען אי־בערגעוועהלט אלע 3 יאָהר.

די טעריטאָריע פון יוגאָ־סלאַוויען פאר־נעהמט א שטח פון 244,000 קוואדראט קי־לאָמעטער. די צאָהל פון דער באפעלקע־רונג פון גאנצען לאנד איז 11,731,500. לויט דער קאָנסטיטוציע ווערט דאָס גאנ־צע לאנד פארטיילט אין 9 אויטאָנאָמע פראָווינצען. די גרויסע מעהרהייט פון דער באפעלקערונג געהערט צו דער פראַ־וואָסלאוונער קירכע. די צאָהל אידען אין דער אלטער סערביען אליין איז לויט דעם צענזוס פון 1910 געווען 5,997. די צאָהל אידען אין דער פאראייניגטער מלוכה פון יוגאָ־סלאַוויען איז 64,159.

יוגאָ־סלאַוויען איז הויפּטזעכליך אן אגריקולטור־לאנד, אין וועלכען כמעט יע־דער פויער באארבייט זיין אייגענע ערד. כמעט א העלפט פון לאנד איז באדעקט מיט וועלדער, וועלכע זיינען דער אייגענ־טום פון דער מלוכה. יוגאָ־סלאַוויען עקס־פּאָרטירט א סך תבואה קיין אויסלאנד. דאָרט איז אויך אנטוויקעלט שטארק די טאבאק אינדוסטריע. יוגאָ־סלאַוויען פאר־מאָגט אויך גרויסע מינעראל־רייכטימער. איבערהויפּט איז זי רייך אין שטיין־קויה־לען און אין קופער. א חוץ תבואה, עקס־פּאָרטירט יוגאָ־סלאַוויען אויך וואלד האָלץ, פיה, פרוכט און פלייש. דער האנדעל ווערט הויפּזעכליך געפיהרט מיט עסטרייך, איטאליען און טשעכאָ־סלאָוואקיען. די לענג פון די אייזענבאהן ליניען פון יוגאָ־סלאַוויען איז 9,200 קילאָמעטער. 90 פּראָצענט פון אלע אייזענבאהנען פון לאנד געהערען צו דער רעגירונג. דער מלוכה חוב פון יוגאָ־סלאַוויען האָט אין 1920 באַ־טראָפען — 2,838,286,750 דינארען(דער נאָמינעלער ווערטה פון א דינאר איז א גאָלדענער פראנק). יוגאָ־סלאַוויען'ס קרע־

דיטאָרען זיינען ענגלאנד, פראנקרייך און די פאראייניגטע שטאאטען.

פיאום.

פיאום איז ערקלעהרט געוואָרען אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה לויט דעם אָפּמאַך צווישען איטאליען און יוגאָ־סלאוויען, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען דעם 12טען נאָוועמבער, 1920.

לויט דעם לאָנדאָנער אָפּמאַך צווישען די עליים אין אפּריל 1915, האָט א גרויסער טייל פון דער טעריטאָריע פון דאלמאציען, וואָס ליגט ביי די ברעגען פון אדריאטישען ים באדארפט אָפּגעגעבען ווערען איטאליען. ווען די מלחמה אָבער האָט זיך פארענדיגט, איז צוליב אָט דער פראגע ענטשטאַנען א שארפער קאָנפליקט צווישען איטאליען און יוגאָ־סלאוויען. ביידע מלוכות האָבען געקליימט, אז פיאום דארף געהערען זיי. דעם 12טען נאָוועמבער 1919 האָט דער איטאליענישער פּאָעט גאבריעל דע־אנונציא פארכאַפּט פיאום און האָט פּראָקלאמירט די פאראייניגונג פון פיאום מיט איטאליען. יוגאָ־סלאוויען האָט אָבער אָנגעפיהרט א קאַמף געגען דע־אנונציא׳ן אין א משך פון א יאהר צייט, ביז עס איז ענדליך געשלאָסען געוואָרען דער אָפּמאַך צווישען איטאליען און יוגאָ־סלאוויען, לויט וועלכען פיאום איז ערקלעהרט געוואָרען אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה. ביידע צדדים האָבען צוגעשטימט, אז פיאום זאָל בלייבען זעלבסטשטענדיג אויף אימער. די גרעניצען פון פיאום דארפען באשטעטיגט ווערען פון א געמישטער קאָמיסע, וואָס באשטעהט פון פאָרשטעהר פון איטאליען און יוגאָ־סלאוויען. פיאום איז א גרויסע האפען שטאָדט מיט אן ענטוויקעלטער אינדוסטריע (אין פיאום ווערען פּראָדוצירט טאַבאַק, זייף און פארשידענע כעמישע פּראָדוקטען).

די געלד סיסטעם אין פיאום איז די זעלבע ווי אין איטאליען.

די צאָהל פון דער באַפעלקערונג איז ארום 50 טויזענד.

פינלאַנד.

פון דעם יאָהר 1809 אָן איז פינלאנד געווען א טייל פון דער רוסישער אימפּעריע. זי האָט באזעסען א געוויסע אויטאָנאָמיע, וועלכע קיין אנדער טייל פון רוסלאנד האָט אונטער די הערשאפט פון די צארען ניט באזעסען. ניקאָלאַי דער צווייטער האָט אָבער ביסלעכווייז כמעט אינגאנצען פארניכטעט איהר אויטאָנאָמיע. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 האָט די רוסישע צייטווייליגע רעגירונג צוריק אומגעקערט פינלאנד איהר אויטאָנאָמיע. דעם 6טען דעצעמבער 1917, אין א מאָנאט ארום נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבען פארכאַפּט די מאכט אין רוסאלנד, האָט דער פינלענדישער סיים איינשטימיג באשלאָסען אינגאנצען אָפּצורייסען זיך פון רוסלאנד און האָט פּראָקלאמירט פינלאנד אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה, וועלכע איז שפּעטער אנערקענט געוואָרען פון אלע לענדער.

לויט דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין 1919, איז פינלאנד א רעפּובליק, וועלכע ווערט רעגירט פון א פּארלאמענט, וואָס באשטעהט פון 200 דעפּוטאַטען און א פּרעזידענט, וואָס ווערט ערוועהלט אלע 6 יאָהר. וואהלרעכט באזיצען אלע בירגער, וואָס האָבען דערגרייכט דעם עלטער פון 24 יאָהר. די וואהלען אין פּארלאמענט קומען פאָר לויט דער פּראָפּאָרציאָנעלער סיסטעם. דער איצטיגער פּרעזידענט פון פינלאנד איז פּראָפעסאָר ק. שטאָלבערג. זיין טערמין ענדיגט זיך אין יאָהר 1925. די צאָהל פון דער באפעלקערונג אין פינלאנד איז לויט׳ן צענזוס פון 1918 געווען 3,331,814.

לויט נאציאנאליטעט איז די באפעלקע־רונג איינגעטיילט ווי פאלגט: פינען — 3,100,000, שוועדען — 340,000, רוסען 45,000, אנדערע נאציאנאליטעטען — 15,000. די הויפט שטאדט פון פינלאנד איז העלסינגפארס מיט א באפעלקערונג פון 187,544 איינוואוינער.

די הויפט־באשעפטיגונג פון דער פינ־לענדישער באפעלקערונג איז ערד־ארבייט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס נאר 8 און א האלב פראצענט פון דעם פינלענדישען באדען טויג פאר ערד־ארבייט. מעהר ווי א העלפט פון דער גאנצער טעריטאריע פון פינלאנד איז באדעקט מיט געדיכטע וועל־דער, וואס שטעלט מיט זיך פאר דעם הויפט־רייכטום פון לאנד. אין דער אינ־דוסטריע פארנעהמט דעם אויבען־אן די באארבייטונג פון וואלד־מאטעריאלען דורך דער באנוצונג פון וואסער־קראפט. מעטא־לען פארמאגט פינלאנד נאר אייזען און קו־פער. אין יאהר 1917 זיינען אין פינלאנד געווען 4,389 פאבריקען אין זאוואדען, אין וועלכע עס זיינען געווען באשעפטיגט 178,987 ארבייטער. דער הויפט־אימפארט פון פינלאנד באשטעהט פון ברויט, קאלא־ניאל פראדוקטען און מאשינען; דער עקספארט — פון וואלד, פלייש, פאפיער, פעך. דער אימפארט קומט הויפזעבליך פון ענגלאנד, שוועדען און די פאראייניג־טע שטאאטען. עקספארטירען עקספאר־טירט פינלאנד איהרע פראדוקטען אין ענג־לאנד, אין די סקאנדינאווישע לענדער, אין דייטשלאנד און אין רוסלאנד. פינלאנד באזיצט אן אויסערגעוועהנליך רייכע סיס־טעם פון וואסער־טראנספארט, וואס פאר־אייניגט אלע איהרע אזערעס צווישען זיך און מיט דעם פינלענדישען ים. די פינ־לענדישע אייזענבאהן ליניע ציהט זיך אויף א שטרעקע פון 4,006 קוואדראט קילאמע־טער. כמעט אלע אייזענבאהנען פון פינלאנד זיינען דער אייגענטום פון דער רעגירונג. דער מלוכה־חוב פון פינלאנד האט דעם 1טען יאנואר 1921 באטראפען די סומע פון 1971 מיליאן פינלענדישע מארק. א פינלענדישער מארק האט דעם ווערטה פון א שווייצארישען פראנק.

עסטלאנד (עסטאניע)

עסטלאנד (עסטי — אויף דער עסטא־נישער שפראך) איז דער געוועזענער טייל פון רוסלאנד, וואס נעהמט אין זיך אריין די געוועזענע עסטלאנדער גובערניע, דעם צפון־מערב'דיגען טייל פון פסקאווער גובערניע און די אינזלען עזעל, דאגא און מוגומא, וואס געפינען זיך אויפ'ן באלטי־שען ים. עסטלאנד איז כמעט אזוי גרויס ווי דענמארק. עסטאניא האט אויך זיך אפגעריסען פון רוסלאנד און ערקלערט זיך פאר א זעלבסטשטענדיגע מלוכה אין א מאנאט ארום נאכדעם ווי די באלשעווי־קעס האבען צוטריבען די אלרוסישע גרינ־דונגס פארזאמלונג, דעם 24טען פעברואר 1918. אנערקענט געווארען פון די אנ־דערע מלוכות איז זי ערשט דעם 26טען יאנואר 1921.

די עסטאנישע גרינדונגס־פארזאמלונג, וועלכע איז באשטאנען פון 120 דעפוטא־טען האט דעם 25טען יוני 1920 אנגענומען א קאנסטיטוציע, וועלכע איז אריין אין קראפט דעם 20טען דעצעמבער 1920. לויט דער קאנסטיטוציע געהערט די גאנ־צע מאכט צום פאלק, וואס פארווירק־ליכט זי אין לעבען דורך די וואהלען אין פארלאמענט, דורכ'ן רעפערענדום און אי־ניציאטיוו.

דער פארלאמענט באשטעהט פון 100 דעפוטאטען, וועלכע ווערען ערוועהלט אויף 3 יאהר צייט. א רעפערענדום איבער איר־גענד וועלכער פראגע קען דורכגעפיהרט ווערען אין לאנד, ווען 25,000 בירגער פארלאנגען עס דורך זייערע אונטערשריפ־טען. דער פרעזידענט און 8 מיניסטארען ווערען ערוועהלט פון פארלאמענט און זיי־נען צו איהם פאראנטווארטליך. דער איצ־

טיגער פרעזידענט פון עסטאָניא איז דר. ק. פּ ע ט ס. עסטאָניא פארמאָגט א באַפעלקערונג פון 1,700,000, פון וועלכער 95 פּראָצענט זיינען עסטען (עסטאָנצעס), 2 פּראָצענט דייטשען, 1 פּראָצענט רוסען, ניין-צעהנטעל פּראָצענט לאטישען און ליטווינער, אַכט־צעהנטעל פּראָצענט שוועדען, אַ האַלב פּראָצענט אידען און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

די עסטאָנישע רעפּובליק איז איינגעשטעלט אין 9 דיסטריקטען. די הויפּטשטאָדט פון עסטאָניא רעוועל (טאלין) איז געגרינדעט געוואָרען מיט איבער 700 יאָהר צוריק. די צאָהל פון דער באַפּעלקערונג אין רעוועל איז אין יאָהר 1917 געווען 160,000. די הויפּט־שטעדט פון עסטאָניאַ, אַ חוץ רעוועל, זיינען דערפּט (יוריעוו) אן אוניווערסיטעט שטאָדט מיט אַ באַפּעלקערונג פון 60,000. דער דערפּטער אוניווערסיטעט איז געגרינדעט געוואָרען מיט קאַרגע 300 יאָהר צוריק. די האַפען שטאָדט פערנאָוו האָט א באַפּעלקערונג פון 23,000 און די שטאָדט נארוואַ, אַ וויכטיגער אינדוסטריעלער צענטער, האָט אַ באַפּעלקערונג פון 35,000.

די קאָנסטיטוציע פון עסטאָניא גאראַנטירט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען פון לאַנד דאָס רעכט צופיהרען די לימודים אין די שולען אין זייער אייגענער מוטערשפּראַך.

די הויפּט באַשעפטיגונג פון דער באַפּעלקערונג אין עסטאָניא איז אגריקולטור. א העלפט פון דער גאנצער ערד פון לאנד האָט פאר דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד געהערט צו רייכע ערד מאַגנאַטען. דער עסטאָנישער פּארלאמענט האָט דורכגעפיהרט א געזעץ, לויט וועלכען די גאנצע ערד איז צוטיילט געוואָרען צווישען די פּויערים.

עסטאָניא צייכענט זיך הויפּזעכליך אויס אלס א טראַנזיט פּונקט צווישען אייראָפּאַ און סאָוועט־רוסלאַנד. פון דאָרט ווערען הויפּטזעכליך עקספּאָרטירט קיין אייראָפּאַ פלאַקס, האָלץ און פלייש.

דער עסטאָנישער מאַרק האָט דעם ווערטה פון א פינלענדישער מאַרק. אָבער אין עסטאָניא צירקולירען נאָך צוגלייך מיט איהר אייגענעם מאַרק דער רוסישער רובל פון אַלערליי צייטען און רעגירונגען.

די גאנצע טעריטאָריע פון עסטאָניא פארנעהמט א שטח פון 43,000 סקווער קילאָמעטער.

לאַטוויאַ.

לאַטוויא, וועלכע ליגט אויף דעם דרום ברעג פון ריגער גאָלף (אויסגוס) איז הויפּטזעכליך באַפּעלקערט פון לאַטישען. אין 13טען יאָהרהונדערט האָבען די לאַטישען מלחמה געהאַלטען מיט די גערמאַנען, וועלכע האָבען זיי באזיגט און האָבען נאָכדעם געגרינדעט א פּעדעראַטיווע רעפּובליק, וועלכע איז באַשטאַנען פון עסטאָניען, לעטגאלען, ליוואָניא און קורלאנד. די דאָזיגע רעפּובליק האָט עקזיסטירט ביז דעם יאָהר 1560. ווען די רעפּיבליק איז זיך צופאַלען, איז עסטאָניא אריבער צו שוועדען, לעטגאלען און ליוואָניא צו דער ליטוויש־פּוילישער מלוכה און די אינזלען פּילטענע און עזעל — צו דענמארק.

נאָר קורלאנד איז געבליבען זעלבסטשטענדיג אַלס א וואסאַלער הערצאָגטום, וואָס איז שפּעטער צוגעשטאנען צו דער פּויליש-ליטווישער מלוכה.

אין יאָהר 1621 האָט שוועדען אנעקסירט ליוואָניען און אין 1701 איז ליוואָניען אריבער צו רוסלאנד. אין יאָהר 1772 נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילען איז אויך לעטגאליען אריבער צו רוסלאנד און אין יאָהר 1795 איז אויך קורלאנד אַריבער צו רוסלאנד. פון דאַן אָן האָט, אַלזאָ גאנץ לאטוויא געהערט צו רוסלאנד.

דעם 18טען נאָוועמבער 1918 האָט לאטוויא פּראָקלאמירט איהר אונאפּהענגיגקייט און דעם 26טען יאנואר 1921 איז

זי אנערקענט געוואָרען פון די אנדערע לענ־דער אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון לאַט־וויא, וועלכע איז ערוועהלט געוואָרען דעם 1טען מאי 1921 פון אלע בירגער, וואָס האָבען דערגרייכט דעם עלטער פון 21 יאָהר, איז באַשטאַנען פון 152 דעפּוטאַ־טען.

די לאַטווישע טעריטאָריע, וועלכע פאַר־נעהמט א שטח פון 65,000 סקווער קילאָ־מעטער, נעהמט איין זיך אריין די געווע־זענע קורלענדער גובערניע, 4 אויעזדען פון דער געוועזענער ליפלענדער גובערניע און 3 מערב אויעזדען פון וויטעבסקער גובערניע (דווינסק, רעזשיצע און ליוצין). די הויפּט־שטאָדט פון לאַטוויא איז ריגא, וועלכע האָט אין יאָהר 1914 געהאַט א באַפעלקע־רונג פון 569,100 איינוואוינער. די אל־געמיינע צאָהל פון דער באַפעלקערונג פון גאַנץ לאַטוויא איז אין 1920 געווען 1,503,000. פון דעם זיינען איבער 80 פּראָצענט געווען לאַטישען, קארגע 9 פּראָ־צענט רוסען, ארום 4 א האלב פּראָצענט אידען, עטוואָס מעהר ווי 3 פּראָצענט דייי־טשען, איבער 2 פּראָצענט פּאָליאַקען א האלב פּראָצענט ליטווינער און אן אונבאַ־דייטענדע צאָהל פון אנדערע פעלקער.

זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט זיך די באַפעלקערונג אין די שטעדט שטאַרק פארקלענערט. ריגא, למשל, האָט פאר דער מלחמה געהאַט א באַפעל־קערונג פון 569,000. אין יאָהר 1920 האָט ריגא פאַרמאָגט ניט מעהר ווי 182,000 איינוואוינער. דווינסק האָט אין 1914 געהאַט א באַפעלקערונג פון 111,000. אין 1920 זיינען אין דווינסק געווען ניט מעהר ווי 35,000 איינוואוינער. ליבאַווע האָט אין 1914 געהאַט א באַפעלקערונג פון 90,000, אין 1920 איז די צאָהל פון דער ליבאַווער באַפעלקערונג געווען 23,000.

לאַטוויא איז הויפּטזעכליך אן אגרי־קולטור לאנד, אָבער אין די לעצטע פּאָר יאָהר באַמערקט זיך דאָרט א שטאַרקע טענדענץ צו דעם איבערגאַנג פון דער באַ־פעלקערונג פון אגריקולטור צו אינדוס־טריע.

לאַטוויא עקספּאָרטירט פאַרלויפיג נאָר האָלץ און פלאַקס. לאַטוויא פאַרמאָגט א סך וועלדער. אין 1921 זיינען אין לאַט־וויא געווען 1330 פאַבריקען, אין וועלכע עס זיינען באַשעפטיגט געווען 20,570 אר־בייטער. דעם ערשטען אָרט פאַרנעהמט אין לאַטוויא די האָלץ־ארבייט אינדוסט־ריע. לעצטענס ענטוויקעלט זיך דאָרט זעהר שנעל די פּאַפּיער און לעדער אינדוסטריען. פאר דער מלחמה זיינען אין די לאַטווישע אינדוסטריען געווען באַשעפטיגט 89,289 ארבייטער. באַזונדערס שטאַרק האָבען פון דער מלחמה געליטען די מעטאַל אינ־דוסטריען און די ראָבער און טעקסטיל אינדוסטריען. לאַטוויא פאַרמאָגט נאָר גרויסע זאַפּאַסען פון טאָרף אָבער ניט קיין אייגענע שטיין־קויהלען. די האַנדעלס־פלאָט פון לאַטוויא איז אין יאַנואַר 1921 באַשטאַנען פון 39 שיפען. די לענג פון די לאַטווישע אייזענבאַהנען־ליניען איז 3,000 קילאָמעטער.

דער לאַטווישער רובעל האָט אין אָנ־פאַנג פון 1921 געהאַט דעם ווערטה פון 2 דייטשע מאַרק.

ליטע.

ליטע איז געוואָרען א גרויס־קעניג־רייך אין אָנפאַנג פון 13טען יאָהר־הונ־דערט. אין יאָהר 1386 האָט דער גרויס־פירסט יאַגעלאָ אָנגענומען דעם קריסטלי־כען גלויבען און האָט חתונה געהאַט מיט דער פּוילישער קעניגין יאַדוויגא און גע־וואָרען אויף אזא אופן דער קעניג פון פּוי־לען. אונטער דער הערשאַפט פון וויטאָלד דעם גרויסען (פון יאָהר 1392 ביז 1430) האָט ליטע דערגרייכט די העכסטע שטו־פע פון איהר גרויסקייט און מאַכט. די

ליטווישע קעניגרייך האט זיך געצויגען פון דעם באלטישען ים ביז דעם שווארצען ים. נאך וויטאלד'ס טויט האט וואס ווייטער אלץ מעהר גענומען וואקסען דער פוילישער איינפלוס און אין יאהר 1569 זיינען די ליטווינער געצוואונגען געווען צו פאראייניגען זיך מיט פוילען. ליטע האט געהאט דאס רעכט נאר אנצוהאלטען איהר באזונדערע מלוכה־קאסע, איהר ארמיי און איהר אייגענעם געריכט. ביידע מלוכות פלעגען באשטימען צוזאמען דעם אלגעמיינעם קעניג און פלעגען ערוועהלען דעם אלגעמיינעם סיים.

צום סוף פון 18טען יאהרהונדערט האט ליטע געטיילט דעם זעלבען שיקזאל פון פוילען. די גרויסע ליטע איז אריבער צו רוסלאנד און די קליינע ליטע צו פרייסען. פון 1915 ביז'ן סוף פון 1918 איז גאנץ ליטע געווען אקופירט פון דער דייטשער ארמיי. אין יאהר 1917 האט א צוזאמענפאהר פון 200 ליטווישע דעפוטאטען אין ווילנע ערוועהלט א ליטווישען רעגירונגס־ראטה (טאריבא) און האט געפאדערט די אנערקענונג פון דער פולער אונאפהענגיגקייט פון ליטע. אבער ערשט דעם 16טען פעברואר האט זיך ליטע ערקלעהרט זעלבסטשטענדיג און אין 1921 האט די ליג אוו ניישאנס אפיציעל אנערקענט ליטע'ס אונאפהענגיגקייט.

לויט דער קאנסטיטוציע וואס די ליטווישע גרינדונגס־פארזאמלונג האט אנגענומען דעם 2טען יוני, 1920, שטעלט מיט זיך ליטע פאר א דעמאקראטישע רעפובליק, וועלכע ווערט רעגירט פון א דעמאקראטיש־ערוועהלטען פארלאמענט, וועלכער ערוועהלט אויך דעם פרעזידענט און דעם מיניסטארען־קאבינעט, ווי אויך די העכסטע מיליטערישע און ציווילע באאמטע. דער פארזיצענדער פון פארלאמענט (סיים) איז דער שטעל־פארטרעטער פון פרעזידענט.

לויט די פאדערונגען פון דער ליטווישער רעגירונג דארפען צו ליטע געהערען: 1) גאנץ קאוונער גובערניע, 2) ווילנער גובערניע, אויסער דיסנער און ווילייקער אויעזדען, 3) א טייל פון גראדנער גובערניע, וואס געפינט זיך אויפ'ן צפון ברעג פון טייך נעמאן, 4) סואוואלקער גובערניע, אויסער די דרום־טיילען פון סואוואלקער און אווגוסטאווער אויעזדען. 5) א טייל פון קורלאנדער גובערניע. (צווישען דער געוועזענער רוסיש־דייטשער גרעניץ און דעם טייך אא) און א טייל פון אילוקסטער אויעזד צווישען דער מערב דווינע און דעם גרעניץ פון קאוונער גובערניע.

דער דרום גרעניץ פון ליטע איז נאך ניט באשטימט, מחמת דער ליטוויש־פוילישער קאנפליקט איז נאך אלץ ניט געשליכטעט.

לויט דעם ווערסאלער פרידענס־אפמאך דארף די מעמעל געגענד, אויף וועלכען ליטע פרעטענדירט, פארלויפיג געפינען זיך אונטער דער הערשאפט פון א קאאליציע. מעמעל איז א האפען־שטאדט ביים מויל פון טייך נעמאן מיט א באפעלקערונג פון 41,000 איינוואוינער.

דער דרום־מזרח טייל פון ליטע (ווילנע און די צוויי דערבייאיגע אויעזדען — טראקער און אראנער) זיינען זינט אקטאבער 1920 פארנומען פון דער פוילישער מיליטער אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל זשעליגאווסקי. די פוילישע מיליטער־מאכט האט פראקלאמירט דעם פארנומענעם געגענד אלס א „זעלבסטשטענדיגע מלוכה“ אונטער'ן נאמען „מיטעל־ליטע“. דער שיקזאל פון דיזער פראווינץ איז פארלויפיג אונבאשטימט.

לויט דעם צענזוס פון יאהר 1914 האט ליטע פארמאגט א באפעלקערונג פון 3,100,000 איינוואוינער. פון זיי זיינען 2,200,000 געווען ליטווינער, 300,000 רוסען און ווייס־רוסען, 300,000 אידען, 100,000 דייטשען און 200,000 פאליאקען און אנדערע נאציאנאליטעטען.

ליטע איז הויפּטזעכליך אן אַגריקולטור לאַנד. איהרע נאַטירליכע רייכטימער באַשטעהן פון וואַלד און לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען. ליטע פאַרמאָגט 1,946,000 אַקער וואַלד, פון זיי געהערט 44 פּראָצענט צו דער רעגירונג. אין 1913 זיינען אין ליטע געווען 4,759 פאַבריקען און זאַוואָדען, אין וועלכע עס זיינען געווען באַשעפטיגט 29,425 ארבייטער. 60 פּראָצענט פון דעם ליטווישען עקספּאָרט איז באַשטאַנען פון וואַלד, 30 פּראָצענט פון פלאַקס און די איבעריגע 10 פּראָצענט פון טיבער, זוימען און עסענוואַרג פּראָדוקטען.

דער גאַנצער עקספּאָרט פון ליטע געהט קיין דייטשלאַנד.

די לענג פון די ליטווישע אייזענבאַהן ליניען איז 2,500 קילאָמעטער. די וואַסער-וועגען פון ליטע זיינען זעהר באַקוועם אויף צו טראַנספּאָרטירען געהילץ און ציהען זיך אויף א שטח פון 3,400 קילאָמעטער. דער ליטווישער מאַרק איז איינגעפיהרט געוואָרען פון די דייטשען אין דער צייט פון דער מיליטערישער אָקופּאַציע, לויט'ן געצוואונגענעם קורס פון 2 מאַרקען פאַר'ן רובעל. די ליטווישע מאַרקען, וואָס זיינען ארויסגעלאָזען געוואָרען פון דעם דייטשען „אָסט-באַנק פאַר האַנדעל און אינדוסטריע", אַנשטאָט די דייטשע מאַרקען, זיינען גאַראַנטירט פון דער דייטשער רעגירונג און האָבען דעם זעלבען ווערטה ווי דער דייטשער מאַרק. ביידע וואַליוטאַס צירקולירען אין ליטע. א חוץ דעם צירקולירען אין ליטע אויך שטאַרק רוסישע רובעל און פּוילישע מאַרקען. זיי האָבען אָבער ניט קיין געזעצליכע צאָהל-קראַפט. איצט קלייבט זיך ליטע איינצופיהרען אן אייגענע מאָנעטען סיסטעם, וואָס אין גרונד פון איהר וועט געלעגט ווערען די „מוטיטשי", א מאָנעטע, וואָס וועט האָבען דעם ווערטה פון א פראַנצויזישען פראַנק.

פּוילען.

פּוילען האָט עקזיסטירט אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה ביז'ן סוף פון 18טען יאָהרהונדערט.

אין משך פון 17טען און 18טען יאָהרהונדערט האָט זיך די לאַגע פון פּוילען גענומען שטאַרק פאַרערגערען און די צוטיילונגען פון פּוילען, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין די יאָהרען פון 1772, 1793 און 1795 אין וועלכע עס האָבען זיך באַטייליגט רוסלאַנד, פּרייסען און עסטרייך, האָבען געמאַכט א סוף צו דער עקזיסטענץ פון פּוילען אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה. אין יאָהר 1807 האָט נאַפּאָלעאָן פּראָקלאַמירט א טייל פון דער אַלטער פּוילישער מלוכה אלס א האַלב אומאָפּהענגיגען גרויס-הערצאָגטום פון וואַרשוי און באַוויליגט איהם א זעהר פרייע קאָנסטיטוציע. אָבער דער ווינער קאָנגרעס פון די מעכטע, וואָס האָבען מלחמה געהאַלטען מיט נאַפּאָלעאָן'ען (אין 1815) האָט אָפּגעשאַפט דעם דאָזיגען באַשלוס און פּוילען, אויסער דעם קראָקאָווער געגענד, איז צוטיילט געוואָרען צווישען רוסלאַנד, פּרייסען און עסטרייך. אין 1835 האָט עסטרייך אַנעקסירט די אומאָפּהענגיגע קראָקאָווער רעפּובליק.

בלויז דער טייל פון פּוילען, וואָס האָט געהערט צו עסטרייך האָט פאַרמאָגט א געוויסע אויטאָנאָמיע און האָט געהאַט אן אייגענעם סיים, וועלכער איז געזעסען אין לעמבערג. די העכסטע מאַכט איז אָבער געלעגען אין די הענד פון דער ווינער רעגירונג.

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז גאַנץ פּוילען אָקופּירט געווען פון די עסטרייך-דייטשע אַרמייען. דעם 5טען נאָוועמבער 1916 האָבען די עסטרייכישע און דייטשע עראָבערער דורך א געמיינשאַפטליכען מאַניפעסט פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיגקייט פון פּוילען, ניט באַשטימענדיג אָבער ניט איהרע גרעניצען און ניט די אינערליכע פאַרוואַלטונג פון לאַנד.

גלייך נאכדעם איז איינבארופען געווארען א מלוכה־ראטה פון 25 מיטגלידער, וועלכער איז באשטאנען אויסשליסליך פון פאליאקען, אויף אויסצוארבייטען א פראיעקט פון א קאנסטיטוציע, וועלכער האט עקזיסטירט א קורצע צייט.

אין סעפטעמבער 1917 איז באשטימט געווארען א זאגענאנטער רעגענטען־ראטה, וועלכער איז באשטאנען פון 3 מיטגלידער, צו וועלכע מען האט באשטימט א מיניסטעריום און איינבארופען א מלוכה־ראטה פון 110 מיטגלידער, וואס זיינען טיילווייז באשטימט געווארען פון דער מאכט און טיילווייז ערוועהלט געווארען פון דער באפעלקערונג.

אין אקטאבער 1918, נאך דער מפלה פון די צענטראל מעכטע, האט דער רעגענטען־ראטה אויפגעלעזט דעם מלוכה־ראטה און איינבארופען א גרינדונגס־פארזאמלונג אויף אויסצוארבייטען א קאנסטיטוציע פאר דער פוילישער מלוכה און איבערנעהמען די אויבערמאכט איבער'ן לאנד.

דעם 9טען נאוועמבער 1918 איז פייערליך פראקלאמירט געווארען די אונאפהענגיגקייט פון פוילען. דעם 14טען נאוועמבער האט גענעראל פילסודסקי, וועלכער איז באפרייט געווארען פון דער דייטשער טורמע, צוריקגעקערט זיך קיין פוילען און האט איבערגענומען די אויבער־מאכט איבער דער פוילישער מלוכה און האט איינבארופען די גרינדונגס־פארזאמלונג. (דעם געזעצגעבענדען סיים). דעם 20טען פעברואר 1919 האט דער סיים באשטעטיגט פילסודסקי'ן אין דעם אמט פון דעם העכסטען מלוכה שעף. דער ווערסאלער פרידענס־אפמאך האט אנערקענט די אונאפהענגיגקייט פון פוילען.

לויט דער קאנסטיטוציע, וואס דער פוילישער סיים האט אנגענומען דעם 8טען אפריל 1921 ווערט די פוילישע מלוכה רעגירט פון א סיים און א סענאט. וואהלרעכט באזיצען אלע בירגער, וואס האבען דערגרייכט דעם עלטער פון 21טען יאהר. דער פוילישער פרעזידענט רופט צוזאמען און לאזט פונאנדער די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. ער איז אויך דער הויפט פון דער ארמיי, אבער נאר אין פרידענס־צייטען. דער פרעזידענט ווערט ערוועהלט אויף 7 יאהר צייט. אין פאל ווען ער שטארבט געהט די מאכט אריבער צום רעגענטען־ראטה, וואס באשטעהט פון 3 מיטגלידער: דער פארזיצענדער פון סענאט, דער פרעמיער־מיניסטער און דער פארזיצענדער פון העכסטען געריכט. אירגענד וועלכער פוילישער בירגער, וועלכער האט דערגרייכט דעם עלטער פון 41 יאהר קען ערוועהלט ווערען אלס פרעזידענט פון דער רעפובליק. דער פוילישער סיים באשטעהט פון 524 דעפוטאטען.

די צאהל פון דער באפעלקערונג פון פוילען איז אין יאהר 1920 געווען 24,272,349, פון וועלכע 12,789,226 האבען זיך געפונען אין קרוין־פוילען, 8,257,505 אין גאליציען און 3,225,618 אין די פרייסישע און פאזנאן געגענדען.

לויט דעם פרידענס־אפמאך, וואס פוילען האט געשלאסען דעם 18טען מארטש 1921 מיט סאוועט־רוסלאנד זיינען צו פוילען אריבער: גאנץ גראדנער גובערניע, די מערב אויעזדען פון ווילנער און מינסקער גובערניעס און דער מזרח אויעזד פון ווילנער גובערניע. די דאזיגע געגענדען פארנעהמען א שטח פון 113,500 סקווער קילאמעטער מיט א באפעלקערונג פון 3,225,618 איינוואוינער.

לויט זייער נאציאנאליטעט באשטעהט די איצטיגע באפעלקערונג פון פוילען, אריינרעכענדיג אויך די באפעלקערונג פון די פארנומענע רוסישע געגענדען פון 15,800,000 פאליאקען, 6,300,000 רוטענער (אוקראינער), 3,300,000 אידען, 2,200,000 רוסען און ווייס־רוסען, 2,100,000 דייטשען און 300,000 פון אנ־

דערע נאציאנאליטעטען. די טעריטאריע פון קרוין־פוילען איז פארטיילט אין 5 באזונדערע קאנטאנען (ווארשעווער, לאדזער, לובלינער, קעלצער און ביאליסטאקער), די געוועזענע פרייסישע פראווינצען זיינען איינגעטיילט אין צוויי קאנטאנען: פאזנאן און פאמערעליע. גאליציען איז איינגעטיילט אין 4 קאנטאנען: קראקאוו, לעמבערג, סטאניסלאוו און טארנאפאל.

פוילען איז הויפטזעכליך אן אגריקולטור לאנד. 85 פראצענט פון איהר באדען איז גינסטיג פאר ערד־ארבייט. 25 פראצענט פון דער ערד איז באדעקט מיט וועלדער. אין 1919 זיינען אלע וועלדער נאציאנאליזירט געווארען. פוילען פראדוצירט א סך ווייץ, קארן, גערשטען, האבער און קארטאפעל. פוילען גיט אויך ארויס א סך פלאקס, האפען, טאבאק און ציקאריע

די פוילישע אינדוסטריע איז קאנצענטרירט אין פיער ראיאנען: אין ווארשעווער, לאדזער, דאמבראווער און טשענסטאכאווער. די מלחמה האט צושטערט די פוילישע אינדוסטריע. אין יאהר 1919 איז אין גאנץ קרוין־פוילען און גאליציען פראדוצירט געווארען 6,145,027 טאן שטיין־קויהלען, וואס דאס איז ניט מעהר ווי 68 פראצענט פון דעם, וואס איז פראדוצירט געווארען אין יאהר 1913. אין 1920 איז אין גאליציען אויסגעגראבען געווארען 228,673 טאן זאלץ. גאליציען פארמאגט אויך 5 פראצענט פון גאר די נאפט, וואס ווערט פראדוצירט אויף דער וועלט. אין 1920 זיינען אין דער פוילישע טעקסטיל אינדוסטריע געוועזן באשעפטיגט 46,800 ארבייטער. אין 1920 זיינען נאר 34 פראצענט פון די פוילישע ארבייטער, וואס האבען פאר דער מלחמה געארבייט אויף די פאבריקען געוועזן באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע. דער עקספארט האט באטראפען די סומע פון 730,093,000 פרנק און דער אימפארט 1,211,443 פרנק. כמעט א העלפט פון אלע אימפארטירטע סחורות איז געוועזן פאר דעם געברויך פון פוילען גופא, די איבעריגע איז געגאנגען פאר רוסלאנד. פון דעם 1טען אפריל ביז דעם 31טען יולי 1920 האט פוילען אימפארטירט סחורה אויף דער סומע פון 431,509,435 מארק. דריי פערטעל פון אלע סחורות זיינען געקומען פון דייטשלאנד. די איבעריגע לענדער, וואס עקספארטירען קיין פוילען זיינען: די פאראייניגטע שטאאטען, עסטרייך, טשעכא־סלאוואקיען, האלאנד און אנדערע. אויך דער פוילישער עקספארט געהט הויפטזעכליך קיין דייטשלאנד, עסטרייך, ענגלאנד און טשעכא־סלאוואקיען.

דער אייזענבאהן־נעץ אין פוילען ציהט זיך אויף א שטרעקע פון 12,160 קילאמעטער. אלע אייזענבאהנען געהערען צו דער מלוכה. פוילען האט לעצטענס אנגעפאנגען בויען אן אייגענעם האנדעלספלאט פון 220,000 טאן. דער מלוכה חוב פון פוילען האט צום סוף פון יאהר 1921 באטראפען די סומע פון 300,000,000 דאלאר. א דריטעל פון דעם איז פוילען שולדיג פראנקרייך און די איבעריגע צוויי דריטעל — די פאראייניגטע שטאאטען. דער פוילישער מארק האט נאמינעל דעם ווערטה פון דעם דייטשען מארק, אבער אין דער ווירקליכקייט איז דער קורס פון פוילישען מארק א סך א נידעריגער.

דער איצטיגער פרעזידענט פון פוילען איז וואצלאוו וואיצעכאווסקי.

רומעניען.

רומעניען איז געווארען אן אונאפהענגיגע מלוכה נאך אין יאהר 1877. אין מערץ 1918 האט רומעניען אנעקסירט די רוסישע פראווינץ בעסאראביען. אין נאוועמבער 1918 האט רומעניען צוגעקראגען די פראווינץ פון בוקאווינע און דעם 1טען דעצעמבער 1918 די פראווינץ פון טראנסילוואניען.

רומעניען איז א קאָנסטיטוציאָנאלע מאָנארכיע. דער רומענישער פּארלאמענט באשטעהט פון 347 דעפוטאטען און דער סענאט פון 170 מיטגלידער. דער פּארלאמענט באשטעהט פון 138 דעפוטאטען פון דער אלטער־רומעניען, 112 פון טראנסילוואניען, 24 פון בעסאראביען און 16 פון בוקאָווינא. דער קעניג האָט א רעכט צו וועטאָאירען אלע געזעצען, וואָס ווערען אָנגענומען פון די געזעצגעבענדע קערפּערשאפטען. די אויספיהר־מאכט ליגט אין די הענד פון דעם מיניסטאָרען־קאבינעט, וועלכער איז פאנאנטוואָרטליך צום פּארלאמענט.

אין פארגלייך מיט 1918 האָט זיך די טעריטאָריע און די באפעלקערונג פון רומעניען פארגרעסערט אויף צוויי מאָל אזוי פיעל. די גאנצע טעריטאָריע פון דער יעצטיגער רומעניען פארנעמט איצט א שטח פון 297,000 סקווער קילאָמעטער. די צאָהל פון איהר באפעלקערונג אין יאָהר 1919 איז געווען 17,400,000 איינוואוינער. פון זיי זיינען 11,805,000 רומעניער, 1,568,000 אונגארן, 950,000 אידען 792,000 אוקראינער, 725,000 דייטשען, 290,000 בולגארען, 285,000 ציגיינער, 170,000 טערקען און 362,000 פון אנדערע נאציאָנאליטעטען.

ארום 80 פּראָצענט פון דער באפעלקערונג זיינען באשעפטיגט אין דער לאנדווירטשאפט. אין טראנסילוואניען ווערט פּראָדוצירט הויפּטזעכליך טאבאק. רומעניען און אויך רייך אין וועלדער, אין זאלץ, אין קויהלען, אייזען, קופּער און נאפט. די זאלץ־גרובען געפינען זיך אין די קארפּאטען בערג און אין מערב בוקאָווינא

די אויסגראבונג פון זאלץ איז נאָך פון 1863טען יאָהר אָן א רעגירונגס־מאָנאָפּאָל. די אינדוסטריע פון רומעניען באשטעהט הויפּטזעכליך פון מילנערייען, בראנפען זאוואָדען און ביער־ברויערען. אין יאָהר 1913—1914 האָט רומעניען פּראָדוצירט 32,928,500 קילאָגראם צוקער. רומעניען האָט ענדע 1921 פארמאָגט 1,149 פאבריקען און זאוואָדען, אין וועלכע עס זיינען געווען באשעפטיגט 58,871 ארבייטער.

רומעניען עקספּאָרטירט קיין אויסלאנד הויפּטזעכליך רויהע מאטעריאלען: נאפט, ברויט, מעהל, וואלד און אימפּאָרטירט פארשיידענע פאבריקאטען, טעקסטיל פּראָדוקטען, גאלאנטעריי זאכען, מאשינען, פּאפּיער, שפּייז־פּראָדוקטען א. ז. וו.

אין יאָהר 1919 איז דער האנדעלספלאָט פון רומעניען באשטאנען פון 158 שיפען מיט א טאָנאזש פון 71,158. די רומענישע אייזענבאהנען (12,100 קילאָמעטער) זיינען די אייגענטום פון דער רעגירונג. אויך די דאמפּפער־ליינס איבער דעם טייך דונײַ און דעם שווארצען ים געהערען צו דער רעגירונג. רומעניען'ס מלוכה חוב האָט דעם 1טען אפּריל 1921 באטראָפען 20,311,293,312 לעי. די נאָמינעלער ווערטה פון א רומענישען לעי איז דער זעלבער ווי פון א שווייצארישען פראנק. אין 1921 איז אָבער דער לעי ניט ווערטה געווען מעהר ווי איין־אכטעל פון א דייטשען מארק.

דער מיטעללענדישער ים.

דער מיטעללענדישער ים (אויף ענגליש — מעדיטעראניען, אויף רוסיש — סרעדיזעמנאָיע מאָריע) געפינט זיך צווישען דרום־אייראָפּע, צפון־אפריקע און מערב־־אזיע. ביי זייערע ברעגען געפינען זיך: שפּאניע, דרום־פראנקרייך, איטאליע, יוגאָסלאוויע, גריכענלאנד, קליין-אזיע, סיריע, פּאלעסטינע, מצרים, טריפּאָלי אלזשיר, טונים און מאָראָקאָ. דער דורכגאנג פון גיבראלטאר פארבינדט איהם מיט'ן אטלאנטישען אָקעאן.

די צאהל אידען אויף דער וועלט לויט לענדער און די אלגעמיינע באפעלקערונג

אידישע באפעלקערונג	אלגעמיינע באפעלקערונג	נאמען פון לאנד
3,300,000	105,710,620	אמעריקא — — — — — — — — — — — —
100,000	7,885,237	ארגענטיניען — — — — — — — — —
15,891	5,463,662	אויסטראליען — — — — — — — — —
25,000	2.500.000	אראביען — — — — — — — — — — —
20,980	315,156,396	אינדיען — — — — — — — — — — —
57,000	36,099,657	איטאליען — — — — — — — — — —
498,913	7,500,000	אונגארן — — — — — — — — — — —
70,271	5,563,828	אלזשיר — — — — — — — — — — —
3,747	46,165	אדען — — — — — — — — — — — —
18,135	6,000,000	אפגאניסטאן — — — — — — — — — —
50,000	8,000,000	אביסיניען — — — — — — — — — —
3,787	2,200,000	ארמעניען — — — — — — — — — —
25,000	2,850,000	אזערבאזשאן — — — — — — — — —
150	1,462.887	אורוגוואי — — — — — — — — — —
44,000	7,577,027	בעלגיען — — — — — — — — — — —
1,000	2,300,000	בוכארא און כיווא — — — — — — —
3,000	30,645,296	בראזיליען — — — — — — — — — —
40,000	4,500.000	בולגאריען — — — — — — — — — —
25,000	3,100,000	גערגיא — — — — — — — — — — —
1,300	25.367	גיבראלטאר — — — — — — — — — —
286,500	45,516.259	גרויס בריטאניען — — — — — — —
88,300	2,631,952	גריכענלאנד — — — — — — — — —
3,000	325,100	דאנציג — — — — — — — — — — —
5.164	3,380,000	דענמארק — — — — — — — — — —
540,000	59,575,000	דייטשלאנד — — — — — — — — —
1,250	893,580	דזשעמייקא — — — — — — — — —
150	598,100	האנג קאנג — — — — — — — — —
106,409	6.831.231	האלאנד — — — — — — — — — —
411	2,852,614	ווענעזועלא — — — — — — — — —
3,300	3,249.279	טשילי — — — — — — — — — — —
368,970	13.363,390	טשעכא־סלאוואקיע — — — — — —
50.465	2,000,000	טונים — — — — — — — — — — —
12,000	900,000	טריפאלי — — — — — — — — — —
40,000	11,250,000	טורקעסטאן — — — — — — — — —
70,000	8.000,000	טערקיי אין אזיען — — — — — — —
80,000	1,050,000	טערקיי אין אייראפא — — — — — —
47,000	7,305,000	יוניאן אוו סאוט אפריקא (דרום אפריק. בונד) — — — — — — — — —
1,000	77,005,510	יאפאן — — — — — — — — — — —
1,000	320,650,000	כינא — — — — — — — — — — —

נאמען פון לאנד	באפעלקערונג אלגעמיינע	באפעלקערונג אידישע
לאטוויא	1,503,193	100,000
ליטע	2,000,000	240,000
ליטע (צענטראל)	800,000	96,000
לוקסעמבערג	263,824	1,270
מעסאָפּאָטאמיען	2,849,282	87,488
מעקסיקאָ	15,501,000	8,972
מאַלטאַ	228,534	35
מאראקאָ	6,000,000	100,000
נאָרוועגיען	2,691,855	1,000
ניו־זילאנד	1,178,722	1,820
סאאר ראיאָן	650,000	5,000
סערב־קראָאַט־סלאוואָניען שטאאט (יוגאָ־סלאוויען)	13,000,000	64,159
סיביר	4,657,127	40,000
סטרייטס סעטלמענט	714,069	535
סורינאם (האָלענדישע גוויאנא)	90,549	778
סיריען	3,000,000	26.500
עסטרייך	6,139,197	350,000
עגיפּטיען	12,878,000	50,000
עסטאָניען	1,750,000	7,500
פּאלעסטינא	761,796	81,263
פּוילען	27,000,000	3,716,010
פּערסיען	8,000,000	40,000
פּאָרטוגאל	5,957,985	1,000
פינלאנד	3,448,000	2,000
פיומע	49,806	1,000
פראנקרייך	41,475,523	150,000
ציפּרוס	274,108	110
קענעדע	8,769,489	110.000
קובא	2,898,905	4,000
קוראסאאָ	55,649	558
רעפּובליק פון ווייטען מזרח	981.419	60,000
רומעניען	17,393,149	950,000
רוסלאנד (אין אייראָפּא)		
נאָרד, צענטראל און איסט רוסלאנד	66,500,000	127,423
וועסט רוסלאנד	2,984,818	348.313
וויים־רוסלאנד	1,481,742	206,921
אוקראינא	29,000,000	2,375.000
שפּאניען	20,720,000	4,000
שוועדען	5,847,037	6,112
שווייץ	3,861,508	20,955

די צאָהל אידען אויף דער וועלט

(לויט קאָנטינענטען)

קאָנטינענט	אידישע באפעלקערונג
נאָרד אמעריקא	3,424,222
סאוט אמעריקא	108,197
אייראָפּא	10,893,364
אזיען	570,585
אפריקא	379,736
אויסטראַליען	17,711
סך הכל	15,393,815

די דאָזיגע טאבעלען, וואס זיינען צו־נויפגעשטעלט געווארען לויט די ציפער, וואָס זיינען געזאמעלט געווארען פון דער סטאטיסטישער אינפאָרמאציאָנס ביורא פאר אידישע סאָציאַלע פארשונגען, ווייזען, אז אויף דער וועלט געפינען זיך 15,393,815 אידען.

דער באוואוסטער אידישער סטאטיס־טיקער, דוד טריטש, האָט לעצטענס אנ־געגעבען גאנץ אנדערע ציפער בנוגע דער צאָהל אידען אויף דער וועלט. לויט זיין חשבון קומט אויס, אז די צאָהל אידען אויף דער וועלט איז 17,270,000, נעמליך:

אמעריקא	4,000,000
פּוילען, אוקראינע, רוסלאנד	7,800,000
רומעניען	1,000,000
דייטשלאנד	620,000
אונגארן	500,000
טשעכא־סלאָוואקיע	350,000
ענגלאנד	310,000
עסטרייך	300,000
מאַראָקאָ	200,000
ליטא	180,000
קאַראנא	170,000
אלזשיר און טוניס	170,000
פראנקרייך	160,000
טערקיי	130,000
האָלאנד	125,000
ארגענטיניען	120,000
גריכענלאנד	120,000
לעטלאנד	100,000
פּאלעסטינא	100,000
יוגאָ־סלאוויען	80,000
מעסאָפּאָטאמיען	80,000
פּערזיען	75,000
בריטיש־אפריקא	62,000
איטאליען	60,000
מצרים	60,000
בעלגיען	58,000
בולגאריען	52,000
סיריען	30,000
שווייץ	25,000
אראביען	25,000
ליביען	25,000
אויסטראליען	22,000
אינדיען	21,000
אביסיניען	20,000

קלענערע לענדער:

אין אייראָפּע	40,000
אין אמעריקא	30,000
אין אזיען	40,000
סך הכל	17,270,000

אידישע און אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין פארשיידע־נע שטעדט פון אייראָפּא, אַזיען און אַפריקא.

נאָמען פון שטאָדט	אלגעמיינע באפעלקערונג	אידישע באפעלקערונג
אנטווערפּען		22,000
בריסעל		20,000
טשערנאָוויץ		40,000
דווינסק		12,776
גענוא	325,000	3,000
האָמעל	64,786	30,320
קיעוו	544,569	144,524
לאָנדאָן		200,000
לעמבערג	220,000	77,000
ליבוי		10,000
לובלין	100,000	45,000
מילאַן	663,000	4,500
מינסק	152,589	67,599
מאָסקווע		28,025
פעטראָגראד		23,594
פּלאָוודיוו־פּיליפּאָפּאָל	70,000	7,000
רינא		20,000
רוים	600,000	11,000
רושצוק		5,000
סאלאָניקי	200,000	60,000
סאָפיע		20,000
טריעסט		4,000
טורין	46,000	5,000
וויען		250,000
אפריקא		
אלעקסאנדריא		29,207
קאירא		24,885
אזיען		
ירושלים		34,000
יפו		20,000
חיפה	21,000	6,000
טבריה		4,000
פראָווינג		10,000
סאמארקאנד		20,000
טאשקענט		12,000

דער לעצטער צענזוס אין סאָוועט־רוסלאנד

סאָוועט־רוסלאנד האָט איצט 55 גובערניעס. פילע פון די דאָזיגע גובערניעס זיינען די זעלבע, וואָס זיינען געווען פאר׳ן צאר, און אנדערע זיינען פון דאָס ניי געשאפען געוואָרען זינט די סאָוועטען זיינען אריין אין מאכט.

אחוץ די 55 גובערניעס האָט דאָס איצטיגע רוסלאנד נאָך 5 אומאָפּהענגיגע רעפּובליקען, וואָס זיינען פאראייניגט מיט סאָוועט־רוסלאנד אויף א פעדעראטיווען אופן, אומגעפעהר אזוי ווי באזונדערע שטאאטען פון אמעריקא. די אומאָפּהענגיגע רעפּבליקען זיינען: אוקראינע, וויים־רוסלאנד, גרוזיע, אזערבאזשאן און ארמעניע.

יעדערע פון די דאָזיגע רעפּובליקען האָט א באזונדערע קאָנסטיטוציע, נאָר אין דער קאָנסטיטוציע איז דאָ א פונקט, וועלכער רעכענט אויס די זאכען אין וועלכע די רעפּובליק איז אונטערוואָרפען צו דער צענטראלער מאכט אין מאָסקווע.

אין דער קאָנסטיטוציע פון דער אזערבאזשאנער רעפּובליק, למשל, ווערט געזאגט, אז די קאָמיסארען פאר קריג, אויסערליכען האנדעל, שפּייז, באהן, פּאָסט און טעלעגראף געפינען זיך אונטער דעם קאָנטראָל פון מאָסקווע. די רעפּובליק קאָן אבער אריינגעהן אין באזונדערע האנדעלס־פארבינדונגען מיט פּערסיע, טערקיי, גרוזיע און ארמעניע, אָהן דער אריינמישונג פון מאָסקווע.

אויסער די 5 אומאָפּהענגיגע רעפּובליקען האָט נאָך איצט רוסלאנד ניט ווענינער פון 16 אויטאָנאָמישע פּראָווינצען, וואָס פילע פון זיי ווערען באצייכענט אלס רעפּובליקען. אזוי איז דאָ א טאָטערן־רעפּובליק, קרים איז א רעפּובליק פאר זיך, די קאלמיקען מאכען שבת פאר זיך, די באשקירען, קירגיזען א. אז. וו.

זיי ווערען אָבער באטראכט אלס טיילען פון סאָוועט־רוסלאנד. זיי שיקען דעלעגאטען צו די סאָוועטען־צוזאמענפאָהרען אין מאָסקווע, זיי באקומען פּאָליטישע שטיצע פון מאָסקווע, און זיינען אונטערוואָרפען די מאָסקווער דעקרעטען.

זינט די סאָוועטען זיינען אריין אין מאכט, האָט אָבער רוסלאנד פארלאָרען אויף אלע מאָל א סך פון איהרע מעהר־ציווילעזירטע טיילען. רוסלאנד האָט פארלאָרען גאנץ פּוילען, און אין איהר פריעדענס־אפּמאך מיט פּוילען האָט זי נאָך אָפּגעגעבען צו דער לעצטער א שטיק טעריטאָריע פון וויים־רוסלאנד וואָס האלט 100,000 סקווער קילאָמעטער מיט א באפעלקערונג פון פיר־און־א־האלב מיליאָן רוסען. זי האָט פארלאָרען פינלאנד, עסטאָניא, לאטוויא און ליטא, וואָס האָבען זיך אלע ערקלערט אלס באזונדערע רעפּובליקען, אָהן שום שייכות צו דער סאָוועט־רעפּובליק, און זיינען שוין אנערקענט געוואָרען פון אלע אייראָפּעאישע לענדער.

מיט דעם פארלוסט פון די באלטישע פּראָווינצען האָט זי פארלאָרען צוויי פון איהרע וויכטיגסטע ים־האפענס, ליבאווע און רעוועל, דורך וועלכע עס איז פריהער דורכגעגאנגען מעהר ווי א העלפט פון איהר עקספּאָרט און אימפּאָרט פון אנדערע לענדער.

אויך אין איהר באפעלקערונג האָט רוסלאנד א סך פארלאָרען. א צענזוס, וואָס איז גענומען געוואָרען אין א גע־

די אידען אין לאטוויא

די איצטיגע לאטוויא באשטעהט פון דריי פּראָווינצען: ליפלאנד, מיט דער הויפּטשטאָדט אין ריגא, וועלכע איז די הויפּטשטאָדט פון דער גאנצער מלוכה; קורלאנד — מיט דער הויפּט־שטאָדט אין ליבוי (ליבאווע) און לעטגאלען, וואָס נעמט אריין די געגענד פון דווינסק.

די גאנצע טעריטאָריע האָט פאר דער מלחמה געצעהלט א באפעלקערונג פון 2 מיט א פערטעל מיליאָן איינוואוינער, פון וועלכע 7 פּראָצענט זיינען געווען אידען. אזוי שנעל, ווי דער דייטשער אנגריף אויף דער טעריטאָריע האָט זיך אנגעהויבען, האָט די רוסישע רעגירונג ארויסגעטריבען כמעט אלע אידען פון די דריי פּראָווינצען. ערשט אין יוני, 1917, איז די אידען ערלויבט געוואָרען זיך אומצוקערען.

אויך די ניט־אידישע באפעלקערונג פון לאטוויא איז טיילווייז געלאָפען, אזוי אז לויט'ן חשבון פון דער לאטווישער רעגירונג אין 1920, איז די באפעלקערונג באשטאַנען פון בלויז 1,596,131 נפשות. דער צענטראל קאָמיטעט פון די אידישע קהילות אין לאטוויא, וואָס האָט דורכגעפיהרט א סטאטיסטיק, אין יוני, 1921, האָט בארעכענט די אידישע באפעלקערונג פון דער גאנצער מלוכה, אויסער די שטעדט ליבוי, יאַקאָבשטאָדט און ווינדוי, אלס 71,162. די צאָל אידען אין די דריי דערמאָנטע שטעדט איז: ליבוי — 10,000, ווינדוי — 1,500 און יאַקאָבשטאָדט — 1,200, צוזאמען — 12,700. דאָס מאכט אַן אלגעמיינע אידישע באפעלקערונג אין לאנד פון 83,862. דאָס איז אָבער געווען מיט א יאָהר צוריק. אין משך פון דעם יאָהר — רעכענט מען — זיינען צוגעקומען ארום 20,000 אומגעקערטע, דאָס הייסט, אז די גאַנצע אידישע באפעלקערונג אין לאטוויא ביי היינט איז ארום 100 טויזענד.

אַט די 100,000 אידען זיינען צושפּרייט איבער 52 שטעדט און שטעדטלאך פון דער מלוכה, פון וועלכע בלויז 5 שטעדט האָבען איבער 2,000 אידען. דאָס זיינען: ריגא — 30,768, דווינסק — 12,776, ליבוי ארום 10,000, רעזשיצא — 3,469 און לוצין — 2,016. די צאָהל שטעדטלאך, וואָס האָבען נאָך ווייניגער ווי 500 אידען איז 27.

וויסען געגענד אין יאָהר 1920, האָט געוויזען, אז אין פארלויף פון די 6 יאָהר, פון 1914 ביז 1920, איז די באפעלקערונג קלענער געוואָרען מיט 18½ מיליאָן.

22 גובערניעס, וואָס האָבען אין 1917 געהאט א באפעלקערונג פון 30 מיליאָן נפשות, האָבען אין 1920 געהאט בלויז 25 מיליאָן, וואָס מיינט א פארלוסט פון 5 מיליאָן נפשות אין 3 יאָהר.

פאר דער מלחמה איז רוסלאנד יעדעס יאָהר געוואקסען מיט מעהר ווי אַנדערהאַלבען פּראָצענט, דורכדעם וואָס די צאָל געבורטען איז געווען מיט אזוי פיל גרעסער ווי די צאָהל טויט־פעלע.

פאר די לעצטע יאָהרען זיינען די טויט־פעלע פיל מעהר אין צאָהל ווי די געבורטען. אין 1919, למשל, איז די צאָהל טויטע געווען 74 פון יעדער 1000, און די צאָהל געבורטען איז געווען נאָר 13 פון יעדער 1000 פון דער באפעלקערונג.

עס ווערט באהויפּטעט, אז אין אייראָפּעאישען רוסלאנד באטרעפט די צאָהל איינוואוינער 130,707,000 נפשות.

הימעל און ערד

1. דער אויסגעשטערענטער הימעל און דער מילך־וועג.

דער קלארער הערבסט־טאג טרעט אפ דעם ארט פאר'ן שטילען אווענד. די זון נעהמט פארגעהן און דער הימעל ווערט רויטלאך. דאס מיינט — די זון שיקט דער ערד דעם לעצטען גרוס. אט־אט וועט די ערד איינגעהילט ווערען אין נאכטליכער טונקעלקייט, אבער נאך לאנג וועט אין דער הויך אויפ'ן הימעל נישט אויסגעלאשען ווערען דער בלאסער אפ־גלאנץ פון דער זון, וואס באהאלט זיך פון אונז. נאך לאנג וועט דיזער אפ־גלאנץ בייקומען דעם שוואכען שימער פון די שטערן.

אין די וויטע נארדליכע לענדער זעהט מען אינגאנצען נים קיין שטערן אין די זומערדיגע נעכט. דארט בלייבט דער הימעל אזוי ליכטיג, ווי בייטאג, אפילו קיין אווענד רויטקייט איז ניטא. דארט זיינען אינגאנצען ניטא קיין נעכט. די נאכט אונטערשיידט זיך פון טאג מיט דעם, וואס אויפ'ן הימעל זעהט זיך נים די זון. אויף א שעה צוויי איז זי אוועק הינטער'ן האריזאנט. אט זעצט מען זיך ארבייטען נאך דעם אווענד מאלצייט און מען באמערקט נים, ווי די זון פארגעהט און געהט ווידער אויף. נאר בעת זי הויבט אן א באק טאן, דערמאנט מען זיך, אז די נאכט איז אוועק — מען דארף געהן שלאפען...

אט די נעכט ווערען אנגערופען „ווייסע נעכט“. דער רוסישער אסטראנאם, פראפעסאר י. וואגנער, שרייבט: „איך האב ליב די ווייסע נעכט אבער אן אומ־אויפהערליכער טאג אין פארלויף פון דעם גאנצען זומער דערעסט. אין יוני און יולי האבען מיר אויף די סאלאוועצקי אינזלען (אויפ'ן ווייסען ים) נישט איין מאל אנגעצונדען ליכט, און איך געדענק, ווי אנגענעהם עס איז געווען צו דער־זעהן צום ערשטען מאל אין אנהויב אוי־גוסט א שוואכען שימער פון דעם ערש־טען שטערענדעל, וואס האט אנגעזאגט ווענען דעם, אז די נעכט קומען צוריק. איבעריגענס, ווען אויף דיזע אינזלען זיינען זומער צייט קיין נעכט ניטא, דאך פארגעהט די זון אויף א קורצען טער־מין; אבער עס קען זיין, אז איהר האט געהערט וואס עס איז אויך ווענען אזעל־כע לענדער, וואו זומער באהאלט זיך אינגאנצען נים די זון עטליכע טעג בסדר. זי לאזט זיך ארונטער, אבער זי פארגעהט נים און אין א שטיקעל צייט ארום הויבט זי ווידער אן לאנגזאם זיך אויפצוהויבען און מאכען איהר מאר־שרוט. דא, קאן מען זאגען, ווערט דער טאג פארביטען אויף טאג, נים אויף נאכט. דערפאר אבער ווינטער צייט ווייזט זיך אינגאנצען נים די זון אין דיזע לענדער. א רונדען מעת־לעת שי־מערען אויפ'ן הימעל די שטערן. נאר די לבנה און צייטענווייז דער „נארד־שיין“ באלייכטען די קאלטע, מיט שניי און אייז באדעקטע ערד“.

וואס ווייטער אויף זיד, אלץ קירצער זיינען די ווינטערדיגע נעכט און אלץ לענגער זיינען די זומערדיגע נעכט. די איינוואוינער פון אזעלכע געגענדען קאנען זעהן די זון יעדען טאג ווינטער און זומער, און יעדע נאכט קאנען זיי זעהן די שטערן. איהר האט זיכער פיל מאל

געקוקט אויף די שטערען, נאר, עס קאן זיין, אז איהר האט זיי ניט גאנץ גענוי באטראכט. עס איז אבער גאנץ אינטע־רעסאנט זיי צו באטראכטען גענוי.

לאמיר אויסקלייבען א קלארע הערב־סטיגע לבנה'לאזע נאכט און ארויסגעהן אויף א פעלד, ווייט פון געביידען, אום זיי זאלען ניט פארשטעלען דעם הימעל'ס געוועלב. אט איז שוין אויסגעלאשען געווארען דער לעצטער אפשיין פון דער



נארד־שיין אין די פאלאר־געגענדען.

אַוועגד־רויטקייט. טוט איצט א קוק אין דער הויך. דער גאנצער הימעל איז פארזייט מיט בלישטשענדיגע פונקען־שטערן. וואָס לענגער איהר קוקט אויפ'ן הימעל, אלץ מעהר שטערן באמערקט איהר. אין אָנהויב וואַרפען זיך אין די אויגען נאָר די העלערע שטערן, וואָס זיינען דאָ און דאָרט צושפּרייט איבער'ן טונקעלען געוועלב, אָבער, אויסער זיי, וואָס פאר א מענגע קליינע, קוים באַמערקבאַרע שטערנדלאך! ווי א ווייסער בלישטשענדיגער שטויב האָבען זיי מיט זיך דעם הימעל פּאַרדעקט, ס'איז ניטאָ אזא'ן אָרט, וואו מען זאָל ניט באמערקען אָט דעם בלישטשענדיגען שטויב, און וואָס פינסטערער די נאכט איז, אלץ בעסער זעהט איהר דעם שטויב.

און אָט איבער אייער קאָפּ האָט



א טעלעסקאָפּ.

דיזער שטויב באדעקט דעם הימעל אזוי געדיכט, אז ער זעהט אויס שוין ניט שווארץ, ווי אין אנדערע ערטער, נאר ווייסלאך. קוקט זיך איין אויפמערקזאם, און איהר וועט באמערקען, אז דאס איז ניט א ווייסליכער פלעק, נאר א גאנצער שטרייף, וואס האט ווי א ברייטער וועג זיך דורכגעלעגט דורכ'ן גאנצען הימעל פון איין ראנד ביז דעם צווייטען! דאס איז דער „מילך־וועג“. אט דער שטרייף רופט זיך אזוי פאר זיין ווייסליכען, מילך־קאליר. די שטערן, פון וועלכע דיזער שטרייף באשטעהט, זיינען אזוי קליין, אז ווי פינסטער די נאכט זאל ניט זיין, וועט איהר זיי ניט אונטערשיידען. איהר זעהט נאר דעם שיין פון אט די שטערן, וואס בילדען דעם מילך־וועג, אבער די שטערן גופא זעהט איהר נישט. אום זיי צו זעהן, דארף מען קוקען אויפ'ן מילך־וועג דורך א טעלעסקאפ.

אט די טעלעסקאפען זיינען גאנץ גרויסע, ווארום וואס לענגער דער רעהר פון טעלעסקאפ איז, אלץ שטארקער פארגרעסערט ער, אלץ נעהנטער ווייזען אונז אויס די זאכען, אויף וועלכע מיר קוקען. זעהר אפט זיינען די טעלעסקאפען אזעלכע גרויסע, אז מען בויט אויס פאר זיי באזונדערע טורעמס מיט א קיילעכדיגען, באוועגליכען סופיט, ווי א קופאל. אין מיטען פון אזא טורעם אויף א באזונדערער אונטערשפארע שטעהט דער טעלעסקאפ. דער מענש, וואס קוקט אין איהם, קאן מיט דער הילף פון פארשיידענע רעדער און שרויפען אהן מיה דרעהען דיזע גרויסע טרובע, וואס איז אויף עטליכע מאל גרעסער פון איהם אליין.

---

2. וועגען דעם שיין פון די שטערן און וועגען די פאזען פון דער לבנה.

קוקט זיך צו צו א וועלכען עס איז העלען שטערן. איהר וועט באמערקען, אז ער ברענט ניט מיט א גראדען שיין, נאר ער שימערט, ער ווינקט. ער איז עהנליך אויף א ווייטען פייערל, וואס ציטערט, פונקט ווי ער וואלט זיך ראנגלען מיט'ן ווינד. ווייט ניט אזוי איז דער רוהיגער לבנה־שיין. אבער ניט ביי אלע שטערן איז דער שיין דער זעלביגער.

ווען מען זאל פארגלייכען עטליכע גרויסע שטערן, וועט מען גאר אינגיכען קאנען דערזעהן דעם אונטערשייד אין זייער שיין. אמת, א גרויסער טייל פון זיי ווינקט, שימערט, ווי העלע ווייסע פונקען, נאר איהר וועט צווישען זיי באגעגנען ניט ווייניג שטערן געלע, און וואהרשיינליך וועט איהר באגעגענען כאטש איין שטערן, וואס האט א רויטליכען קאליר. עס קאן זיין, אז איהר וועט אויך געפינען אזא שטערנדעל, וואס בייט שטענדיג זיין קאליר: אט שימערט ער אויף מיט א בלוי פייערל, און אט הויבט ער אן בלישטשען, ווי א העלער רויטער פונק, און מיט זיין שימער און פארבען־שפיל ציהט ער ניט ווילענדיג אייער אויפמערקזאמקייט אויף זיך.

דער שיין פון דער לבנה איז ניט עהנליך אויפ'ן שיין פון די שטערן, ווייל די לבנה באקומט איהר שיין פון דער זון. די לבנה אליין פארמאגט גאר קיין שיין ניט. דער שיין פון דער זון שלאגט זיך אפ, שפיגעלט זיך אפ פון דער לבנה, אזוי ווי ער שלאגט זיך אפ פון די ווענד פון די הייזער, וואס ווערען באלויכטען פון דער זון. אט דעם בלאסען, אפגעשפיגעלטען זונענשיין רופען מיר דעם שיין פון דער לבנה. זיך איבערצייגען אין דעם, אז די לבנה האט ניט קיין אייגענעם שיין, איז ניט שווער.

איהר ווייסט געוויס, אז די לבנה איז ניט אלעמאל „א פולע“, א פאלשטענדיג רונדע; געוועהנליך זעהען מיר נאר א טייל פון איהר רונדקייט, פון

איהר קרייז — א האלבען קרייז, „א סערפּ“, און אמאל זעהט מען זי גאָרנישט אויפ'ן הימעל. אזעלכע ענדערונגען אין דעם אויסזעהען פון דער לבנה ווערען אָנגערופען „פאזען“ פון דער לבנה, אין העברעאיש רופט מען דאָס „פגימות הירח“. אַט די פאזען האָבען געלעהרטע שוין פון אלטע צייטען גוט באַאָבאַכטעט, און אַט וואָס זיי האָבען אויסגעפונען.

ווען די לבנה געהט ארויס אין דער זעלבינער זייט פון הימעל, וואָס די זון, דאַן זעהט מען זי ניט, הגם זי איז געווען אויפ'ן הימעל. דאָך געהט די לבנה מיט יעדען טאָג אלץ ווייטער און ווייטער אוועק פון דער זון. זי געהט אויף שפּעטער, פאַרבלייבט ביינאַכט לענגער אויפ'ן הימעל, און אַט באווייזט זי זיך ווידער. אין אָנהויב קאָן מען אָבער באַמערקען נאָר א שמאָלען „סערפּ“ פון דער לבנה, און דאָס, נאָר באַלד נאָך זונאונטערגאַנג אין יענער זייט הימעל, וואו די זון איז געווען פאַר'ן פאַרגעהן. אַט דער שוואַך בלישטשענדיגער, געלער, און אמאל רויטער „סערפּ“ הויבט זיך אויף זעהר ניט הויך און אינגיכען פאַרגעהט ער ווידער. זיינע ענדען, אָדער „הערנער“ קוקען אלעמאָל אין דער אַנטקעגענגעזעצטער זייט צום זונאונטערגאַנג, ס'הייסט אויף דער מזרח זייט. פון דיזער צייט אָן הויבט זי אָן וואַקסען. יעדע נאַכט הויבט זי זיך אויף העכער און פאַרגעהט שפּעטער, ביז זי ווערט פאַלשטענדיג קיילעכדיג, פול — א פולע לבנה. אין דער צייט הויבט זי זיך אויף העכער. איצט געהט זי אויף אויף דער זייט, וואָס איז אַנטקעגענגעזעצט צו דער זון. עס געהט פאַרביי צוויי-דריי טעג און די לבנה הויבט ווידער אָן קלענער ווערען און ביסלאַכווייז ווערט זי ווידער „א סערפּ“. אָבער דיזער „סערפּ“ קוקט איצט מיט „די הערנער“ ניט אין דער זייט וואו די זון געהט אויף, ווי דער פריהערדיגער „סערפּ“, נאָר גראַד אין דער זייט, וואו די זון פאַרגעהט, צו „מערב“. און דערפאַר, ווען מען ווייס, אין וועלכער זייט די זון איז אונטערגעגאַנגען, קאָן מען אלעמאָל אונטערשיידען דעם ערשטען „סערפּ“ פון דעם לעצטען: מען דאַרף נאָר א קוק טאָן, וואוהין זיינע „הערנער“ קוקען. אין עטליכע טעג ארום פאַרשווינדט אויך דער לעצטער „סערפּ“ פון דער לבנה, די לבנה באַהאַלט זיך; נאָר אין צוויי-דריי טעג ארום ווערט זי זיך ווידער באווייזען אויף דער מערב-זייט נאָך זונאונטערגאַנג אין דער געשטאַלט פון ערשטען „סערפּ“: היינט איז „דער מולד“, — וועלען מענשען זאָגען.

דערפון זעהט איהר, אז די פאזען פון דער לבנה הענגען אָפּ פון איהר לאַגע אויפ'ן הימעל. בעת זי געפינט זיך אויף יענער זייט פון הימעל, וואָס די זון, — זעהט מען זי דאַן אינגאַנצען ניט, אָדער מען זעהט זי ניט פול; בעת זי געהט אָבער אריבער אויף דער אַנטקעגענדיגער זייט, — באווייזט זי זיך פול — א פולע לבנה. הייסט עס, אז דער שיין פון דער לבנה הענגט אָפּ פון דעם שיין פון דער זון.

3. אַן עקספּערימענט וועגען די פאַזען פון דער לבנה.

נאָך בעסער קאָן מען פאַרשטעהן, אז דער שיין פון דער לבנה הענגט אָפּ פון דעם שיין פון דער זון, ווען מען מאַכט פאָלגענדען עקספּערימענט: נעהמט א געוועהנליכען גומענעם באַל, א פילקע, וואָס וועט מיט זיך פאַרשטעלען די לבנה. אין אָווענד בינדט צו צום באַל א פאַדים און שטעלט זיך אוועק מיט'ן באַל, האַלטענדיג איהם פאַר'ן פאַדים, ביי אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ אָדער ליכט. שטעלט זיך אוועק אזוי, אז דאָס פייער, אייער קאָפּ און דער באַל זאָלען אויסקומען

כמעט אויף דער זעלביגער הויך. דער לאָמפּ אָדער די ליכט וועט מיט זיך פאָרשטעלען די זון. איצט פיהרט ארום דעם באָל ארום זיך. בעת איהר וועט שטעהן צווישען איהם און דעם לאָמפּ, וועט דער באָל זיין אומגעקעהרט צו אייך מיט זיין באלויכטענער זייט. ווען איהר וועט לאנגזאם פיהרען מיט'ן באָל ארום זיך רעכטס, וועט איהר זעהן, ווי פון דער לינקער זייט אויפ'ן באָל וועט זיך באַ־ווייזען א שאָטען, וואָס וועט וואקסען. די באלויכטענע זייט וועט ביסלאכווייז זיך באהאלטען פון אייך. צולעצט וועט זי זיך אינגאנצען באהאלטען, בעת דער באָל וועט אויסקומען צווישען אייך און דעם לאָמפּ. פיהרט מיט'ן באָל ווייטער, און איהר וועט ווידער דערזעהן די באַ־לויכטענע זייט פון באָל: פון אָנהויב א שמאָלען שטרייפעלע אין דער פאָרמע פון „א סערפּ", פון א האלבען קרייז, דערנאָך אין דער פאָרמע פון א האלבע לבנה און, צולעצט, די גאנצע זייט, בעת דער באָל וועט קומען אין דער פריהערדיגער לאַגע.

דער לאָמפּ האָט ביי אונז פאָרגע־שטעלט די זון, דער באָל — די לבנה, און איהר אליין האָט פאָרגעשטעלט דעם מענשען, וואָס קוקט פון דער ערד אויף דיזער לבנה, — און איהר האָט געזעהן, אז דער באָל, ארומגעהענדיג ארום אייער קאָפּ, האָט דורכגעמאכט אזעלכע „פאַ־זען", ווי די לבנה. בעת דער באָל איז געווען אין דער זעלביגער זייט פון אייך, וואָס דער לאָמפּ, האָט ער אייך אויסגע־וויזען אומבאלויכטען, בעת אָבער ער איז געווען אויף דער אנדערער זייט — איז ער יאָ געווען באלויכטען, אויב נאָר אויף איהם איז ניט געפאלען דער שאָטען פון אייער קאָפּ.



אן עקספּערימענט מיט א באָל אויף צו ערקלערען די פאַזען פון דער לבנה.

4. וועגען ליקוי לבנה.

עס טרעפט אויך מיט דער לבנה, אז אויף איהר פאלט דער שאָטען פון דער ערד. דער ערדישער שאָטען פאַרפינ־סטערט די לבנה, און דאָס ווערט אָנגע־רופען „ליקוי לבנה". דאָס טרעפט יע־דעם מאָל, ווען די זון, די ערד און די לבנה קומען אויס אין איין רייהע אזוי, אז די ערד געפינט זיך גראדע צווישען דער לבנה און דער זון. אָפטער קומט אָבער אויס אזוי אז די ערד געפינט זיך א הערעלע אָן א זייט, ניט אינגאנצען אין איין רייהע מיט דער לבנה און דער זון, און דאַן פאַרדעקט איהר שאָטען נאָר

דעם ראַנד פון דעם ליכטיגען קרייז פון דער לבנה. עס טרעפט אָבער אויך, אז דער שאָטען פון דער ערד פּאַרדעקט די גאַנצע לבנה. דאַן זעהט אויס די לבנה מאָדנע. אָט ווי עס זעהט אויס אַ פאָל־שטענדיגע ליקוי לבנה, ווי דאָס ווערט באַשריבען פון אַן אַסטראָנאָם:

עס איז געוועזן אַ שעהנע לבנה־נאַכט. אויפ'ן פאָלשטענדיג קלאָרען הימעל איז קיין וואָלקענדעל ניט געווען. די פולע לבנה איז געשטאַנען הויך, און מיט איהר קאַלטען, אָבער שטאַרקען שיין איז געוועזן פאַרגאָסען דער גאַנ־צער הויף אונזערער. די קורצע שאָטענס פון די ווענד האָבען זיך געלעגט מיט שוואַרצע פלעקען אויפ'ן שניי און עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען נאָך פאַרגרעבערט די קראַפט פון'ם לבנה־שיין. מיט אַמאָל האָט דיזער שיין גענומען שוואַכער ווערען, פונקט ווי אַ לייכטער וואָלקענדעל איז אָנגעלאָפען אויף דער לבנה. איך האָב די אויגען פון דער לבנה ניט אַראָפּגעלאָזט. דער הימעל איז געבליבען ריין, אָהן וואָלקענס, אָבער דער לבנה שיין איז שוין ניט געווען אזוי שטאַרק. דער ליכטיגער קרייז פון דער לבנה איז שטופענווייז טונקעלער געוואָרען. אויף איהם איז אָנגעקראָכען פון איין זייט עפּעס אַ גרויע הילע און האָט איהם פאַרשטעלט פון מיר. דאָס האָט דער שאָטען פון דער ערד גענומען זיך אָנרוקען אויף איהם. דער דאָזיגער שאָטען איז געוואָ־רען אַלץ קלאָרער, און די שאָטענס אויף דער ערד האָבען גענומען פאַרבלאַסט ווערען; זיי האָבען גענומען עפּעס אזוי ווי פאַנאַנדערשווימען, און, צולעצט, זיי־נען זיי פאָלשטענדיג פאַרשוואונדען.



אַן ערקלערונג וועגען ליקוי לבנה.

דער געוועהנליכער לבנה־שיין איז אויס־געלאָשען געוואָרען, נאָר עס איז געבלי־בען אַן אַנדער שיין, אַן אויסערגעוועהנ־ליכער, וועלכער האָט פאַרוואונדערט איטליכען, ווער נאָר עס האָט איצט גע־קוקט אויף דער לבנה.

די לבנה איז ניט געוואָרען גרוי, ווי זי ווערט דאַן, בעת זי באַנייט זיך (ניי־מאָנד). הגם די ערד האָט מיט זיך פאַרשטעלט דעם זונענשיין, וואָס האָט נאָר וואָס באַלויכ־טען די לבנה, אָבער אויף דער לבנה איז ניט געוואָרען נאַכט. א טייל פון די זונענשטראַהלען, וואָס איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דער ערד דורך דער לופט, וואָס רינגעלט ארום די ערד, האָט פאָרטגעזעצט צו באַלייכטען די לבנה, נאָר די זונענשטראַהלען האָבען זי באַלויכטען ניט מיט'ן געוועהנליכען ווייסען אָפּשיין, וועלכען איהר זעהט יעדען זו־מערדיגען אָוונד אויפ'ן הימעל באַלד נאָך זונענאונטערגאַנג. און אָט, אַ דאַנק דעם דאָזיגען אָפּשיין פון די זונענשטראַה־לען, איז די ליכטיגע לבנה פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין אַ מאָד־נעם רויטען באַל, וואָס הענגט הויך אין הימעל איבער דער ערד!...

ווען די לבנה וואָלט אליין געשיינט, ווי די זון און די שטערען, וואָלט ניט געקאָנט פאַרקומען קיין ליקוי לבנה, דער שאָטען פון דער ערד וואָלט ניט פאַר־טונקעלט איהר שיין.

---

5. מיט וואָס די לבנה איז עהנליך צו דער ערד.

שטעלט אייך פאָר, אז איהר האָט דורך אַ וועלכען עס איז וואונדער פלוצ־לונג זיך דערזעהן אויף דער לבנה און

איהר קוקט פון איהר אויף דער ערד. די ערד וואָלט זיך אייך דאַן אויסגעוויזען ווי אַ גרויסע לבנה. פון דער ערד וואָלט זיך פּונקט אזוי אָפּגעשפּיגעלט דער שיין פון דער זון, ווי פון דער לבנה, און איהר וואָלט דערזעהן איבער זיך ניט די שווארצע ערד, נאָר די ליכטיגע לבנה, נאָר דיזע לבנה וואָלט געווען, אומגעפעהר, פיר מאָל גרעסער, ווי די געוועהנליכע לבנה. ווען איהר וואָלט געקאָנט



בערג אויף דער לבנה.

באַאָבאַכטען די דאָזיגע לבנה עטליכע טעג כסדר, וואָלט איהר באמערקט, אַז זי האָט אויך פּאַזען.

איבעריגענס, איהר קאָנט מיינען, אַז דאָס אַלעס איז אַ באָבע־מעשה; און אין אמת'ן, קיין מענש איז דאָך אויף דער לבנה נישט געווען און קיינער ווייס ניט, ווי די ערד ווייזט אויס פון דאָרט קוקענדיג. אַז קיינער איז אויף דער לבנה נישט געווען, דאָס איז אמת, נאָר דערפאַר ווייסען מיר, אַז די לבנה איז געבויט פונקט אויף אַזאַ'ן אופן, ווי די ערד.

פריהער פון אַלץ זיינען אויף דער לבנה דאָ אַזעלכע בערג און טאָלען, ווי אויף דער ערד, און זאָגאַר מעהר ווי אויף דער ערד. ווען די לבנה וואָלט צו אונז געווען נעהנטער, וואָלט איהר געקאָנט זעהר גוט זעהן די דאָזיגע גרויסע לבנה־בערג; אָבער זי איז פון אונז זעהר ווייט, און אַלע זאַכען פון דער ווייטען דאַכטען זיך אונז אויס קלענער, ווי זיי זיינען אין דער אמת'ן. דאָך קאָנען מיר קלאָר זעהן די דאָזיגע בערג מיט דער הילף פון אַ טעלעסקאָפּ. אַן אויסערגעוועהנליכע בילד וויקעלט זיך דאַן פאַנאַנדער פאַר אונזערע אויגען.

אויף דעם גאַנצען איבערפלאַך פון

דער לבנה געפינען זיך א סך טיפקייטען אדער קליינע טאלען. זעהר אפט הויבען זיך אויף פון דעם גרונט פון די טאלען אפגעזונדערטע בערג, וואס דערמאנען מיט זייער אויסזעהן ברייטע „קעפ“ צו־קער. פון אלע זייטען געהען אזעלכע טאלען אריבער אין הויכע בערג, וועלכע רינגלען זיי ארום מיט א מאסיווער וואנט אין דער פארמע פון א רינג. א סך שארפע שפיצען, וואס בילדען אויף אזא ווי גרויסע אפגרונטען, אויף א מייל אכ־ציג און מעהר פון ראנד צו ראנד. אט די רינגגען גיבען צו דעם אויבערפלאך פון דער לבנה א פאלשטענדיג באזונדע־רען אויסזעהן. אבער אויף דער לבנה זיינען אויך דא געוועהנליכע בערג־רו־קענס. זיי געהען זיך פאנאנדער אין אלע זייטען, און לויט די שאטענס, וואס לע־גען זיך פון זיי, קאן מען אורטיילען וועגען זייער הויך. אט די שאטענס האָ־



א פאטאגראפיע פון א האלבער לבנה.

רינג, ווייזען זיך אונז אויס ווי פאנטאס־טישע קארבען, ציינער, פון א וואנט. דא און דארט ליגען די דאזיגע רינגגען נאהענט איינער לעבען דעם אנדערען. זיי פארטונקלען איינער דעם צווייטען מיט זייער שאטען, און נאר אפגעזונדער־טע שפיצען זייערע, העל באלויכטענע פון דער זון, טיילען זיך שארף אויס, ווי ווייסע פינטלאך. מאנכע פון די טאלען זיינען אזוי קליין, אז אפילו דורך א טע־לעסקאפ איז שווער צו באשטימען זייער פארמע, אנדערע ווידער זיינען צועפענט בען דאס געוויזען די מענשען, אז די בערג אויף דער לבנה זיינען ניט ניד־ריגער פון די בערג אויף אונזער ערד.

אט אזוי ווייזט זיך אונז אויס די לבנה אין טעלעסקאפ. ווען איהר וועט זיך אויף זיי איינקוקען מיט א נאקע־טער אויג, הגם איהר וועט ניט זעהן די אפגעזונדערטע בערג איהרע, וועט איהר אבער באמערקען, אז ניט אלע איהרע ערטער לייכטען מיט דער זעלבינער העל־קייט. טוט ווען עס איז א קוק אויפ־מערקזאם אויף א פולער לבנה; איהר

וועט דערזעהן, אז זי איז אינגאנצען באדעקט מיט עפּעס וועלכע גרויהע פלעקען, מיט קרייזלאך און שטרייפלאך. אט די טונקעלע ערטער זיינען דאס טאלען און שפּאלטען, וועלכע זיינען שוואכער באלויכטען פון די זונענשטראהלען, ווי די הויכקייטען, וואס רינגלען זיי ארום.

אין די אמאליגע צייטען האט מען די גרויסע גרויע פלעקען פון דער לבנה גערעכענט פאר ימים, איצט האלט מען גארנישט פון דעם. אויף דער לבנה איז ניטא קיין שום וואסער, ניטא דארט קיין וואלקענס און אפילו קיין לופט איז דארט ניטא. דער אויבערפלאך פון דער לבנה איז פאלשטענדיג טויט. דאס איז א וויסטעניש, אין וועלכער קיין פלאנצונג קאן נישט לעבען און קיין חיה ניט. ניט איין באשעפעניש טרעט אויף איהר. נאר דער מענש פון דער ווייטער ערד קוקט ביינאכט אויף די דאזיגע מאדנע, פאנטאסטישע בערג דורך זיין טעלעסקאפּ.

6. וואסער פארמע האט די לבנה און די ערד.

די פאזען פון דער לבנה האבען געוויזען מענשען, אז די לבנה האט די פארמע פון א קוגעל, פון א באל. ווען זי וואלט געווען פלאך, אזוי ווי אונז דאכט זיך אויס, וואלטען מיר קיינמאל אויפ'ן הימעל ניט געזעהן א האלבע לבנה. מיר וואלטען נאר געקאנט זעהן אדער א באלויכטענע אדער אינגאנצען אן אומבאלויכטענע לבנה. דערמאנט זיך אן דעם באל, אן די גומענע פילקע, וואס איז באלויכטען פון א לאמפּ און וואס שטעלט מיט זיך פאר אין אונזער עקספּערימענט די לבנה. אנשטאט דער פילקע נעהמט א קיילעכדיגע שטיקעל פּאפּיר און פּרובירט עס האלטען אזוי, אום צו זעהן נאר א העלפט פון דער באלויכטענער זייט. דאס וועט זיך אייך נישט איינגעבען.

פונקט אזוי האט אויך די ערד די פארמע פון א קוגעל, פון א באל. עס קאן זיין, אז די לבנה איז געווען די ערשטע, וואס האט געוויזען מענשען אויף דעם. דערמאנט זיך, וואס איהר האט פריהער געלייענט וועגען ליקוי לבנה. א ליקוי לבנה קומט פאר איין מאל אדער צוויי מאל א יאהר, און יעדעם מאל קאן מען זעהן, אז דער שאטען פון דער ערד, וואס פאלט אויף דער לבנה, איז אלעמאל דער זעלביגער, אלעמאל אויף איין שטייגער. ווי די ערד זאל ניט זיין געווענדט צו דער זון, — איז דער דאזיגער שאטען אלעמאל א קיילעכדיגער, און אזא שאטען קאן ארויסקומען נאר פון א באל. אמת, דער ערד־באל איז ניט קיין פאלשטענדיג ריכטיגער באל: ער איז אביסעל צונויפגעדריקט. נאר פונדעסטוועגען איז דאס א באל, א קוגעל, און ניט קיין פלאכער קרייז אין דער פארמע פון „א בלאט לאקשען" אומגעפעהר, ווי מען האט געמיינט אין די גאנץ אלטע צייטען.

אין יענער צייט האבען מענשען געמיינט, אז ווען מען זאל געהן אלץ אין איין זייט, אין ערגעץ זיך ניט פארקירעווען, וועט מען צולעצט קומען צום ראנד פון דער ערד. זיי האבען געמיינט, אז הינטער דיזען ראנד הויבט זיך אן דער ים, וועלכער, ערגעץ־וואו ווייט פון די ברעגען רייסט זיך אפּ אין אן ענדלאזען אפּגרונט. מענשען האבען מורא געהאט אוועקצושווימען ווייט פון ברעג. זיי האבען מורא געהאט ארייצופאלען אין דיזען אפּגרונד, פון וואנען מען קאן צוריק ניט קומען. די גאנצע ערד האבען זיי גערעכענט פאר א הויכען אינזעל, וואס ליגט אין א גרויסען אקעאן. אויף וואס־זשע האט זיך געהאלטען אט דער גרויסער אינזעל, און פאר וואס האט ער זיך ניט אראפּגעלאזט אין וואסער אונטער די ים־כוואליעס, — האט קיינער ניט געוואוסט. איצט אבער גלויבט שוין

קיינער ניט אין אזעלכע באבע־מעשות; יעדער ווייס, אז די ערד איז ניט קיין פלאכער אינזעל, נאר א באל, און אז ניט די ערד האלט זיך אויפ'ן וואסער, נאר דאס וואסער קלייבט זיך צונויף אין די טיפקייטען אויף דער ערד. די ערד קאן זיך ניט האלטען אויפ'ן וואסער, ווייל זי איז שווערער פון וואסער. ימים אהן א גרונט קאן ניט זיין. יעדער ים האט א גרונט, וועלכער געהט איבער אין א ים־ברעג ארום ים. איצט ווייסען מיר, אז ווען מען זאל געהן אלץ אין זעהן, ווי די שיף באהאלט זיך ביסלאכ־ווייז פון אייך, ווי שטארק אייער טעלע־סקאפ זאל ניט פארגרעסערען. אין אנ־הויב פארשווינדט פון אייערע אויגען די שיף'ס קארפוס, דערנאך דער דעק, צו־לעצט וועט איהר זעהן נאר די שפיצען פון די זעגלען, פון די מאסט-בוימער, נאר אויך זיי וועלען ביסלעכווייז פון אייך פארשווינדען, אזוי ווי זיי וואלטען אין ים איינגעזונקען געווארען. דאס אלעס שטאמט דערפון, וואס די ערד איז ניט פלאך, נאר קיילעכדיג, ווי א פילקע.



די פארמע פון דעם ערד־קוגעל און דער לבנה.

איין זייט, וועט מען פריהער אדער שפע־טער ארומגעהן דעם ערד־קוגעל רונד ארום און מען וועט קומען צום זעלביגען ארט, פון וועלכען מען איז ארויסגעגאנ־גען, נאר פון דער צווייטער זייט. מענ־שען פאהרען איצט ארום שטענדיג ארום דער ערד אויף שיפען. איהר האט זיכער געהערט וועגען רייזען, וואס מענשען מא־כען ארום דער וועלט.

ווען איהר וועט קוקען דורך א טע־לעסקאפ אויף א שיף, וואס דערווייטערט זיך פון ברעג אין אפענעם ים, וועט איהר

נעהמט אייער גומענע פילקע און האלט זי קעגען זיך. איהר וועט זעהן נאר איין זייט פון איהר. אלץ, וואס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט פון דער פילקע, וועט פון אייך זיין באהאל־טען. לאמיר זיך פארשטעלען, אז אויף דער זייט פון דער פילקע, וואס איז אנט־קעגען אייך, וועט זיך אוועקשטעלען א פליג און וועט נעהמען קריכען אין דער ריכטונג פון אייך. אויב איהר וועט ניט איבערדרעהען די פילקע, וועט די פליג ביסלאכווייז אריבערקריכען אויף דער

צווייטער זייט פון דער פילקע און וועט זיך פון איך באהאלטען. אין אנהויב וועלען זיך איהרע פיס באהאלטען הינטער דער בולט'קייט פון דער פילקע, דערנאך דער קערפער, און, צולעצט, וועט זי אינגאנצען פערשווינדען פון אייערע אויגען. אזוי באהאלט זיך אויך די שיף הינטער דער בולט'קייט פון דער ערד, ווארום אויך דער ים איז בולט, ווייל זיין וואסער איז פאנאנדערגעגאסען מיט א גראדען שיכט איבער דעם בולט'ען אויבערפלאך פון דער ערד. די ערד איז אויך אזוי קיילעכדיג פון אלע זייטען, ווי א פילקע.

ווי גרויס עס איז די פילקע, איז אפילו שווער זיך פארצושטעלען. אין פארגלייך מיט'ן ערד־קוגעל זיינען מיר אליין צו נישטיג. א שטריק פון פערציג טויזענד מייל לאנג וואלט קוים גענוג זיין אויף ארומצונעהמען מיט איהר איינמאל דעם ערד־קוגעל, און אום זיך צו דערקלייבען ביז דעם כאמע מיטען פון ערד־קוגעל, וואלט מען באדארפט דורכגראבען א ברונים פון איבער זעקס טויזענד מייל די טיף.

7. וועגען גלאבוס און וועגען ים און יבשה אויף דער ערד.

ווי גרויס די ערד איז ניט, האבען מענשען אויף אזוי פיל אויסגעפארשט איהר אויבערפלאך, אז זיי האבען געקאנט מאכען א קליינע עהנליכקייט צו איהר אין דער פארמע פון א גלאבוס. אויפ'ן גלאבוס זיינען אנגעצייכענט אלע ימים און פארשיידענע לענדער מיט זייערע טייכען און בערג, פונקט אזוי ווי אויפ'ן ערד־קוגעל.

באנוצט זיך ווען עס איז מיט דער געלעגענהייט צו באטראכטען דעם גלאבוס, וואס שטעלט מיט זיך פאר די ערד. מיט בלייער פארב זיינען אויף איהם אנגעצייכענט די ימים, אזערעס און טייכען, און מיט געלער פארב — די ערטער פון דער ערד, וואס זיינען ניט באדעקט מיט וואסער. איהר וועט באמערקען, אז ים אדער אקעאן דעקען צו א גרויסען טייל פון דער ערד. ניט צוגעדעקטע בלייבען צוויי הויפט ערטער, וואס זיינען ארומגערינגעלט מיט'ן אקעאן פון אלע זייטען: איין ארט — אויף איין זייט פון דער ערד, דער אנדערער ארט — אויף דער צווייטער זייט. דיזע ערטער ווערען אנגערופען קאנטינענטען (מוטערערד, יבשה). איינער פון די קאנטינענטען האט די פארמע פון צוויי שיף, וואס זיינען פאראייניגט איינער מיט'ן צווייטען דורך א שמאלען פאס ערד. דאס איז — אמעריקא. דער צווייטער קאנטינענט ווערט איינגעטיילט געוועהנליך אויף נאך דריי קליינע קאנטינענטען: אפריקע, אזיע און אייראפא. עס איז דא נאך א גרויסער ארט, וואס איז ניט באדעקט מיט וואסער, וואס ווערט אויך אנגערופען קאנטינענט; דאס איז אויסטראליע. אויסער אט די פינף קאנטינענטען זיינען נאך דא טויזענדער קליינע אינזלען איבער דעם אויבערפלאך פון אקעאן. אויף דיזע אינזלען וואוינען אויך מענשען. נאר אלע אינזלען און קאנטינענטען צוזאמען, אט די גאנצע טרוקענע ערד, די יבשה, פארנעהמט בלויז איין דריטעל טייל פון דעם אויבערפלאך פון דער ערד. דאס איבריגע פון דעם אויבערפלאך פון דער ערד איז פארנומען מיט וואסער.

זעהן אין איין צייט דעם גאנצען אויבערפלאך פון גלאבוס קאנט איהר ניט. מען דארף איבערשניידען דעם גלאבוס, אם וועניגסטען, אויף צוויי גלייכע טיילען, אויף צוויי „האלבע קוגלען". דאן, אוועקלעגענדיג זיי אין רייה פאר אייערע אויגען, קאנט איהר גאנץ גוט באמערקען, אז יבשה און ים זיינען פארטיילט איבער דעם אויבערפלאך פון

דער ערד ניט גלייך. דעם גלאָבוס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם ערד-קוגעל, קאָן מען איבערשניידען אויף העלפט אויף אזא אופן, אז אויף איין האלב-קוגעל וועט בלייבען א גרויסער טייל טרוקען לאנד, יבשה, א גרויסער טייל פון אמעריקע, און אפריקע, גאנץ אייראָ-פּע און אזיע, און אויפ'ן צווייטען האלב-קוגעל — א גרויסער טייל ים. דעם ערשטען האלב-קוגעל רופט מען נאָרדליכער האלב-קוגעל, דעם צווייטען — זידליכער האלב-קוגעל. די ליניע, לויט וועלכער איהר וועט איבערשניידען דעם גלאָבוס אויף אזא אופן, וועט דורכגעהן דורך די סאמע הייסע לענדער. די ליניע רופט מען עקוואטאָר. עקוואטאָר באדייט דער קרייז, די ליניע, וואָס טיילט די ערד אויף צוויי גלייכע האלבע קוגלען — נאָרדליכער און זידליכער. (די ליניע עקזיסטירט נאָר אין דער פאָרשטעלונג, ניט אין דער ווירקליכקייט). וואס ווייטער פון עקוואַטאָר, אלץ קעלטער ווערט עס. אין דעם מיטען טייל פון ביידע האלבע קוגלען, וועלכער ליגט נאָר ווייט פון עקוואטאָר, איז אזוי קאלט, אז סיי זומער און סיי ווינטער בלייבען די ערד און דער ים באדעקט מיט שניי און אייז. מענשען קאָנען דאָרט ניט וואוינען און נאָר איין מאָל האָט זיך איינגעגעבען איין רייזענדען זיך צו דערקלייבען ביז'ן סאמע מיטען פון דעם נאָרדליכען האלב-קוגעל, ביז דעם נאָרדליכען „פּאָליוס“.



א גלאָב.

8. ווי מען מעכט אוים די ווייט-קייט פון דער ערד ביז דער זון און ביז דער לבנה.

ניט אלע שטערן שיינען גלייך. דאָס איז דערפאר, וואָס מאנכע שטערן זיי-נען צו אונז נעהנטער און מאנכע וויי-טער. אונזער זון איז אויך פונקט אזא שטערן, נאָר דער דאָזיגער שטערן איז אומפארגלייכליך נעהנטער צו אונז, ווי אלע איבעריגע שטערן. דערפאר ווייזט זיך אונז אוים די זון פיל גרעסער פון אנדערע שטערן.

פון וואנען ווייס מען אָבער, ווי ווייט עס איז פון אונז דער אָדער יענער שטערן? פון וואנען ווייס מען ווי ווייט עס איז פון אונז די זון און די לבנה? איז דען מעגליך אזא ווייט-קייט אויסצומעסטען?

יאָ, עס איז מעגליך. דאָס איז געוויס שווער צו פארשטעהן, ווען מען ווייס ניט, ווי אזוי עס ווערען אין אלגעמיין אויסגעמאָס-טען גרויסע שטרעקען. דאָך וואָלט געווען לאנגווייליג צו ערקלערען, ווי אזוי גרויסע שטרעקען ווערען אויסגעמאָסטען. אנשטאט דעם קאָן מען אָבער מאַ-כען א פּראָבע מיט א דרייעק, א פּראָבע, וואָס וועט א ביסעל ערקלעה-רען דעם דאָזיגען ענין.

לעגט אוים א דרייעק פון דריי שוועב-בעלאך. לאָמיר אָנרופען די שוועבעלאך „זייטען“ פון דעם דרייעק. ווי איהר זאָלט ניט אומדרעהען אייער דרייעק וועט-לען זיינע ווינקלען זיך ניט ענדערען. אָבער שניידט אָפּ פון איין שוועבעלע א

העלפט, דערנאך לעגט זיי ווידער אויס מיט די עקען אין דער פארמע פון א דרייעק, און איהר וועט זעהן, אז די ווינקלען האבען זיך איצט געענדערט. יענער ווינקעל, צום ביישפיל, וועלכער ליגט אנטקעגען דער אפגעשניטענער שוועבעלע, איז געווארען שמאלער, אדער, ווי מען דריקט זיך געוועהנליך אויס, שארפער. ווען איהר וועט פרובירען אפשניידען א העלפט פון יעדער פון די צוויי אנדערע שוועבעלאך און איהר וועט ווידער זיי אויסלעגען מיט די עקען אין דער פארמע פון א דרייעק, וועט ארויס־קומען א קלענע־רער דרייעק, אבער זיינע ווינ־קלען, זיינע עקען וועלען זיין די זעלביגע ווי די עקען פון'ם פריי־הערדיגען דרייעק. איבערשניידענדיג יעדע שוועבעלע איבער העלפט, האט איהר דא־פעלט פארקלע־נערט יעדע זייט פון דרייעק. אויך וואלטען די עקען זיך ניט גיזענ־דערט. ווען איהר וואלט יעדע זייט פארקלענערט אויף דריי מאל, פיר מאל און אזוי ווייטער. די עקען וואלטען ניט געווארען ניט שמאלער, ניט בריי־טער, — מיט אנדערע ווערטער, ניט „שארפער", ניט „טעמפער". מיט איין ווארט, די עקען פון א דרייעק ענדערען זיך ניט, ווען מען זאל זיינע אלע דריי זייטען פארקלענערען אדער פארגרעס־רען אויף דער זעלביגער צאהל מאל; אבער די עקען וועלען זיך ענדערען, ווען מען זאל פארקלענערען אדער פארגרע־



א דריי־עק פון שוועבעלאך. די ווינקלען פון דריי־עק ענדערען זיך מיט דער ענדערונג פון זיינע זייטען.

סערען נאר איין זייט אדער נאר צוויי זייטען. עס איז דא אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען קאן אויסמעסטען די עקען, די ווינקלען, ס'הייסט געפינען זייער ברייט.

איצט, הגם ניט אינגאנצען, דאך קאן מען פארשטעהן, ווי אזוי מען האט אויס־געמאסטען די שטרעקע פון דער ערד ביז דער זון, ביז דער לבנה און ביז מאנ־כע שטערן. שטעלט אייך פאר, אז צוויי מענשען, וואס געפינען זיך ווייט איינער פון דעם צווייטען, קוקען אין דער זעל־ביגער צייט אויף דער לבנה. איינער פון זיי געפינט זיך, צום ביישפיל, אין פעטראגראד, דער צווייטער — ערגיץ־וואו אין אפריקע, אויף א שטרעקע פון אכט מיט א האלב טויזענד מייל פון ערשטען. ווען מען וואלט געקאנט דורכפיהרען א ליניע פון איין מענשען צום צווייטען, און פון יעדען פון זיי א ליניע צו דער לבנה, וואלט זיך באקומען א דריי־עק. אין זיין אויבערשטען עק וואלט געשטאנען די לבנה, און אין די צוויי אונטערשטע עקען — די מענשען, וואס קוקען אויף דער לבנה. דאס קאן מען אבער ניט מאכען, נאר דערפאר קאנט איהר אויסמעסטען מיט אן אינסטרו־מענט ביידע אונטערשטע עקען פון דריי־עק. איהר קאנט דאן אויסמאלען אויפ'ן פאפיר אזא דרייעק, ס'הייסט מיט אזעל־כע ווינקלען, נאר זיינע זייטען וועלען זיין א סך קלענער. אום איצטער אויס־

צוגעפינען, אויף א וועלכער שטרעקע די לבנה געפינט זיך פון פעטראָגראַד, דאַרפט איהר נאָר א קוק טאָן, אויף וויפיל מאָל איז די אונטערשטע זייט פון דעם דרייעק, וואָס איהר האָט אויסגעמאָלט אויפ'ן פאַפיר, קלענער פון יענער זייט, וואָס שטעלט פאָר די שטרעקע פון דער לבנה ביז פעטראָגראַד.

ווערט איהר זעהן, אז די ערשטע ליניע איז צוויי און פערציג מאָל קירצער פון דער לעצטער; די ערשטע ליניע האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך די שטרעקע צווישען ביידע מענשען, וועלכע איז געוועזען 8,500 מייל; הייסט עס, אז די צווייטע ליניע דאַרף זיין 42 מאָל 8,500 מייל, עס הייסט 357,000 מייל. דאס ויעט זיין די שטרעקע פון דער לבנה ביז דער ערד.

---

9. וועגען דער באַוועגונג פון דער ערד אַרום דער זון.

די שטרעקע פון דער ערד ביז דער לבנה איז אזא גרויסע, אז ווען עס וואָלט מעגליך געווען צו פאָהרען אָהן אן אָפּשטעל אין אן עקספּרעס־צוג פון דער ערד ביז דער לבנה, וואָלט געדויערט אזא רייזע א האַלב יאָהר. אָבער דיזע שטרעקע איז נישטיג אין פאַרגלייך מיט דער שטרעקע פון דער ערד ביז דער זון. ביז דער זון וואָלט מען געקאָנט דורכפאָהרען אין פאַרלויף פון צוויי הונדערט יאָהר! א סך שטערן זיינען פיל, פיל ווייטער פון אונז, ווי די זון, און זיינען פיל, פיל גרעסער פון איהר אין לייכטען העלער. אונזער ערד איז א קליין פינטעלע, וואָס וואָלט זיך פאַרלוירען **צווישען די טויזענדער,** טויזענדער זונען, וואָס שטעלען זיך אונז פאָר ווי שטערן.


די שטרעקע צווישען דער לבנה און דער ערד. אויבען איז די לבנה, אונטען— די ערד.

קאָן מען דען נאָך דעם דענקען, אז אונזער גרויסע זון און די מיליאָנען אַנדערע, נאָך גרעסערע זונען, וואָס מיר רופען אָן שטערן, געהען אַרום יעדען מעת־לעת אַרום דעם קליינעם פינטעלע — דער ערד? און דאָך ווייס יעדער, אז די זון באַוויזט זיך יעדען פריהמאָרגען אויף דער מזרח־זייט און יעדען אָוונד פאַרגעהט זי אויף דער מערב־זייט. יעדער ווייס, אז יעדע נאכט הויבען זיך אויף איבער דער ערד און פאַרגעהען טויזענטער שטערען. דער גאַנצער הימעלס געוועלב דרעהט זיך אַרום דער ערד. א לאַנגע צייט האָבען מענשען ווירקליך געמיינט, אז די זון און די שטערן דרעהען זיך אַרום דער ערד, אָבער איצט ווייסען אַלע, אז דאָס איז ניט אמת. ניט די זון דרעהט זיך אַרום דער ערד, נאָר די ערד אליין דרעהט זיך ווי א דריידעל און באַוועגט זיך אַרום דער זון. מיר קאָנען ניט באמערקען איהר באַוועגונג, וואָרום מיר אליין דרעהען זיך צוזאַמען מיט איהר.

פּרובירט זיך דרעהען, ניט אוועקגעהענדיג פון אָרט, אין מיטען צימער. פּרובירט קוקען אין דער זעלביגער צייט גראַד קעגען זיך. אייך וועט זיך אָפּדאַכטען, אז די ווענט, די פענסטער, די טירען און אַלע געגענשטאַנדען באַוועגען זיך אַרום אייך, נאָר אין דער פאַרקערטער זייט. אזוי איז אויך, ווען איהר קוקט פון א פענסטער פון א וואַגאָן ווען דער צוג פליהט. דאַן דאַכט זיך אייך, אז די פעלדער, ביימער, טעלעגראַף סלופּען און **אַלע, וואָס איהר זעהט אויף**

דער ערד, לויפט פארביי אייך. די גע־שטאנדענע דא פארגרעסערען זיי זיך, בעת איהר פאהרט צו צו זיי, דא פאר־קלענערען זיי זיך ווידער, בעת איהר דערוייטערט זיך פון זיי. זיי דעריאגען און איבעריאגען איינער דעם צווייטען און לויפען אלץ אהן א סוף פארביי אייער פענסטער, און דער צוג וואלט עפעס אזוי ווי שטעהן אויף אן ארט. די ערד אבער דרעהט זיך רוהיג און שווי־מענדיג. איהר פיהלט ניט דעם קלענ־סטען שטויס, דעם קלענסטען גערויש. אפילו קיין ווינד איז ניטא, ווייל די לופט וואס רינגעלט ארום די ערד, דרעהט זיך צוזאמען מיט איהר!... אויף וועלכען אופן וואלט מען געקאנט באמערקען איהר באוועגונג?... די באוועגונג פון דער זון מיט די שטערן זאגען אונז דאס. עס איז אויך דא א סך אנדערעס, וואס וויזט אן אויף דעם.

יעדער מעת לעת דרעהט זיך ארום די ערד ארום זיך איין מאל, און צוזא־מען מיט איהר מאכען מיר דורך יעדען טאג א גרויסען וועג. אבער ווי עס איז שוין פריהער געזאגט געווארען, דרעהט זיך די ערד ארום ניט נאר ארום זיך, ווי א דריידעל, נאר זי געהט אויך ארום דער זון, קיינמאל זיך ניט דערנעהנטערענדיג צו איהר נעהנטער, ווי אויף 138 מיליאן מייל. קאן מען זיך פארשטעלען, וואס פאר א וועג די ערד מאכט דורך, איידער זי געהט ארום אויף אזא'ן אופן ארום דער זון?! דיזער וועג איז אומגעפעהר צוויי טויזענד מאל א גרעסערע שטרעקע, ווי די שטרעקע פון דער ערד ביז דער לבנה. מיר פליהען פארביי כמעט דריי־סיג מייל אין יעדער סעקונדע. אבער ־נר וועג איז אזא גרויסער, אז ניט קו־קענדיג אויף אזא געשווינדקייט, געהט אוועק א גאנצער יאהר אויף איין מאל ארומצופליהען ארום דער זון!

---

10. וועגען די פלאנעטען און זייער באוועגונג.

דער שיין פון די שטערן איז ניט עהנליך צום שיין פון דער לבנה, ווייל די לבנה אליין פארמאגט ניט קיין שיין, איהר שיין באקומט זי פון דער זון, די שטערן אבער פארמאגען אייגענעם שיין. זיי לייכטען אזוי ווי די זון, און ווען זיי וואלטען ניט געווען אזוי ווייט פון אונז, וואלט זייער שיין ניט געווען שוואכער פון דעם שיין פון דער זון.

דאך זיינען דא שטערן, וועלכע, אזוי ווי די לבנה, האבען ניט קיין אייגענעם שיין. זיי ווערען באלויכטען פון דער זון, און נאר דערפאר קאנען מיר זיי באמערקען. אום זיי אונטערצושיידען פון די ווירקליכע שטערן וואלט מען זיי גע־קאנט אנרופען „ערדען“. מיט דער הילף פון א טעלעסקאפ קאן מען אזא „ערד“ לייכט אונטערשיידען פון א שטערן. א ווירקליכער שטערן, ווי שטארק דער טע־לעסקאפ זאל ניט פארגרעסערען, האט א״ע מאל דעם אויסזעהן פון א ווינקענדי־גען פייערל. מיר זעהען זיין שיין, אבער מיר זעהען ניט דעם שטערן גופא, אזוי ווי מיר זעהען, צום ביישפיל, די זון. א „ערד“ אין טעלעסקאפ זעהט אויס ווי א ליכטיגער קרייזעל.

אהן א טעלעסקאפ איז שווערער צו אונטערשיידען א „ערד“, נאר ווען איהר וועט באגעגענען צווישען די שטערן אזעלכען, וואס לייכט פאלשטענדיג גראד און „ווינקט“ ניט, וועט עס געוויס זיין ניט א שטערן, נאר איינע פון די „ערדען“.

אזעלכע „ערדען“ זיינען דא זעהר ניט פיל, און אלע זיינען זיי פיל נעהנטער צו אונז, ווי די ווירקליכע שטערן. פונקט אזוי ווי אונזער ערד בלייבען זיי אלע ניט א מינוט אין רוה. זיי דרעהען זיך און שווימען ארום דער זון. מאנכע נעהנ־טער צו איהר, אנדערע — ווייטער. יע־

דע פון זיי האָט איהר באשטימטען וועג, איהר קרייז, איבער וועלכען יע־ע געהט אומאויפהערליך פון יאָהר צו יאָהר, פון יאָהרהונדערט צו יאָהרהונדערט. די, וואס זיינען נעהנטער צו דער זון באוועגען זיך ארום איהר געשווינדער. די, וועלכע זיינען ווייטער פון איהר — לאַנגזאמער, אָבער זייער באוועגונג הערט קיינמאָל ניט אויף, און דער וועג ביי יעדער פון זיי בלייבט אלעמאָל דער זעלבינער, קיינע פון זיי וועט קיינמאָל ניט ענדערען איהר מארשרוט, וועט ניט אוועקגעהן פון דער זון אין א זייט. און די זון, ווי א גרויסער לאמטערן, גיסט אין אלע זייטען איהר בלענדענדען שיין. איהרע שטראלען באלייכטען אָט די פינסטערע קוגלען און מיר זעהען זיי באלויכטענע פון דער זון ביינאכט אויפ'ן טונקעלען הימעל. דאן ווייזען זיי זיך אונז אויס ניט אלס פינסטערע ערדען, נאָר אלס בלישצענדיגע שטערן, און יעדע נאכט קאָנען מיר זיי נאָכפאָלגען און זעהן זייער באוועגונג. ווען איהר קוקט אויף זיי דורך א טעלעסקאָפּ צוזאמען מיט דעם גאנצען הימעלס געוועלב, דאכט זיך, אז זיי בלאָנדזשען איבער'ן הימעל, וואס איז באזעצט מיט שטערן, און זיי קאָנען זיך ניט געפינען קיין אָרט צווישען די שטערן. אָט יאָגען זיי איבער מאנכע שטערן, און אָט שטעהען זיי אָפּ פון זיי, באוועגען זיך אין דער פארקעהרטער זייט. אמאָל שטעלען זיי זיך אָפּ, עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען זיך פארטראכט, וואוהין זיי זאָלען איצט ריכטען זייער וועג, און ווידער הויבען זיי אָן זייער באוועגונג. רופט מען זיי טאקע דערפאר אין אונטערשיידונג פון די ווירקליכע שטערן — בלאָנדזשענדיגע שטערן און „פלאנעטען“.

מיט זייער באוועגונג האָבען די פלאַנעטען שוין לאנג געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון מענשען, נאָר א לאַנגע צייט האָבען מענשען ניט פארשטאַנען זייער באוועגונג, ווייל מען האָט געהאלטען, אז אונזער ערד איז אומבאוועגליך. נאָר דאן איז דער בלאָנדזשענדיגער ניט ריכטיגער גאנג פון די פלאַנעטען געוואָרען פארשטענדליך, ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אז ניט די זון און ניט די שטערן געהען ארום דער ערד, און אז דער ערד־קוגעל גופא דרעהט זיך און באוועגט זיך אומאויפהערליך ארום דער זון.

---

11. וועגען דער צוציהונגס־קראַפט פון דער ערד און פון די הימעלשע ליכט־געבער.

יעדער פלאַנעט האָט זיינע באזונדערהייטען. ניט איינער פון זיי איז פאָלשטענדיג עהנליך צו אונזער ערד. נאָר ווי פארשיידען זיי זיינען ניט איינער פון צווייטען, איז דאָך צווישען זיי דאָ עפּעס־וואָס אלגעמיינעס. אלע האָבען די פאָרמע פון א קוגעל, אזוי ווי אונזער ערד. אלע דרעהען זיך ארום און געהען ארום דער זון. פארוואָס־זשע, וועט איהר פרעגען, געהט קיינער פון זיי ניט אוועק פון דער זון ערגיץ־וואו אין א זייט? פארוואָס געהען זיי אלע ארום שטענדיג, פון יאָהר צו יאָהר, פון יאָהרהונדערט צו יאָהרהונדערט, איבער די זעלביגע קרייזען? איהר וועט עס פארשטעהן, ווען איהר וועט א טראכט טאָן וועגען דעם, פארוואָס מענשען האלטען זיך און קאָנען וואָהנען. נאָר אזוי דאכט זיך נאָר פון זייטען. פארוואָס אומעטום אויף דער ערד פליסען טייכען און פון אלע זייטען דעקן זי צו גרויסע און קליינע ים'ען.

אייך קאָן אויסקומען מאָדנע, ווי אזוי דאָס וואסער, די מענשען, און אלע געגענשטאַנדען האלטען זיך אויף דער געגענאיבערדיגער זייט פון דער ערד, — ניט אויף דער זייט, אויף וועלכער מיר וואָהנען. נאָר אזוי דאכט נאָר פון ערשטען בליק. טוט נאָר א טראכט, וואו

וואָלטען געקאָנט ארונטערפאַלען פון דער ערד די מענשען, וואָס וואָהנען אויף דער געגענאיבערדיגער זייט? איהר וועט, זי־כער, זאָגען „אונטען". נאָר וואָס הייסט אונטען?... די ערד איז—אַ קוגעל, אַ קו־געל, אַ באַל האָט ניט קיין אונטען, ניט קיין אויבען. אונטען רופען מיר דאָס, וואָס געפינט זיך נעהנטער צו דער ערד, וואוהין עס פאַלט אַ געוואָרפענער שטיין, אַ פילקע, אַ באַל און יעדער אַנדער געגענשטאַנד; און אויבען רופען מיר דאָס, וואָס איז ווייטער פון דער ערד — דאָס, וואָס איז נעהנטער צום הימעל. דער הימעל רינגעלט ארום די ערד פון אַלע זייטען. אויף וועלכע זייט פון דער ערד מיר זאָלען ניט וואָהנען, ווערט אַ שטיין, וואָס מיר טוען אַ וואָרף, : ערגעץ ניט אַוועקפליהען אויפ'ן הימעל. אומעטום וועט ער סוף כל סוף פאַלען אויף דער ערד.

הייסט עס, אַז אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף דער ערד, שטרעבט צו דער ערד. די ערד ציהט צו צו זיך אַלע זאַכען. ווען איהר הויבט אויף אַ וועלכע עס איז זאַך, פיהלט איהר, אַז זי האָט אַ שווער־קייט: איהר פיהלט, ווי די ערד ציהט זי צו זיך. ווען אָט די זאַך וואָלט ניט געשטרעבט צו דער ערד, וואָלט זי קיין געוויכט ניט געהאַט, קיין שווערקייט.

די ערד קאָן מען פאַרגלייכען מיט אַ גרויסען מאַגנעט. איהר האָט געוויס געזעהן, ווי אַ מאַגנעט ציהט צו זיך צו שטיקלאַך אייזען. ווי נאָר דער מאַגנעט ריהרט זיך צו צו די שטיקלאַך אייזען קלעפען זיי זיך צו צו זיין ענד פון אַלע זייטען און ס'איז שווער זיי אפּצוטרייס־לען פון איהם. ווען דער דאָזיגער מאַג־נעט וואָלט געווען אַזוי גרויס ווי דער ערד קוגעל, און די שטיקלאַך אייזען — ווי מענשען, וואָלטען זיי זיך געהאַלטען אויף איהם פעסטער, ווי מיר אויף דער ערד.



אַ מאַגנעט, וואָס ציהט צו שטיקעלאַך אייזען.

ניט נאָר די ערד, נאָר אַלע געגענשטאַנדען ציהען צו איינער דעם צווייטען. זיי אַלע ווירקען איינער אויף דעם צווייטען, ווי מאַגנעטען, נאָר באַמערקען זייער צוציהונג איז פיל שווערער. עס וואָלט זאָגאר געווען גאַנץ זאַנדער־באַר, ווען נאָר די ערד אַליין וואָלט זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ אייגענאַרטיג־קייט. ווארום אַלע זאַכען, וואָס רינג־לען אונז אַרום, האָבען מיר דאָך ארויס־געקראָגען פון דער ערד אָדער זיי זיינען ארויסגעקומען פון דער ערד. אָט די אַלע זאַכען האָט די ערד געגעבען אַן אָנפאַנג, אַ התחלה. היינט פאַרוואָס האָבען אָט די אַלע זאַכען, כל זמן זיי זיינען גע־ווען אַ טייל פון דער ערד, צוגעצויגען פאַרשידענע זאַכען, און אפּטיילענדיג זיך פון דער ערד, האָבען זיי אויפגעהערט זיי

צוציהען? דאס וואלט געווען אומפאר־שטענדליך.

פונקט אזוי ציהען צו איינער דעם צווייטען אלע געגענשטאנדען, וואס גע־פינען זיך אויפ'ן הימעל: די זון ציהט צו די פלאנעטען, די פלאנעטען — די זון. וואס שווערער דער געגענשטאנד איז, אלץ שטארקער איז זיין צוציהונג. דערפאר שטרעבען די לייכטערע געגענ־שטאנדען צו פאלען אויף די שווערדע. די לבנה שטרעבט צו פאלען אויף דער ערד, די ערד און אלע פלאנעטען — אויף דער זון. אבער זייער באוועגונג דערלאזט עס ניט.

ווען איהר וועט צובינדען צו א שטיין א שטארקען פאדים און וועט מיט איהם דרעהען ארום האנד, האלטענדיג איהם פאר'ן פאדים, וועט איהר זעהען, אז דער פאדים וועט ווערען אנגעצויגען. וואס געשווינדער איהר וועט דרעהען דעם שטיין, אלץ שטארקער וועט זיך אנ־ציהען דער פאדים. צולעצט וועט דער פאדים ניט אויסהאלטען און וועט זיך צערייסען, און דער שטיין וועט אוועק־פליהען אין א זייט. הייסט עס, בעת דער שטיין דרעהט זיך ארום אייער האנד, שטרעבט ער אוועקצופליהען אין א זייט און דערפאר ציהט ער אן דעם פאדים, אויף וועלכען ער איז צוגעבונדען. אויב דער פאדים איז גענוג שטארק, האלט ער איהם איין און לאזט איהם ניט אוועק־פליהען.

אזוי איז אויך מיט די פלאנעטען: באוועגענדיג זיך ארום דער זון שטרע־בען זיי שטענדיג אוועקצופליהען פון איהר, אבער די צוציהונג פון דער זון האלט זיי איין. די צוציהונג קאן מען פארגלייכען אין דיזען פאל מיט אן אונ־זיכטבארען פאדים. ווען די באוועגונג פון די פלאנעטען וואלט געווארען פלוצ־לונג געשווינדער, וואלטען זיי אוועקגע־פלויגען פון דער זון. פארקעהרט, ווען די באוועגונג וואלט אויפגעהערט, וואלטען זיי ארפגעפאלען אויף דער זון.

---

12. וועגען דער באוועגונג אין וועלט־אל.

אזוי ווי אויף דער ערד, אזוי אויך אויפ'ן הימעל געפינט זיך אלעס אין א שטענדיגער באוועגונג. אויב א וועלכע עס איז זאך, אויף וועלכער איהר קוקט, דאכט זיך אויס אומבאוועגליך, זיינען אבער די קלענסטע טיילכעלאך, פון וועלכע זי באשטעהט אין א באוועגליכען צו־שטאנד, זיי ציטערען און באוועגען זיך, אויף א סעקונדע זיך ניט אבשטעלענדיג. ווען איהר וועט אנווארימען די דאזיגע זאך, וועלען איהרע טיילכעלאך אנהויבען זיך באוועגען געשווינדער. ווארימקייט איז באוועגונג. ליכט איז אויך באוועגונג. קלאנג איז אויך באוועגונג. אלעס און איבעראל איז באוועגונג, — אויף דער ערד און אויפ'ן הימעל. די לבנה דרעהט זיך ארום זיך און געהט ארום דער ערד. די ערד צוזאמען מיט דער לבנה אין אלע אנדערע פלאנעטען דרעהען זיך און פלי־הען ארום דער זון. אבער די זון אליין צוזאמען מיט אלע פלאנעטען פליהט ער־גע'ץ־וואו אין דער וויטקייט, נאר די מענ־שען קאנען נאך ביז היינט ניט לייזען די פראגע, וואוהין מיר פליהען צוזאמען מיט דער זון. אפילו די שטערען בלייבען ניט אומבאוועגליך, הגם מיר רופען זיי „אומ־באוועגליכע“, אין אונטערשיידונג פון די פלאנעטען, אדער „בלאנדזשענדיגע שטע־רען“. דיווירקליכע שטערן זיינען אומ־פארגלייכליך ווייטער פון אונז, ווי די פלאנעטען, און נאר דערפאר קאנען מיר ניט באמערקען זייערע באוועגונגען.

טוט א קוק אויף א פויגעל וואס פליהט הויך איבער'ן הימעל. פון ערשטען בליק וועט איהר זאגאר ניט באמערקען זיין באַ־וועגונג. אום צו זעהן זיין באוועגונג, וועט איהר דארפען נאכקוקען א שטיקעל

צייט, און אויך דאַן וועט זיך אייך דאכ־טען, אז זיין באַוועגונג איז אַ לאַנגזאַמע. פונקט אזוי קאָנט איהר מיט אַמאָל ניט באַמערקען די באַוועגונג פון דער לבנה, הגם זי באַוועגט זיך אַ סך גיכער פון יע־דען וועלכען עס איז פויגעל. ווען די לבנה וואָלט זיך געפונען פון אונז נאָך ווייטער, וואָלט געווען נאָך שווערער צו באַמערקען איהר באַוועגונג.

אַט דערפאַר קאָנען מענשען נאָך ביז היינט ניט וויסען, וואוהין און ווי עס באַ־וועגען זיך די ווירקליכע שטערן. אַט דערפאַר רופט מען זיי „אומבאַוועגליכע“. מיר זעהען ניט זייערע באַוועגונגען נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען צו ווייט פון אונז. זיי זיינען אזוי ווייט, אז ווען אַ וועלכער עס איז פון זיי וואָלט זיך באַ־וועגט זאָגאַר טויזענד מאָל געשווינדער, ווי די ערד באַוועגט זיך ארום דער זון, וואָלטען מיר אויך דאַן, באַאָבאַכטענדיג דיזען שטערן טאָג איין טאָג אויס, באַ־מערקט זיין באַוועגונג ניט פריהער, ווי אין עטליכע הונדערט יאָהר. עס וועלען אַוועק הונדערטע יאָהרען און מענשען וועלען צו־לעצט דערזעהן די באַוועגונג פון די שטערן. באַוועגונג מוז עקזיסטירען. אַלעס דרעהט זיך און באַוועגט זיך! לע־בען באַשטעהט פון באַוועגונג: וועט פאַרשווינדען באַוועגונג, וועט פאַרשווינ־דען אַלץ וואָס מיר זעהען איצט.

די גרעסטע קאַנאַלען אין דער וועלט

נאָמען פון קאַנאַל	געמאַכט אין יאָהר	לענג אין מייל	טיף אין פוס	ברייט אין פוס	געקאָסט
קייפ קאָד — — — — — — — — — —	1914	8	25	150	12000.000 $
קאָרינטה (גריבענלאַנד) — — — — — —	1893	4	26.25	72	5,000,000
קראָנשטאַדט־פּעטראָגראַד (רוסלאַנד) —	1890	16	20.50	220	10,000,000
עלבע און טראַווע (דייטשלאַנד) — —	1900	41	10	72	5,831,000
קאַיזער ווילהעלם אָדער קיעל (דייטשלאַנד)	1895	61	45	150	94,818,000
מאַנטשעסטער שיפּ (ענגלאַנד) — — — —	1894	35.5	26	120	75,000,000
פּאַנאַמאַ (יונייטעד סטייטס) — — — —	1914	50.5	45	300	375,000,000
סאָולט סטע. מאַריע (יונייטעד סטייטס)	1855	1.6	22	100	10,000,000
סאָולט סטע. מאַריע (קענעדע) — — — —	1895	1.11	20.25	142	2,791,873
סועז (עגיפּטען) — — — — — — — —	1869	90	31	108	100,000,000
וועלאַנד (קענעדע) — — — — — — — —	1887	26.75	14	100	25,000,000

ים און יבשה

1. קאלכשטיינער.

האט איהר ווען געזעהן קאלכשטיינער? געוויס. ווער האט עס ניט געזעהן? עס זיינען אבער פארהאן פארשיידענע קאלכשטיינער: מארמארשטיין, איינפאכער קאלכשטיין און קרייט. זיי אונטערשיידען זיך דערהויפט מיט זייער הארטקייט. דער הארטסטער איז מארמארשטיין, דער ווייכסטער — קרייט. די אלע שטיינער זיינען אבער געראטען איינער אין אנדערען, זיי זיינען ווי פארוואנדטע און בילדען איין פאמיליע פון קאלכשטיינער.

אט די שטיינער־פאמיליע איז זעהר פארשפרייט אויף דער ערד. עס איז כמעט קיין ארט ניטא, וואו מען זאל ניט געפינען די קאלכשטיינער. ערטערוויז בילדען זיי מעכטיגע ערד־שיכטען, וואס ציהען זיך אויף צעהנדליגער מיילען, ווי צום ביישפיל, ביי די ברעגען פון דעם טייך ניעמאן, אין ליטע, ביי די פוילישע שטעדט: טשענסטאכאוו, קעלץ, קראקע, סואוואלק און די קארפאטען־בערג.

לענג אויס די ברעגען פון די ליטווישע טייכען, דארט, וואו „די ווילִיע, די ליטווישע מאמע, ציהט זיך צום ניעמאן", ציהען זיך מיילען־לאנגע שטרעקעס פון קליינע בערגלאך. דא וועט איהר קיין פעטע פאשע ניט געפינען, אויך וועט איהר דא ניט געפינען קיין פרוכטבארע פעלדער. דא איז דער באדען מאגער, באלד אונטער איהם ליגען שוין שטיינער. דיקע, געלבלאך־ווייסע שטיין־שיכטען. דאס איז דער קאלכשטיין, דער קאלכשטיין, פון וועלכען עס זיינען אויסגעבויט א סך הייזער אין די ליטווישע און פוילישע שטעדטלאך. דער קאלכשטיין ווערט איבערגעברענט אין קאלך, מ'מישט איהם מיט ליים און מען מאכט „וואפנע", מיט וועלכען מען „טינקעוועט" און מען לייגט אויס טראטוארען. עס זיינען זאגאר פאראן בערג פון הוילען קאלכשטיין.

אפט פאהרען צו די קאלך־בערג געלערנטע, זיי זוכען און קלייבען עפעס וואס צווישען די קאלכשטיינער, ברעכען אפ שטיקער און נעמען מיט זיך מיט.

וואס זוכען דארט די געלערנטע? זיי זוכען מושעלס. איינפאכע מושעלס, אזעלכע ווי מען געפינט ביים טייך און אמערהסטען ביים ברעג פון ים.

וואונדער פון א שטיקעל קרייט.

אין קאלכשטיינער געפינט מען מורשעלס אין מיטען שטיין, אין טיעפעניש פון פעלז. אנדערע זעהען אויס, ווי מען וואלט זיי טיעף ארייגעהאקט אין שטיין, אנדערע שטעקען אביסעל ארויס אדער וואלגערען זיך גאר צופוסענס פון פעלז.

און ניט נאר מושעלס געפינט מען, מען טרעפט אויך רעשטלאך פון אנדערע ים־ברואים, וואס זיינען אזוי ווי ארייגעקוועטשט אין שטיין. און אלע זיינען זיי ים־בעלי־חיים און אלע פארשטיינערט. און געפינען געפינט מען זיי א סך, נאר אהן א שיעור, מען קאן זיי צו מאל ניט איבערציילען. מיליאנען, מיליאנען אזעלכע טויטע ים־באשעפענישען געפינען זיך אין די קאלכשטיינער.

אזעלכע רעשטלאך געפינט מען אויך א סך אין קרייט. אין איינפאכען קרייט, מיט וועלכען מיר שרייבען. די ים־

ברואים'לאך פון קרייט זיינען אָבער אזוי קליין, אז מ'קאָן זיי ניט זעהן מיט'ן אויג.

מען קאָן אָבער נעהמען א שטיקעל קרייט, אָפּקראצען אביסעל, און באטראכטען דאָס אונטער א מיקראָסקאָפּ.

דאָ וועט איהר איצט דערזעהן אמת'ע וואונדער, מושעלס אין וועלכע עס האָבען אמאָל געלעבט קלייניגקע מויערקעפּלאך. צארטינקע, דינינקע, פיינגעטאָקטע מושעלס. שטערענדלעך און רינגעלעך, שיפעלעך און טעלערלעך! דאָס זיינען אלץ שאָלעכצלעך פון די קליינע מייערקעפּלעך, וואָס לעבען נאָך היינט אויך אין די ימים. זיי זיינען א פּאָר צעהנדליג מאָל קלענער פון א שפּילקע־קעפּעלע און אין איטלעך פּיצעלע קרייט איז דאָ א סך אזעלכע קלייניגקע מושעלס. אין יעדער גלאָז ים־וואסער לעבען מעהר אזעלכע מייערקעפּלעך, איידער מענשען אין א גרויסער שטאָדט.

אָט פון די מושעלס פון די קליינע מייערקעפּלעך איז צונויפגעשטעלט דער קרייט, וואָס מיר באנוצען צום שרייבען. פון זיי זיינען אויפגעבויט די דיקע קרייטשיכטען פון דער ערד, און די הויכע שפּיצען פון די קאַלכבערג.

פון וואנען נעהמען זיך ים־מושעלס און ים־בעלי־חיים אינוועניג אין די שטיינער? ווי קומען זיי אין די טיעפענישען פון דער ערד? ווער האָט זיי פארטראָגען אויף די הויכע בארג שפּיצען?

זאָל עס זיין א נס? יאָ! פריהער האָבען טאקע מענשען אזוי געמיינט, אָבער היינט שוין ניט.

היינט ווייסט מען, אז מיר געפינען אלערליי ים־באשעפענישען אינוועניג אין די פעלזען, ווייל וואו עס זיינען היינט די פעלזען, איז אמאָל געווען א ים. דיזעלביגע פעלזען זיינען אמאָל געווען דער גרונד פון ים; איבער זיי האָבען גערוישט די ים־כוואליעס. אין די ים־וואַסערען זיינען ארומגעשוואומען מיליאָנען־מיליאָנען פארשיידענארטיגע באשעפענישען. דאָ זיינען געווען פיש און ראַקעס אביסעל געראָטען אין די היינטיגע, און אלערליי מייערקעפּלעך, גרויסע און קליינע, אזעלכע, וואָס לעבען נאָך היינט אויך אין די ימים און אזעלכע, וואָס זיינען שוין לאנג פארשוואונדען.

יאהר־איין יאהר־אויס פלעגען די באשעפענישען אָפּשטארבען און אראָפּפאַלען אויפ'ן גרונד ים. צו ביסלעכווייז איז דער גאנצער גרונט באדעקט געוואָרען מיט מושעלס און ביינער. אנדערע מושעלס זיינען געבליבען גאנץ, אנדערע — צובראָכען, די האָבען זיך צונויפגעפּרעסט, די — צוריבען אין מעהל. מיט דער צייט זיינען אלע מושעלס אלץ מעהר צונויפגעדריקט געוואָרען און פון זיי האָבען זיך דאָס געבילדעט די דיקע קאַלכשיכטען.

היינט ווייס מען דאָס אלץ, ווייל מען האָט דאָס געזעהן מיט די אייגענע אויגען. די קליינע מייערקעפּלעך לעבען נאָך היינט אויך אין די טיעפע ימים. וואסערקריכער, וואָס לאָזען זיך אראָפּ אין תהום פון די טיעפע ימים, דערצעהלען, אז זיי קומט אויס צו געהן איבער א קאַלכיגען באָדען פון מושעלס.

הייסט דאָס, אז וואָס עס איז אמאָל פארגעקומען מיט טויזענדער און מיליאָנען יאָהרען צוריק, קומט נאָך היינט אויך פאָר אין די טיפע ימים און אָקעאנען.

אָט אזוי באטראכטענדיג איינפאכע שטיינער, איז מען דערגאנגען, אז וואו עס דערהויבען זיך היינט שטאָלצע בערג האָבען אמאָל ימים גערוישט, און וואו היינט איז יבשה איז א ים־גרונט געווען. אלע קאַלכשטיינער האָבען זיך אמאָל געבילדעט אין ים, זיי האָבען זיך אָפּגעלייגט אין וואסער. זיי זיינען ים־אָפּלייגונגען. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס מען געפינט אין זיי רעשטלעך פון אלערליי ים־באשעפענישען.

וואס פאר וואונדער זאכען קען מען אמאל אפלערנען פון שטיינער !

דער אייביגער גלגול פון ים און יבשה. גוט. ווייסען מיר פון וואנען האבען זיך גענומען אלע קאלכשטיינער. זיי זיינען געוואָרען אויפ'ן גרונט ים פון די פארשיי־דענע באשעפענישען, וואס מיט זיי ווימ־לען די וואסערען.

אָבער ווי אזוי קומען די קאלכשטיי־נער אויף דער יבשה ? ווי זיינען זיי פון ים ארויס און זיך פארקליבען אויף די הויכע בערג ?

אויף דעם זעלביגען אופן, ווי דאס קומט אויך היינט פאר...

מיט א יאהר הונדערט צוריק האבען פישערס ביים ברעג פון באלטישען ים געמאכט סמנים אויף א פעלז, וואס האט ארויסגעשטעקט פון וואסער. די סימנים זיינען געווען פונקט ביים וואסער, אויף איין הויך מיט'ן ים־שפיגעל. די פי־שערס האבען געמאכט די צייכענס, און גאר אן זיי פארגעסען.

פיעל יאהרען זיינען אוועק. מען האט זיך דערמאנט אן די סמנים, אויפגעזוכט זיי און באקוקט. און וואס האט מען דערזעהן ?

די צייכענס זיינען שוין ניט געווען פונקט ביים וואסער־פלאך, נאר אויף גע־נויע צוויי ארשין העכער.

דאמאלסט איז פאר אלעמען געוואָרען קלאר, אז דער גאנצער ים־ברעג, מיט די פעלזען, מיט'ן גרונט, אז אלץ האט זיך אין דעם געגענט אין משך פון הונדערט יאהר אויפגעהויבען אויף גענויע צוויי ארשין.

דאס מאכט אויס, אז אין איין יאהר הויבט זיך אויף דער ברעג פון באלטישען ים אויף א דריט־חלק פון א ווערשקע. אזא פאמעלעכדיגען אויפהויבען זיך קען מען מיט'ן אויג ניט באמערקען, נאר זאל דאס געדויערען יאהרען און יאהרען, טוי־זענטער און צעהנדליגער טויזענטער יאה־רען, וועט זיך דער גרונט אויף מעהר און מעהר אויפהויבען, דער ים וועט אוועק־געהן פון ברעג, ער וועט אזוי ווי אפטרע־טען און אויף זיין ארט וועט ווערען יבשה.

דער ים וועט אוועקגעהן, אבער וואו־הין ? —

אויב דער ים וועט אפטרעטען פון אן ארט, וואס האט זיך ארויסגערוקט און גע־וואָרען העכער, וועט ער אנדערשוואו פארגיסען אזא ארט, וואס איז געבליבען נידעריג.

מיט עטליכע יאהר צוריק האט מען לעבען שטאקהאלם, דער הויפשטאדט פון שוועדען, געפונען אויפ'ן גרונט ים א שיפעל מיט אן אנקער און, נאך טיעפער, א פישער־הייזעל. עס קומט אויס א ביסעל וואונדערליך : א הייזעל אין ים ! די מעשה דערפון איז פשוט. די היי־זעל איז אמאל געשטאנען ביים ברעג ים. דער ים האט אבער וואס אמאל זיך אלץ מעהר אנגערוקט אויפ'ן ברעג און איהם פארפלייצט. ביסלעכווייז איז דאס וואסער דערגאנגען ביז'ן היי־זעל, ביז וואנען דאס הייזעל איז גע־וואָרען אינגאנצען פארפלייצט.

אזעלכע פאמעלעכדיגע און לאנג דויערנדיגע ענדערונגען קומען פאר מיט אלע ימים. ערטערווייז הויבט זיך אויף דער ים־ברעג, אנדערשוואו לאזט ער זיך אראפ. אזעלכע ענדערונגען זיינען אויך פארגעקומען אין די שוין לאנג פארלא־פענע צייטען. די אינווענינגסטע היץ פון דער ערד האט געשפארט דעם ים־גרונט פון אונטען ארויף, עס איז גע־וואָרען יבשה, נאכדעם — בערג אויף דער יבשה, און די קאלכשיכטען זיינען פון גרונט ים ארויס אויף דער ליכ־טיגער שיין...

ציהען זיך היינט טאקע אזעלכע בערגלאך, ציהען זיך אזעלכע פעלדער אין א סך געגענטען פון דער וועלט,

ציהען זיך אויך אזעלכע בערגלאך וויארסטען־ווייז ביי די ווילע — „די ליטווישע מאמע"...

ווי אזוי האט אויס־געזעהען יענע געגענט מיט מיליאנען יאהרען צוריק?

וייסען מיר שוין, אז וואו מען גע־פינט היינט קאלכשטיינער איז דאס א באווייז, אז אויף דעם ארט איז אמאל א וואסער געווען — דער ים.

קאלכשטיינער געפינען מיר ניט נאר אין ליטע און פוילען, נאר כמעט אומעטום.

וואס איז פון דעם געדרונגען?

אז אויפ'ן ארט פון דיזען געגענט (פון אלע שכנ'ישע לענדער) פון גאנץ אייראפא, איז פארצייטענס געווען א גרויסער ים, דא האבען אמאל געברויזט און געשטורעמט די כוואליעס. אן אנ־דער לעבען האט דאן געהערשט. ראַ־קעס, פיש, מייערקעפלאך און פיל אנ־דערע משונה'דיגע ברואים זיינען ארומ־געשוואומען צווישען די ים־גראזען.

אט אזוי האט אויסגעזעהן דיזער געגענט, נאר דאס איז געווען שוין זעהר לאנג, מיט מיליאנען יאהרען צוריק. קיין מענשען זיינען נאך דאן ניט גע־ווען.

2. די אייביגע ארבייט פון ים.

דער ים רוהט ניט. ניט בייטאג, ניט ביינאכט. אויף קיין רגע בלייבט ער ניט רוהיג, קיינמאל בלייבט ניט דער וואסערפלאך אינגאנצען אומבא־וועגליך.

דער ווינט לאזט ניט צורוה דעם ים.

דער ווינט דרוקט אויפ'ן ים־שפיגעל און שטענדיג הויבט זיך דאס וואסער און לאזט זיך ווידער אראפ. עס הוי־בען זיך וואסער־בערג, עס בילדען זיך טאלען. דאס זיינען די ים־כוואליעס.

ציילענווייז ציהען זיי זיך איינע נאך דער אנדערער און עס דוכט זיך דאן, אז דער ים קנייטשט זיך און וויגט זיך.

בעת א שטורמווינט באקומען די כוואליעס א מורא'דיגען אויסזעהן. זיי וואקסען אויס ווי בערג, זייערע שפיצען שוימען זיך. דער ווינט ווארפט און שליידערט זיי אהין און אהער. ווי ווילדע, צורייצטע חיות ווארפען זיך די וואסער־בערג אין אלע זייטען, א גוואל־דיגער גערויש צוטראגט זיך דאמאלסט איבער'ן ברייטען ענדלאזען ים.

מענשען, וואס האבען פיל ארומגע־רייזט איבער די ימים, דערצעהלען, אז בשעת א שטורם האבען זיי געזעהן כוואליעס פון זיבען־אכט קלאפטער די הויך. דאס איז העכער פון א דריי־שטאקיגער הויז!

אזעלכע ריזיגע כוואליעס זיינען זעלטען. דאס רוב אבער, ווען דער שטורם געהט איבער, דער וועטער ווערט רוהיגער, ווערען אויך די כוואליעס רו־היגער און נידריגער, דאן פליושקען זיי זיך גאנץ פאמעלאך; א שטילער גע־רויש טראגט זיך איבער'ן ים, ווי די כוואליעס וואלטען זיך סודות'דיג מעשות דערצעהלט.

די רעגעלמעסיגע פארפלייצונגען פון ים ברענגט צופלוס און אפפלוס.

זאל זיך אייך אויסדוכטען, אז איהר קומט צופאהרען אין א גרויסער הא־פען־שטאדט.

באגינען. די זון שיינט פרעהליך און זאגט צו א גוטען טאג.

איהר איילט זיך צום האפען. אייך ווילט זיך גיכער באקוקען דעם ים. הנאה האבען פון שעהנעם בילד, בא־טראכטען די שיפען, וואס קומען אן פון פארשיידענע לענדער און די, וואס לאזען זיך איצט אין ווייטע רייזעס.

נאר וואס איז געשעהן? וואו איז

דער ים? וואו זיינען די ריזיגע ים־כוואַליעס?

אַנשטאָט דעם וואונדערליכען בילד, וואָס איהר האָט זיך פאָרגעשטעלט צו זעהן, זעהט איהר גאָר אַן אַנדערען.

אויף אַ גרויסען שטח ארום איז קיין וואַסער ניטאָ. אַנשטאָט דעם ים איז נאָר זאַמד און בלאָטע, ריזיגע שטיינער אין זאַמד און הויפענס ים־גראָז. די שיפען, מיט די הויכע מאַסט־בוימער און ווייסע זעגלען שטעהען אַנגעבויגען אַן אַ זייט ווי אונטערגעשאָסענע פויגלען.

אַנשטאָט אַ טומעל און גערויש, איז אַלץ, ווי אויסגעשטאָרבען...

וואָס זאָל דאָס באַדייטען?

געהט אַוועק איצט פון ים; קומט צו געהן אין אַ פּאָר שעה ארום.

ווידער זייט איהר ביים האַפען. אָבער אַזוי ווי דורך אַ כישוף האָט זיך אַלץ ארום געביטען. דעם פריהערדיגען אָרט איז ניט צו דערקענען.

די זאַמדען זיינען מיט וואַסער באַדעקט, די פעלזען שטעקען נאָר די שפּיצען ארויס. די שיפען וואָס זיינען פריהער הילפלאָז געלעגען אויפ'ן זאַמד, האָבען זיך אויסגעגלייכט און שאָקלען זיך שטאָלץ אויף די כוואַליעס. ארום אייך איז אַ טומעל, אַ גערויש, מאַטראָזען לויפען ארום, טרעגערס און אַרבייטער לאָדען אויס די סחורות פון די אַנגעקומענע שיפען. ביים האַפען — אַן עולם. ווער עס באַגלייט זיינע קרובים אָדער באַקאַנטע און ווער עס וואַרט אָפּ אַ נייעם פון יענער זייט ים.

אַזעלכע ענדערונגען אויפ'ן ים קומען פאָר טאָג־טעגליך. צוויי מאָל אין מעת־לעת הויבט זיך אויף דאָס וואַסער און פאַרגיסט די נידריגע ברעגעס. צוויי מאָל אין מעת־לעת לאָזט זיך דאָס וואַסער אַראָפּ. דאָס איז דער צופלוס און אָפּפלוס. זעקס שעה געדויערט דער צופלוס און פונקט אַזוי פיל — דער אָפּפלוס.

דער ים מאַכט חרוב זיינע אייגענע ברעגעס.

אויפ'ן ברוק אונטער די וואַסער־רינעס פון אַלטע הייזער, קען מען באַמערקען פעסטע, האַרטע שטיינער, וואָס אין זיי זיינען אויסגעגראָבען גאַנץ טיפע גריבעלאַך.

דאָס איז די אַרבייט פון וואַסער־טראָפּענס!

יאָהר־יעהרליך, בשעת אַ רעגען, פאַלען אַראָפּ פון דאַך די וואַסער־טראָפּענס און איטלעכס טראָפּעלע דערלאַנגט אַ האַק אין האַרטען שטיין אַריין.

די אַרבייט פון יעדען טראָפּעלע באַזונדער קענען מיר ניט באַמערקען. אָבער די טראָפּעלאַך פאַלען דאָך כסדר. אָהן אַ שיעור רעגען־טראָפּענס פאַלען אַראָפּ אויפ'ן שטיין. און אַלע בשותפות קענען זיי אין משך פון יאָהרען אויסגראָבען דעם שטאַרקסטען שטיין און אַפילו איינגאַנצען איהם דורכלעכערען.

וואַסער־טראָפּענס זיינען שטאַרקער פון פעלזען־שטיינער!

היינט שטעלט זיך שוין פאָר, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע אַרבייט דאַרפען אויפטאָן די ים־כוואַליעס, אויב זיי האַקען כסדר אין ים־ברעג.

סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט אָהן אויפהער, קלאַפּען די כוואַליעס אין ים־ברעג; זיי לעקען כסדר דעם ברעג־זאַמד און שווענקען איהם ארויס. בעת אַ שטורם וואַרפען זיך די כוואַליעס מיט אַ ווילדען אימפּעט אויף דער יבשה און רייסען ארויס גאַנצע ברעג־שטיקער. וואָס שוואַכער און זאַמדיגער דער ברעג איז, אַלץ לייכטער איז פאַר די כוואַליעס ארויסצושווענקען דעם זאַמד. דאָרט, וואו דער ברעג איז אַ הויכער און אַ פעלזיגער, דויערט דאָס

חרוב מאכען לענגער. די כוואליעס רייסען אפ די שוואכע פעלזען־שטיקער. דאס וואסער דרינגט אריין אין די פעלזען־שפאלטער. ניט קיין יאהר און ניט צוויי דויערט דאס, — נאר גאנצע צעהנדליגער און הונדערטער יאהרען. די פעלזען־שפאלטען ווערען ברייטער, דער שטיין נעהמט זיך ברעקלען און ווערט סוף כל סוף צושאטען. אין די קאלטע געגענטען ווערט דאס וואסער אין די פעלזען־שפאלטען פארפרוירען. פארפרוירענע וואסער נעהמט שפארען אין שטיין; ער האלט ניט אויס דעם דרוק און צושיט זיך.

אזוי ווערען דאס ביסלאכווייז צושאטען די שטארקסטע פעלזען. דער ים מאכט חרוב זיינע אייגענע ברעגעס.

דער ים ארבייט פאמעלאך, אבער דערפאר כסדר. אפנים, ניט אומזיסט זאגט מען, אז „שטילע וואסער רייסט ברעגעס".

וועגען די ים בעלי חיים און ים פלאנצען וואס העלפען חרוב מאכען דעם ברעג.

די ים־כוואליעס האבען מיטהעלפער, וואס טוען די זעלביגע צושטערונגס־ארבייט, ווי דער ים. דאס זיינען אלערליי ים־פלאנצען און ים־באשעפענישען.

עס זיינען דא אזעלכע ים־פלאנצען, וואס זיי באפעסטיגען זייערע ווארצלען אין די אונטערוואסערדיגע פעלזען. אט די פלאנצען לאזען אריין זייערע קלענסטע ווארצעלאך אין די דינסטע פעלזען־שפעלטעלאך. די פלאנצען בלייבען אבער ניט רוהיג: די ים־כוואליעס האלטען זיי כסדר אין טרייסלען, בשעת דער ים־פלאנץ טרייסעלט זיך, טרייסלען זיך אויך די קלענסטע ווארצעלאך, וואס זיצען אין די שפעלטעלאך פון פעלז. צו ביסלעכווייז ווערען די שפעלטעלאך צוטרייסעלט, פון זיי ווערען גאנץ היבשע שפאלטען, אין וועלכע עס דרינגט אריין דאס וואסער.

צווישען די ים־בעלי־חיים זיינען פאראן אלערליי זארטען מייערקעפלאך, ווערים און שוואמען, וואס זיי האבען א טבע אדורכצולעכערען פארשיידענע שטיינער. די דאזיגע בעלי־חיים בויערען זיך דורך וועגען דורך די ווייכע ים־געשטיינער און צומאל אויך דורך די הארטע ים־געשטיינער. אין די אלע וועגען דרינגט אריין דאס וואסער. און אויב אין א פעלז דרינגט נאר אריין וואסער, וועט זיך שוין דער פעלז לאנג ניט האלטען.

דער ים קאן אויך בויען, ניט נאר צושטערען.

דער ים איז טאקע באמת א גרויסער צושטערער, אבער אויך א בויער און שאפער. מיט א שרעקליכען אימפעט צושטערט דער ים זיינע ברעגעס, אבער ער בויט נייע יבשה מיט גרויס לוסט.

די שטיינער און פעלזען־שטיקער, וואס דער ים רייסט זיי אפ פון די הויכע ברעגעס, פאלען אריין אין וואסער. ביסלאכווייז רייבען זיי זיך איבער און זיי ווערען צו זאמד.

דער זאמד ווערט אלץ דינער און דינער, די כוואליעס כאפען אונטער דעם זאמד און טראגען איהם אוועק מיט זיך. די גרעסערע און שווערערע זעמדעלאך פאלען אראפ אויפ'ן גרונט, נעהענטער צום ברעג. די קלענערע און לייכטינקע — טראגען זיך אוועק אין ווייטען ים און פאלען דא אראפ אויפ'ן גרונט.

די טייכען, וואס פליסען אין די ימים, ברענגען מיט זיך פיל שליים, זאמד און ליים. דאס אלץ בלייבט אין ים און פאלט אויך פאמעלאך אויפ'ן גרונט.

דער ים־גרונט ווערט וואס אמאל אלץ העכער און העכער און סוף כל סוף באווייזט זיך אויפ'ן ים אן אינזעל.

די ים־כוואליעס ווארפען ארויס אויפ'ן אינזעל אהן א שיעור ים־גראזען און פגרים פון חיות. אלץ ווערט פאר־פוילט און ביסלאכוויז באשאפט זיך אויפ'ן אינזעל א שיכט פון פרוכטבא־רע ערד. דער ווינט, די כוואליעס און ים־פויגעלאך פארטראגען אויפ'ן אינזעל זאמען און פלאנצען. די זאמען נעה־מען שפראצען, די פלאנצען פארמעה־רען זיך און דער וויסטער אינזעל ווערט פול מיט לעבען.

וועגען ים־באשעפענישען וואס העל־פען בויען די יבשה.

א סך לעבעדיגע באשעפענישען נעהמען אן אנטייל און שאפען נייע יבשה. זיי העלפען דעם ים אין זיין בויענדיגער ארבייט.

מיר האבען שוין גערעדט וועגען די פיטשינקע מייערקעפלאך, וואס זיי קען מען זעהן נאר דורך א פארגרעסער־גלאז. זייערע מושעלס פאלען אין די מיליאנען אויפ'ן גרונט פון ים. פון זיי ווערען דאס די ריזיגע קאלכשיכ־טען, וואס ווערען שפעטער צו יבשה.

אויך אנדערע ים־בעלי־חיים בויען יבשה, נאר מיט דעם ווילען מיר זיך איצט ניט פארנעהמען.

3.

וואס האבען מיר זיך דערוואוסט וועגען ים?

אין מאנכע ערטער, וואו מיר וואוינען היינט, א גרויסער טייל אייראפא און פיל אנדערע קאנטינענטען, איז אין די לאנג פארגאנגענע צייטען געווען א גרונט־ים.

אין די ים־וואסערען האבען געלעבט ים־פלאנצען און בעלי־חיים, דערהויפט ראקעס, פיש און מייערקעפלאך פון אלערליי גרויסען.

בעת די מייערקעפלאך פלעגען שטאר־בען, פלעגען זיי אראפפאלען אויפ'ן גרונט ים. אין פארלויף פון פיל טויזענדער יאהרען איז דער גאנצער גרונט באדעקט געווארען מיט א דיקער שיכט מושעלס, וואס זיינען פארבליבען פון די מייערקעפלאך.

יאהרען זיינען אוועק. די מושעלס האבען זיך צונויפגעדריקט און עס זייי־נען געווארען קאלכשיכטען. א דאנק דער אינוועניגסטער היץ פון דער ערד האט דער ים־גרונט זיך ביסלאכוויז ארויסגעשפארט אין דער הויך. עס זיינען געווארען אינזלען און גרויסע שטיקער יבשה, טרוקען לאנד.

אויף דער יבשה געפינען מיר נאך היינט די קאלכשיכטען, וואס האבען זיך מיט פיל טויזענדער יאהרען צוריק אפגעלעגט אין די טיפע ימים.

אט די ענדערונגען זיינען פארגעק־קומען מיט א פולע יאהרען צוריק, אבער זיי קומען פאר אויך היינט.

אויך היינט בילדען זיך אין די טיפע ימים אפלעגונגען פון מושעלס. עס קאן זיין, אז די דאזיגע אפלעגונגען וועי־לען אמאל ווערען יבשה, ווייל אנדערע ברעגען פון ים לאזען זיך צו־ביסלאכ־וויז אראפ, אנדערע, פארקעהרט, הויי־בען זיך אויף.

פון אלעמאל פיהרט זיך א שטענ־דיגע מלחמה צווישען ים און יבשה.

דער ים מאכט חרוב זיינע ברעגען, ער רייסט ארויס שטיינער און פעלזען־שטיקער און צורייבט זיי אין זאמד. דער זאמד ווערט אוועקגעטראגען אין וויטען ים אריין און פון איהם ווערען צו ביסלאכוויז באשאפען נייע אינזלען און נייע יבשה, דער ים ארבייט ניט אליין. איהם העלפט די לופט, די זון, די קעלט, און, צולעצט, די קינדער פון ים: ים־פלאנצען און ים־באשעפענישען.

די געשיכטע פון אלף־בית

1.

אין דער היינטיגער צייט, בעת ביכער זיינען א נויטווענדיגקייט אין יעדען הויז, סיי אין אן ארים, סיי אין א רייך הויז, קומט אונז אוים מאדנע אפילו זיך פארצושטעלען, ווי אזוי מענשען האבען זיך געקאנט באגעהן אהן זיי. דאך האבען מענשען אמאל ניט נאר קיין באגריף ניט געהאט וועגען ביכער, נאר זיי האבען אפילו ניט געוואוסט, וואס הייסט לעזען און שרייבען. און היינט זיינען נאך פאראן משפחות פון ווילדע, פאר וועלכע לעזען און שרייבען איז פאלשטענדיג פרעמד.

אבער אפילו אין יענע גאר אלטע צייטען, בעת מענשען האבען נאך קיין שום באגריף ניט געהאט וועגען לעזען און שרייבען, איז שוין ביי זיי געווען א פארלאנג, אז די וויכטיגסטע געשעהענישען, וואס קומען פאר אין דעם לעבען פון פאלק זאלען ניט פארגעסען ווערען, זאלען בלייבען אין זכרון פון זייערע קינדער און קינד'ס קינדער. אין אנהויב פלעגען די ערצעהלונגען וועגען וועלכע עס איז געשעהענישען און פאסירונגען איבערגעגעבען ווערען פון מויל צו מויל, — פון פאטער צום זוהן, און אזוי פלעגען זיי איבערגעהן פון דור צו דור. אזוי פלעגט מען איבערגעבען אלע לעבענס־חכמות, גאר די לעבענס־ערפאהרונג. אבער די מענשען האבען גענומען באמערקען, אז איבערגעבענדיג פון מויל צו מויל ווערען א סך זאכען ביסלאכווייז פארגעסען, דאס לעבען שטעהט ניט אויף איין ארט, נייע געשעהענישען און פאסירונגען קומען אן און א סך איינצעלהייטען פארשווינדען פון מענשליכען זכרון.

האבען מענשען גענומען פארבינדען זייערע ערינערונגען וועגען געוויסע פאסירונגען מיט וועלכע עס איז געגענשטאנדען, וואס פלעגען זיך געפינען פאר זייערע אויגען, און וועלכע קאנען זיי העלפען אויפשטעלען אין זייער זכרון אלע איינצעלהייטען פון דער אדער יענער פאסירונג. אט אזעלכע געגענשטאנדען שטעלען שוין מיט זיך פאר א מין שריפט — א געגענשטאנד־שריפט.

אזא מין שריפט האבען באנוצט פילע פון די אמאליגע פעלקער, צווישען זיי אויך די אידען. פון חומש ווייס מען, בעת לבן איז ארויסגעגאנגען צו יעקב'ן און האט מיט איהם געמאכט א בונד, האט ער אוועקגעשטעלט א שטיין און אויף זיין באפעהל האבען זיינע ברידער אויך געטאן דאס זעלביגע. און לבן האט געזאגט: זאלען אט די שטיינער זיין עדות צווישען מיר און דיר. נאכדעם ווי די אידען זיינען אריבערגעגאנגען דעם טייך ירדן האט יהושע בן נון ארויסגענומען צוועלף שטיינער פון טייך און זיי אוועקגעשטעלט אין גלגל און געזאגט צו די אידען: ווען אין די קומענדיגע צייטען וועלען אייערע זיהן פרעגען זייערע פאטערס: וואס באדייטען אט די שטיינער? זאלט איהר זיי זאגען: די אידען זיינען ארי־

בער דעם דאָזיגען ירדן אין דער טרי־קעניש.

דער געגענשטאנד שריפט האָט אַמאָל אויך געדינט אויף איבערצוגעבען אַ װעלכען עס איז געדאַנק. װעלענדיג ערקלערען קריג, פלעגען די אור־אַלטע מענשען שיקען זייערע שונאים אַ שפּיז, אַ פייל־לענבויגען אָדער אַן אַנדער וואַפען, וואָס ווערט באַנוצט אין מלחמות, און דאָס איז פאַר אַלעמען געווען פאַרשטענדליך. ווען זיי האָבען געוואָלט פאַרענדיגען דעם קריג, פלעגען זיי שיקען אַ ליולקע (אַ פּייפ). ווארים עס איז געווען אַ מנהג צו פאַררויכערען אַ ליולקע ביים שליסען פרידען, און די ליולקע איבערגעבען פון האַנד צו האַנד. אויף אַזאַ'ן אופן האָט די ליולקע געדינט אַלס צייכען פון פרידען.

פאַר דעם געגענד־שטאַנד־שריפט פלעגען אויך באַנוצט ווערען קאָלירטע שנירלאַך מיט קניפּלאַך. אַן אור־אַלטער פערזישער קעניג, אַוועקגעהענדיג אין מלחמה, האָט איבערגעלאָזט אַ גאַרטעל מיט זעכציג קניפּלאַך. דאָס האָט באַדייט, אַז ער האָט בדעה צו זיין אַבוועזענד אַזוי פיל טעג — זעכציג טעג. וואַרטענדיג אויף זיין צוריקקומען האָט זיין שטעל־פאַרטרעטער געמוזט יעדען טאָג פאַנאַנדערקניפּען צו איין קניפּעל. די קניפּלאַך זיינען נויטיג געווען פאַר'ן חשבון און די קאָלירען האָבען ענטשפּראָכען געוויסע צופעלע אין לעבען. שוואַרצע קניפּלאַך האָבען באַדייט אומגליקליכע טעג אָדער טויט, ווייסע — אַ פאַרבאַנד און פרידען, רויטע — מלחמה, בלוט־פאַרגיסונג, געלע—גאָלד, גרינע — תבואה שניט.



א גארטעל פון מושלען.

מאַנכע פעלקער אַנשטאָט קאָלירטע שנירלאַך פלעגען זיך באַנוצען מיט מושלען, וואָס זיינען געווען אָנגערייהט אויף רימענדלאַך אָדער דראָט. דער קאָליר, די פאָרמע, די גרוים און די צאָהל פון די מושלען האָבען געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג. די אַמעריקאַנישע אינדיאַנער פלעגען אויספלעכטען אַזעלכע גאַרטלען פון מושלען און דורך זיי פלעגען זיי לאָזען וויסען איינער דעם צווייטען זייערע פאַרלאַנגען, פאָדערונגען און באַדינגונגען. ביי די פאַרהאַנדלונגען פלעגען די געזאַנדטע פון די פאַרשיידענע שבטים ברענגען שוין פון פריהער צוגעגרייטע גאַרטלען. זיין רעדע פלעגט דער געזאַנדטער אָנהויבען אויף פאָלגענדען אַרט: „מיט די דאָזיגע מושלען וויל איך אייך עפענען די אויגען און אָפּרייניגען די אויערען". דערמיט האָט ער איינגעלאַדען די אַנוועזענדע אין איין

ציים צו הערען און צו קוקען. און, ווירקליך, אין דער צייט וואס ער האט גערעדט פלעגט ער אנווייזען אויף פארשיידענע מושלען, וואס האבען ענטשפראכען צו דעם, וואס ער האט גערעדט. קוקענדיג אויף זיי, האט מען דערנאך לייכט געקענט גערענקען אלץ, וואס איז געזאגט געווארען. אויב דעם געזאנדטען'ס פארשלאגען פלעגען אנגענומען ווערען, דאן פלעגט דער גארטעל בלייבען ביים אנפיהרער פון שבט, אלס דאקומענט, וואס באשטעטיגט דעם אפמאך.

2.

נאך גאר אין די אמאליגע צייטען האבען שוין מענשען פרובירט אויסשניידען אדער אויסמאלען פארשיידענע פיגורען פון חיות, פויגלען און דאס גלייכען. אין אנהויב זיינען די דאזיגע פארזוכען געווען אזוי ניט געראטען, ווי די ערשטע צייכנונגען פון קינדער, וואס פיהרען מיט'ן בליישטיפט איבער'ן פאפיר, מיינענדיג, אז זיי מאלען הייזער, בוימער, פערד און הינט. ביסלאכווייז זיינען די געמעלען פון די אור־אלטע מענשען פארפאלקאמט געווארען און הגם די געמעלען זייערע זיינען געווען גראבע און ניט שעהנע, דאך האט מען געקאנט טרעפען, וואס זיי באדייטען. האבען זיי גענומען באנוצען די געמעלען אויף צו פארצייכענען פארשיידענע געדאנקען און געשעהענישען, קורץ, עס האט זיך געבילדעט דער בילדליכער שריפט, אדער דער פיגורען־שריפט. פון קנופען שריפט און געגענשטאנד־שריפט געהען מענשען אריבער צום פיגורען אדער בילדליכען שריפט. דורך דעם דאזיגען שריפט איז פיל לייכטער געווען אויסצודריקען געדאנקען, ווי דורך דעם געגענשטאנד־ אדער קנופען־שריפט. דורך געמעלען פלעגען פארצייכענט ווערען פילפאכיגע געשעהענישען, ווי מלחמות, עראבערונגען און דאס גלייכען. דורך געמעלען פלעגען אויך באשריבען ווערען די לעבענספארמען; אויסער דעם פלעגט מען זיך מיט זיי באנוצען אויף צונויפצושטעלען בריף, דאקומענטען, ביט־שריפטען, אפמאכען. דער פיגורען־שריפט איז געווען זעהר פארשפרייט צווישען די ווילדע אין אמעריקע. אין יאהר 1849 האט דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען באקומען פון די ווילדע א אינטערעסאנטען ביט־שריפט, וואס איז געווען אויסגעמאלען אויף א שטיקעל קארע. זיבען שבטים האבען געבעטען דעם פרעזידענט וועגען דעם, אז ער זאל זיי ערלויבען זיך צו באזעצען אין אן אנדער געגענד, צו די אזערעס. די זיבען פיגורען שטעלען פאר די זיבען אנפיהרער פון די שבטים, וועלכע טראגען די זעלביגע נעמען. דאס איז א קראניך (זשוראוול), דריי מארדער, א בער, א ים־מענש און א ים קאט. פאראויס איז

א ביט־שריפט פון די אינדיאנער.

דער זשוראוול, זייער הויפט־אנפיהרער. אונטען איז באצייכענט די געגענד, וואו זיי האבען געוואלט זיך באזעצען, און פון דעם זשוראוול'ס אויגען אויף צוריק צו דער געגענד וואו זיי האבען געוואלט זיך באזעצען, געהט א ליניע, וואס זאגט עדות, אז דער וואונש איז אן אלגעמיינער. אום צו באווייזען, אז אלע שבטים זיינען צווישען זיך איינייג און אז אלע קוקען אויף דער זאך פונקט אזוי ווי זייער הויפט אנפיהרער, זיינען די אויגען און די הערצער פון אלע פיגורען

פאראייניגט מיט די אויגען און הארץ פון דעם זשוראוול.

אט אזוי פלעגט מען מאהלען אויף האלץ, שטיין און אויך אויף שטיקלאך שטאף. מען פלעגט אויך מאלען אויפ'ן איינענעם לייב, וואס עקזיסטירט נאך ביז היינט און איז פארשפרייט ביי פילע ווילדע פעלקער — דאס טאטואירען, ס'הייסט אויסברענען אדער אויסמאלען אויפ'ן לייב פארשיידענע פיגורען. ניט נאר צוליב שעהנקייט אליין טוט עס דער ווילדער מענש. די געמעלען זיינען אפט צייכענס פון די וויכטיגסטע זאכען, וואס דער מענש האט אין זיין לעבען אפגעטאן. אויף אזא אופן טראגט דער ווילדער מענש אויף זיין קערפער די באשרייבונג פון זיין לעבען, זיין אויטאביאגראפיע.

3.

אלע פארצייטיגע פעלקער האבען זיך באנוצט מיט דעם געמעל־שריפט: די אשורים, בבלים, כינעזער, מעקסיקאנער און אז. וו. נאר פריהער ווי אומעטום האט מען אזא שריפט באנוצט אין עגיפטען. דארט האט מען עס גערופען יעראגליפען וואס באדייט „דער שריפט פון די פריסטער, פון די כהנים", ווייל אין אנהויב האבען אין עגיפטען נאר די פריסטער געקאנט שרייבען. די יעראגליפען זיינען ארויסגעקומען פון דעם בילדליכען שריפט.

פון די אלטע עגיפטער זיינען גאנץ געבליבען ביז היינט גרויסע שטיינערנע מצבות איבער די קעניגליכע קברים, וואס רופען זיך פיראמידען. אויף די טרונעס און אויף די ווענט פון די פיראמידען געפינען מיר נאך היינט פיל געמעלען — דאס זיינען עס די יעראגליפען, א ירושה פון א פאלק, וואס האט געלעבט מיט פיר טויזענד יאהר צוריק. די יעראגלי־פען זיינען אויסגעקריצט אין שטיין אדער בולט'ע און באפארבענע.



יעראגליפישע אויפשריפטען אויף עגיפטישע געביידען.

די יעראגליפען דערצעהלען אונז וועגען דעם פריוואטען און געזעלשאפטליכען לעבען פון די אמאליגע עגיפטער (מיצרים), וועגען זייערע מלאכות, מנהגים, זיטען, גלויבונגען און דאס גלייכען. אויף מאנכע יעראגליפען זיינען אויסגעמאלט גאנצע גרופען מענשען, וואס זיינען איינגעשפאנט צו פיהרען שטיינער אויף א דענקמאל און איבער זייער לייב פייפט די רוט פון דעם בייזען אויפזעהער. זעהען מיר דערפון, אז די ארבייטענדיגע באפעלקערונג פון דעם לאנד מצרים איז געווען פארשקלאפט און האט געקרעכצט אונטער דעם יאך פון שווערער ארבייט, פון צוואנגס־ארבייט. אויף אנדערע יעראגליפען איז פארגעשטעלט ווי מען באארבייט די ערד, ווי מען שניידט תבואה פון די פעלדער. אויף אנדערע ווידער זעהען מיר געווערקשאפטען, וואו עס ארבייטען מענשען. פילע יעראגליפען גיבען

אונז א בילד פון געיעג, פון כאַפּען פיש און פון אַלע איינצעלהייטען פון שטובינגען לעבען ביי די אַמאָליגע עגיפּ־טיער.

אַט איז אַ געמעל, וואָס שילדערט דעם משפט, וואָס קומט פאַר אויף יע־נער וועלט איבער אַ פאַרשטאָרבענעם לויט די רעליגיעזע פאַרשטעלונגען פון די אַמאָליגע עגיפּטיער.



דער עגיפּ־טישער הויפּט גאָט — אָזי־ריס זיצט אויף אַ טראָן. לעבען איהם שטע־הען ביי אַ וואָגשאָל פאַרשיידענע געטער איינינע מיט טהירישע קעפּ. אויפ'ן וואָגשאָל ווערט אָפּגעוואויגען דאָס הארץ פון אַ פאַרשטאָרבענעם. דער פאַרשטאָרבענער אַליין, וועלכער ווערט גע'משפט, שטעהט צווישען צוויי פרויען — צווישען אמת און יושר.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז פון די יעראָ־גליפען קאָן מען לערנען אַזוי ווי פון ביכער דאָס לעבען און די גלויבונגען פון דעם עגיפּטישען פאָלק, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גוואַלדיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון אַלטערטום.

— 4 —

דער געמעל אָדער פיגורען שריפט, מיט וועלכען די עגיפּטיער האָבען זיך אַמאָל באַנוצט, איז געוועזן זעהר אַן איינפאַכער. ער איז באַשטאַנען פון פי־גורען פון מענשען, חיות, פויגלען, כלים און דאָס גלייכען. דאָס זיינען אַלץ גע־ווען געמעלען פון די זאַכען, וואָס ווע־גען זיי האָט מען געשריבען. ווען מען וויל, צום ביישפּיל, אָנשרייבען דאָס ווּאָרט „מענש" — מאָלט מען אוים די פיגור פון אַ מענשען; דאָס וואָרט „בוים"—די פיגור פון אַ בוים און ד. גל.

אָבער לאַנג בלייבען שטעהען ביי אָט דעם איינפאַכען געמעל־שריפט האָ־בען די עגיפּטיער ניט געקאָנט. די עגיפּ־טיער זיינען געוועזן זעהר אַן ענטוויקעלט פאָלק. זיי פלעגען באַאַרבייטען די ערד, קינסטליך באַוואַסערען די פעלדער, בוי־ען פּראַכט־פולע געביי־דען, פּאַלאַ־צען, און זיך פאַרנעהמען מיט פאַר־שידענע מלאכות; זיי האָבען איינ־געשטעלט ביי זיך אין לאַנד אַ פעסטע מלוכה־אָרדנונג, האָבען געלערנט פאַרשיי־דענע חכמות, ווי מעדיצין, מעטאַמעטיק א. ד. גל. ס'פאַרשטעהט זיך, אַז זייערע געדאַנקען און באַגריפען זענען אַלץ רייכער און פאַרשידענאַרטיגער געוואָרען. די איינ־פאַכע געמעלען האָבען זיי שוין ניט גע־קאָנט באַפרידיגען. פילע באַגריפען האָט מען ניט געקאָנט אויסדריקען מיט די דאָזיגע געמעלען. צום ביישפּיל: מיט וואָסער געמעל זאָל מען אויסדריקען דעם באַגריף „העלדישקייט", אָדער „זו־כען", „געפינען"? און די עגיפּטיער הויבען אָן ביסלעכווייז צו פאַרפאָלקאָ־מען און אויסצובעסערען זייער שריפט.

נאָך באַנוצענדיג זיך מיט די איינ־פאַכע געמעלען האָבען שוין די עגיפּ־טיער אָנגעהויבען צוצוגעבען צו זיי פאַרשיידענע סימנים, וואָס מאַכען די דאָזיגע געמעלען עטוואָס רייכער. אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ פון אַ מענשען און אַ סצעפּטער אין האַנד באַווייזען, אַז דאָ איז אויסגעמאָלט ניט סתם אַ מענש.

נאָר א קייזער. א מענש, אָנגעבויגען אויף א שטעקען באַדייט אַן אַלטער

דער עגיפּטישער הויפּט־גאָט — אָזירים זיצט אויף א טראָן. לעבען איהם שטעהען ביי א וואָגשאָל פאַרשיידענע מאַן, א מענשעלע מיט א פינגער אין מויל — א קינד.

די עגיפּטיער האָבען זיך באַנוצט מיט סימנים אויך אין פאַל, ווען זיי האָבען געוואָלט פאַראייגפאַכערען דאָס צייכנען פון פיגורען. אָנשטאָט אָנצוצייכענען די גאַנצע פיגור פון א וועלכען עס איז געגענשטאַנד, פלעגט מען אויסמאָלען נאָר א געוויסען כאַראַקטעריסטישען טייל פון איהם, דאָס הייסט אַזאַ טייל פון דעם געגענשטאַנד, לויט וועלכען מען קען איהם באַלד דערקענען. מען וויל, צום ביישפּיל, אָנשרייבען דאָס וואָרט „אָקס" — צייכענט מען ניט דעם גאַנצען אָקס, נאָר דעם קאָפּ און לויט דעם דערקאָנט מען, אַז דאָס איז אַן אָקס און ניט קיין אַנדער בהמה. אָדער מען וויל אָנשרייבען דאָס וואָרט „מלחמה". פריהער פלעגען די עגיפּטיער אויסמאָלען א בילד פון א שלאַכט. דאָס פאָדערט אָבער א סך צייט און מיה. נו, איז גענוג אויסצומאָלען א וועלכען עס איז קענטיגען טייל פון בילד, ווי צום ביישפּיל, א פּאָר הענד מיט א פאַנצער און א שפּיז.

אין דעם פאַל האָבען מיר שוין ניט פאַר אונזערע אויגען די בילד פון דער זאַך, וועגען וועלכער דער שרייבער דערצעהלט אונז. מיר האָבען דאָ א סימן, און נאָך אָט דעם סימן דאַרפען מיר דאָס דערקענען און פאַרשטעהן, וואָס דער שרייבער מיינט צו זאָגען.

אָבער אויב לויט א סימן איז מעגליך צו פאַרשטעהן דעם געדאַנק פון שרייבער, קען מען דאָך מיט א סימן באַצייכענען אויך אַזעלכע זאַכען און באַגריפען, וואָס מיט אַן איינפאַכען געמעל קען מען זיי ניט באַצייכענען. דער עגיפּטיער וויל אָנשרייבען דאָס וואָרט „העלדישקייט". מיט אַן איינפאַכער געמעל קען מען ניט אויסדריקען דעם דאָזיגען באַגריף. ער מאָלט דאַן אויס א געגענשטאַנד, מיט וועלכען עס איז ענג פאַרבונדען די פאָרשטעלונג וועגען העלדישקייט, למשל, א לייב, וואָס איז דער שטאַרקסטער צווישען אַלע חיות. די פיגור פון לייב באַדייט שוין איצטער ניט א „לייב", נאָר די אייגעשאַפט, מיט וועלכער דער לייב צייכענט זיך אויס פון אַלע איבעריגע חיות, דאָס הייסט זיין העלדישקייט. די פיגור פון לייב הערט שוין אויף צו זיין אַן איינפאַך געמעל — זי ווערט שוין א סימן אָדער א סימבאָל פון דעם באַגריף „העלדישקייט".

אויף אַזאַ אופן שאַפט זיך ביסלעכווייז א גאַנץ נייער שריפט, וואָס באַשטעהט פון סמנים אָדער סימבאָלען פון פאַרשיידענע געגענשאַנדען, פּאַסירונגען, מהאַטען און באַגריפען. דער דאָזיגער נייער שריפט רופט זיך סימבאָלישער שריפט. מיט דער הילף פון אָט דעם שריפט פלעגט מען באַצייכענען, צום ביישפּיל, אַזעלכע באַגריפען: א פוס אין א פאַסטקע — באַדייט אָפּנאַרען; א מענש מיט הענד פאַרבונדענע אויף הינטען — א געפאַנגענער; א האָריזאָנטאַלער שטריך מיט א שטערענדעל אונטער איהם — נאַכט; די פיגור פון דער זון — טאָג; די פיגור פון דער לבנה — א מאָנאַט; א ליניע, וואָס איז עהנליך אויף כוואַליעס — וואַסער.

עס איז אָפּטמאָל צו באַוואונדערן, צו וואָסערע אייגפאַלען עס פלעגען דערגעהן די אַמאָליגע פעלקער ביים אויסגעפינען סימבאָלען, סימנים פאַר פאַרשיידענע באַגריפען. וואָס פאַר א סימבאָל געפינט מען, צום ביישפּיל, אויף הערען? אָט

האט איהר איהם: אן אויער צווישען
צוויי פאנאנדערגעעפענטע האלבע טירען.
אויף וויינען? — אויגען און לעבען זיי
וואסער. זינגען? — א פויגעל לעבען
א מענשליכען מויל... דער באגריף
דארשט? — א קעלבעל שפרינגט צו א
וואסער. לויט די פארשטעלונגען פון די
אמאליגע עגיפטיער איז א גאנץ מעהר
פון אלע באשעפענישען מקיים די מצווה
פון „כיבוד אב". איצט קאן מען פאר־
שטעהן, פארוואס די פיגור פון א גאנז
איז א סימבאל פון... א זון!

מיט דעם סימבאלישען שריפט פלע־
גען זיך אין די שפעטערדיגע צייטען
באנוצען פארשיידענע שבטים, איבער־
הויפט די אינדיאנער. די אינדיאנער פון
ווירדזשיניען שבט פלעגען אויף פעלען
פון חיות פארצייכענען די וויכטיגסטע
געשעהענישען, וואס פלעגען פארקומען
ביי זיי אין לאנד. דאס יאהר 1492,
בעת די אייראפייער האבען זיך צום ער־
שטען מאל באוויזען אין אמעריקע, הא־
בען די אינדיאנער באצייכענט מיט א
בילד, וואס האט פארגעשטעלט א ווייסען
שוואן, וואס שפייט ארויס פון שנאבעל
פייער און רויך. די ווייסע פעדערען
פון דעם שוואן, וואס לעבט אויפ'ן וואַ־
סער, האבען באדייט די ווייסע פנים'ער
פון די אייראפייער, וואס זיינען געקו־
מען מיט'ן וואסער, און דאס פייער מיט'ן
רויך, וואס געהט ארויס פון שוואן'ס
מויל — די פייער־שיסענדיגע געוועהר,
וואס די אייראפייער האבען מיט זיך
געבראכט.

אבער אויף די סימבאלישע געמע־
לען האט מען זיך ניט געקאנט אפשטע־
לען. דאס לעבען ענטוויקעלט זיך, מענ־
שען באקומען אלץ נייע באגריפען, פאר־
שטעלונגען, געדאנקען און נייע ווערטער.
עס איז שווער צו געפינען פאר זיי אלע־
מען נייע סמנים. ווי געפינט מען, למשל,
א סימבאל, א צייכען פאר די באגרי־
פען „א ווינד", „היץ", „קעלט" און דאס
גלייכען? האט מען גענומען זוכען אלץ
נייע און נייע מיטלען, ווי אויסצובעסע־
רען דעם שריפט, ווי צו באצייכענען די
נייע באגריפען, די נייע ווערטער.

זוכענדיג בסדר, ווי אויסצובעסערן
דעם שריפט, האבען מענשען באמערקט,
אז איינס און דאס זעלביגע ווארט האט
אפטמאל א דאפעלטע באדייטונג. לאמיר
נעהמען א ביישפיל פון דער אידישער
שפראך. דאס ווארט „זון" האט א דאפ־
פעלטע באדייטונג: זון — די זון אויפ'ן
הימעל; זון — א זון פון שעהנע על־
טערן. דעם באגריף „זון", אלס א קינד
פון מענליכען געשלעכט, איז שווער
אנצוצייכענען. דערפאר איז אבער לייכט
אנצוצייכענען די זון, וואס שיינט אויפ'ן
הימל, מאלט מען אויס די פיגור פון
דער זון, און דערביי מאכט מען א וועל־
כען עס איז סימן, וואס דארף באוויי־
זען, אז דער שרייבער מיינט דא ניט
צו באצייכענען דעם געגענשטאנד, וואס
איז אויסגעמאלט, דאס הייסט די זון,
ער מיינט נאר די צווייטע באדייטונג
פון דעם זעלביגען ווארט, א קינד פון
מענליכען געשלעכט. אזוי, צום ביי־
שפיל, פלעגען די עגיפטיער באצייכענען
דעם באגריף גאטהייט מיט דער פי־
גורע פון א האק, ווייל א האק איז אויף
עגיפטיש „נוטרא", און גאטהייט — „נו־
טערע". די ווערטער זיינען אפילו ניט
איינע און די זעלביגע, זיי זיינען אבער
זעהר עהנליך איינס צום צווייטען, און
דאס איז שוין גענוג געוועזען, אז ביי גע־
וויסע פעלען זאל דער געמעל פון א
האק באצייכענען דעם באגריף גאט־
הייט.

די עגיפטיער האבען אויך באמערקט,
אז אפטמאל באשטעהט א ווארט פון
צוויי אדער מעהר טיילען, וואס יעדער

פון זיי איז פאר זיך אליין א ווארט, א באגריף מיט א גאנץ באזונדערער בא־דייטונג. לאמיר נעהמען, צום ביישפּיל, אין אונזער שפּראך, דאס ווארט „פּיבער". דאס ווארט באשטעהט פון צוויי טיילען: „פּי" און „בער". יעדער פון אט די טיילען איז פאר זיך אליין א ווארט: „פּי", באדייט בהמות; „בער" — א חיה, אין וואלד. דעם באגריף „פּיבער", וואס באדייט א היץ־קראנקהייט, בעת דעם קראנקען ווארפט אין היץ און קעלט, איז שווער אויסצומאלען, דערפאר אבער לאזט זיך גרינג אויסמאלען יעדער טייל פון דעם דאזיגען ווארט. מען קאן בא־צייכענען מיט א געמעל דאס ווארט „פּי": מען מאלט אויס א גרופּע בהמות, און איהר האט „פּי". דאן מאלט מען אויס א בער, און איהר לייענט — פּי־בער. אט דעם מיטעל פלעגען די עגיפּ־טיער זעהר אפט באנוצען. ווען זיי פלע־גען ניט קענען אויסדריקען א וועלכען עס איז באגריף מיט איין געמעל, פלעגען זיי איהם דאן אויסמאלען מיט עטליכע געמעלען, און יעדער איינציגער געמעל פלעגט דאן באצייכענען נאר איין טייל פון דעם נויטיגען ווארט. אט דעם ארט שריפט קאן מען פארגלייכען צו אונזע־רע רעבוסען און שאראדען, אין וועלכע איין טייל ווארט ווערט באצייכענט מיט א געמעל, איין טייל ווארט מיט א ציפער, נאך א טייל מיט בוכשטאבען א. ד. ג.

6.

אין דעם רעבוס'ן־שריפט איז דער געמעל שוין ניט קיין סימן פון דעם גע־גענשטאנד אדער באגריף, וועגען וועלכע דער שרייבער וויל אונז דערצעהלען. דער געמעל פון א בער אין דעם ווארט „פּי־בער" באווייזט ניט, פארשטעהט זיך, אז דער שרייבער זאגט אונז וואס עס איז וועגען א בער. קוקענדיג אויף דעם דאזיגען געמעל, לייענען מיר טאקע אי־בער דאס ווארט בער, אבער דאס דאזיגע ווארט פארלירט שוין אינגאנצען זיין אינהאלט. עס רופט שוין ביי אונז ניט ארויס קיין פארשטעלונג וועגען א גע־וויסער חיה אין וואלד. פון דעם ווארט „בער" בלייבט נאר איבער זיין קלאנג, ריכטיגער געזאגט — זיינע קלאנגען: ב...ע...ר... און דער געמעל באצייכענט אט די אלע קלאנגען.

אין זיין ווייטערדיגער ענטוויקלונג מוז דער רעבוס'ן־שריפט ביסלעכווייז אי־בערגעהן אין א קלאנגען־שריפט, ס'הייסט אין אזא שריפט, ביי וועלכען יעדער געמעל, יעדער צייכענדעל ווערט געלייענט נאר ווי איין קלאנג. מיר דארפען, צום ביישפּיל, אנשרייבען דאס אידיש ווארט „וואקסען". נעהמען מיר ארויס פון גאנצען ווארט דעם טייל „אקסען" און לויט'ן רעבוס'ן־שריפט באצייכענען מיר איהם מיט א געמעל פון א פאר אקסען (אקסען פון א וואגען). אין דעם ווארט „וואקסען" בלייבט נאך, הייסט עס, ניט באצייכענט דער איינציגער קלאנג „וו" — אין אנהייב ווארט. ווי־זשע באציי־כענט מען דעם איינציגען קלאנג „וו"? טוט מען אזוי: פאר דעם געמעל פון די אקסען צייכענט מען צו א וואגען, און מען מאכט דערביי א געוויסען סימן, אז קוקענדיג אויף דעם דאזיגען געמעל דארף מען לייענען ניט דעם גאנצען ווארט „וואגען", נאר דעם ערשטען קלאנג פון דעם דאזיגען ווארט, דאס הייסט דעם קלאנג „וו" און אזוי לייענען מיר: דער ערשטער געמעל „וו", דער צווייטער — „אקסען"; צוזאמען וו־אקסען (וואקסען). דער ערשטער געמעל ווערט געלייענט ווי איין קלאנג — ער געהערט, אלזא, צום קלאנגען־שריפט, דער צווייטער געמעל גע־הערט צום רעבוס'ן־שריפט. דאס איז,

אלזא, א געמיש פון רעבוס'ן־שריפט מיט'ן קלאנגען־שריפט.

פון דאנען איז אבער גאנץ נאטירליך דער איבערגאנג צום ריינעם קלאנגען־שריפט.

מען דארף, למשל, אנשרייבען דאס אידיש ווארט „קאלט". א סימבאל פאר דעם באגריף קאלט איז זעהר שווער צו געפינען. און אזוי ווי דאס ווארט איז אן איינזילביגעס, קען מען איהם אויך ניט טיילען אויף באזונדערע טיילען, וואס זיינען, פאר זיך גענומען, גאנצע ווערטער. ווי־זשע באצייכענט מען דאך דאס דאזיגע ווארט? אבער אויך דא האבען די מענשען געפונען א מיטעל. קוים האט מען זיך אויסגעלערנט אויסטייטשען פון א גאנצען ווארט א באזונדערען קלאנג און באצייכנען איהם מיט א געמעל, קאן מען דאך שוין פאנאנדערגלידערן דאס גאנצע ווארט „קאלט" אויף אלע באזונדערע קלאנגען, פון וועלכע ער באשטעהט, צום ביישפיל: ק...א...ל...ט..., און יעדען קלאנג באצייכענען מיט א געמעל. מיר מאלען אויס: א קאפ, אן אלמער, א לאמפ און א טיש, מיר לייענען נאר די ערשטע קלאנגען פון די נעמען פון אט די געגענשטאנדען — ק...א...ל...ט... און מיר באקומען דאס נויטיגע ווארט „קאלט", נעמליך: פון „קאפ" דעם קלאנג — „ק"; פון „אלמער" — דעם קלאנג „א"; פון „לאמפ" דעם קלאנג — „ל"; פון „טיש" — דעם קלאנג „ט". אט די אלע ערשטע קלאנגען פון די געגענשטאנדען בילדען דאס ווארט „קאלט".

און די פארצייטיגע עגיפטיער האבען מאקע אזוי געטאן: זיי פלעגען פאנאנדערטיילען דאס ווארט אויף זיינע באזונדערע קלאנגען, און פאר יעדען קלאנג געפינען א באזונדער געמעל, א באזונדער צייכען. אויף אזא אופן האבען די עגיפטיער, למשל, באצייכענט דעם קלאנג „ל" מיט א געמעל פון א לייב, ווייל א לייב איז אויף עגיפטיש „לאבאי" — א ווארט, וואס הויבט זיך אן מיט'ן קלאנג „ל". דעם קלאנג „ר" האבען זיי באצייכענט מיט א געמעל פון א מויל, ווייל אויף עגיפטיש איז „רא" א מויל און הויבט זיך אן מיט'ן קלאנג „ר". דעם קלאנג „א" פלעגען זיי באצייכענען מיט אן אדלער; אן אדלער איז אויף עגיפטיש „אכאם". דעם קלאנג „מ" — מיט א סאווע, וואס רופט זיך אויף עגיפטיש „מולדאש". די פיגורען פון א לייב, אדלער, מויל, סאווע זיינען שוין סימנים, וואס באצייכענען די קלאנגען ל...ד...א...מ... פונקט אזוי ווי אונזערע בוכשטאבען „למד" „ריש" „אלף" און „מעם" באצייכענען די דאזיגע קלאנגען. די פיגורען ווערען, אלזא, בוכשטאבען.

אזוי זיינען די עגיפטיער צולעצט דערגאנגען צום קלאנגען־שריפט, ביי וועלכען יעדער געשריבענער צייכען ווערט געלייענט נאר ווי איין קלאנג.

אבער דער נייער עגיפטישער שריפט האט געהאט א גרויסען חסרון אפילו אין פארגלייך מיט די פריהערדיגע איינפאכע אדער סימבאלישע געמעלען. פריהער פלעגט מען מיט איין געמעל באצייכענען א גאנצען ווארט און אמאל אויך א גאנצען געדאנק. אבער כדי אנצושרייבען א ווארט מיט דעם נייעם שריפט, האט מען באדארפט אויסמאלען א סך געמעלען, אזוי פיל, וויפיל קלאנגען עס געפינען זיך אין דעם דאזיגען ווארט. און דאס איז געווען גארניט אזוי לייכט און ס'האט אוועקגענומען א סך צייט אויך. אט דעם חסרון האט מען באזייטיגט דורך דעם, וואס מען האט גענומען אלץ מעהר און מעהר פאראיינפאכען די געמעלען. נאך ביי דעם איינפאכען געמעלען שריפט פלעגען די עגיפטיער ניט

זעלטען אויסמאָלען אַנשטאָט אַ גאַנצען געגענשטאַנד, נאָר אַ קענטיגען טייל פון איהם. איצטער איז מען אין דער פאַר-איינפאַכונג פון שריפט אוועק נאָך ווייטער. דעם געמעל פון אַ געגענשטאַנד האָט מען גענומען פאַרבייטען מיט אַ וועלכען עס איז צייכענדעל, וואָס איז נאָר עפּעס עפּעס עהנליך צום גע-גענשטאַנד. אָט די צייכענדלאַך, וואָס ווערען געלייענט ווי קלאַנגען, זיינען שוין טאַקע אמת'ע בוכשטאַבען.

די פאַראיינפאַכונג פון שריפט פאַר-לייכטערט פאַר אַלעמען דאָס באַנוצען זיך מיט איהם. מיט די יעראָגליפען האָבען זיך באַנוצט נאָר די פּריסטער, די כישוף-מאַכער (חרטומים), מלוכה-לייט און מיליטער-אָנפיהרער. די ברייטע עגיפּ-טישע באַפעלקערונג האָט ניט געקאָנט געניסען פון דעם אַלטען שריפט. ער איז געווען צו שווער און פאַרפּלאָנטערט. ווען אָבער דער שריפט האָט זיך אָנגע-הויבען פאַראיינפאַכען, האָבען שוין אויך די ברייטע פאָלקס-מאַסען אָנגעהויבען זיך צו באַנוצען מיט איהם. און ווען מען האָט גענומען באַנוצען דעם שריפט אין טאָג-טעגליכען לעבען, האָט ער זיך אָנגעהויבען נאָך מעהר צו פאַראיינפאַ-כען. אָט דער פאַראיינפאַכטער עגיפּטי-שער שריפט רופט זיך „דעמאָטישער"



דעמאָטישער שריפט.

שריפט, פון גריכישען וואָרט „דעמאָס"— פאָלק. דער שריפט האָט ניט מיט אַמאָל ארויסגעשטופּט דעם אַלטען. אין אָנהויב האָט מען זיך באַנוצט מיט ביידע שריפ-טען צוזאַמען.

7.

דער עגיפּטישער דעמאָטישער אָדער פאָלקס-שריפט איז עהנליך אויף אונזערע בוכשטאַבען. אַ צייכענדעל באַדייט אַ געוויסען קלאַנג — און וואָס איז דען אַ בוכשטאַב, אויב ניט אַן אָנגענומענער צייכענדעל פאַר דעם אָדער יענעם קלאַנג. דאָך איז דער דעמאָטישער שריפט נאָך ווייט געווען פון אונזער אַלף-בית. אין אונזער איצטיגען אַלף-בית איז כמעט פאַר יעדען קלאַנג פאַראַן נאָר איין אָנגענומע-נער צייכענדעל. יעדער אַלף-בית האָט אַ באַשטימטען, אַ באַגרענצטען צאָהל ציי-כענדלאַך אָדער בוכשטאַבען. אין דעם עגיפּטישען שריפט אָבער פלעגט מען אַ קלאַנג, למשל, „ל", קאָנען באַצייכענען מיט אַ פולע געמעלען, ווייל די נעמען פון אַ סך געגענשטאַנדען הויבען זיך אָן מיט דעם קלאַנג „ל". נאָך אַ סך חסרונות האָט געהאַט דער דעמאָטישער שריפט. אָבער גאָר אַ סך פאַרבעסערען און פאַר-איינפאַכען דעם שריפט האָבען די עגיפּ-טיער ניט געקענט. זיי האָבען געהאַל-טען דעם שריפט פאַר אַ הייליגקייט; זיי האָבען געגלויבט, אַז דעם שריפט האָבען זיי באַקומען אַלס מתנה פון דעם אַל-מעכטיגען גאָט טאָט, און שטאַרק פאַר-ענדערן איהם וואָלטען זיי געהאַלטען פאַר גאָט-לעסטערונג. און אַ סך אַנדערע פעלקער, ווי, למשל, די איינוואוינער פון אשור, בבל און אינדאָסטאַן, האָבען גע-קוקט אויף זייער שריפט, ווי אויף עפּעס אַ הייליגקייט. די פאַרצייטיגע סקאַנדי-נאַווישער פעלקער פלעגען אויסשניידען זייערע בוכשטאַבען אויף שטעקעלאַך פון בוקען-בוימער (פון דאַנען נעהמט זיך דאָס דייטשע וואָרט „בוכשטאַב", וואָס מיינט אַ בוקען-שטעקעלע. פון דאַנען נעהמט זיך אויך דאָס רוסיש וואָרט „בוקוואַ"). אויף אָט אַזעלכע בוקען-שטעקלאַך מיט די אויסגעקריצטע בוכשטאַבען פלעגען די

סקאנדינאוויער פריסטער פאראויסזאגען די צוקונפט, ווייזען וואונדער א. ד. ג.

דעם אמת'ן אלף־בית האבען געמאכט די פעניציער. זיי האבען איבערגענומען דעם שריפט ביי די עגיפטער און געמאכט פון איהם אן אמת'ן אלף־בית.

די פעניציער האבען געלעבט אויפ'ן מזרח ברעג פון דעם מיטלענדישען ים. זיי זיינען געווען גרויסע סוחרים און באַריהמטע רייזענדער. אין זייערע געשעפטען און רייזעס האבען די פעניציער ניט געקאנט אויסקומען אהן א שריפט. ווען די פעניציער האבען זיך באקאנט מיט דעם עגיפטישען שריפט, איז ער זיי געפעלען געווארען און זיי האבען איהם גענומען צופאסען צו זייער אייגענער שפראך. איניגע בוכשטאבען האבען זיי איינפאך איבערגענומען ביי די עגיפטער. די בוכשטאבען האבען נאר באקומען נייע פעניצישע נעמען.

אבער איבערנעמענדיג דעם שריפט ביי די עגיפטיער האבען זיי איהם ענטוויקעלט, אויסגעבעסערט און פאראיינפאכט. ווארום דעם שריפט האבען פארגעטערט נאר פעלקער, וואס האבען אליין ניט געוואוסט, פון וואנען ער נעמט זיך ביי זיי. און אויב קיינער ווייס ניט פון וואנען, איז דאך דאס געוויס פון איינעם פון די אלמעכטיגע געטער. די פעניציער האבען אבער איבערגענומען זייער שריפט ביי מענשען, ביי די עגיפטער. וואס איז דא פאראן וואס צו פארהייליגען? זיינען ניט באקוועם די אדער יענע בוכשטאבען—דארף מען זיי איבערמאכען! און זיי האבען דעם שריפט איבערגעמאכט לויט דעם, ווי זיי איז געווען באַקוועמער, ווי פראקטישע געשעפטס־מענשען, וואס נויטיגען זיך אין א שפראך, וואס איז באקוועמער און בעסער. ביי די עגיפטיער איז אפטמאל געווען עטליכע צייכענס פאר איין קלאנג. דאס איז איבריג — גענוג איין צייכען פאר יעדען קלאנג. און וויפיל צייכענס דארף מען איינגאנצען האבען? געוועהנליך אזוי פיל, וויפיל באזונדערע קלאנגען מען באנוצט אין ריידען, און דאס איז גארניט אזוי פיל. עס דאכט זיך נאר אויס, אז קלאנגען זיינען דא אהן א שיעור, ווארום איין און דערזעלבער קלאנג ווידערהאלט זיך אין ריידען אלע וויילע. אין ווארט „רעכענען" ווידערהאלט זיך דריי מאל דער קלאנג „ע" און צוויי מאל דער קלאנג „נ". באזונדערע קלאנגען זיינען דא וואסערע עטליכע און צוואנציג. דארף מען פאר אט די קלאנגען איינשטעלען באשטימטע צייכענס, און עס איז דא אן אלף־בית. די אלע ענדערונגען זיינען געמאכט געווארען ביסלעכווייז, און אויף אזא'ן אופן האבען די פעניציער זיך געשאפען אן אלף־בית פון 23 בוכשטאבען. יעדער בוכשטאב האט געטראגען דעם נאמען פון א וועלכען עס איז חפץ, און די ערשטע צייט אלענפאלס איז ער מאקע עהנליך געווען אין א געוויסער מאס אויף דעם חפץ, וועמענס נאמען ער טראגט. יעדער בוכשטאב האט באַצייכענט איין קלאנג, דעם ערשטען קלאנג פון זיין נאמען.

די אמאליגע אידען האבען זייער אלף־בית איבערגענומען ביי די פעניציער, מיט וועלכע זיי האבען געוואהנט אין נאָהענטע שכנות. די דאזיגע ביידע אלטע פעלקער זיינען בכלל געווען זעהר נאָהענט איינע צו די אנדערע, ווי לויט זייער אפשטאמונג (סעמיטען), אזוי אויך לויט זייער שפראך. זעהר אפט פלעגען זיי קומען איינע מיט די אנדערע אין פריינדשאפטליכע, געשעפטליכע און פאָליטישע באציהונגען. פיל ווערט דערצעהלט וועגען די געשעפטען, וואס די אידישע קעניגע שלמה און אחאב פלעגען האבען מיט די פעניציער אדער מיט

די צידונים, ווי זיי הייסען אין תנך. עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס דער שריפט איז אריבער פון די פעניציער פריהער פון אלץ צו זייערע נאָהענטסטע שכנים און פריינד — צו די אידען. לאָמיר נעהמען א וועלכען עס איז בוכשטאב פון דעם העברעאישען אלף־בית. למשל ב, אין אונזער אויסשפּראך קלינגט עס „בייז" אָדער „בית", אין אמאָליגען העברעאיש „בית" (בעיט), וואָס באדייט א הויז. און דער בוכשטאב „ב" איז טאקע עהנליך אויף א הויז. דער בוכשטאב באצייכענט דעם קלאנג „ב", דאָס הייסט דעם ערשטען קלאנג, מיט וועלכען עס הויבט זיך אָן זיין נאָמען. לאָמיר נעהמען א צווייטען בוכשטאב ד „דאַלעד", אָדער „דלת", אמאָל — „דלת" (דעלעט), וואָס באדייט א טיר. און דער דאָזיגער בוכשטאב איז טאקע עהנליך אויף א פאנאנדערגעעפענטע טיר. די בוכשטאבען „וו" (וואָוו) וואָס באדייט א הוק, א קרוק; „ז" (זייען), וואָס באדייט געוועהר. דער „ז" (זייען) איז עהנליך צו אן אמאָליגען פייל אָדער איצטיגען קינזשאל. און אזוי איז מיט די איבעריגע בוכשטאבען. דאָס באווייזט, אז די איצטיגע בוכשטאבען שטאמען אָפּ פון געמעלען פון פארשיידענע געגענשטאנדען.

8.

די פעניציער האָבען ניט נאָר דערפיהרט דעם שריפט ביז צו דער מדרגה פון אן אמת'ן אלף־בית. אלס סוחרים און רייזענדער האָבען זיי דעם דאָזיגען אלף־בית אויך פארשפּרייט צווישען פיל פעלקער. אויסער די אידען האָבען ביי די פעניציער איבערגענומען דעם אלף־בית אויך די גריכען.

די נעמען פון די בוכשטאבען זיינען ביי די גריכען געבליבען די זעלביגע, נאָר אנשטאט „אלף" פלעגען זיי זאָגען „אלפאי", אנשטאט „בית" — בעטא א. ד. גל. אָבער דאָס וואָרט „בעטא" באדייט שוין ניט א שטוב, דאָס איז ביי די גריכען סתם אזוי זיך א וואָרט אָהן קיין שום באדייטונג. אויב אזוי, איז דאָך ניט נויטיג אָפּצוהיטען דעם פארצייטיגען אויסזעהן פון די בוכשטאבען, און די גריכען האָבען זיי גענומען אויסבעסערען און פאראיינפאכערן נאָך מעהר, ווי די פעניציער. פאר דעם פלעגען די גריכען שרייבען פון רעכטס אויף לינקס, אזוי ווי די פעניציער. שפּעטער זיינען זיי אריבער פון לינקס אויף רעכטס, ווייזט אויס, אז דאָס איז זיי געווען באקוועמער.

פון די גריכען איז דער אלף־בית אריבער צו די רוימער, און פון די רוימער איז ער, צוזאמען מיט'ן קריסטענטום, אריבער צו די אייראָפּייאישע פעלקער, וואָס האָבען זיך אויסגעבילדעט אין אָנהויב מיטעלאלטער פון די וואנדערענדע שבטים: די דייטשען, פראנצויזען, ענגלענדער א. אז. וו. אין די נייע שפּראַכען האָבען די נעמען פון די בוכשטאבען שוין אינגאנצען פארלאָרען זייער אוראלטע באדייטונג, אלס נעמען פון געגענשטאנדען. דאָס אויסזעהן האָט זיך אויך אינגאנצען געענדערט. טאָ צו וואָס איז נויטיג אזא לאנגער נאָמען, ווי, למשל,

אלפא, בעטא, דעלטא, ווען מען קען דאס מאכען פיל קירצער: א, בע, צע, דע, און אז. וו. אזוי זיינען ענטשטא־נען די נייעסטע אלף־בית'ן: דער דייטשער, פראנצויזישער, רוסישער און ד. גל.

יעדער אלף־בית רופט זיך נאך די נעמען פון די ערשטע 2־3 בוכשטאבען זיינע: אלף־בית — העברעאיש, פעני־צעאיש; אלפא־בעטא — גריכיש; אז־בוקא — אלט־סלאוויש, רוסיש; א—בע—צע — אין די נייע אייראפעאישע שפראכען; איי־בי־סי — אין ענגליש; אין א פולע שפראכען איז פאר דעם אלף־בית אנגענומען דער נאמען — אלפאוויט.

* * *

אויף דעם זעלביגען אופן אומגעפעהר



פלעקעל־שריפט.

האט זיך ענטוויקעלט די שריפט אויך ביי א פולע אנדערע פעלקער, ביי די אשורים, כינעזער, מעקסיקאנער, און אנדערע. באזונדערס איז אינטערעסאנט די אשו־רישע שריפט, וועלכע איז באוואוסט מיט'ן נאמען פלעקעל שריפט. די אשורים פלעגען שרייבען מיט א פארשפיצטען העלצעל אדער מיט אן אל אויף טאוועלאך פון פייכטען ליים. די פיגורען איז א סך לייכטער געווען אויסצומאלען קאנטיגע איידער קיילעבדיגע. די אשורישע שריפט־ליכע צייכענס האבען דעריבער דעם אויס־זעהן פון נעגעל, אמאליגע פיילען, פלעק־לאך, אויבען זיינען זיי עטוואס דיקער, אונטען — עטוואס דינער. די קאנטיגע פארמע פון שריפט, דער קוואדראטען־שריפט, איז פון די אשורים אריבער צו אלע פעלקער פון אזיען, אויך צו אידען.

הונדערטע דורות האבען געארבייט איבער'ן שריפט, יעדער דור האט אין אים אריינגעטראגען אביסעל אויסבעסערונג און האט עס איבערגעגעבען בירושה צו די קומענדיגע דורות.

קלעאפאטרא. פטאלאמעאוס.

די נעמען פון קעניגע פלעגען אויף די עגיפטישע אויפשריפטען זיין ארומגערינגעלט מיט לענגליכע רעמעלאך.

די הויפט שפראכען פון דער וועלט

די ענגלישע שפראך ווערט גערעדט פון איבער 150,000,000 מענשען.

דייטש	פון איבער 120,000,000	מענשען
רוסיש ״	״ 90,000,000	״
פראנצויז	״ 60,000,000	״
שפאניש	״ 55 000,000	״
איטאליעניש	״ 40,000,000	״
פארטוגעזיש	״ 30,000,000	״

הגם די מלחמה האט מוסיף געווען מאנכע נייע ווערטער צו דער ענגלישער שפראך פון דעסטוועגען איז די צאהל ווערטער פון דער ענגלישער שפראך ווייניגער פון צעהן טויזענד. די ענגלישע שפראך ענטהאלט אומגעפעהר 7 הונדערט טויזענד ווערטער. פון דער דאזיגער צאהל באשטעהט נאהענט פון א העלפט פון וויסענשאפטליכע טערמינען, וואס מען באגעגענט זעלטען אויסער אין די לעהר־ביכער און פון ווערטער, וואס זיינען ארויס פון געברויך, פאראלטערטע, אומ־דייטליכע.

אידישע דיכטער*)

פון יוסף מארגאשעס.

מיר װעלען זיך אפּשטעלען אויף די אידישע דיכטער, װעלכע האָבען געלעבט נאָכ'ן אונטערגאנג פון דעם ערשטען אידישען שטאאט, און אין די צייטען, װען דאָס אידישע פאָלק האָט שוין געהאַט אין גאנצען פארלאָרען זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, דאס הייסט, אין די צייטען, װען דער תנ"ך איז שוין לאנג געװען אפּגעשלאָסען.

די ערשטע אידישע דיכטונגען, פון דער צייט פון דער צוזאמענשטעלונג פון דער ביבעל, ביז א היבש ביסעל אריין אין'ם מיטעלאלטער, זיינען געװען רעליגיעזע און האָבען כמעט אלע געהאַט א ליטורגישען כאראקטער. זיי זיינען געשאפען געװאָרען מיט'ן געדאנק, אז זיי זאָלען אין די שולען באנוצט װערען אלס תפילות צו גאָט. פון קיין אנדער סאָרט פּאָעזיע, װי מיר טרעפען ביי די שפּעטערדיגע גרויסע דיכטער, װי ר' יהודה הלוי, ר' שלמה בן־גבירול, די משפחה אבן־עזרא און אנדערע, האָט מען דאמאָלס נאָך ניט געװאוסט. דאָס אידישע לעבען איז אין יענע צייטען געװען אנדערש פאָרמירט און פאר אַן אנדער מין פּאָעזיע, א חוץ רעליגיעזע, איז קיין פּלאַץ ניט געװען.

דער ערשטער אידישער דיכטער, נאָך די נביאים, איז געװען שמעון בן־סירא.

צו באשטימען די גענויע צייט, װען ער האָט געלעבט, איז ניט מעגליך. עס זיינען װעגען דעם דאָ מיינונגס־פארשידענהייטען צװישען די אידישע געלעהרטע. אָבער עס איז װארשיינליך, אז ער האָט געלעבט מיט א צװיי־דריי הונדערט יאָהר פאר דער געװעהנליכער צייט־רעכנונג,, דאס הייסט, אין דער צייט, װען דער צװייטער אידישער שטאַאט איז געװען אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל פון זיין מאַכט און גלאַנץ, איידער דער ברידערקריג פון די חשמונאי'שע פּרינצען האָט די רוימער אריינגעבראכט אין לאנד, װאָס האָט געפיהרט צום אונטערגאנג פון דער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט.

פאַר אַ צייט פון א סך הונדערטער יאָהרען זיינען שמעון בן סירא'ס דיכטונגען געװען באקאנט בלויז אין א גריכישער איבערזעצונג. זיי האָבען זיך געפונען צװישען די „אפּאָקריפען" (שפּעטערע שריפטען, — כתובים אחרונים) פון דער קריסטליכער ביבעל. זיי זיינען שפּעטער, צוזאמען מיט אנדערע „אפּאָקריפען", איבערזעצט געװאָרען אין אנדערע שפּראכען און מיט א הונדערט און דרייסיג יאָהר צוריק, אויך אין העברעאיש. אויסער דעם איז אויך פארהאנען אַן אלטער סיריש־אראבישער טעקסט.

ערשט צום ענדע פון'ם לעצטען און אינ'ם אָנפאנג פונ'ם איצטיגען יאָהרהונדערט, האָט מען אָנגעהויבען ארויס־

*) אינ'ם איצטיגען ארטיקעל װערען נאר באהאנדעלט דיכטער, װאס האבען געשאפען אין דער אידישער נאציאנאלער שפראך — אין העברעאיש. — װעגען אידישע דיכטער אין אנדערע שפראכען, װעלען מיר שרייבען ביי אן אנדער געלעגענהייט.

י. מ.

צונעהמען פון די אלטע „גניזות" (אלטע שמות־באהעלטענישען) אין קאירא, אין עגיפּטען, מעהרערע בלעטער פון דעם ערשטען העברעאישען אָריגינאַל פון בן־סירא'ס ספר. פּראָפעסאָר ר' שלמה זלמן שעכטער, דער באוואוסטער אידישער געלעהרטער, פּרעזידענט פון'ם ראבינער־סעמינאר אין ניו־יאָרק, איז געוועזן דער ערשטער גליקליכער ענטדעקער פון מעהרערע קאפּיטלעך פון בן־סירא'ס ווערק. נאָך איהם האָבען זיך געגריבעלט און געפאָרשט אנדערע אידישע און ניט־אידישע געלעהרטע און א דאנק זייער אונערמידליכער ארבייט, איז דער בן־סירא היינט געדרוקט אין זיין אָריגינאַלער שפּראך, אין העברעאיש, אין צוויי פארשידענע אויסגאבען.

דער גאנצער ספר באשטעהט פון פּאָעטישע סענטענצען און לעבענס־וויזהייטען און אויך פון עטליכע תפילות. עס זעהט אויס, אז ער האָט זיך גענומען שלמה המלך'ס משלי אלס א מוסטער און געוואָלט שאפען אן עהנליכעס ווערק.

לויט ווי די געלעהרטע באהויפּטען, זיינען געוועזן צוויי בן סירא'ס, א זיידע מיט אן אייניקעל. דער אינגערער האָט פארפאָלשטענדיגט דעם אלטענס ארבייט. אין תלמוד ווערט בן־סירא זעהר אָפט ציטירט, אין העברעאיש און אויך אין אראמיש. עס ווערען אָבער אויך דאָרט געבראכט א היבש ביסעל סענטענצען, וועלכע זיינען ניטאָ, ניט אין די גריכישע און ניט אין די העברעאישע אויסגאבען.

עס זיינען אויך דאָ לעגענדען וועגען דעם איבער־נאטירליכען געבוירען ווערען פון בן־סירא, און אז ער איז געוועזן ירמיהו הנביא'ס אן אייניקעל. דאס איז אָבער אזוי אמת, ווי עס איז אמת, אז בן־סירא איז געוועזן דער פארפאסער פון'ם קליינעם ספר'ל „אלפא־ביתא דבן־סירא", וועלכער ווערט איהם צוגעשריבען.

קיין אנדערע אידישע דיכטער, אויסער בן־סירא, זיינען ניט באוואוסט פאר א צייט פון עטליכע הונדערט יאָהר. און אויב עס זיינען געוועזן אזעלכע, האָבען מיר פון זייערע דיכטונגען קיין מאָל ניט געהערט. זיי זיינען אונטערגעגאנגען, פארלאָרען און פארגעסען געוואָרען אין די צייטען פון די גרויסע שטורמדיגע מלחמות, בעת דאָס אידישע פאָלק האָט געקעמפט געגען זייערע אונטערדריקער, די רוימער.

אין דער גמרא ווערען געבראכט עטליכע רעליגיעזע פּאָעזיען, וועלכע זיינען פארבליבען ביז היינטיגען טאָג און זיי בילדען נאָך איצט א טייל פון אונזערע טעגליכע תפילות אָדער ביי געוויסע געלעגענהייטען, אָדער זיי ווערען געזאָגט ראש השנה און יום כפור.

די באקאנטעסטע פון זיי זיינען: „רבון כל העולמים", וואס ווערט געזאָגט יעדען טאָג, אין'ם אָנפאנג פון'ם דאווענען (זי איז אייגענטליך פארפאסט געוואָרען צו זאָגען יום כפור צו נעילה); „עננו ה' עננו", אין דער שמונה־עשרה, צו זאָגען ביי א תענית־צבור; אָדער די פּאָעטישע תפילה „נחם", פאר תשעה באב, (אויך אין די סידורים, אין די שמונה־עשרה); אָדער עלינו לשבח און מלכיות, זכרונות, שופרות, די באוואוסטע ראש השנה'דיגע תפילות.

מיליאָנען און מיליאָנען אידען האָבען הונדערטער יאָהרען געזאָגט רבי יוחנן'ס תפילה „רבון כל העולמים", מיר זיינען אָבער זיכער, אז בלויז א זעהר קליינער טייל פון זיי האָט באמערקט און געפיהלט איהר גרויסארטיגע, איינפאכע און פּאָעטישע שעהנקייט.

אין תלמוד ווערען געבראכט, חוץ רעליגיעזע, אויך אנדערע פּאָעזיען. בר קפרא, א תלמיד פון רבינו יהודה הנשיא, דער מסדר פון דער משנה (אָנפאנג דריטען יאָהרהונדערט), איז געוועזן באגאבט מיט א גרויסען דיכטערישען טאלאנט

ווי מיר קענען זעהן פון די עטליכע זאכען (רעטענישען און נעקראָלאָגען), וואָס ווערען אין זיין נאָמען איבערגעגעבען אין תלמוד.

ווידער זיינען אוועק עטליכע הונדערט יאָהר און מיר האָבען גאָר ניט קיין ידיעה וועגען די אידישע דיכטער, וועלכע האָבען דאמאָלס געלעבט. אין יענער פעריאָדע זיינען באשאפען געוואָרען עטליכע פון אונזערע וויכטיגסטע תפילות, מיט א פּאָעטישען אנשפרוך, וואָס ווערען נאָך היינט געזאָגט, ווי א שטייגער „אל אדון על כל המעשים", (באלד נאָכ'ן שבת'דיגען ישתבח) ; עטליכע קינות פאר תשעה באב און אנדערע תפילות און פיוטים פאר ראש השנה און יום כפור.

ערשט מיט י ו ס י ב ן י ו ס י הויבט זיך אָן א פעריאָדע פון אידישע דיכטער מיט נעמען, און וואָס אמאָל ווייטער, האָבען מיר אלץ מעהר געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט זייער דיכטונג און לעבענס־פאסירונגען.

יוסי בן־יוסי האָט געלעבט אין ארץ ישראל, מיט א דרייצעהן הונדערט יאָהר צוריק. ער איז דער פארפאסער פון דער ערשטער פּאָעטישער באשרייבונג ווי אזוי דער כהן גדול פלעגט זיך נוהג זיין אין'ם בית המקדש אין טאָג פון יום כפור און ווי אזוי ער פלעגט פראוועןן די עבודה. זיין „סדר עבודת יום הכפורים" איז איינע פון די עלטסטע אידיש־רעליגיעזע פּאָעזיען, וועלכע זיינען פארפאסט לויט'ן אלף־בית יעדער אות (א', ב', און אזוי ווייטער) האָט צעהן שורות, וואָס הויבען זיך אָן מיט'ן זעלבען אות.

פאר א סך הונדערט יאָהרען האָט מען זעהר ווייניג געוואוסט וועגען דעם גרויסען אידישען דיכטער י נ י י (ינאי). ערשט דער גרויסער געלעהרטער צונץ, און נאָך איהם אנדערע, האָבען אויסגעפונען, אז ער האָט געלעבט אין ארץ ישראל אין דער צווייטער העלפט פונ'ם זיבעטען יאָהרהונדערט (פון דער געוועהנליכער צייטרעכענונג) און אז ער איז געווען דער רבי פון דעם באוואוסטען פייטן (רעליגיעזער דיכטער) ר' אלעזר הקליר, דער פארפאסער פון עטליכע הונדערט פיוטים און קינות. פון יניי'ס דיכטונגען איז ביז דער לעצטער צייט ניט געווען באוואוסט אויסער זיין פּאָעזיע „אז רוב נסים הפלאת בלילה", וועלכע געפינט זיך אין אלע הגדות של פסח.

ערשט מיט דריי יאָהר צוריק האָט פּראָפעסאָר ישראל דאווידזאָן, פונ'ם ניו יאָרקער ראבינער־סעמינאר, איבערראשט די גאנצע געלעהרטע וועלט מיט זיין „מחזור יניי". דאָס איז א זאמלונג פון מערערע רעליגיעזע דיכטונגען אויף סדרות פון יאָהר און אויך אנדערע פּאָעזיען.

די מייסטע פון די געדיכטען האָט פּראָפעסאָר דאווידזאָן געפונען אין א „פּאלימסעסט" *) איבער אקילא'ס גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבעל, וועלכע איז געשריבען געוואָרען אינ'ם זעקסטען יאָהרהונדערט.

יניי, לויט פּראָפעסאָר דאווידזאָנ'ס אונטערזוכונג, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיין נאָמען פאראייביגט אין זיינע דיכטונגען, דורך ראשי־תיבות (אָנפאנגס פון ווערטער).

א סך מעהר באוואוסט ווי יניי איז געווען זיין תלמיד, דער פריהער דערמאָנטער ר' א ל ע ז ר ה ק ל י ר. ער האָט זעהר שטארק פראקטיצירט זיין רבין'ס נייע ערפינדונג אין יעדען געדיכט צו האָבען זיין אייגענעם נאָמען און אָפט אויך זיין פאָטער'ס נאָמען, און דערפאר איז שוין לייכט געווען צו דערקענען זיינע פיוטים. אחוץ דעם האָט

---

*) „פּאלימסעסט" הייסט א מאנוסקריפט פון וועלכען מען האָט אָפּגעריבען די ערשטע שריפט, אום אָנצושרייבען אויף דעם אַן אנדער זאַך.

מען וועגען איהם מעהר ניט געוואוסט. זיינע פיוטים ווערען געזאָגט אומעטום, אין איטאליען, דייטשלאנד, פוילען און רוסלאנד, אָבער ווען זיי זיינען פאר־פאסט געוואָרען, ווער און וואָס זייער פארפאסער איז געווען, האָט קיינער ניט געוואוסט.

מעהרערע געלעהרטע האָבען צווישען זיך געפיהרט א ליטעראַרישע מלחמה וועגען אלעזר הקליר, וואו און ווען ער איז געבאָרען געוואָרען. מאַנכע האָבען איהם געמאכט פאר אן איטאליענער, אנ־דערע פאר אן איינוואוינער פון בבל, ביז מען איז דאָך געקומען צו א שטיקעל פארגלייך, נעמליך, אז ער האָט געלעבט צום סוף פונ'ם זיבעטען יאָהרהונדערט אין ארץ ישראל און אז ער איז געווען א תלמיד פון ינאי.

אין איטאליען, מיט א טויזענד יאָהר צוריק, זיינען געווען עטליכע אידישע דיכטער. צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ קענ־נען מיר בלויז דערמאָנען דעם נאָמען פונ'ם דיכטער ש פ ט י ה, דער מחבר פון דער באוואוסטער דיכטונג (פזמון) „ישראל נושע בה' תשועת עולמים". וועלכע ווערט געזאָגט צו סליחות און צו נעילה.

זיין זוהן א מ ת י (אמיטאי) איז דער פארפאסער פון דער הארץ־רייסענ־דיגער תפילה „אזכרה אלהים ואהמיה" (געזאָגט צו נעילה). דער פאָטער און דער זוהן האָבען זייערע נעמען פאראיי־ביגט אין די אָנפאנגס־שורות פון זייערע שאפונגען.

אין דעם וואונדערבארען ספר „ספר יוחסין לר' אחימעץ", וועלכער איז גע־שריבען געוואָרען פון זייערען אן אייני־קעל און וועלכער איז, ביז מיט עטליכע צוואנציג יאָהר צוריק, געווען באהאלטען אין איין־איינציגער מיט דער האנד גע־שריבענער קאָפּיע, אין א קלויסטער אין שפּאַניען, זיינען דאָ זייערע אויספיהר־ליכע ביאָגראפיען. דאָ איז אָבער אויס־געמישט „וואהרהייט מיט דיכטונג" און עס ווערט דאָרט וועגען זיי דערצעהלט אזעלכע מעשיות פון שדים און ניט־גוטע, פונקט ווי פון היינטיגע חסידישע רבי'ס.

דער ערשטער אידישער דיכטער פון מצרים און אויך פון בבל, איז געווען ר ב ס ע ד י ה ג א ו ן (געשטאָרבען אין זיין פופציגסטען לעבענסיאָהר, אין יאָהר 942). קיין סך דיכטונגען זיינען פון איהם ניט באקאנט, אָבער זיין „תוכחה" (שטראָף־גערדיכט), וואָס באשטעהט פון צוויי און צוואנציג סטראָפען (לויט'ן אלף־בית, צו אכט שורות אין א סטראָף) באווייזט געניג, אז אחוץ זיינע גרויסע ידיעות אין תורה און פילאָזאָפיע, האָט ער אויך פארמאָגט דעם געטליכען פונק פון פּאָעזיע.

אויך אין דייטשלאנד, איבערהויפּט אין דער רהיין־געגענד, האָבען זיך מיט א ניין הונדערט יאָהר צוריק באוויזען עטליכע רעליגיעזע דיכטער. די וויכ־טיגסטע פון זיי זיינען געווען רבי שמעון בן־יצחק (באוואוסט אלס רבנו שמעון הגדול) און רבנו גרשם מאור הגולה, ביי־דע פון מאַינץ (מגנצא) ביים רהיין. זיי האָבען פארפאסט סליחות, פזמונים און פיוטים.

איצט קומען מיר צו א נייער פּעריאָ־דע, אין וועלכער די אידישע דיכטונג האָט אָנגענומען א גאַנץ אַנדער ריכטונג. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דאָס יודענטום אין שפּאַניען האָט אָנגעהויבען פון זיך ארויסצוגעבען דיכטער, וואָס האָ־בען, אחוץ רעליגיעזע פּאָעזיען, געשאפען אויך וועלטליכע זאכען.

שפּאַניען איז אין יענע צייטען, מיט אכט־ניין הונדערט יאָהר צוריק, געווען באהערשט פון די אראבער, וועלכע זיי־נען דאַמאלס געווען הויך־ענטוויקעלטע און קולטורעלע מענשען. איבערהויפּט האָבען די אראבישע פירסטען פון שפּאַ־

ניען, די מאָורען, געהאַלטען פאַר זייער נאָבעלסטע פליכט צו שטיצען און באַ־שיצען די אַראַבישע דיכטער און זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען. עס איז דאַ־מאָלס געווען „דאָס גאָלדענע צייטאַלטער" פאַר דער אַראַבישער פּאָעזיע.

דאָס האָט געהאַט אַ זעהר גרויסע ווירקונג אויף דער אידישער דיכט־קונסט. די אידען, אַלס פריינד פון די אַראַבער, האָבען דאַמאָלס אין שפּאַניען געהאַט גרויסע פרייהייטען און האָבען זיך פליי־סיג גענומען באַשעפטיגען מיט דער אַראַ־בישער ליטעראַטור. און אחוץ דעם, וואָס זיי האָבען אַליין געשריבען געדיכטען אין דער דאָזיגער שפּראַך און פון זיך אַרויס־געגעבען עטליכע גרויסע דיכטער אין אַראַביש, האָבען זיי אויך גענומען די רעגעלען און די מעטאָדען פון דער אַראַ־בישער דיכט־קונסט און זיי אָנגעהויבען אָנווענדען אין העברעאיש.

די ערשטע אידישע דיכטער, פון וועלכע מיר וויסען, אַז זיי האָבען זיך באַנוצט מיט'ן מעטרום (דאָס אַז יעדע שורה זאָל האָבען די זעלבע צאָהל זיל־בען, תנועות), זיינען געווען מנחם בן־סרוק און דונש בן־לברט. אויסער רעליגיעזע דיכטונגען, האָבען זיי זיך פיל באַשעפטיגט מיט דער העברע־אישער גראַמאַטיק.

די דאָזיגע ביידע דיכטער האָבען באַלד באַקומען אַ היבשע צאָהל תלמידים און נאָכפאָלגער, און זייט דאַמאָלס האָט זיך אין שפּאַניען אָנגעהויבען אַ גרויסע ליטעראַרישע טעטיגקייט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען עטליכע הונדערט יאָהר.

איינער פון די וויכטיגערע אידישע דיכטער אין שפּאַניען איז דאַמאָלס גע־ווען ר' שמואל הנגיד (דער פירסט). כאָטש ער איז געווען אַ מי־ניסטער אין קאָרדאָווא, האָט ער אָבער דאָך נאָך געפונען צייט זיך צו באַשעפ־טיגען מיט תלמוד'ישע שטודיען (ער האָט פאַרפאַסט אַ „מבוא" — אַן איינ־לייטונג צום תלמוד) און איבערהויפּט צו שרייבען געדיכטע. ער איז אויך גע־ווען דער ערשטער, וואָס האָט אין העב־רעאיש — נאָכ'ן אַראַבישען שטייגער — פאַרפאַסט טרינק־לידער און לידער וועגען „וויין, ווייב און געזאַנג". ער האָט אויך אָנגעשריבען צוויי גרויסע דיכטונגען „בן־תהילים" און „בן־שלמה", נאָכאַהמונגען אויף תהילים און משלי.

אָבער פיל גרעסער פון ר' שמואל הנגיד איז געווען זיין צייט־גענאָסע ר' שלמה בן־גבירול. ער איז געווען אַן אמת'ער דיכטער „פון גאָט'ס גענאַד", און זיינע צאָהלרייכע פּאָעזיען, רעליגיעזע אַזוי גוט ווי וועלטליכע, רופען נאָך היינט אַרויס אונזער ענציקונג און באַוואונדערונג.

אָט איז איינס פון זיינע מאָרגען־לידער:

שַׁחַר אֲבַקֶּשְׁךָ צוּרִי וּמִשְׂגַּבִּי,
אֶעֱרֹךְ לְפָנֶיךָ שַׁחְרִי וְגַם עַרְבִּי.
לִפְנֵי גְדֻלָּתְךָ אֶעֱמֹד וְאֶבָּהֵל,
כִּי עֵינְךָ תִרְאֶה כָּל מַחְשְׁבוֹת לִבִּי:
מַה־זֶּה אֲשֶׁר יוּכַל הַלֵּב וְהַלָּשׁוֹן
לַעֲשׂוֹת, וּמַה־כֹּחַ רוּחִי בְּתוֹךְ קִרְבִּי
הִנֵּה לְךָ תִּיטַב זִמְרַת אֱנוֹשׁ, עַל־כֵּן
אוֹדְךָ בְּעוֹד תִּהְיֶה נִשְׁמַת אֱלוֹהַּ בִּי!

בן־גבירול איז געווען א זעהר פראָדוקטיווער דיכטער אויף אלע ליטעראַרישע געביטען. פון זיינע וויכטיגסטע געדיכטען איז „כתר מלכות" (ווערט יעדעם יאָהר געזאָגט אום יום כפור). אין דעם דאָזיגען וואונדערבארען געדיכט ברענגט ער אלע פריהערדיגע פילאָזאָפישע שיטות (סיסטעמען) וועגען גאָטהייט און וועגען דער באשאפונג פון דער וועלט.

עס זיינען אין יענע צייטען געווען נאָך אנדערע וויכטיגע דיכטער, ווי אשטייגער, ר' משה הכהן גקטילה פון קאָרדאָווא, רבנו בחיי בן־יוסף פון סאַראגאָסא, דער באריהמטער פארפאסער פונ'ם פילאָזאָפיש - מאָראלישען ספר „חובות הלבבות", רבי יצחק בן־גיאת פון קאָרדאָווא, ר' יצחק בן־ראובן פון בארצעלאָנא און נאָך אנדערע.

א זעהר אָנגעזעהענער דיכטער אין דער צייט פונ'ם עלפטען יאָהרהונדערט איז געווען ר' מ ש ה ב ן ־ י ע ק ב, פון דער באריהמטער משפחה בן־עזרא, ער האָט געלעבט אין גראנאדא, שפאַניען. אויסער רעליגיעזע פאָעזיען, וועלכע זיינען נאָך היינט דא אין פארשיידענע האנדשריפטליכע און געדרוקטע מחזורים, האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבען מיט וועלטליכע געדיכטע און, לויט'ן אראבישען שטייגער פון יענער צייט, האָט ער זיינע פריוואטע בריף צו זיינע פריינד אויך געשריבען אין א פאָעטישער פאָרם.

צי זיינע ברידער, ר' יהודה, ר' יצחק און ר' יוסף, זיינען אויך געווען דיכטער, וויים מען נים, אבער לויט זיינע פאָעטישע בריף צו זיי קאָן מען אָננעהמען, אז זיי זיינען אויך געווען דיכטער, הגם זיי האָבען קיין ווערק נים איבערגעלאָזט.

דער גרעסטער אידישער דיכטער פון אלע צייטען און אלע לענדער איז געווען ר' י ה ו ד ה ה ל ו י.

וועגען זיין וויכטיגקייט אלס אידישער פילאָזאָף און וועגען זיין באריהמטען ספר „הכוזרי" האָבען מיר געשריבען אין אונזער ארטיקעל „אידישע פילאָזאָפען„ אינ'ם „אלמאנאך" פון לעצטען יאָהר. דאָרט האָבען מיר אויך געגעבען א קורצען איבערבליק איבער זיינע לעבענס־פאסירונגען.

ר' יהודה הלוי איז געווען זעהר א פראָדוקטיווער דיכטער. עס זיינען דא זיינע איבער דריי הונדערט פארשיידענע רעליגיעזע און וועלטליכע דיכטונגען. אלע זיינען מייסטערווערק און טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון א גרויסען דיכטער.

ער איז געווען אן אמת'ער ליבהאָבער פון זיין פאָלק און פון זיין פארלאָרענעם לאנד און פילע פון זיינע שירים אָטעמען מיט ליבשאפט און בענקעניש נאָך ציון.

מיר מוזען דא דערמאָנען זיין באריהמטעם געדיכט „ציון, הלא תשאלי"; מיר גיבען דא אויך כאָטש איינס פון זיינע אונשטערבליכע ציון־לידער.

בְּהְיוֹתוֹ בַּדֶּרֶךְ צִיּוֹנָה

יְפֵה נוֹף, מְשׂוֹשׂ תֵּבֵל, קִרְיָה לְמֶלֶךְ רָב!
לָךְ נִכְסְפָה נַפְשִׁי מִפַּאֲתֵי מַעֲרָב,
הֲמוֹן רַחֲמַי נִכְמָר כִּי אֶזְכְּרָה קֶדֶם:
כְּבוֹדֵךְ אֲשֶׁר גָּלָה, וְנָוֵךְ אֲשֶׁר חָרֵב

וּמִי יִתְּנֵנִי עַל־ — כַּנְפֵי נְשָׁרִים עַד
אֲרַוֶּה בְדִמְעָתִי — עֲפָרֵךְ וְיִתְעָרָב!
דְּרַשְׁתִּיךְ ואם – מַלְכֵּךְ — אֵין בָּךְ, וְאִם בִּמְקוֹם
צֳרִי גִלְעָדֵךְ נָחָשׁ — שָׂרָף וְגַם עַקְרָב –
הֲלֹא אֶת־אֲבָנַיִךְ — אֲחוֹנֵן וְאֶשָּׁקֵם,
וְטַעַם רְגָבַיִךְ — לְפִי מִדְּבַשׁ יֶעֱרָב!

ווידער מוזען מיר פארבייגעהן א צאהל אידישע שפאנישע דיכטער און בלויז דערמאנען די נעמען פון עטליכע פון זיי: ר׳ יהודה בן־יצחק בן־גיאת, ר׳ יוסף בן־צדיק פון קארדאווא, ר׳ דוד בן־בקודה און ר׳ חייא בן־אלדאודאי. זיי האבען ניט פיעל געשאפען, אבער זייער ארבייט איז געווען שעהן און געשמאקפול.

א זעהר אינטערעסאנטע פערזענליכקייט איז געווען דער באריהמטער ר׳ א ב ר ה ם ב ן ־ ע ז ר א (באוואוסט אלס „אבן־עזרא“). ער איז געווען א מענש מיט א סך קענטנישען און גרויסע פעהיגקייטען. ער האט זיך באריהמט געמאכט אלס קאמענטאטאר (מפרש) פון דעם תנ״ך, אלס פילאזאף, קריטיקער, אסטראנאם, אסטראלאג, מאטעמאטיקער, און אויך אלס גרויסער דיכטער.

ער האט געשריבען מעהרערע גרעסערע און קלענערע ספרים, פון וועלכע א היבש ביסעל איז שוין געדרוקט.

ער איז געווען א געבארענער וואנדערער און זיין „וואנדער־לוסט“ האט איהם געטריבען פון לאנד צו לאנד און פון איין וועלט־טייל צום צווייטען. אומעטום האט ער געשלאסען באקאנטשאפט און פריינדשאפט מיט די גרעסטע אידישע געלעהרטע און האט מיט זיי אנגעפיהרט א פאעטישע קארעספאנדענץ.

ער האט אנגעשריבען א היבש ביסעל געדיכטע, פון וועלכע פילע זיינען געדרוקט אין צייטשריפטען און אין א זאמלונג.

אבן־עזרא איז זיין גאנצען לעבען געווען אן ארעמאן און האט שטענדיג געלעבט פון פרעמדער הילף, אבער זייענדיג „א לוסטיגער קבצן“, פלעגט ער אין זייגע געדיכטע פון זיך אליין חוזק מאכען און מיט וואונדערבארען הומאר באקלאגען זיין טרויעריגען שיקזאל.

דער ערשטער קרייץ־צוג, פונ׳ם יאהר 1096, ווען די אייראפעאישע קריסטליכע פעלקער האבען זיך אוועקגעלאזט מלחמה האלטען מיט די אראבער כדי ביי זיי אוועקצונעהמען ארץ ישראל און דעם קבר פון זייער גאט, האט אין די אידישע קהלות פון פראנקרייך און אייבערהויפט פון דייטשלאנד אנגעמאכט שרעקליכע חורבנות. צעהנדליגע טויזענדער אידען זיינען אויסגע׳הרג׳עט געווארען און זעהר פיעל פון זיי — אפט גאנצע קהלות — זיינען אומגעקומען אויף „קידוש השם“. זיי האבען זיך אליין גענומען דאס לעבען, כדי זיך ניט צו שמד׳ן.

די קרייץ־צוגען האבען געגעבען גענוג מאטעריאל פאר די אידישע דיכטער אין דייטשלאנד. פון יענע צייטען שטאמען כמעט אונזערע אלע קינות און סליחות. אין די אלע קלאג־ און טרויערלידער און תחינות הערען מיר בלויז דעם גרונד־טאן פון צואוועהטאגטע, פארביטערטע און אונטערדריקטע נשמות. און אויב זיי זיינען ניט לויט דעם גוסט פון

דער איצטיגער צייט, אָדער אונזער עס־טעטישעס געפיהל ווערט אָפּט באליידיגט פון די שאַרפע ווערטער און נקמה־באַ־געהרען (די קריסטליכע און משומד'ישע צענזאָרען פון אַלע צייטען און לענדער האָ־בען געשניטען און געמעקט אין פילע פון אונזערע סליחות און קינות); טאָרען מיר אָבער ניט פאַרגעסען, אין וואָסער טרויעריגער לאַגע עס האָבען זיך געפו־נען די דאַמאָלסדיגע אידישע דיכטער און אַז דאָס געפיהל פון נקמה איז גע־ווען מענשליך.

אויך פאַר די אידען אין שפּאַניען זיינען די צייטען וואָס אַמאָל ערגער גע־וואָרען. וואָס שוואַכער די אראבער זיי־נען דאָרט געוואָרען, אַלץ מעהר האָבען די אידען געליטען. דאָס פאַרשטאַרקטע קריסטענטום האָט געהאַלטען אין איין אונטערדריקען דאָס פיעל שוואַכערע יו־דענטום. עס זיינען אָפט פאָרגעקומען גזירות־שמד, אַ חוץ אַנדערע אונטערדרי־קונגען. און די אידישע דיכטער האָבען מעהר ניט געקענט זינגען קיין פרעהליכע לידער. פון יענער צייט אָן האָבען מיר וואָס אַמאָל אַלץ מעהר תחינות, סליחות און קינות, אויפ'ן דייטשען שטייגער, כאָטש מיט מעהר עלעגאַנץ און פיינערע פּאָעטישע אויסדרוקען. לוסטיגע לידער זיינען זיי מעהר ניט געלעגען אין קאָפּ.

אָט דעם סענטימענט האָט אַם בעס־טען אויסגעדריקט אין עטליכע שורות אַ שפּעטערדיגער דיכטער, פון'ם דרייצעהנ־טען יאָהרהונדערט, ר' שם טוב בן־יוסף פלקירה:

לְשִׂמְחָה מַה־זֹּה עֹשָׂה?

הֲיִשְׂמַח הַיְּהוּדִי הָאֻמְלָל?
וְאִם הַיּוֹם יְהִי עָשְׁרוֹ כְּחוֹל יָם —
וּמָה — יִצְדַּק יְלוּד יַעֲקֹב וְיִזְכֶּה,
וְאֵיךְ יָרוּם לְרֹאשׁוֹ יִשְׂרָאֵל,
אֱלֹהִים, עַמְּךָ הוֹשַׁע, אֲשֶׁר אָז

וְחֶלְקוֹ בֵּין בְּנֵי־אָדָם מְקֻלָּל!
לְמָחָר יַהֲלוֹךְ עָרוֹם וְשׁוֹלָל.
בְּעוֹד אוֹיְבוֹ יְרִינֵהוּ וּפִלֵּל?
וְהִנֵּה הוּא בְּדַם מַכּוֹת מְגוֹלָל?
תְּקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ הַמְּהֻלָּל!

אָן אויסנאַהם פון די טרויעריגע שפּאַנישע אידישע דיכטער איז געווען ר' יהודא חריזי (געלעבט אין צוועלפטען יאָהרהונדערט). אזוי ווי דער אבן־עזרא, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ שטאַרקע וואַנדער־לוסט. ער איז געווען אומעטום און ער האָט אין זיין פּראַכט־פולען ספר „תחכמוני" (עטליכע מאָל גע־דרוקט) אין אַ פּאָעטישער שפּראַך באַ־שריבען זיינע רייזען און אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען. מיר געפינען דאָרט אַ היבש ביסעל לידער וועגען „ווייב, וויין און גע־זאַנג".

אלס אַ ביישפּיל, גיבען מיר דאָ זיינס אַ קליין לידעל, וואָס ער האָט אָנגעשרי־בען וועגען — אַ פלוי.

עַל הַפַּרְעֹשׁ

לִבִּי לְפַרְעֹשׁ, חִלֵּל יְצוּעִי
לֹא אֶשְׁקְטָה עַד־אָשִׁיב גְּמֻלוֹ,
מוֹעֵד וְשַׁבָּת לֹא־יַעַצְרֵנִי
אָמְרוּ חֲבֵרַי: הֵן הַחֲכָמִים
וְאוֹמְרָה: הֵם אָמְרוּ תְּחִלָּה

וְּרוֹת בִּדְמֵי כָּל־תַּעֲנוּגוֹ,
וּבְיַד עֲוֹנוֹ כַּיּוֹם אֲמוּגוֹ,
לַהֲפוֹךְ לְאֵבֶל חָדְשׁוֹ וְחַגּוֹ:
אָסְרוּ בְּיוֹם הַשַּׁבָּת לְהָרְגוֹ?
„הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ"!

עס זיינען נאָך פאראן א גאנץ היבשע צאָהל אידישע דיכטער, וועלכע וואָלטען דאָ געדאַרפט דערמאָנט ווערען. דער פּלאַץ איז אָבער באשרענקט.

איינער פון די לעצטע גרויסע אידישע דיכטער (אין איטאַליען), איז געוועז ר' עמנואל פון רוים. ער איז דאָרט געבאָרען געוואָרען, ארום דעם יאָהר 1270 און איז געשטאָרבען אין'ם יאָהר 1330.

ער האָט געשטאַמט פון א גרויסער משפחה און אין זיינע אינגערע יאָהרען איז ער געוועזן דער פיהרער פון דער קהלה אין רוים. ער האָט געשריבען עטליכע ספרים וועגען דקדוק און פירושים אויף תנ"ך. אָבער זיין הויפּט־ווערק איז א זאמלונג שירים, א דאנק וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבען אן אונשטערבליכען נאָמען. ער איז געוועזן א פערזענליכער פריינד פון דעם וועלט־בארי‍המטען איטאליענישען דיכטער דאנטע (וועמענס באשרייבונגען פון גיהנם און גן עדן ער האָט אימיטירט אין זיין „מחברת התופת והעדן").

מאנכע פון זיינע געדיכטע האָבען צוליב זייער פרעהליכען און סאַטירישען טאָן, ארויסגערופען דעם צאָרן פון די פרומע רבנים און זיי האָבען פארבאָטען צו לעזען זיין ספר „מחברות עמנואל".

אלס א ביישפּיל פון זיין סאַטירישען טאָן גיבען מיר דאָ זיינס א געדיכט וועגען א אידישען קנעכט, וועמען זיין בעל הבית קען קיין מאָל ניט צופרידען שטעלען און אנשטאָט א קנעכט וויל ער גאָר זיין א הערשער.

עֶבֶד עִבְרִי

כָּל־הַקּוֹנֶה עֶבֶד עִבְרִי,
נָתַתִּי אֶל עַבְדִּי זֶרֶת
אָמַרְתִּי: סוּרָה וּשְׁבָה־פֹּה —
אָמַרְתִּי: אָכְלָה מִצֵּידִי —
אָמַרְתִּי: לִין — בִּקֵּשׁ חָצֵר,
אֹכִילֵהוּ פַּת, אַשְׁקֵנוּ
הִלְבַּשְׁתִּיהוּ אֵפוֹד וּמְעִיל —
לָכֵן אָרִים קוֹל כַּשּׁוֹפָר,
לִקְנוֹת עִם הָעֶבֶד — מֵקֵל

קוֹנֶה אָדוֹן לוֹ בִּגְבוּלָיו.
בִּקֵּשׁ אַמָּה לוֹ בְּמִשְׁלָיו,
בִּקֵּשׁ כַּר לָשֶׁבֶת עָלָיו,
בִּקֵּשׁ לִשְׁתּוֹת עִם טוֹב מִלָּיו,
בַּרְזֶל וּנְחֹשֶׁת מִנְּעָלָיו,
יֵין רִקְחִי — בִּקֵּשׁ מָן וּשְׂלָיו,
בִּקֵּשׁ רִמּוֹנִים עַל־שׁוּלָיו —
מִטַּעַם מֶלֶךְ וּגְדֹלָיו:
וּרְצוּעָה לִפְרִי מַעֲלָלָיו.

וועגען אנדערע העברעאישע דיכטער, אין שפּעטערע צייטען, וועלען מיר שרייבען ביי אן אנדער געלעגענהייט.

אונזער קליינע ענציקלאפעדיע

(אויסגעבעסערט און פארגרעסערט)

צוזאמענגעשטעלט און ערקלערט

פון ל. לאקסאן.

א.

אקאדעמיע (גריכיש). — אין אנהויב האט עס באדייט דער וועלדעל פון פלאטאנ'ס שילער אקאדעמ (427—347 פאר קריסטוס), וואו ער פלעגט פארזאמלען די אנהענגער פון זיין לעהרע. דערנאך האט מען מיט'ן נאמען אקאדעמ גענומען באצייכענען די שוהלע פון פלאטאנ'ס פילאזאפיע בכלל. היינט ווערט מיט דעם באצייכענט א שוהלע פון וויסענשאפטען, א פאראיין פון געלעהרטע.

אקסיאמא. — א זעלבסטפארשטענדליכער אמת, וואס דארף ניט קיין באוויז.

אטאם. — דאס ווארט שטאמט פון צוויי גריכישע ווערטער: „א" — ניט, און „טאמ'ען" — צעברעכען, ס'הייסט, א זאך, וואס קאן ניט געטיילט ווערען, וואס קאן ניט צושפאלטען ווערען. אין פיזיקע ווערט מיט דעם ווארט באצייכענט דער קלענסטער טייל פון מאטעריע, וואס קאן שוין ווייטער ניט געטיילט ווערען. צום ביישפיל: דער קלענסטער טראפען וואסער איז נאך אלץ וואסער. דעם דאזיגען קליינעם טראפען קאן מען צוטיילען אויף מיליאנען נאך קלענערע חלקים און עס איז נאך אלץ וואסער. אבער אין פראצעס פון פאנאנדערטיילען דעם טראפען קאן מען קומען צו אזא מאמענט, ווען דאס וואסער פאלט פאנאנדער אויף די גאזען, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט געווארען. דאן האבען מיר שוין ניט קיין אטאם פון וואסער, נאר עטליכע אטאמען פון פארשיידענע גאזען, וואס בילדען וואסער נאר דאן, ווען זיי פאראייניגען זיך. אטאם איז, אלזא, דער קלענסטער טייל פון מאטעריע, וואס ווי קליין ער זאל ניט זיין, איז ער נאך אלץ די מאטעריע און וואס וועט אויפהערען צו זיין די באשטימטע מאטעריע און פארוואנדעלט ווערען אין עפעס אנדערש, ווען ער זאל צושפאלטען ווערען.

אוירעליוס מארקוס. א רוימישער אימפעראטאר, געבארען אין יאהר 121 לויט דער קריסטליכער צייטרעכענונג, געקעניגט פון דעם יאהר 161 ביז דעם יאהר 180, וואס איז געווען דער יאהר פון זיין טויט. זיין פעטער, אנטאנינוס דער מילדער, האט איהם אדאפטירט, כדי איהם איבערצוגעבען דעם רוימישען טראן. לויט'ן בארוף איז אוירעליוס געווען א פילאזאף, א סטאיקער, זיין הערשאפט איז געווען לויטער טוגענד. ער האט דער ערשטער ארויסגעזאגט דאס גרויסע ווארט „קאסמאפאליט". „דו, אלס מענש" — זאגט ער אין איינעם פון זיינע ווערק, — „ביזט א בירגער פון דער גאנצער וועלט, דו ביזט א קאסמאפאליט". ער האט פיינד געהאט קריסטען און האט זיי רודף געווען.

אלעקסאנדער מוקדון. — דער גרעסטער עראבערער פון אלטערטום, געבארען אין יאהר 358 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, געשטארבען אין יאהר 326. צו צוואנציג יאהר איז ער געווארען דער הערשער פון מאקעדאניען, האט געקעניגט 12 יאהר מיט 2 חדשים. ער האט איינגענומען קליין אזיען, מצרים, וואו ער האט געגרינדעט די שטאדט אלעקסאנדריען, פאלעסטינא, פערסיען און א טייל אינדיען — די גאנצע וועלט, וואס איז געווען באוואוסט אין יענער צייט. ער איז געווען א תלמיד פון גרויסען גריכישען פילאזאף אריסטאטעל. דריי יאהר האט ער זיך אפגעגעבען מיט העכערע וויסענשאפטען און האט איינגעפלאנצט אין זיין נשמה אזוי פיל אכטונג און ליבע פאר וויסען און בילדונג, אז אפילו אין זיין פעלד־געצעלט פלעגט ער זיין ארומגערינגעלט מיט געלעהרטע און פלעגט לייענען די ווערק פון די גרויסע גריכישע דיכטער. ער איז געווען א אידען־פריינד.

אפאסטל. — א שליח, א לעהרער פון א גייסטיגער באקענונג, ווי פון א רעלי־

גיע: ספעציעל די ערשטע 12 לעהרער
פון דער קריסטליכער רעליגיע, וואס זוי־
נען געשיקט געווארען פון קריסטוס'ן
צו פארשפרייטען דעם קריסטענטום.

אלימפוס. — דער בארג אלימפוס, וואו עס
האבען, לויט דעם גלויבען פון די אמא־
ליגע גריכען, זיך געפונען זייערע 12
הויפט־געטער.

אטראפירען. — אפדארען, אפצעהרען, מאכען
געלעהמט.

אטעאיזם. — דאס לייקענען אין גאט.

אנאלאגיע — עהנליכקייט, גלייכפארמיג־
קייט.

אדאניס. — 1) דער מיטאלאגישער ליבהא־
בער פון דער געטין ווענוס; 2) א יונ־
גער שעהנער מאן.

אנקעטע. — א שריפטליכע אנפראגע.

אנימיזם. — דער גלויבען אין דער עקזיס־
טענץ פון גייסטער; דער גלויבען אין א
גייסטיגער וועלט; דער גלויבען אין דער
זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ פון א
נשמה; דער גלויבען אין ספיריטיזם.

אבסטראקט. — אן אבסטראקט, וואס לאזט
זיך משיג זיין נאר מיט'ן שכל; א בא־
גריף זאך; צום ביישפיל: א קאליר אהן
א זאך אדער א קערפער אהן א מאסע קאן
מען דענקען נאר אויף אן אבסטראקטען
אופן; ס'הייסט, אפזונדערען אין געדאנ־
קען דאס, וואס איז אין דער ווירקליכ־
קייט צונויפגעגאסען מיט עפעס וואס
אנדערש און קאן באזונדער ניט עקזיס־
טירען; אפקירצונג פון א ווערק; דער
אינהאלט פון א ווערק.

אנטראפאלאגיע. — די לעהרע וועגען דעם
מענשען בכלל, ווי בנוגע צום קערפער,
אזוי אויך בנוגע צו דער נשמה; די אנ־
טראפאלאגיע באשעפטיגט זיך אויך מיט
דער אויספארשונג פון מענשליכע ראסען
אין פארבינדונג מיט זייער קולטורעלער
ענטוויקלונג און וועגען דעם, וואסער
ארט דער מענש פארנעמט אין דער נאטור.

אביעקט. — א געגענשטאנד, א זאך; א ציל,
א צוועק.

אימאראליזם. — די אפלייקענונג פון מא־
ראל. אימאראליזם ווערט אנגערופען
ניטשע'ס לעהרע

אינדיווידואום, אינדיוויד.—א באזונדערס,
אומטיילבארס וועזען; א באזונדערע
פערזענליכקייט; א יחיד.

אליגארכיע. — א מלוכה־ארדנונג, ביי וועל־
כער די העכערע מאכט געפינט זיך אין
די הענט פון עטליכע אריסטאקראטען.

אגורן. — די פריסטער אין אלטען רוים, וואס
פלעגען פאראויסזאגען די צוקונפט לויט
דעם ווי די פויגעל פליהען און זינגען
און נאך די אינגעווייד פון די שאף,
וואס מען פלעגט מקריב זיין.

ארעאל. — גלאנץ, שטראהלונג, וואס ווערט
געצייכענט ארום די פנים'ער פון די
הייליגע.

אינטעלעקט. — דער פארשטאנד, די אור־
טיילסקראפט, דער גייסט.

אידענטיפיצירען. — ערקלערען פאר איינס
און דאס זעלביגע.

אינטענסיוויטעט. — שטארקייט, אנגע־
שטרענגקייט, אן אימפעט.

אימפעראטיוו. — באפעהלענד, בינדענד, וואס
איז א מוז. אין גראמאטיק—דער אימ־
פעראטיוו אדער די באפעהלס־פארמע, די
פארמע פון ווערטער, וואס דריקען אוים
א באפעהל, ווי למשל: געה, שטעה,
שרייב, א. ד. גל. אין פילאזאפיע—אן
אינערליכער באפעהל, א געוויסענס־בא־
פעהל.

אוטאפיע. — א פאנטאזיע, א פאנטאסטישער
אידעאל, וואס קאן ניט פארווירקליכט
ווערען.

איראציאנאל. — ניט פארנינפטיג, קעגען
דעם שכל, אונלאגיש, אבסורד, זינלאז.

אביעקטיוויזם. — די שילדערונג פון א זאך
ווי זי איז, ניט רעכענענדיג זיך מיט די
אייגענע סימפאטיען און אנטיפאטיען;
אין דער פילאזאפיע — די ריכטונג, וועלכע
האלט, אז דאס אמת'ע וויסען קאן זיך
באקומען נאר אויפ'ן גרונד פון די
וואהרנעמונגען פון אונזערע חושים און
ניט אויפ'ן גרונד פון ספעקולאטיווען
דענקען.

אפריארי. — א מיינונג, וואס איז ניט בא־
גרינדעט מיט פאקטען, נאר דער שכל איז
מחייב, אז עס איז אזוי.

אפריארער מעטאד. — די אויספארשונג פון
דעם אמת אונאפהענגיג פון דער ער־
פאהרונג.

אנטראפאצענטריזם. — די אנשויאונג, אז
די וועלט עקזיסטירט נאר צוליב די אינ־
טערעסען פון דעם מענשען, אז דער מענש
איז דער צענטראלער פונקט פון דעם בא־
שאף, פון דער גאנצער בריאה

אריער. — איינער, וואָס געהערט צו דעם אינדאָ־גערמאַנישען שפּראַכשטאַם.

אסקעטיזם. — די לעהרע און דאָס לעבען פון אַסקעטען, פון נזירים, וועלכע פּרעדיגען, אַז מען דאַרף זיך אָפּשיידען פון אַלע וועלטליכע תאוות און פאַרגעניגענס.

אַטריבוט. — כאַראַקטעריסטישער צייכען, גרונד־אייגענשאַפט; קען־צייכען.

אַלטרואיזם. — מענשענליבע אָהן אייגענ־נוצען, אַלס געגענזאַץ צו עגאָאיזם.

אידעאַלאָגיע. — די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון אידעען.

אידעאַלאָג. — איינער, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט אידעען אָדער אידעאַלען, וועלכע האָבען ניט קיין ווירקליכען ווערט; איינער וועלכער בויט אַן אידעאַלען פּלאַן פון צוקונפטיגען לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאַקטען פון לעבען, אויף וויפיל זיי גיבען אַ מעגליכקייט צו פאַרווירקליכען אַזאַ פּלאַן; אַן אַנהענגער פון דער אידעאַלאָגישער לעהרע.

ב.

ביאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען לעבען און לעבעדיגע וועזענס.

בערטעלאָ. — אַ באַריהמטער פראַנצויזישער כעמיקער. געב. אין 1827.

בייקאָן. — פרענסיס בייקאָן, אַ באַריהמטער ענגלישער פילאָזאָף, געב. אין 1561.

ביזאַנץ. — די ביזאַנטישע אימפּעריע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 395, בעת טהעאָדאָסיוס דער גרויסער האָט צוטיילט די רוימישע אימפּעריע צווישען זיינע זין. מיט דער עראָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך דעם סולטאַן מאַהמעד דער 2טער אין 1453 איז געמאַכט געוואָרען אַ סוף פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע.

ברונאָ, דזשיאָרדאַנאָ. — פילאָזאָף, מאָנאַך, געבאָרען אין 1548 אין נאָלא, איטאַליען, האָט געמוזט אַנטלויפען אין אויסלאַנד, ווייל זיינע רעליגיעזע אַנשויאונגען זיינען געווען אין געגענזאַץ צו דער לעהרע פון דער הערשענדער קירך. ער האָט פאַרבראַכט אַ נע ונד לעבען אין שווייץ, פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אין 1592 קומט ער צוריק אין איטאַליען, ער ווערט אַרעסטירט און פאַרברענגט אין געפענגניס אַרום אַכט יאָהר. דעם 17טען פעברואר, 1600, איז ער לעבעדיגערהייט פאַרברענט געוואָרען אויפ'ן פלאַקער פייער אין רוים ,אַלס אפּיקורס. ער האָט אָנגעשריבען עטליכע פילאָזאָפישע ווערק, סאָנעטען און סאַטירישע דיאַלאָגען. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע גייסטער פון דער רענעסאַנס עפּאָכע.

באָרדזשיאַ, צעזאַר. — צעזאַר באָרדזשיאַ הערצאָג וואַלענטינואַ, קאַרדינאַל פון וואַלענסי, דער זוהן פון דעם פּאַפּסט אַלעקסאַנדער דעם 6טען (ראָדעריגא באָרדזשיאַ), געבאָרען אין רוים אין יאָהר 1474, האָט באַקומען אַ גלענצענדע קלאַסישע בילדונג. שטרעבענדיג צו דער אומבאַגרענצטער מאַכט איבער ראָמאַניען, האָט ער אָפּגעטאָן אַזעלכע רציחות, וואָס האָבען אפשר קיין גלייכען ניט אין דער וועלט געשיכטע. ער האָט אָנגעשטעלט מערדער, וואָס האָבען צוגעהרג'עט זיין לייבליכען ברודער, ער האָט פאַר'סם'ט זיין קאַזין קאַרדינאַל יאָהאַן, האָט דערשטיקט זיין שוואָגער און דערשטאָכען זיין פאַטער'ס בעסטען פריינד, פאַר'ן פאַטער אין די אויגען. ער איז געפאַלען אין שלאַכט ביי דער באַלאַגערונג פון וויאַנאַ.

ג.

גוטענבערג, יאָהאַן. — ערפינדער פון בוכדרוקעריי, דער ערשטער, וואָס האָט געשניטען אין הארטען האָלץ איינצעלנע בוכשטאַבען און דערנאָך זיי צוזאַמענגעשטעלט אין ווערטער. אין 1457 האָט גוטענבערג און זיין שותף פוסט אַרויסגעגעבען גאַנץ תהילים אויף לאַטיין, געדרוקט פון איינצעלנע בוכשטאַבען, דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם גרעסטען פּראָגרעס פון דער מענשהייט. ער איז געבוירען געוואָרען אין מאַינץ, ביים רהיין, געשטאָרבען דעם 24טען פעברואר, 1468.

גאַלילעי, גאַלילעאָ. — באַריהמטער מעכאַניקער, מאַטעמאַטיקער און פיזיקער, געבוירען אין פּיזאַ, איטאַליען, אין יאָהר 1564, געשטאָרבען אין יאָהר 1642. אין יאָהר 1611 האָט ער באַקאַנט געמאַכט זיין גרויסע טעאָריע, אַז די ערד איז אַ פּלאַנעט, און פונקט אַזוי ווי די אַנדערע

פלאַנעטען, דרעהט זי זיך אַרום דער זון
לויט באַשטימטע געזעצען. דאָס איז גע־
וועזען געגען די הערשענדע אנשויאונגען
פון דער קירך, האָט מען איהם אַרע־
סטירט און געפּייניגט, אום ער זאָל זיך
אָפּזאָגען פון זיין טעאָריע. עס ווערט
באַהויפּטעט, אַז בעת מען האָט איהם גע־
פּייניגט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין
איבערצייגונג, אָבער ווי נאָר מען האָט
איהם אָפּגעלאָזט, האָט ער אויסגערופען:
„די ערד דרעהט זיך דאָך!" אויסער
דעם האָט ער אנטדעקט אַ סך אַנדערע פי־
זישע געזעצען.

גליקזעליגקייט. — דאָס העכסטע גליק. איינע
פון די אַכט גליקזעליגקייט ברכות, וואָס
קריסטוס האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין
דרשה אויפ'ן באַרג.

גנאָסטיק. — אַ מיטגליד פון אַ קריסטליכער
סעקטע פון די ערשטע יאָהרהונדערטע
נאָך קריסטוס'עס געבורט, וועלכע האָט
געלערענט, אַז ניט דאָס גלויבען פיהרט
צום אמת'ן גליק, נאָר דאָס וויסען און
קענטניס. די גנאָסטיקער האָבען גע־
שטרעבט צו פאַראייניגען די לעהרען פון
דער קריסטליכער קירך מיט דער גרי־
כיש־רוימישער פילאָזאָפיע.

גנאָסטיציזם. — די רעליגיע און פילאָזאָ־
פיע פון די גנאָסטיקער.

גראַקכי (די ברידער).

טיווריוס סעמפּראָניוס גראַקכי. — גע־
באָרען אין יאָהר 163 פאַר דער קריסט־
ליכער צייטרעכנונג, ערמאָרדעט געוואָ־
רען אין יאָהר 133; זיין ברודער —
גאַיוס סעמפּראָניוס — געבאָרען אין
יאָהר 153, האָט זיך גענומען דאָס לע־
בען אין יאָהר 121. אַלס אויסערוועהל־
טע פאָרשטעהער פון רוימישען פאָלק
האָבען זיי אָנגעווענדעט גאָר זייערע
קרעפטען דורכצופיהרען פאַרשיידענע
געזעצען מיט'ן ציעל אָפּצושאַפען אָרימ־
קייט, דערמיט האָבען זיי אַרויסגערו־
פען דעם צאָרן פון דער רוימישער אַריס־
טאָקראַטיע, דערהויפּט פון די גרויסע
לאַנד־באַזיצער. זיי האָבען אויך גע־
קעמפט קעגען סענאַט, וואָס איז אַלע
מאָל געווען אויף דער זייט פון די רייי־
כע. אין סאַמע קריטישען מאָמענט האָט
דער המון, פאַר וועלכען זיי האָבען זיי־
ערע לעבענס איינגעשטעלט, זיי פאַרלאַ־
זען, און זיי זיינען אומגעקומען אין
קאַמף מיט דער רוימישער אַריסטאָקראַ־
טיע.

ד.

דזשאָרדזש, הענרי. — דער פאָטער פון דער
„סינגעל טעקס" באַוועגונג, געבוירען
אין פילאַדעלפיא דעם 2טען סעפּטעמבער,
1839. אין דער יוגענד געווען אַ פּרינ־
טער. דער פונדאַמענטאַלער געדאַנק פון
הענרי דזשאָרדזש לעהרע איז, אַז יעדער
מענש האָט אַ גלייכע רעכט זיך צו באַנו־
צען מיט לאַנד, אַז דער באָדען קען צו
קיינעם ניט געהערען. הגם דיזער געדאַנק
איז ניט קיין נייער, האָט איהם אָבער
הענרי דזשאָרדזש ענטוויקעלט אַזוי קלאָר
און גרינדליך, אַז דער געדאַנק האָט גע־
שאַפען אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך
דאָ גערופען „די סינגעל טעקס באַוועג־
גונג". אין 1886 איז ה. דזשאָרדזש נאָ־
מינירט געוואָרען פאַר מעיאָר אין ניו
יאָרק און האָט געקראָגען 68 טויזענט
שטימען געגען די 90 טויזענט שטימען
פון ביידע פאַראייניגטע פּאַרטייען. ער
איז געשטאָרבען דעם 29טען אָקטאָבער,
1897.

דאָגמאַ, דאָגמאַט. — אַ גרונד־פּרינציפּ פון
רעליגיע; אַ פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ;
אַן אָנגענומענער לעהר־זאַץ פון אַן אָטאָ־
ריטעט אָהן אַליין עס צו קאָנען באַוויי־
זען אָדער באַגרינדען (ווי ביי אידען
הלכה למשה מסיני).

דידראָ. — אַ באַריהמטער פראַנצויזישער גע־
לעהרטער (ענציקלאָפּעדיסט) 1713 —
1784.

דיפערענצירען. — מאַכען אַן אונטערשייד;
ווערען פאַרשידען; געפינען דעם אונ־
טערשייד.

דעטערמיניזם. — די לעהרע, לויט וועלכער
דער מענשליכער ווילען און אַלע זיינע
אַנטפלעקונגען איז באַשטימט פון אור־
זאַכען, אינערליכע און אויסערליכע.
פאָלגליך, אַז דער דעטערמיניזם לייקענט
אָפּ די פרייהייט פון ווילען.

דואַליזם. — צווייהייט; די פילאָזאָפישע
סיסטעמע, וואָס אַנערקענט אין דער וועלט
צוויי התחלות; למשל, גייסט און מאַ־
טעריע, גוטס און שלעכטס. פּאָליטישער
דואַליזם, — אַ רעגירונגס סיסטעמע,
וואו צוויי לענדער זיינען פאַראייניגט

דורך איין הויפט, אבער ווערען רע־
גירט פון זעלבסטשטענדיגע פארלאמענ־
טען און רעגירונגען, ווי ניט לאנג צו־
ריק עסטרייך־אונגארן.

דעאיזם. — א רעליגיאנס לעהרע, וואס
אנערקענט גאט פאר דעם ערשטען יסוד
פון זאכען, וואס לייקענט אבער אפ אין
דער אייגענער צייט זיין אריינמישונג
אין דעם גאנג פון דעם וועלט־פראצעס.

דעקאבריסטען. — די רוסישע רעוואלוציא־
נערען, וועלכע האבען גענומען אנטייל
אין דעם ערשטען אפענעם ארויסטרעט
געגען דער רוסישער זעלבסטהערשונג
דעם 14טען דעצעמבער 1825, דעם
טאג, ווען ניקאלאי דער ערשטער איז גע־
ווארען קייזער. די „דעקאבריסטען" זיי־
נען געווען יונגע אפיציערען פון די
פארנעהמסטע אריסטאקראטישע פאמי־
ליעס פון רוסלאנד, און זיי האבען גע־
פאדערט א קאנסטיטוציאנעלע רעגירונג
און די אפשאפונג פון פאנשטשינע
(לייב־אייגענטום). 5 פון זיי האט מען
געהאנגען און אלע אנדערע זיינען פאר־
שיקט געווארען אין סיביר אויף קא־
טארזשנע ארבייט.

ה.

הומאניזם. — א גייסטיגע באוועגונג, וואס
האט זיך אנגעפאנגען אין אייראפא צום
ענדע פון מיטעל־אלטער און האט זיך
באזונדערס ארויסגעוויזען אין 15־טען
און 16טען יאהרהונדערטע. די פארשטע־
הער פון דיזער באוועגונג — די „הו־
מאניסטען", ווי עראזמוס פון ראטער־
דאם, אולריך פאן הוטען, א. ז. וו. —
זיינען ארויסגעטראטען מיט דער שארפ־
סטער קריטיק געגען די פארגליווערטע
דאגמען פון דער מיטעלאלטערליכער רע־
ליגיאן, פילאזאפיע און וויסענשאפט און
האבען דורכגעבראכען א וועג פאר דעם
נייעם פראגרעסיווען ארט דענקען.

היפאטעזע. — השערה; א טעאריע, וואס
איז נאך ניט דערוויזען געווארען שטרענג
וויסענשאפטליך.

העקאטאמבען. — העקאטאמב, אן אפפער פון
הונדערט אקסען ביי די אלטע גריכען.
א גרויסע שחיטה פון מענשען אדער
בהמות.

הלעניזם. — גריכענטום, דער גייסט און
דער כאראקטער פון דער אמאליגער גרי־
כישער ראסע.

העדאניזם. — די עטהישע לעהרע, וואס זעהט
דאס העכסטע גליק פון לעבען אין זינלי־
כע תענוגים, אין לעבען א גוטען טאג.
די אנהענגער פון אט דער לעהרע האבען
זיך גערופען העדאניקער.

ו.

וואלונטאריזם. — די פילאזאפישע לעהרע
וועגען דעם, אז אין יסוד פון דעם גאנ־
צען וועלט־פראצעס ליגט דער ווילען,
וואס ווערט פארשטאנען אזוי ברייט, אז
ער כאפט ארום יעדע ארט שטרעבונג,
אפילו אין דער ניט ארגאנישער נאטור.

וואלטער. — א בארימטער פראנצויזישער
שריפטשטעלער, וואס האט געהאט א גרוי־
סען איינפלוס אויף דער גייסטיגער ענט־
וויקלונג פון אייראפא; האט געשריבען
פאעמען, דראמען, סאטירעס און אנדערע
זאכען.

ז.

זעוועס, זעווס. — די הויפט גאטהייט פון
די אלטע גריכען, דער פאטער פון הימעל
און ערד, דער גאט פון געטער.

זאאלאגיע. — די וויסענשאפט וועגען חיות.

ט.

טארקוועמאדא, טאמאס. — א מאנאך, גע־
בארען אין יאהר 1420, געשטארבען אין
יאהר 1498. אין יאהר 1483 האט דער
פאבסט סיקסטוס דער 4טער איהם גע־
מאכט פאר'ן גרויס אינקוויזיטאר פון
גאנץ שפאניען, וואו ער האט דערפיהרט
די אינקוויזיציע צום העכסטען גראד
אכזריות און רציחה. ער האט גע'פועל'ט
ביים שפאנישען קעניג פערדינאנד, מ'זאל
אלע אידען ארויסטרייבען פון שפאניען
און דער גירוש איז פארגעקומען אין
יאהר 1492. אין משך פון זיין בלוטיגער
קאריערע אלס גרויס אינקוויזיטאר האט
ער באשטעטיגט 10,220 טויט אורטיילען.
ער האט אויך פארפאלגט די מאהרען און
די ניט פרומע קריסטען.

טערמינאלאגיע. — די סיסטעמע פון טער־
מינען און אויסדריקען, וואס ווערען

באנוצט אין א באשטימטען פאך פון דער וויסענשאפט, טעכניק אדער קונסט; די לעהרע וועגען טעכנישע טערמינען אדער ווערטער.

טערמין. — 1) א באגריף בכלל, 2) א ספע־ציעלער באגריף, וואס איז געאייגנעט א וועלכער עס איז באזונדערער וויסענ־שאפט.

טעאלאגיע. — רעליגיאנס־וויסענשאפט.

טהעזיס, טהעע. — א זאץ, א באהויפטונג; א באהויפטונג אדער א זאץ, וואס דארף באוויזען ווערען; א דיסערטאציע, א וויסענשאפטליכע אפהאנדלונג איבער וועלכער עס איז טהעמע, וואס ווערט צו־געשטעלט פון א קאנדידאט אויף א גע־לעהרטען טיטעל, ווי מאגיסטער, דאקטאר און ד. גל.

טאטואירונג. — די קונסט פון אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויפ'ן לייב.

טשארטיזם. — די גרויסע פאליטישע בעווע־גונג פון ענגלישען ארבייטער קלאס אין די יאהרען 1836-48. אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט האט דער ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד נאך ניט געהאט כמעט קיינע פאליטישע רעכ־טען און איז געווען עקספלואטירט אויף דעם שוידערליכסטען אופן. שטרעבענ־דיג צו פארבעסערען זיין אונערטרעגלי־כע לאגע, האט ער געפאדערט גרינדלי־כע פאליטישע און סאציאלע רעפארמען. אין די יאהרען 1838, 1842 און 1848 זיינען דערלאנגט געווארען אין פאר־לאמענט פעטיציעס מיט דיזע פאדערונ־גען. דער פארלאמענט האט יעדעס מאל ענטזאגט, און דאס האט געפיהרט צו אונגעהויערע אונרוהען איבער'ן גאנצען לאנד.

טענדענץ. — נייגונג, ריכטונג.

טעאקראטיע. — פריסטער־הערשאפט, וואו דער פריסטער קלאס ווערט דער רעגירענ־דער עלעמענט פון פאלק.

טראנסצענדענטאל. — אין פילאזאפיע — טראנסצענדענטאל, וואס קומט ניט פון ערפאהרונג, אבער ליגט אין דער ער־פאהרונג און איז נויטיג פאר איהר (ווי די אידעע פון ארט און צייט); זעהר אב־סטראקט, וואס קאן ניט באגריפען ווערען דורך דעם געוועהנליכען דענקען.

טראנסצענדענט. — וואס שטייגט אריבער די גרעניץ פון ערפאהרונג, וואס איז למעלה מן השכל.

י.

יאהאן דער שרעקליכער. — צאר יאהאן וואַ־סילעוויטש, דער 4טער (יאהאן דער שרעקליכער), א רוסישער קייזער, געבא־רען אין יאהר 1530, געשטארבען אין יאהר 1584. אזוי ווי דער רוימישער אימפעראטאר נערא, האט ער זיך אויס־געצייכענט מיט אונמענשליכער גרויזאמ־קייט, דערפאר האט מען איהם גערופען יאהאן גראזני — יאהאן דער שרעקלי־כער. ער האט מערדערליך פארפאלגט די באיארעס (די רוסישע אדעללייט), ער פלעגט אליין פייניגען זיינע קרבנות, ניט שאנעוועדיג קיין פרויען און קינדער. אין אן אנפאל פון כעס האט ער צוגע־הרג'עט זיין זוהן. צום פאלק איז ער גע־ווען וואויל געניגט, אין זיין הערשאפט זיינען דורכגעפיהרט געווארען עטליכע גוטע רעפארמען.

ל.

לאפלאס. — א באריהמטער מאטעמאטיקער און אסטראנאם, 1749-1827.

לאגאס. — 1) דאס ווארט; 2) די פארנופט, דער שכל, דער געטליכער געדאנק, וואס האט זיך אויסגעטיילט אויף צו באשא־פען די וועלט און זי צו פיהרען; 3) די געטהייט.

לעוועלערען. — א פאליטישע פארטיי אין דער עפאכע פון דער ערשטער ענגלישער רעוואלוציע, וואס האט געפאדערט אז די גאנצע מאכט זאל איבערגעגעבען ווערען אויסשליסליך צום פאלק, אז דער שטאט זאל געפיהרט ווערען דורך פארשטעהער, וואס זאלען יעהרליך ערוועהלט ווערען, האנדעלס פרייהייט און אנדערע רעפאר־מען.

מ.

מענדעלסאן, משה. — איינער פון די גרעסטע אידען, וואס דאס דייטשע אידענטום האט ארויסגעגעבען אין 18טען יאהרהונדערט, געבוירען אין יאהר 1729, געשטארבען דעם 4טען יאנואר, 1786. זיין פאטער איז געווען א סופר און א מלמד אין דער דייטשער שטאדט דעסאו. זיין נאמען איז

געוועזן מענדעל און דערפון האָט זיך גענומען זיין שפּעטערער פאַמיליען־נאָמען מענדעלסאָן (אָדער אויך משה דעסוער). אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער געלערענט תלמוד, ביים גאון ר' דוד פרענקעל, רב אין דעסאו. און ווען ער איז דערנאָך געוואָרען רב אין בערלין, האָט ער זיין תלמיד מיט זיך אַהין מיטגענומען. דער יונגער משה מענדעלסאָן האָט אין בערלין פיל געליטען פון הונגער און נויט, און דאָך איז עס איהם געלונגען זיך צו ערווערבען גרויסע קענטניסע אין מעהרערע שפּראַכען און וויסענשאַפטען און איבערהויפּט אין פילאָזאָפיע. ער איז געוואָרען אַ לעהרער און דערנאָך אַ בוכהאַלטער און דער גאַנצער געשעפטס־פיהרער ביי איינעם פון די גרויסע אידישע בערלינער גבירים, וועלכער האָט איהם שפּעטער פאַר זיין טרייער איבערגעבענהייט און גרויסע פעהיגקייטען געמאַכט פאַר זיינעם אַ שותף.

צוזאַמען מיט עטליכע פריינד האָט ער, אין יאָהר 1754, אָנגעהויבען ארויסצוגעבען די ערשטע העברעאישע וואָכענשריפט „קהלת מוסר“. עס זיינען אָבער אַרויס בלויז צוויי נומערען. אין דערזעלבער צייט איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט'ן באַריהמטען דייטשען דיכטער לעסינג, וועלכער האָט מענדעלסאָן'ען צוגעגעבען מוטה ארויסצוגעבען עטליכע פון זיינע פילאָזאָפישע שריפטען. ער האָט דאָס געטאָן און ער האָט באַלד באַקומען אַ נאָמען, אַלס אַן אָריגינעלער און זעלבסטשטענדיגער פילאָזאָף. ער האָט ארויסגעגעבען אַ גרויסע צאָהל פילאָזאָפישע ווערק, פון וועלכע „פעדאָן“, „ירושלים“ און „די מאָרגענשטונדען“ זיינען די וויכטיגסטע.

מענדעלסאָן האָט געוואָלט אַז זיינע אידישע ברידער זאָלען ווערען געבילדעטע מענשען און אויף אַזאַ אופן קענען דערגרייכען בירגערליכע גלייכבאַרעכטיגונג. צוליב דעם האָט ער פאַרפאַסט אַ ריין־דייטשע איבערזעצונג פונ'ם חומש און האָט דאָס געלאָזט אָפּדרוקען מיט'ן „ביאור“ (קאָמענטאַר, אַ פּירוש), פון זיינע פריינד. די דאָזיגע איבערזעצונג און נאָך מעהר דער „ביאור“, זיינען אָבער פאַרפאָלגט געוואָרען פון די דאַמאַלסדיגע אָרטאָדאָקסישע רבנים. מענדעלסאָן ווערט אנערקענט אַלס דער גרינדער פון דער השכלה־באַוועגונג, זיין איבערזעצונג פונ'ם חומש (צו וועלכער עס זיינען דערנאָך צוגעקומען די אַנדערע ספרים פונ'ם תנ"ך) און זיינע פילאָזאָפישע ווערק, זיינען זעהר פיל שטודירט געוואָרען פון אידען און האָבען געהאַט אַ זעהר גרויסען איינפלוס אויף די שפּעטערע עטליכע דורות אין דער צייט פון דער השכלה.

מאַפּו, אברהם. — באַריהמטער העברעאישער שריפטשטעלער, געבוירען אין סלאָבאָדקאַ, אַ פאָרשטעדטעל פון קאָוונאָ, דעם 11טען יאַנואַר, 1808, געשטאָרבען אין יאָהר 1867. זיין פאָטער איז געווען אַ מלמד, און ער האָט איהם געגעבען אַן אַלט־מאָדישע ערציהונג. ער האָט אויך געלערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה און איז דאָרט געווען פאַררעכענט פאַר איינעם פון די בעסטע תלמידים. ער האָט זיך דערנאָך, אָהן דער הילף פון אַ לעהרער, אויסגעלערנט העברעאיש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און לאַטייניש און ער האָט זיך בדוחק מפרנס געווען פון לעהרעריי און מלמדות. אין יאָהר 1848, ווען די רוסישע רעגירונג האָט אין קאָוונאָ איינגעריכטעט אַ אידישע פאָלקסשולע, איז מאַפּו דאָרט געוואָרען איינער פון די לעהרער.

זיינע ספרים זיינען: דער „אהבת ציון“ און „אשמת שומרון“. ביידע באַהאַנדלען די צייטען, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך געלעבט אויף זיין אייגען לאַנד אין ארץ ישראל. ביידע ערצעהלונגען זיינען געשריבען געוואָרען אין אַ ריינעם, ביבלישען העברעאיש, אָהן וועלכע ס'איז ארויינמישונג פון אַראַמעאישע ווערטער, אָדער אויסדרוקען; זיין ערצעהלונג „עיט צבוע“ (אין 5 טיילען), איז פון דער געגענווערטיגער צייט און דערפאַר האָט זיך דער פאַרפאַסער באַנוצט מיט פילע תלמודישע ווערטלאַך און אויסדרוקען. מאַפּו האָט נאָך געשריבען עטליכע קליינע ספרים און עס איז פון איהם אויך פאַרבליבען אַ פראַגמענט פון אַ גרויסע ערצעהלונג „חזון הרוחות“, וועגען דער פעריאָדע פון שבתי צבי און זיינע משיח'ישע נאָכפאָלגער. מאַפּו'ס שריפטען האָבען געהאַט אַ זעהר גרויסען איינפלוס אויף דער אידישער יוגענד,

איבערהויפּט דער „אהבת ציון". עס וועט זיכער ניט זיין איבערטריבען צו באַהויפּטען, דאָס עס איז כמעט ניטאָ קיין איינציגער ליבהאָבער פון העברעאיש, וואָס האָט ניט געלעזען און זיך גע־קוויקט מיט'ן „אהבת ציון", וועלכער איז אויך איבערזעצט אין דייטש, צוויי מאָל אין ענגליש און אויך אין אַראַביש. דער ערפאָלג פון זיינע אַנדערע ערצעה־לונגען איז אויך געווען גוואַלדיג גרויס און זיי האָבען פיל געהאָלפען צו דער אַנטוויקלונג פון העברעאיש.

מאָניזם. — אַ ריכטונג פון פילאָזאָפישען גע־דאַנק, וועלכע, אין געגענזאַץ צו דואַליזם, שטרעבט צו ערקלערען אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט, אַרויסגעהענדיג פון איין פּרינציפּ. (זעה דואַליזם).

מעטאָדע, מעטאָד. — אַ סיסטעמאַטישער, פּלאַנמעסיגער וועג אויף צו דערגרייכען אַ וועלכען עס איז טעאָרעטישען אָדער פּראַקטישען ציל.

מיטאָלאָגיע. — די זאַמלונג אָדער די סיס־טעמע פון זאַגען, פאַבלען און לעגענדען פון אַ פאָלק וועגען זיין אָפּשטאַמונג, זיינע העלדען, געטער א. ד. גל.; די וויי־סענשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויס־פאָרשען די זאַגען און לעגענדען פון די אַלטע פעלקער.

מיטהוס. — אַ מיף, אַ מיטה, אַ זאַגע, אַ לע־גענדע, אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

מעטעאָראָלאָגיע. — די וויסענשאַפט וועגען די ערשיינונגען אין דער אַטמאָספערע, באַזונדערס וועגען וועטער.

מעטאַפיזיקע. — די וויסענשאַפט איבער זאַ־כען און פּרינציפּען אין דער פיזישער און גייסטיגער וועלט, וועלכע קאָנען באַ־גריפען ווערען נאָר מיט'ן שכל, אָבער ניט דורך די חושים און ערפאַהרונג; די לעהרע וועגען זאַכען, וואָס זיינען למעלה מן הטבע.

מיסטיציזם. — די שטרעבונג צו באַגרייפען די העכסטע געהיימניסען פון מענשלי־כען וויסען (ווי דעם עצם פון געטליכ־קייט, די אורזאַכען פון זיין א. ד. ג.) ניט דורך דעם געוועהנליכען אַרט דענ־קען, נאָר דורך אַ באַזונדערען איבערלי־כען צושטאַנד פון גייסט, ווי דורך עקס־טאַז, השפעה, באַגייסטערונג, א. אַז. וו.; דאָס מיסטישע, דאָס געהיימניספולע.

מאָנאָגראַפיע. — אַן אָבהאַנדלונג איבער אַ געוויסען איינצעלנעם ענין.

מאָנבלאַן. — דער העכסטער שפּיץ פון די אַלפּען (4½ וויאָרסט די הויך).

מאַגיזם. — צויבער־קראַפט, כשוף־מאַכעריי.

מאַדזיני. — אַ איטאַליענישער פּאַטריאָט, רע־וואָלוציאָנער, וועלכער איז אַרויסגעטרי־בען געוואָרען פון איטאַליען אין יאָהר 1831 און האָט געגרינדעט אין מאַרסעל אַ געהיימע געזעלשאַפט „יונג איטאַ־ליען", וואָס האָט געשטרעבט צו גרינדען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין זיין פאַטערלאַנד.

מאַניפּולאַציעס. — באַהאַנדלונגען מיט די הענד; באַאַרבייטונגען מיט די הענד; צוגרייטונגען; צופּאַרטיגונגען; דאָס שווינדלען אָדער אַנווענדען המצאות.

מאָר, טהאָמאַס. — אַ באַוואוסטער ענגלי־שער שריפטשטעלער און שטאַטסמאַן אין 16טען יאָהרהונדערט, דער פאַרפאַסער פון דעם ווערק „אוטאָפּיע", וואו ער שילדערט אין אַ בעלעטריסטישער פאָרמע אַ אידעאַלע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

מעסיאַניזם. — די משיח־אידעע, די אידעע וועגען רעטען דעם מענשליכען מין.

מעטאַפאָרע.—אַ בילדליכע רעדענס־אַרט, אַ מליצה, אַזאַ רעדענס־אַרט, וואו מען גיט צו דער זאַך אַן אייגענשאַפט, וועלכע זי האָט געוועהנליך ניט און וועלכע מען קאָן איהר געבען נאָר אויפ'ן גרונט פון איהר עהנליכקייט צו אַן אַנדער זאַך. למשל: קריסטאַלענע וואַסער; ברילאַנ־טענע פעהיגקייטען, די זון שיסט מיט גליהענדע פיילען א. אַז. וו.

מאַנו. — 1) דער אורפאָטער פון מענשליכען מין לויט די אינדישע לעגענדען, 2) דער לעגענדאַרישער פאַרפאַסער פון דעם אינ־דישען געזעץ בוך „מאַנו".

מאָנאָטעאיזם. — דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט.

מאָנאָטעאיסט. — איינער וואָס גלויבט אין איין איינציגען גאָט.

מאָראַליזם. — דער גלויבען אין אַ וועלטלי־כער אונרעליגיעזער מאָראַל; מאָראַלי־זירונג, דאָס נעמען זיך אַ מוסר, דאָס אַרויסברענגען א מוסר השכל.

מינערוואַ. — אין אַלטערטום די רוימישע געטין פון חכמה, די באַשיצערין פון וויסענשאַפטען, קונסטען און מלאכות.

מיסטיפיקאַציע. — אַן אָפּנאַרעריי, אַ פאַרבלענדענים.

מאַטריאַרכאַט. — פרויען־הערשאַפט. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג ביי די פּרימיטיווע פעלקער, ביי וועלכע די פרוי איז געוועזן דער הויפּט פון דער פאַמיליע און די קרובה'שאַפט אין ירושה־רעכט האָט זיך גערעכענט פון מוטער'ס צד.

נ.

נח, מרדכי עמנואל. — דער פּראָיעקטירער פון אַ אידענלאַנד אין אַמעריקא, איז געבוירען געוואָרען אין פילאַדעלפיא, דעם 19טען יולי, 1785, געשטאָרבען אין ניו יאָרק דעם 22טען מערץ, 1851. בלייבענדיג יונג אַ יתום האָט דער קליינער נח געמוזט זעלבסט פאַרדינען זיין ברויט. ער האָט אבער פיל געלעזען און איז שפּעטער געוואָרען אַ טיכטיגער זשורנאַליסט און דראַמען־שרייבער, אַן אַדוואָקאַט און אַ שטאַאַטסמאַן. אַ געוויסע צייט האָט ער געהאַלטען אַ רעגירונגס־שטעלע. נאָר ווען די רעגירונג איז אַריבער פון פילאַדעלפיא קיין וואַשינגטאָן, האָט ער רעזיגנירט און זיך אָפּגעגעבען נאָר מיט זשורנאַליסטיק. באַלד נאָך דעם אַמעריקאַניש־ענגלישען קריג פון 1812 איז נח באַשטימט געוואָרען אַלס אַמעריקאַנער קאָנסול פון טוניס מיט אַ ספּעציעלע מיסיע צו אַלזשיר. אויפ'ן וועג האָט אַן ענגלישע קריגס־שיף איהם גענומען געפאַנגען. ער איז געוועזן באַוואוסט אַלס שטאַרקער געגנער פון ענגלאַנד. ווערענדיג פריי איז ער געקומען אין טוניס און אויסגעלייזט די אַמעריקאַנער געפאַנגענע אויף די דאָרטיגע פּיראַטען־שיפען. דורך אַנטיסעמיטישע אינטריגעס איז ער אָבער צוריקגערופען געוואָרען. שפּעטער האָט די רעגירונג איהם אויסגעדריקט איהר אַנערקענונג און פריינדשאַפט. טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט איהם געשריבען אַ זעהר פריינדליכען בריף, אין וועלכען ער פאַרדאַמט דעם אַנטיסעמיטיזם. קומענדיג צוריק נאָך אַמעריקא האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בוך וועגען זיין רייזע און זיך ווידער אָפּגעגעבען מיט זשורנאַליזם. ער האָט רעדאַקטירט פאַרשידענע צייטונגען, געוועזען ריכטער און שעריף פון ניו יאָרק, און אויפזעהער איבער דעם ניו יאָרקער פּאָרט. אין יענער צייט פאַרטראַכט ער זיך איבער דער אידישער לאַגע. אין אייראָפּא האָט דעמאָלט געבושעוועט די פינסטערע רעאַקציע פון דער „הייליגער אַליאַנץ" צווישען קעניגען און פירסטען. די ביסעל רעכטע וואָס אידען האָבען זיך ערוואָרבען אַ דאַנק דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אין די מעהרערע פלעצער פון זיי צוריקגענומען געוואָרען. מרדכי נח, אַלס אַ פרומער ספרד'ישער איד, גלויבט באמת אין משיח'ן. ער איז אָבער געוועזן אַ פּראַקטישער אַמעריקאַנער און געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו העלפען אידען נאָך איידער משיח וועט קומען. זיין פּלאַן איז געוועזן צו שאַפען אַ אידישע מדינה ניט אין דער קליינער פּאַלעסטינא, נאָר אין דער גרויסער אַמעריקא. צו דעם צוועק האָט ער געקויפט צוזאַמען מיט זיינעם אַ קריסטליכען פריינד אַ שטיק ערד פון 2555 אַקער לאַנד פאַר אומגעפעהר זיבעצען טויזענט דאָלאַר אויף גראַנד איילאַנד, ביי באָפאַלאָ. דאָס אינזעל האָט ער אַ נאָמען געגעבען „אררט", און געפּלאַנט דאָרט צו שאַפען „אַן עיר־מקלט פאַר אידען". ער שיקט דאַן אַרויס אַ בריף צו אַלע אידען פון דער וועלט. ער לאַדעט איין די וועלכע ווילען פאַרלאַזען זייערע וואוינונגס־לענדער צו קומען נאָך אַמעריקא און לעבען פון דער אַרבייט פון זייערע הענט. ער ערקלערט, אַז אין דער נייער אידישער היים וועט זיין איין געזעץ פאַר אַלע אידען: די שוואַרצע אידען, די קאַראַאימען, די שומרונים וועלען האָבען די זעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע אידען. אַלע אידען וואָס זיינען צושפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער און האָבען פאַרשידענע מנהגים און זיטען, וועלען זיך אין אַמעריקא פאַראייניגען צו איין אידישע נאַציע. ער לאַדעט איין די פּראָמינענטע אידען פון דער וועלט צו קאָנטראָלירען די עמיגראַציע. די פרייע פּאַריזער קהלה גיט ער דאָס רעכט צו שיקען אַ קאָמיסיע אונטערזוכען דאָס נייע לאַנד. די אידען האָבען ניט געענטפערט אויף זיין רוף. האָט מרדכי נח געגרינדעט זיין שטאָדט אָהן זיי, און זיך באַשטימט צום „שופט פון ישראל". מיט גרויס פּאַראַד, אָנגעטאָן אין „בגדי מלכות", באַגלייט פון מיליטער און פּראַ־

מינגעטע אמעריקאנער און זינגענדיג קאַפּיטלאך תהלים אין העברעאיש, האָט מרדכי נח געלעגט דעם פונדאמענט פון זיין שטאָדט „אררט" ביי וויטהייווען. אויפ'ן שטיין איז געווען אָנגעשריבען אין העברעאיש: „שמע ישראל ד' אלהינו, ד' אחד"; אין ענגליש: „אַראַראַט, אַן עיר מקלט פאר אידען, געגרינדעט פון מרדכי עמנואל נח, אין חודש תשרי, 5586, סעפּטעמבער, 1825 און אין 59טען יאָהר פון דער אמעריקאנער אומאָפּהענגיגקייט". די וויטערע 25 יאָהר פון זיין לעבען האָט נח זיך אָפּגעגעבען מיט זשורנאַליסטישע און ליטעראַרישע אַרבייט.

נירוואַנאַ. — אין בודיזם — נירוואַנאַ, אַ צושטאַנד פון פאָלשטענדיגער גייסטיגער רוה, ווען דער מענש האָט ניט קיין שום פאַרלאַנגען, געפיהלען און געדאַנקען. (לויט די לעהרע פון בודאַ באַשטעהט דאָס לעבען פון פּיין און יסורים און דער מענש דאַרף שטרעבען צו טויטען אין זיך אַלע געפיהלען און לוידענשאַפטען — שטרעבען צו נירוואַנאַ).

נאָוואַטאָר. — אַ מענש וואָס פיהרט דורך אין לעבען נייע וועזענטליכע רעפאָרמען אָדער אידעען.

נעראָ, לוציוס דאָמיציוס. — אַ רוימישער אימפּעראַטאָר, געבאָרען אין יאָהר 37 לויט דער קריסטליכער צייטרעכנונג, געהערשט פון דעם יאָהר 54 ביז דעם יאָהר 68. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אונמענשליכער גרויזאַמקייט. מיט זיין אייגענער האַנד האָט ער עפענטליך דערשטאָכען זיין ברודער, בריטאַניק, און האָט אָנגעשטעלט מערדער, וואָס האָבען צוגע'הרג'עט זיין מוטער אגריפּינא. אין אָנהויב פון זיין הערשאַפט איז ער געווען מעהר אָדער ווייניגער מענשליך, ער איז דאַן געווען אונטער'ן אַיינפלוס פון דעם רוימישען פילאָזאָף, סענעקא, וואס איז געווען זיין מדריך און ראַטגעבער. מיט אַמאָל וואַרפט ער אויף איהם אַן אומ'חן און הייסט איהם שטאַרבען, סענעקא האָט זיך גענומען דאָס לעבען. נעראָ האָט זיך גענומען דאָס לעבען נאָכדעם ווי אין דער אימפּעריע איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד.

ס.

סאַנקציע. — אַ פייערליכע באַשטעטיגונג, אַ באַקרעפטיגונג; אַ הסכמה; אַ באַפעהל, אַ געזעץ; באַשטעטיגען, באַקרעפטיגען, מסכים זיין, סאַנקציאָנירען, גוטהייסען.

סוביעקט. — 1) אַן אונטערטאַן, אַ פּערזאָן, וואָס איז אונטערוואָרפען אונטער אויגעמס הערשאפט אָדער אויטאָריטעט. 2) אַ פּערזאָן, אָדער אַ זאַך, וואָס איז די אורזאַך פון עפּעס (ווי פון קריג, מחלקות); דאָס, איבער וואָס עס ווערט גערעדט אָדער פאַרהאַנדעלט. 3) דער געגענשטאַנד, דער שטאָף, די טעמע. 4) אין גראַמאַטיק אָדער לאָגיק — דער סוביעקט, די הויפּט זאַך, וועגען וועלכער עס רעדט זיך אין אַ זאַץ. 5) אין פילאָזאָפיע — דער סוביעקט, דער „איך", די דענקענדע פּערזאָן (אין געגענזאַץ צו אַלע זאַכען פון דער אויסערליכער וועלט, וועלכע דער סוביעקט אָדער „איך" פאַרנעמט אָדער באַגרייפט אַלס אָביעקטען).

סוביעקטיוויזם. — די פילאָזאָפישע לעהרע, אז יעדע װארהייט איז סוביעקטיוו, דאָס הייסט, זי איז ריכטיג בלויז אין באַצוג צו אונזער אייגענער ערפאַהרונג אָדער פאַרשטאַנד.

סוראָגאַט. — אַן ערזאַץ־מיטעל (דאָס, וואָס ווערט באַנוצט צו פאַרבייטען עפּעס וואָס, למשל, ציקאָריע אָנשטאָט קאַפּע א. ד. ג.), אַ במקום, אַ שטעלפאַרטרעטער, אַ ריכטער, וואָס האָט צו טאָן מיט צוואות און ירושות.

סען־סימאָן. — אַ באַריהמטער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער דענקער (1760—1825).

סובסטאַנץ. — עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט אין זיך גופא און דאַרף קיין זאַך ניט צו זיין עקזיסטענץ; דער עצם, דאָס אומבאַוואוסטע „עפּעס", וואָס איז דער אומפאַרענדערליכער יסוד פון יעדער פאַרענדערליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית.

סינאָפּטיש. — קורץ געפאַסט, אויף אַ קורץ געפאַסטען אופן, בקיצור.

סטיכיש. — עלעמענטיש, וואָס איז שייך צום עלעמענט אָדער צום גרונד־פּרינציפּ פון עפּעס; וואָס איז שייך צו די יסודות פון דער וועלט. אין דער פילאָזאָפיע פון אַלטערטום: סטיכיע, אָדער עלעמענט — איינער פון די פיר יסודות (ערד, וואַסער, לופט און פייער), פון וועלכע עס באַשטעהט די גאַנצע וועלט. סטיכיע —

אַ נאַטור־קראַפט; סטיכיש — מיט דער מאַכט פון אַ נאַטור־קראַפט.

ספּיריטואַליזם, ספּיריטיזם. — דאָס גלויבען אין דעם פאַרקעהר פון גייסטער מיט מענשען.

סכאָלאַסטיק. — די מיטעלאַלטערליכע עקלעקטישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז געווען אַ מין פאַראייניגונג פון אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע מיט די רעליגיאָנס־לעהרען פון די קירך־פאָטערס; אַ טרוקענער, אינהאַלטסלאָזער און נוצלאָזער פּלפּול.

סאָציאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען די געזעצען, לויט וועלכע עס קומט פאָר דאָס לעבען און די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און איהר גאַנצער ווידער־פאַראייניגונג, אין איהר באַנייטער האַרמאָניע.

ע.

ערקענטניס. — די אַנערקענונג, די פאָרשטעלונג פון אַ זאַך, וועלכע מען ערקענט, די פאָרשטעלונג פון א געגענווערטיגער זאַך; דער אינבאגריף פון אלע קלאָרע און דייטליכע פאָרשטעלונגען.

עסטעטיק. — די וויסענשאַפט וועגען געשמאַק און שעהנקייט.

עטיק. — זיטען־לעהרע, מאָראַל; עטהיש — זיטליך, מאָראַליש.

עפּיגראַף. — אַן איינגעקריצטע אויפשריפט אין מעטאַל אָדער שטיין; אַן אויפשריפט אויף אַ מאָנומענט, סטאַטוע, מצבה און ד. גל.; אַן אויפשריפט ביים אָנפאַנג פון אַ בוך אָדער פון אַן אָפּהאַנדלונג; אַ ציטאַטע, וואָס ווערט געברויכט אָלס מאָטאָ פאַר אַ ווערק.

עפּיגראַפיש. — וואָס איז שייך צו אַן עפּיגראַף, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַן עפּיגראַף.

עקסטאַז. — אַ צושטאַנד פון העכסטער באַגייסטערונג אָדער ענטציקונג.

עמאָציעס. — אויפרעגונגען פון געמיט, אויפרעגונגען פון געפיהלען, ריהרונגען.

עמאָציאָנעל. — וואָס ריהרט, וואָס וועקט די געפיהלען, וואָס ווירקט אויף די געפיהלען; וואָס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיטה; וואָס דריקט אויס געמיט׳ס אויפרעגונג.

עקלעקטיק.—איינער וואָס נעמט ניט אַן קיין פעסטבאַשטימטע סיסטעם אין דער פילאָזאָפיע אָדער וויסענשאַפט, נאָר ער נעמט ארויס פארשידענע טיילען פון פארשידענע סיסטעמען, אנערקענענדיג זיי פאַר ריכטיג; אַן אַנהענגער פון דער אַלטער עקלעקטישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט פאָרגעשטעלט א געמיש פון פּלאַטאָנישע, סטאָאישע און עפּיקורעאישע לערען. אין מעדעצין: אַ דאָקטאָר, וואָס באַנוצט באַזונדערע טיילען פון פארשידענע היילסיסטעמען.

עקספּאַנסיוויטעט. — די אויסציהונג, די אויסשפּרייטונג; עקספּאַנסיווע קראַפט, די קראַפט פון פאַנאַנדערשפּרייטען אָדער אויסציהען זיך; עקספּאַנסיווע פעהיגקייט, די פעהיגקייט זיך אויסצושפּרייטען אָדער זיך אויסצוציהען; אַן עקספּאַנסיווער מענש, אַ מענש, וואָס קאָן זיך ניט באַהערשען, וואָס ווייזט געשווינד אַרויס זיינע געפיהלען.

עקזאַלטאַציע. — הויכע באַגייסטערונג, א צושטאַנד פון הויכער באגייסטערונג.

עראָטיק. — וואָס איז שייך צו ליבע.

עמפּיריקער. — איינער וואָס האַלט זיך פאַר׳ן פּרינציפּ פון עמפּיריזם, ס׳הייסט, אַז די ערפאַרונג שטעהט העכער פון דער טעאָריע, אַז נאָר דאָס וואָס איז באַוואוסט פון ערפאַרונג, איז ריכטיג. עמפּיריש — וואָס איז באַגרינדעט אויף ערפאַרונג.

ענציקלאָפּעדיסטען. — די אַזוי גערופענע בכלל גרינדער און מיטארבייטער פון דער באַוואוסטער פראַנצויזישער ע נ צ י ק ל אָ פּ ע ד י ע, וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 1751—72 אונטער דער רעדאקציע פון דידראָ און דעלאמבער. (דידראָ, דעלאמבער, וואָלטער, העלוועצי, האַלבאַך, קאָנדיליאַק, לאַמעטרי, מאָנטעסקיע, רוסאָ און אַנדערע).

פּ.

פרענקלין, בענדזשאַמין. — געבוירען דעם 17טען יאַנואַר, 1706 אין באָסטאָן. זיין פאָטער האָט געמאַכט זייף און זיין זוהן, דער צוקונפטיגער פילאָזאָף און שטאַאַטסמאַן, האָט איהם צוגעהאָלפען אין דער מלאכה. אַז ער איז אַלט געוואָרען 12 יאָהר, האָט ער ביי זיינעם אַ שטיפברודער זיך אויסגעלערנט די קונסט פון בוךדרוקעריי און דאָס איז שוין געבליבען זיין פרנסה דורך זיין גאַנצען לעבען.

פון זיין 14טען יאהר, ווען זיין ברודער האט אנגעהויבען ארויסצוגעבען א וועכענטליכע צייטונג, האט דער יונגער בענדזשאמין א סך מיטגעהאלפען און שוין דאמאלט האט ער ארויסגעוויזען זיין שריפטשטעלערישען טאלאנט. אין יאהר 1726, נאכדעם וואס ער האט 2 יאהר פארבראכט אין לאנדאן, האט ער אין פילאדעלפיא איינגעריכטעט אז אוונגענע בוך־דרוקעריי און האט באלד אנגעהויבען ארויסצוגעבען זיינע זשורנאליסטישע און פאליטישע שריפטען, וועלכע האבען איהם פארשאפט א גרויסען נאמען. אין דער פיזיק האט ער פיל אויפגעטאן און ער האט ערפונדען מעהרערע נוצליכע אפאראטען, איבערהויפט דעם בליץ־אבלייטער. פרענקלין איז שטענדיג געווען באשעפטיגט מיט קהל'שע אנגעלעגענהייטען און נאך אין די צייטען, ווען די אמעריקאנער קאלאניעס זיינען געווען אונטער דער ענגלישער הערשאפט, האט ער שוין פארנומען מעהרערע וויכטיגע עמטער, אויך אלס גענעראל־פאסטמייסטער פון גאנץ אמעריקא. ער האט שטענדיג פיל געארבייט צו באאיינפלוסען ענגלאנד אויף די קאלאניעס ניט ארויפצולייגען צו־שווערע לאסטען. אז ס'האבען זיך אינ'ם יאהר 1775 אנגעהויבען די אמעריקאנער אומאפהענגיגקייטס־קריגען, איז פרענקלין געווען איינער פון די טעטיגסטע און איבערגעבענסטע פאטריאטען. ער האט געהאלפען אויסארבייטען און האט אויך אונטערגעשריבען די „דעקלארייישאן אוו אינדעפענדענס". איהם איז עס צו פארדאנקען וואס פראנקרייך האט געהאלפען די קאלאניעס געגען ענגלאנד. ביז צום יאהר 1785 איז ער פארבליבען דער אמעריקאנער פארטרעטער אין פראנקרייך און ער האט צושטאנד געבראכט דעם שלום מיט ענגלאנד, אין וועלכען אמעריקא האט באקומען איהר פאלשטענדיגע אומאפהענגיגקייט. ער האט דערנאך נאך אנגעהאלטען עטליכע זעהר וויכטיגע עמטער, ביז צו זיין טויט, דעם 17טען אפריל, 1790.

פ.

פאנסלאוויזם. — די אידעע פון פאראייניגען אלע סלאווישע פעלקער (ווי די רוסען, פאלאקען, טשעכען, באלגארען, א. ז. וו.) אין איין בונד אונטער דער אויבערהערשאפט פון רוסלאנד.

פסיכיק. — די כחות הנפש, דער גייסט (אין געגענזאץ צו פיזיק).

פאנטעאיזם. — די לעהרע, אז גאט און די וועלט איז איינס און דאסזעלבע, אדער אז גאט איז דאס איינציגע עקזיסטירענדע וועזען און די וועלט איז איינע פון זיינע ערשיינונגס־פארמען און דארום איז אלץ אין דער וועלט געטליך.

פאזיטיוויזם. — די פילאזאפישע שיטה, וועלכע אנערקענט, אז קיין אנדער וויסען עקזיסטירט ניט אויסער דאס וויסען וועגען ערשיינונגען, וואס מיר באגרייפען מיט אונזערע חושים, וואס מען קאן דערגעהן דורך וויסענשאפטליכע ערפארונג דורך פאקטישע פאזיטיווע וויסענשאפטען.

פאזיטיוויסט. — אן אנהענגער פון פאזיטיוויזם.

פסיכאלאגיע. — די לעהרע וועגען זעעלען־ערשיינונגען.

פאסטולאט. — א באהויפטונג, וואס פאדערט ניט קיין באווייז, א זעלבסט־פארשטענדליכער אמת.

פריזמע. — א קאנטיגע פיגור (א דריי־קאנטיגע, פיר־קאנטיגע, פינף־קאנטיגע א. א. וו., ביי וועלכע די ענד־פלאכען זיינען פאראלעל): א דריי־קאנטיג שטיקעל געשליפענע גלאז אדער אנדער דורכזיכטיגער מאטעריאל מיט פאראלעלע ענדען, וואס ווערט באנוצט פאר אפטישע צוועקען (ווען א ליכט־שטראהל געהט דורך אזא פריזמע, ווערט ער צוויי מאל אפגעבויגען פון זיין וועג אין דערזעלבער ריכטונג, איינמאל ביים אריינטרעטען אין דער פריזמע און א צווייטען מאל ביים ארויסטרעטען פון איהר. דער שטראהל ווערט דאן צוטיילט אין זיינע קאלירען און בילדעט א ספעקטרום, אן שיין־בילד, א פארבען־בילד.

פראגנאז. — א פארקענטניס, א פאראויסזאגונג וועגען דעם גאנג פון א קראנקהייט לויט געוויסע סמנים.

פאטרימאניאל. — ערבליך, וואס איז געקומען בירושה פון עלטערען.

פאטענציאל. — וואס איז דא בכח (הגם ניט בפועל), וואס עקזיסטירט אין דער מעגליכקייט (הגם ניט אין דער ווירקליכ־

קיים). אין פיזיקע — וואס ענטהאלט אינערליך אין זיך אבער איז ניט אין באוועגונג.

פאראבאלא. — אין רעטאריק אדער רעדע־קונסט — א גלייכעניס, דאס פארמאלע פארגלייכען פון צוויי זאכען, וועלכע זיינען אין עצם זעהר פארשידען איינע פון דער אנדערער, ווי צום ביישפיל: זיינע ווערטער האבען געשטראכען ווי שפיזען.

פ.

פאבולירען. — פארפאסען אדער דערצעהלען פאבלען, אדער אויסטראכטען פאנטאסטישע געשיכטען.

פיליסטער. — א מענש מיט א באשרענקטער וועלט־אנשויאונג, וואס איז פארנומען מיט וואכעדיגע אינטערעסען.

פילאן. — דער אידישער פילאזאף ידידיה האלכסנדרוני (געבוירען 25 יאהר פאר אונזער צייט־רעכענונג) האט געטראגען דעם גריכישען נאמען פילאן. ער איז אויך באוואוסט אונטער'ן נאמען פילון היהודי, פילון דער איד.

פעטישיזם. — דאס דינען אפגעטער, די פארגעטערונג פון ערדישע געגענשטאנדען.

פאזע. — 1) דער צושטאנד פון א זאך, אויף וויפיל זי זעהט אויס אין דעם אדער יענעם מאמענט: 2) אין אסטראנאמיע — א באזונדערער אויסזעהן פון דער לבנה אדער פון א פלאנעט אין דער אדער יענער צייט.

צ.

צעזאר יוליוס. — א באריהמטער רוימישער ארמיי־פיהרער, געבארען אין יאהר 100 אדער 102 פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, ערמארדעט געווארען אין סענאט דעם 15טען מערץ אין יאהר 44. א חוץ זיין מיליטערישער טעטיגקייט האט ער זיך אויסגעצייכענט אויף א סך אנדערע געביטען. ער איז געווען א דיפלאמאט, א שטאטסמאן, א יוריסט, א רעדנער, א דיכטער א היסטאריקער, א מאטעמאטיקער, א דענקער, א אינזשינער און א שפראכענפארשער. אלס פיל מאל ערוועהלטער פאלק'ס פארשטעהער האט ער דורכגעפיהרט זעהר פיל ראדיקאלע געזעצען לטובת פון די ארימע קלאסען אין רוים און אין די פראווינצען, וואס רוים האט איינגענומען. ער האט געשאנקען בירגער־רעכט די איינוואהנער פון די פראווינצען, וואס ער האט איינגענומען, ער האט רעפארמירט דעם קאלענדאר, ער האט דורכגעפיהרט א געזעץ, וואס האט פארווערט צו נעמען מעהר ווי 12 פראצענט און האט געגרינדעט קאלאניעס פאר די ערדלאזע בירגער. צעזאר האט געענדיגט דעם נצחון איבער גאליען (די היינטיגע פראנקרייך, בעלגיען און א טייל פון דער אויבערשטער איטאליען). אין יאהר 45 האט מען איהם באשטימט פאר'ן דיקטאטאר פון רוים אויפ'ן גאנצען לעבען און ער האט באקומען דעם טיטול אימפעראטאר. צעזאר איז געווען א גרויסער אידען פריינד. אין דער גאנצער וועלט האבען אידען איהם ליב געהאט. די רוימישע אידען האבען געוויינט טעג און נעכט ביי דעם ארט, וואו מען האט איהם גע־הרג'עט.

ק.

קרעמיע, אדאלף (יצחק). — באריהמטער אידיש־פראנצויזישער שטאאטסמאן, געבוירען אין ניעס, פראנקרייך, דעם 22טען אפריל, 1796, געוועזן צוויי מאל יוסטיץ־מיניסטער און פארזיצענדער פון דער נאציאנאלער רעגירונג, נאכדעם ווי נאפאלעאן דער דריטער האט אפגעדאנקט. זיין פאטער דוד כרמיה האט געשטאמט פון פארטוגאל, פון וואנען ער איז, צוליב רעליגיעזע פארפאלגונגען, אנטלאפען און ער האט זיך באזעצט אין נימס, אין דרום פראנקרייך. זיין ערשטער ארויסטריט אין דער עפענטליכקייט, נאכדעם ווי ער האט אויסשטודירט אלס אדוואקאט, איז געווען אינ'ם יאהר 1828, ווען די פראנצויזישע רעגירונג האט באשטימט א פרייז פאר'ן בעסטען בוך וועגען פרעס־פרייהייט. דעם יונגען קרעמיע'ס אפהאנדלונג האט אנגעמאכט א גרויסן רושם אין די רעגירונגס־קרייזען און ער האט דעם פרייז געוואונען. זייט דעם יאהר 1842 איז קרעמיע געווארען טעטיג אין דער פראנצויזישער פאליטיק און אינ'ם רעוואלוציאנערען יאהר 1848, איז ער ערוועהלט געווארען אלס יוסטיץ־

מיניסטער, ביז צו דער צייט, ווען נאַך פּאָלעאָן דער דריטער איז געוואָרען קייזער פון פראַנקרייך און ער האָט קרעמיע'ן געלאָזט אריינזעצען אין געפענגניס, פון וואַנען ער איז באַלד ווידער באַפרייט געוואָרען. אין דער צייט פונ'ם דייטש־פראַנצויזישען קריג, 71־1870, נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס גרויסער מפּלה, איז קרעמיע, אונטער דער נייער פאָלקס־רעגירונג, ווידער געוואָרען יוסטיץ מיניסטער און ער האָט זעהר פיל געהאָלפען צושטאַנד צו ברענגען דעם שלום צווישען ביידע קריגס־פיהרענדע פעלקער. אינ'ם יאָהר 1876 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס פראַנצויזישער סענאַטאָר, און דעם דאָזיגען הויכען עהרען־אַמט האָט ער אָנגעהאַלטען ביז צו זיין טויט. שוין אין זיינע יונגע יאָהרען איז קרעמיע געווען זעהר טעטיג אין אידישע אנגעלעגענהייטען. איהם איז עס געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אינ'ם יאָהר 1828 בטל געמאַכט די ספּעציעלע שבועה פאַר אידען, די „מאָר יודאַאיקאַ"—אין יאָהר 1840, ווען עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער בלוט־בלבול אין דמשק, האָט ער, צוזאַמען מיט ר' משה מאָנטעפיאָרע, געפועל'ט ביים סולטאַן, אַז די אומשולדיג־אָנגעקלאָגטע זאָלען באַפרייט ווערען. ער איז אויך געווען דער גרינדער און שטענדיגער פאָרשטעהער פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" (כל ישראל חברים) און ער האָט אויך פיל געטאָן פאַר די אונטערדריקטע אידען אין רומעניען און אין רוסלאַנד.

קאַנט, אגוסט. — אַ פראַנצויזישער דענקער, 1795 — 1857, וועלכער האָט געלעגט דעם יסוד פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע און פון דער וויסענשאַפטליכער סאָציאָלאָגיע.

קאַסטע. — אַ שטאַנד, אַ קלאַס מענשען, וואָס האַלטען זיך אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע, אָדער וועלכע זיינען אויסגעטיילט פון די אַנדערע מיט זייער רייכקייט, טיטלען, פּראָפעסיאָנען אָדער פּריווילעגיען.

קאָנדאָרסע. — אַ פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער, 1743—94, געווען אַן אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע און האָט געהאַלטען מיט די זשיראָנדיסטען. ער האָט אויך אָנגעשריבען אַ ווערק, וואו עס ווערט אַנטוויקעלט דער באַגריף וועגען פּראָגרעס.

קאַנאָניזירען. — דאָס הייליג מאַכען, (דאָס ערקלערען איינעם צווישען די הייליגע פון דער קירך).

קאָסמאָס. — די גאַנצע וועלט מיט די הימלען און שטערען אַלס הארמאָניש גאַנצע.

קאָסמיזם. — די פילאָזאָפישע שיטה וועגען וועלט־אַל געגרינדעט אויף דער ענטוויקלונגס־לעהרע.

קולט. — די רעליגיעזע פאָרמען, מנהגים (גאָטעסדינסט) ; פאַרגעטערונג פון אַ מענשען אָדער אַ זאַך; די פאַרעהרונג.

קאָנצעפּציע. — א באַגריף, אַ אידעע, א מיינונג, אַ פּלאַן, אַ פאַרטראַכט.

קריטעריום. — אַ צייכען, לויט וועלכען מען קאָן אונטערשיידען דאָס אמת'דיגע פון דעם פאַלשען, דער מאַסשטאַב פון אמת־דיגקייט.

קאָסמאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען וועלט־אַל, וועגען זיינע עלעמענטען און געזעצען.

ר.

רעלאַטיוו. — ניט אַבסאָלוט, וואָס עס עקזיסטירט ניט אַן און פאַר זיך, וואָס הענגט אָפּ פון עפּעס, וואָס באַציהט זיך אויף עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו עפּעס, וואָס ווערט באַטראַכט אין שייכות מיט אַן אַנדער זאַך.

ראַציאָנאַליזם. — דאָס שטעלען העכער דעם שכל איידער אַ וועלכע עס איז אויטאָריטעט אין די פראַגען פון גלויבען און אויפפיהרונג. די פילאָזאָפישע שיטה, אַז דער ווירקליכער קוואַל פון קענטניש איז ניט די ערפאַהרונג דורך די חושים נאָר דער שכל, די „ריינע פאַרנונפט", ס'הייסט די אונמיטעלבאַרע דענקונגס־פעהיגקייט פון מענשען. אין טעאָלאָגיע — דאָס אָפּלייקענען אין די רעליגיעזע לעהרען און דאָגמען אַלץ, וואָס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל.

רעזיומירען. — ווידערהאָלען אין קורצען, מאַכען דעם סך הכל.

רעאַביליטירען. — הערשטעלען, אומקעהרען צו דער פריהערדיגער לאַגע, באַשטעטיגען אין די פריהערדיגע רעכטען, ריינוואַשען.

ענטדעקונגען און ערפינדונגען

ערפינדונג	יאהר	נאמען פון ערפינדער
אראבישע ציפער	1202	ביבאטשי.
עראָפּלוין	1903	רייט.
רויכלאָזע פולווער	1889	— — — —
בענזאָל	1849	מאנספילד.
באָמבעס	1457	מאלאטעסטא
שפילקעק, דויטשלאַנד	1365	— — — — —
וועלאָסיפּעד	1784	טרעקסלער.
מאשין צו שטריקען	1867	לעמב.
גאז באַלייכטונג	1786	לעבאָן.
גליצערין	1779	שעעלע.
בליץ אבלייטער	1752	בענדזש. פרענקלין
געגזענע פעדערען צום שרייבען	450	— — — — —
דינאַמיט	1867	נאָבעל.
דינאַמאָ-מאַשין	1867	סימענס.
דינאַמאָ-מאָטאָר	1821	צאַאום.
אַנטי-דיפטעריט אײנשפריצונג	1895	בעהרינג.
אייזענבאהן, ענגלאנד	1830	— — — — —
מאַשין צו שניידען תבואה פון די פעלדער	1799	באָים.
פליסיגע גלאָז	1818	פוקס.
דער שפיגעל	1300	לאליס.
דער אויגען שפיגעל	1851	העלמהאָלץ.
רעגען שירעמס, אין פראנקרייך	1640	— — — — —
נאָדלען	1560	— — — — —
עקס-שטראהלען	1895	רענטגען.
איאָדיין (יאָד)	1811	קורטוא.
בלייששיפטען	1665	— — — — —
קאָרטען	1300	— — — — —
קינעמאַטאָגראַף	1895	לומיער.
בוכדרוקעריי	1436	גוטענבערג.
קאָמפאַס, אין כינא	1302	דזשאָי.
שפייז קאָנסערווירונג (קענד שטאָף)	1809	אַפּערט.
קאָרסעט	1730	— — — — —
די בלוט-צירקולאציע	1619	האַרווי.
קעראָסין לאָמפּ	1855	סילימאן
קינסטליכע אייז	1856	העריסאן.
לאָקאָמאָטיוו	1814	סטעפענסאָן.
זעג מיהלען	830	— — — —
מיקראָסקאָפּ	1590	יאַנסען.
מאָרפינם	1805	זערטירנער.
ארסעניק	1649	שרעדער.
נאַפטע	1859	וועלאָק.
ניקל	1751	קראָנשטעדט.
באַטען	1025	— — — —
ברילען	1299	ארמאטי.
דאַמפער	1808	פולטאָן.

ערפינדונג	יאהר	נאמען פון ערפינדער
ראַדיום	1896	קיורי
רעוואָלווער	1831	קאָלט
צוקער פאבריקען	1470	— — — —
וואקסענע ליכט	312	— — — —
סטעארין ליכט	1818	בראַקאָנא.
זאַלצען הערינג, אײנגעפיהרט אין האָלאַנד	1397	בייקעלס.
סיגארען אין אייראָפּא	1787	— — — —
סאָדע	1793	לעבלאנק.
פאָספאָר. שוועבעלאך	1833	— — — —
שוועדישע שוועבעלאך	1846	בעטכער.
שרייב פעדערס פון שטאָהל	1808	אואיז.
סטענאָגראַפיע	1817	גאבעלסבערג.
קייבעל איבערן אָקעאַן	1858	— — — —
דראָטלאָזער טעלע-גראַף	1896	מארקאָני.
טעלעגראַף מיט בוכ-שטאַבען	1855	יוז.
טעלעסקאָפּ	1619	גאלילייו.
טעלעפאָן	1861	רעיס.
"	1877	בעל.
דראָטלאָזער טעלעפאָן	1913	וויאַני.
טערמאָמעטער	1724	פארענהייט.
"	1730	רעאָמיור.
"	1740	צעלסי.
טובערקולין	1890	קאָך.
פאָנאָגראַף	1877	עדיסאָן.
פיאנא	1711	קריסטאָפאלי.
כינין	1820	פעלעטיא
כלאָראָפאָרם	1831	העטרי.
צעמענט	1796	פּערקער.
צירקל	1603	יאָבעט.
טהע, אין אייראָפּא	1590	— — — —
נעה-מאשין	1844	האָו.
שאָקאָלאַד, אין אייראָפּא	1520	— — — —
באַיאָנעט, פראנקרייך	1640	— — — —
עלעקטרישער לאָמפּ	1877	יאבלאָטשקאָוו.
עמאַלירען	1410	וואן-עיק.
אנקער (פאַר שיפען)	578	— — — —
צעלאָלאיד	1870	הייעט.
טייפּרייטער	1878	שאָלס.
נעה-מאַשין פאַר קנעפּ-לעכער	1881	ריסע.
טראָלי קאר	1884-87	וואן דעפעלע, און ספראַג.
קעש-רעדזשיסטער	1885	פעטערסאָן.

היימישע רפואות

פון דר. ב. דובאָווסקי.

אין יעדען פאַל פון א קראנקהייט רופט א דאָקטאָר. נאָר אויב מען קען ניט וואַרטען ביז דער דאָקטאָר קומט ווייסט אליין וואָס צו טאָן.

1. ווען מען וואַרגט זיך. ווען א קינד שלינגט ארונטער א צו גרויסען ביסען, אָדער עס שטעלט זיך דעם קינד א ביינדעל אין האַלז, אָדער דאָס קינד לאַכט בעת עס עסט און דער ביסען געהט אריין אין דער לופט רעהר אנשטאַט אין שלינג רעהר, און דאס אלעס קאָן פּאַסירען אויך ביי אַן ערוואַקסענעם מענשען, אבוואהל עס פּאַסירט אָפּטערס ביי קינדער, געברויכט דאָס אלטע מיטעל פון א קלאַפּ טאָן אין פּלייצע צווישען די „לאַפּאַטקעס". דאס ברענגט דערצו, אז דאָס קינד זאָל אָנפאַנגען הוסטען און ארויסהוסטען דעם ביסען שפּייז, וואָס האָט זיך איהם געשטעלט אין האַלז. אויב דאָס העלפּט ניט, טוט אריין דעם פינגער אין קינד'ס האַלז און פּרוּבירט ארויסקריגען דעם פאַרהאַקטען ביסען.

דערביי דאַרף מען שוין זיין פאָרזיכטיג מען זאָל דעם ביסען ניט מעהר ארונטערשטופּען, ווייל דאָס וועט נאָך ערגער מאכען. א דאָקטאָר אין אזא פאַל געברויכט א צווייַנגעל. און אויב עס איז ניט קיין געפאַהר פון דערשטיקט ווערען, איז בעסער צו וואַרטען ביז דער דאָקטאָר קומט אָדער ברענגען דאָס קינד צו א דאָקטאָר. אויב מען קען דאַרף מען אליין ארונטערדריקען די צונג מיט'ן הענטעל פון א לעפעלע, ווי מען טוט ווען מען וויל אריינקוקען אין קינד'ס העלזעל, און מיט א צווייַנגעל אָננעהמען דעם פאַרהאַקטען ביסען און איהם ארויסציהען.

אָבער ווען עס איז א געפאַהר, אז דאָס קינד וועט דערשטיקט ווערען און קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ דאַרף מען אריינשטופּען דעם פינגער יענעם אין האַלז און פּרוּבירען ארויסקריגען דעם ביסען, מיט וועלכען דער קראַנקער וואַרגט זיך.

אויב דער ביסען איז אין שלינג אנשטאַט אין דער לופּט רעהר וואָלט גלייכער געווען ארונטערצושטופּען דעם ביסען אנשטאַט איהם ארויסצוקריגען. דער דורכשניטליכער מענש טאָר אָבער ניט איינשטעלען. און אין יעדען פאַל פּרוּבירען ארויסקריגען דעם ביסען אנשטאַט איהם ארונטערצושטופּען טיפער, ווייל טאָמער איז דאָס אין דער לופּט רעהר וועט עס דערשטיקען דעם מענשען.

ווען מ'טוט אריין די האַנד אין יענעם'ס מויל דאַרף מען זיך אלע מאָל באַוואָרענען, דאס יענער וועט ניט בייסען. די בעסטע באַוואָרעניש איז ווען מיט דער צווייטער האַנט שטופּט מען אריין יענעם'ס באַק צווישען זיינע ציינער. אויב ער בייסט בייסט ער זיין אייגענע באַק און ער הערט גלייך אויף.

---

2. ווען מען לינקט זיך אויס. ווען מען לינקט זיך אויס און מען פאַלט קען מען ניט זיין זיכער, צי דאָס איז בלויז אויסגעלונקען אָדער עס איז א ברוך. בלויז אַן עקס־רעי בילד קען ציינען. דאָס בעסטע איז דארום ניט צו שטערען די באַשעדיגטע האַנד

אָדער די פוס. וויקעלט איין די האנד אָדער די פוס אין א קישען. פארשפּילעט איהם מיט סייפטי פּינס און ווארט ביז דער דאָקטאָר קומט. אויך דער דאָקטאָר קען, אין די מעהרסטע פעלע, גאָר ניט טאָן ביז ער געפינט אויס דורך אן עקס רעי צי דער גליד איז בלויז אויסגעלונקען אָדער דער ביין איז לייכט איינגעבראָכען.

3. ווען מען בריהט זיך

אָ פּ. לעגט גלייך צו טיכער איינגעטונקט אין ווארעמע וואסער אין וועלכע מען האָט אויפגעלעזט ביי קארבאָנעיט אָוו סאָדא, אָדער אין ליים וואסער.

אויב איהר קענט צולעגען צו דער אָפּגעבריהטער הויט טיכער איינגענעצט אין א אויפלעזונג פון „פּיקריק עסיד“, וואָס איהר קענט קריגען אין יעדער דראָג סטאָר, וועט דאָס פארהיטען, אז עס זאָלען ניט אייפלויפען קיינע פּוזירען. פּיקריק עסיד גיט אָבער א געלען קאָליר צו דער הויט און די געלקייט געהט ניט אזוי שנעל אוועק.

4. ווען מען קיהלט זיך

צ ו. אזוי שנעל ווי איהר דערפיהלט, אז איהר האָט זיך צוגעקיהלט טוט פאָלגענדעס:

נעמט א מאָסטערד (זענפט) פוס באָד. גיסט אָן א גרויסע שיסעל מיט הייסע וואסער און טוט אריין איינע אָדער צוויי טהעע לעפעלעך געלען מאָסטערד. מישט עס גוט אויס און האלט ביידע פּיס אין די הייסע מאָסטערד וואסער אומגעפעהר פופצעהן אָדער צוואנציג מינוטען צייט. ווישט דאן אָפּ די פּיס. דעקט זיי גוט איין און געהט שלאָפען. פאר׳ן איינשלאָפען טרינקט אויס א הייסע גלאָז מילך אָדער א גלאָז הייסע וואסער מיט לעמאָן זאפט, און דעקט זיך גוט איין אין בעט.

דורך דער נאכט וועט איהר שוויצען, און אין די מעהרסטע פעלע וועט דער קאָלד פארשווינדען ביז אין דער פריה.

פאר די יעניגע וועלכע קריגען אָפט קאָלדס, און כמעט א גאנצען ווינטער „וויל זיך דער קאָלד פון זיי ניט אָפּטשעפּען“, איז גלייכער זיך צוגעוואוינען נעהמען קאלטע בעדער. זיי קענען דאָס אָנפאנגען דורך ספּאָנדזשען יעדען פריה מאָרגען דעם קערפּער מיט קאלטע וואסער. א האנד, צום ביישפּיל, ווערט געספּאָנדזשט מיט קאלטע וואסער און אָפּגעטרוקענט. נאכהער ווערט די צווייטע האנד געספּאָנדזשט און אָפּגעטרוקענט, נאכהער די ברוסט, א. ז. וו. דער גאנצער קערפּער ווערט אויף אזא אופן טיילווייז געוואשען מיט קאלטע וואסער.

נאָך אזא ספּאָנדזש באָד איז נויטיג גוט דורכצורייבען דעם קערפּער מיט א טערקישען האנדטוך ביז די הויט ווערט רויט און מען פיהלט זיך ווארעם. אויף אזא אופן קען מען זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינען צו קאלטע בעדער און די הויט ווערט צוגעוואוינט זיך „ניט צו שרעקען“ פאר קעלט.

5. ווען מען כאפּט א קלאַפּ

אויף אירגענד וועלכען טייל פון קערפּער, ווען מען כאפּט א שטארקען קלאַפּ, פּלאַצען אייניגע בלוט רעהרען אונטער דער הויט. דערפון נעהמען זיך די שווארצע און בלויע סמנים און די געשווילעכץ, וואס באווייזען זיך נאָך א שטארקען קלאַפּ.

געוועהנליך געברויכט מען קאלטע אָדער הייסע קאָמפּרעסען. אָבער ווען מען דארף געברויכען די קאלטע און ווען די הייסע קאָמפּרעסען ווייסען ניט די מעהרסטע מענשען. עס איז דארום ווערט צו געדענקען פאָלגענדען כלל:

באלד נאָכ׳ן קלאַפּ דארף מען צולעגען קאלטע קאָמפּרעסען. דאָס איז צו פאר־

היטען, אויף ווי ווייט נאר מעגליך די געשווילעכץ און דאס אויסשטראמען בלוט פון די צוריסענע בלוט רעהרען אונטער דער הויט.

אבער ווען עס געהען אוועק אייניגע טעג, די געשווילעכץ ווערט ניט גרעסער, און די שווארצע און בלויע סמנים הינטער דער הויט זיינען שוין דא, דארף מען צולעגען הייסע קאמפרעסען. דאס העלפט, אז דאס בלוט זאל צוריק איינגעזאפט ווערען, און דער שאדען זאל וואס שנעלער פארריכט ווערען. הייסע קאמפרעסען באלד נאך א קלאפ בריינגען שאדען. זיי פארגרעסערען די געשווילעכץ. קאלטע קאמפרעסען אין אייניגע טעג ארום נאכ'ן קלאפ שטערען דאס פארריכטען פון שאדען וואס דער קלאפ האט פאראורזאכט.

געדענקט־זשע. — קאלטע קאמפרעסען אין אנפאנג. הייסע קאמפרעסען, ווען נויטיג, אין אייניגע טעג ארום.

6. **ווען איינער חלש'ט.** לעגט אזא מענשען אויף א זאפא, אדער אויף דער ערד, מיט דעם קאפ עטוואס נידעריגער ווי די אנדערע טיילען פון קערפער. דאס איז כדי דאס בלוט זאל קענען לייכטער פליסען צום קאפ. שפילעט אפ דעם קאלאר אדער קארסעט און אלע אנדערע ענגע קליידער פון גע'חלש'טען. אפטמאל איז גוט צו שפריצען אביסעל קאלטע וואסער אין זיין געזיכט. ווען ער וואכט אויף, לאזט איהם רוהיג ליגען און זיך אפרוהען. זעצט איהם **ניט** גלייך אויף. איהר מעגט איהם געבען א לעפעלע „אראמאטיק ספיריטס אוו אמאניא" אין א האלבע גלאז וואסער. דאס וועט איהם עטוואס קרעפטיגען.

7. **ווען די הויט ווערט באשעדיגט.** יעדע באשעדיגונג פון דער הויט, אפילו ווען זי איז אזוי לייכט ווי א קראץ אין דער הויט, קען ווערען געפעהרליך און פיהרען צו בלוט פארגיפטונג. עס איז דארום ראטזאם צו באשמירען אזא וואונד מיט יאד (טינקטשור אוו אייאדין).

8. **ווען מען שניידט זיך איין.** אויב די וואונד איז א לייכטע, באשמירט דעם באשעדיגטען פלאץ מיט יאד, לעגט צו א שטיקעל ריינע מערליע, סטערעליזירטע מערליע אויב מען קען עס קריגען (אין יעדען דראג סטאר קען מען עס קויפען) און פארבינדט מיט א באנדאזש.

אויב די וואונד איז אן ערנסטע איז גלייכער אליין זיך ניט צופיל באדערן דערמיט. לעגט צו א שטיקעל סטערעליזירטע מערליע אויף דער וואונד. בינדט צו שטארק מיט א באנדאזש, אום איינצוהאלטען דאס בלוטען, און געהט גלייך צו א דאקטאר.

9. **ווען עס געהט בלוט פון נאז.** אין א לייכטען פאל איז גענוג אריינצולעגען א שטיקעל ריינע וואטע אין דער זייט פון נאז, וואס בלוטעט און צודריקען מיט'ן פינגער אויף דער אויסערליכער טייל פון נאז. ווען דאס העלפט ניט איז גוט איינצוטונקען דאס שטיקעל וואטע אין א אויפלעזונג פון אלום. (א פערטעל לעפעלע אלום אויפגעלעזט אין א גלאז וואסער). קאלטע קאמפרעסען צום נאקען און צו דער נאז העלפען אפט. אבער אנבויגען דעם קאפ אונטער'ן קראן וואסער איז שעדליך, ווייל דאס פארגרעסערט נאך דאס בלוטען.

אויב דאס בלוטען פון נאז הערט ניט אויף אזוי שנעל דארף מען גלייך צוגעהן צו א דאקטאר.

10. **ווען עס ווערט א**

„גערשט" אויף אן אויג. באַלד ווי דער גערשט פאַנגט אָן זיך ענטוויקלען וועלען נאַסע, הייסע קאָמ־פּרעסען העלפען ער זאָל וואס גיכער פאַרטיג ווערען. א שטיקעל מערליע, אָדער קאַטען איינגעטונקט אין הייסע וואַסער, אָדער פלאַסטער פון לינען זוי־מען (פלעקס־סיעד) פאַרלייכטערט די שמערצען און „מאַכט אויף פאַרטיג" דעם גערשט.

אזוי שנעל ווי מען באַמערקט די אנ־וועזענהייט פון מאַטעריע דאַרף מען דעם גערשט עפענען דורך אַרויסשלעפּען א האָר פון דער וויע אויף דעם פלאַץ, וואו דער גערשט געפינט זיך, און דאַן וואַ־שען די אויגען דעקלעך און די ווייעס מיט וואַרעמע באָריק עסיד וואַסער. (א לעפעלע באָריק עסיד צו א גלאָז הייסע וואַסער).

עס איז פיל גלייכער און עס לוינט זיך בעסער צו לאָזען א דאָקטאָר באַהאַנד־לען דעם „גערשט". עס איז אפילו א קליינינגקייט וואס לאָזט נאָך זיך קיינע שלעכטע רעזולטאַטען. אין אויסנאַמס פעלע קאָן אָבער פון א גערשט זיך ענטוויקלען עטוואס מעהר ערנסטעס.

---

11. ווען דער קאָפּ טוט וועה. א קאָפּ וועהטאָג איז א סמן, דאַס עטוואס אין קערפּער איז אויסער אָרדנונג. דער בעסטער וועג ווי פּטור צו ווערען פון א קאָפּ וועהטאָג איז דאַרום אויסצוגעפינען די אורזאַכע פון דיזען וועהטאָג און דיזע אורזאַכע צו באַזיי־טיגען.

אויב איהר קענט דאס זעלבסט ניט אויסגעפינען, ווענדעט זיך צו א דאָקְ־טאָר. נעהמט אָבער אויף קיין פאַל ניט די „הער־עיק־פּאודערס" אָדער אנדערע באַטויבענדע מעדיצינען, פּילען אָדער פּראָשקעס, וועלכע פאַר'סמ'ען די נערווען און שטילען די קאָפּ שמערצען אויף א ווײלע, ניט אוועקנעהמענדיג די אורזאַ־כען, וואס שאַפען דיזע שמערצען.

---

12. ווען מען לײדעט פון היהנער אויגען (קאָרנס). אום פּטור צו ווערען פון הינער אויגען דאַרף מען קודם כל אָנפאַנגען טראָגען גרויסע שיך. שיך וואס זאָלען פּאַסען צום פאַ־סאָן (שייפּ) פון פוס. די היינט מאָדי־שע, שפּיץ נעזיגע שיך האָבען קיין שום עהנליכקייט ניט צו א מענשען'ס פוס.

אַרויסצונעהמען שוין עקזיסטירענדע הינער אויגען קען מען אויף פאָלגענדען אופן:

וואַשט די פיס אין הייסע וואַסער ביז די הינער אויגען ווערען ווייך. דאַן באַשמירט די מאַזאָליעס (הינער אויגען, קאָרנס) מיט פאָלגענדער מיקסטשור וואס איהר קענט קריגען אין יעדער אַפּטייק:

אײן גראַם סאַליסיליק עסיד און
אײן אונץ ווייכע קאָלאָדיאָן.

Solicylic Acid one teaspoonful
Soft collodion one ounce.

באַשמירט בלויז די מאַזאָליע און ניט די אַרומיגע הויט. איהר קענט דאָס טאָן דורך אַרומוויקלען א שטיקעל קאַ־טען (וואַטע) אַרום א „טוט־פּיק", דאָס איינטונקען אין דער אויבען דערמאַנטער מעדיצין און דערמיט באַשמירען די מאַ־זאָליע.

אין פיער און צוואַנציג שטונדען אַרום ווייקט די פיס אין הייסע וואַסער, און אויב די מאַזאָליע איז נאָך ניט אין גאַנצען פאַרניכטעט, באַשמירט נאָך אַמאָל די מאַזאָליע אויף פיער און צוואַנ־ציג שטונדען. דאַן וועט איהר זי קענען לייכט אַרויסקאַלופּען.

די מאַזאָליעס וועלען אָבער זיכער צוריק אָנוואַקסען, אויב מען וואַרפט ניט אַוועק די ענגע שפּיץ־נעזיגע שיך.

---

13. ווען די פיס שוויי־

צען צופיל. באָדט די פיס אין וואַ־רעמע וואסער און נאכהער וואשט זיי פאר איינינע מינוטען נאָכאַנאַנד מיט איינס פּראָצענט „ליקוואָר פאָרמאַלדע־אייד" (וואסער אין וועלכע פאָרמאַלדע־אייד איז אויפגעלעזט. מען קען דאָס קריגען אין יעדען דראַג סטאָר). טרי־קענט אָפּ די פיס מיט א האנדטוך. טוט אריין אין די זאָקען א ביסעל צושטוי־סענע אלום (פּאוודערד אלום), וואס איהר קענט קריגען אין יעדען דראַג סטאָר, און טוט אָן די זאָקען. עס איז נויטיג יע־דען אָוועגט צו באָדען די פיס ווי פריהער באשריבען, און יעדען טאָג אָנטאָן א פּאָר פריש געוואשענע זאָקען.

---

14. ווען מען פרירט אָפּ א האנד אָדער א פוס. רייבט די אָפּגעפראָרענע טייל פון קערפּער מיט שנעע אָדער שטארק קאלטע וואסער. ווען דאָס בלוט פאנגט אָן ווידער צו צירקו־לירען דורך די בלוט רעהרען אין דעם אָפּגעפרוירענעם טייל פון קערפּער מעג מען געברויכען ווארעמע וואסער. דאַן דארף מען אָפּווישען די הויט, באשמירען מיט באָריק עסיד זאלב אָדער וואזעלין, און ארומבינדען דעם באטרעפענדען טייל פון קערפּער מיט א באנדאזש.

מען דארף זיך היטען ניט אריינצו־קומען צו שנעל אין א ווארעמען פּלאַץ און ניט פּרובירען אָנוואַרעמען די אָפּ־געפרוירענע טיילען פון קערפּער נעבען א אויווען. אזא האנדלונג קען פיהרען צו „גענגרין", דאָס פוילען פון די אָפּגעפרוי־רענע טיילען פון קערפּער.

---

15. ווען די הויט פון די הענט ווערט צושפּאַלטען. ווינטער צייט ווען עס איז שטארק קאלט לײדען מאנכע מענשען דערפון, וואס די הויט פון זייערע הענט ווערט צושפּאַלטען און עס פאָרמירען זיך וואונדען. אין אזא פאל האלט די הענט ווארעם און באַ־שימרט זיי איינינע מאָל אין טאָג מיט וואזעלין, אָדער מיט א געמישעכץ פון איין טייל גליצערין און צוויי טיילען ראָוז וואסער.

---

16. אין פאל פון קאָנ־וואולסיעס. מאכט לויז די קליידער פון קראנקען. שפּילעט אָפּ זיין קאָלנער, ראָק און הויזען־פּאַס, אָדער דעם קאָר־סעט אינ'ם פאל פון א פרוי. מען דארף אויך פארהיטען דעם קראנקען ער זאָל זיך ניט פארוואונדען זיין קאָפּ און ניט איינבייסען זיין צונג.

א וואַנד אין קאָפּ קען מען פארהי־טען דורך אונטערלעגען דעם קראַנקען א קישעלע אָדער א צונויפגעלעגטען ראָק. צו פארהיטען ער זאָל ניט בייסען זיין צונג דארף מען ארומוויקלען א ריינע טיכעל ארום א בליישטיפט, אָדער ארום אירגענד וועלכען גלאטען און דינעם שטיקעל האָלץ און דאָס אריינרוקען צווי־שען זיינע צייהן. דאָס וועט בארהיטען ער זאָל ניט קענען צומאכען דאס מויל און ניט בייסען זיין צונג.

אין קאָנוואולסיעס פון קליינע קינדער איז אָפטמאָל גוט צו געבען א הייסע מאָסטעד (זענפט) וואנע, און א קליסטיר פון ווארעמע וואסער און זייף, איידער דער דאָקטאָר קומט.

---

17. ווען מען עסט זיך איבער, אָדער ווען מען עסט שפּייזען, וועלכע דער מאָגען קען ניט פארליידען, איז דאָס בעסטע אזוי שנעל ווי מעגליך אויסצוברעכען די שפּייז, וואס געפינט זיך נאָך אין מאָגען.

דאָס קאָן געטאָן ווערען דורך קיצלען מיט'ן פינגער די הינטערשטע טייל פון גומען אָדער האלז. אָדער דורך טרינקען פיל ווארעמע וואסער אין וועלכע מען לעזט אויף בייקארבאָנעיט אָוו סאָדא

אָדער א גאַנץ קליינעם טייל מאָסטערד. דאס רייצט דעם מאָגען און ער לעדיגט זיך אוים אויף דעם קורצסטען וועג, — דורכ'ן מויל.

טרינקען פיל ווארעמע וואַסער, אין וועלכע מען האָט אויפגעלעזט בייקאַרבאָנעיט אָוו סאָדא און נאַכהער אויסברעכען איז אויך א גוטער היימישער וועג פון אויסוואַשען דעם מאָגען.

18. ווען עטוואָס פאַלט אריין אין אויג. רייבט ניט דאָס אויג. וואַשט אָפּ די וויעס מיט א שטיקעל קאַטען איינגעטונקט אין באָריק עסיד וואַסער. דאַן נעהמט אָן די וויעס פון אויבערשטען אויגען דעקעל און ציהט עס ארונטער, ווי ווייט נאָר מעגליך איבער דעם אונטערשטען אויגען דעקעל.

ווען מען לאָזט עס דאן אָפּ, און דאָס אויבערשטע אויגען דעקעל געהט צוריק אויף איהר פּלאַץ רייבט זיך די אינערליכע הויט פון אויבערשטען אויגען דעקעל איבער די האָר פון אונטערשטען אויגען דעקעל און אין פילע פעלען נעמט דאָס ארונטער דאָס שטיקעל קויל אָדער שטויב וואָס געפינט זיך דאָרט.

אויב נאָך איינינע מאָל פּרובירען געלינגט דאָס ניט, דארף מען איבערקערען די אויגען דעקלעך און אויסגעפינען וואו דיזער פרעמדער געגענשטאַנד געפינט זיך. דאָס קען מען שוין אליין פאר זיך ניט טאָן. מען דארף שוין אָנקומען צו יענעם.

צוערשט דארף מען ארונטערציהען דאָס אונטערשטע אויגען דעקעל און זעהן צי דער פרעמדער געגענשטאַנד געפינט זיך ניט דאָרטען. אָבער אין די מעהרסטע פעלע געפינט זיך דאָס וואָס איז אריינגעפאַלען אין אויג הינטער דעם אויבערשטען דעקעל. אין דיזען פאַל דארף מען דעם באַטרעפענדען פערזאָן אויעקזעצען און איהם הייסען לייכט אויסבויגען דעם קאָפּ הינטערוויילעכס. דער וואָס וויל ארויסנעהמען דעם פרעמדען געגענשטאַנד שטעלט זיך הינטער יענעם פערזאָן (דעם פּאַציענט). מיט'ן גראָבען און צייגע פינגער פון איין האַנד נעהמט ער אָן די וויע פון אויבערשטען אויגען־דעקעל און ארונטער ציהענדיג עטוואָס דעם אויבערשטען אויגען דעקעל איז לייכט דאָס איבערצוקעהרען איבער דעם שפּיץ פון א פינגער, א צינד העלצעל אָדער א בליישטיפט.

איידער מען טוט דאָס דארף מען צוגרייטען א שטיקעל וואַטע ארומגעוויקעלט ארום א דין שטעקעלע, אָדער א ריין טיכעל, דערמיט קען מען אָפּווישען דאס שטיקעל קויל אָדער שטויב וואס מען זעהט אויף דער אינערליכער הויט פון אויבערשטען אויגען דעקעל.

אויב דאָס געלינגט ניט דארף מען געהן צו א דאָקטאָר, ווייל עס איז מעגליך, אז דאָס שטיקעל שטויב איז איינגעגראָבען אין אויג זעלבסט.

---

19. ווען מען האָט צוצויגענע בלוט רעהרען (וועריקאָוז וועינס). דער וואס האָט צוצויגענע וועינס אויף די פיס דארף טראָגען עלאַסטישע זאָקען אָדער באַנדאַזשען. דיזע זאָקען אָדער באַנדאַזשען דארף מען טראָגען א גאַנצען טאָג און זיי אויסטאָן בלויז דאַן ווען מען ליגט שוין אין בעט.

אין בעט איז גלייכער צו ליגען מיט א קושען אונטערגעלעגט אונטער די פיס אום זיי זאָלען אויסקומען עטוואָס העכער פון די אַנדערע טיילען פון קערפּער.

אויב די פיס זיינען געשוואָלען אָדער ענטצונדען, איז גלייכער צו פאַרברייננען א געוויסע צייט אין בעט, מיט די פיס עטוואָס אונטערגעהויבען אויף א קושען, ביז די געשווילעכץ און די ענטצינדונג געהט פאַראיבער.

---

20. ווי אויסצולעשען

ברענענדע קליידער. אויב איהר זייט אליין אין הויז און אייערע קליידער צינדען זיך אָן, לויפט ניט אין גאַס אריין נאָך הילף. דאס לויפען און דער ווינד וועלען נאָך מעהר צובלאָזען די פלאמען. דאס בעסטע מיטעל איז זיך אוועקלעגען אויף דער ערד און זיך איינדרעהען אין א קאָלדרע, א בלענקעט אָדער א ראָק, אירגענד וואס מען קען געפינען צו פארשטיקען די פלאמען.

דאָס זעלבע דארף מען טאָן פאר אַן אנדערען, ווען מען זעהט ווי די קליידער אויף א מענשען ברענען דארף מען אויף איהם ארויפווארפען א דעקע אָדער א קלייד, וואס מען קריגט צו דער האנד און איהם איינוויקלען אין דעם אזוי, דאָס בלויז דער קאָפּ זאָל זיך ארויסזעהן. אויף אזא אופן ווערען די פלאמען דערשטיקט און אויסגעלאָשען.

---

21. **ווען עס איז א רויך אין צימער.** ווען איינער געפינט זיך אין א צימער וואס איז אָנגעפילט מיט רויך איז ווערט צו געדענקען, דאס די לופט נעבען באָדען, אונטען, אומגעפער 6 אינטשעס פון באָדען, איז פריי פון רויך.

מען דארף זיך דארום אוועקלעגען אויפ'ן באָדען, און אויב מעגליך האלטען א נאסע טוך פאר'ן מויל און נאָז. אויף אזא אופן איז לייכטער צו אָטהעמען, און קריכענדיג אויפ'ן באָדען, מיט'ן קאָפּ זעהר נידריג, קען מען זיך אָפּט רעטען פון צימער, וואס איז פול מיט רויך, ווערענד ווען מען אטהעמט איין דעם רויך ווערט מען דערשטיקט.

פאר יעדע וואונד. א וואונד איז אירגענד וועלכע באשעדיגונג פון קערפער. א פארמאכטע וואונד איז אזא, ביי וועלכער די הויט איבער דעם פארוואונדעטען פלאַץ איז ניט באשעדיגט. אַן אָפענע וואונד איז אזא, ביי וועלכער די הויט איז באשעדיגט.

די געפאהר פון יעדער אָפענער וואונד איז, דאָס מיקראָבען זאָלען זיך ארייננכאפען און פאראורזאכען אַן ענטצינדונג.

יעדע אָפענע וואונד דארף דערום באשיצט ווערען פון מיקראָבען. דאָס קאָן געטאָן ווערען דורך אָפּוואשען דעם באשעדיגטען פלאַץ מיט:

פעראָקסייד אָוו היידראָזשין, אָדער באָריק עסיד וואסער, אָדער 70 פראָצענט אלקאָהאָל און נאכהער פארבינדען מיט א שטיקעל סטעריליזירטע מערליע,

וואָס מ'קאָן קריגען אין יעדען דראָג־סטאָר.

יאָד, „טינקטשור אָוו אייאָדין" איז א גוטעס מיטעל צו טויטען מיקראָבען, מען דארף דאָס אָבער ניט געברויכען אויף א נאסען פלאַץ, ספעציעל ווען מען פארבינדט עס נאכהער מיט א באנדאזש. אָנשמירען דיק מיט יאָד אויף אַן אָפענע וואונד און נאכהער פארבינדען מיט א באנדאזש קאָן פאראורזאכען א כעמישע בראנד וואונד.

באשמירען מיט יאָד אויף א פלאַץ וואו די הויט איז ניט באשעדיגט, ווי מאנכע טוען דאָס, איז נוצלאָז.

אין פארשידענע נויטפעלע, וואָס טרעפען אין א פאמיליע, איז די „ווענזעלין", וואָס איז פאבריצירט פון דער טשעסבראָו מאנופעקטשורינג קאָמפאניע, זעהר ניצליך און מען קאָן עס קויפען אין יעדער דראָג סטאָר, פאר א קלייניגקייט, האלט אין זינען די פאָלגענדע ליסטע:

„ווענזעלין" יוקאליפטאל דזשעלי פאר פארקיהלונג אין קאָפּ.

„ווענזעלין" קארבאָלייטעד דזשעללי פאר א ברען און א שניט.

„ווענזעלין" מענטהאָלייטעד דזשעלי פאר קאָפּוועהטאָג און שמערצען אין די מוסקלען.

„ווענזעלין" אָקסייד אָוו צינק אָינמענט פאר רויהע וואונדען (סאָרס) און אויסשיטונגען אויפ'ן קערפער (ראשעס) א. א. וו.

Vaseline

פעטראָלעאום דזשעלי

ווען איהר שניידט איין אייער פינגער אָדער איהר
האָט אַ וואונד וואָס איז שווער צו פאַרהיילען ;
ווען די בייבי קלאַפּט אָפּ די קאָפּ אָדער צוקוועטשט
די פינגערלאַך ; געהט צו דער נעהענטסטער סטאָר
און קויפט פאַר אַ פּאָר סענט אַ באטעל „וועזעלין”
פּעטראָלעאום דזשעלי, איהר וועט עס דערקענען
דורך דעם בלויען זיגעל אויף דער דעקעל, לייגט עס
צו ווי אָנגעצייגט און איהר וועט זיין צופרידען
מיט די רעזולטאטען.

ריין און אימער זיכער, ווערט געברויכט פאַר אי-
בער פופציג יאָהר אין די פאַראייניגטע שטאַאטען.
איהר וועט עס געפינען פאר אַן אמת'ע הויז נויט-
ווענדיגקייט.

CHESEBRCUGH MANUFACTURING COMPANY

(CONSOLIDATED)

STATE STREET NEW YORK

וואָס יעדער מענש דאַרף וויסען וועגען טובערקולאָזיס

פון דר. ב. דובאָווסקי.

די באציהונגען פון געזונדע מענשען צו קאָנסאָמפּטיווס.

(פאָרוואָרט)

דער צוועק פון דיזען ארטיקעל איז צו ברענגען צו א בעסערע פארשטענד־ניס צווישען די וועלכע ליידען פון טובערקולאָזיס און זייערע פריינד און קרובים מיט וועלכע דיזע קראנקע מוזען צוזאמענלעבען.

די צאָהל שווינדזיכטיגע איז אזוי גרויס, דאָס בלויז א גאנץ קליינע צאָהל פון די קראנקע געפינען זיך אין האָספּי־טאָלס אָדער אין סאַניטאַריומס. די גרעסטע צאָהל קראנקע פון טובערקולאָ־זיס לעבען אין זייערע וואָהנונגען ארומ־גערינגעלט פון זייערע פריינד און קרובים. און די באציהונגען צווישען די קראנקע און די געזונדע איז ליידער זעהר ניט קיין גוטע.

די מעהרסטע „געזונדע“ מענשען באַ־ציהען זיך צו קאָנסאָמפּטיווס ווי צו קרעציגע. מען מיידעט אוים צו שטעהן אין זייערע פיער איילען, מען וויכט פון זיי און אויף יעדען טריט און שריט מאכט מען די שווינדזיכטיגע פיהלען, דאָס זיי זיינען ארויסגעשטויסענע און דארפען זיך געפינען מחוץ למחנה.

דער רעזולטאט פון אזא באהאנד־לונג איז, דאָס די קאָנסאָמפּטיווס זו־כען צו פארבאָרגען זייער קראנקהייט. זיי באהאלטען זיך דערמיט, און ווען איינער פארדעכטיגט, דאָס ער ליידעט פון שווינדזוכט מיידעט ער אוים צו געהן צו א דאָקטאָר, טאָמער וועט יענער באשטעטיגען דאָס וואס ער אליין פאר־דעכטיגט. דער רעזולטאט דערפון איז דאָס פילע וועלכע וואָלטען געקענט לייכט אָפּשטעלען די ענטוויקלונג פון זייער קראנקהייט, ווען זיי וואָלטען עס באצייטענס אָנגעפאנגען, פארנאכלעסיגען דאָס און פארבאָרגען זייער צושטאנד אזוי לאַנג ווי מעגליך. ווען עס איז שוין מעהר ניט מעגליך צו פארבאָרגען איז שוין געוועהנליך אויך צו שפּעט צו טאָן עטוואס פאר'ן אונגליקליכען.

און אין דער זעלבער צייט דערפאר, וואָס ער האָט זיך געהיט מען זאָל חלילה ניט חושד זיין דאס ער טראָגט פאר־באָרגען אין זיין קערפּער טובערקולאָזיס באצילען, האָט דער קראנקער ניט גע־קענט נעהמען די נויטיגע שריטע צו מאכען אונשעדליך זיין ספּיוטום (ליחות), און האָט אָנגעשטעקט אנדערע מענשען מיט זיין קראנקהייט.

דער שטילער חרם פון די געזונדע אויף די קאָנסאָמפּטיווס, און דער האָפּ־נונג דאס זיי, די געזונדע, וועלען זיך ניט אָנשטעקען פון די קראנקע, איז דארום אן אונגליק פארביידען. עס צווינגט די קראנקע צו פארנאכלעסיגען זייער קראנקהייט ביז עס איז צו שפּעט זיי צו העלפען, און אין דער זעלבער צייט צווינגט עס די קראנקע זיך ניט צו היי־טען און אָנשטעקען פילע פון די מענ־שען מיט וועלכע זיי קומען אין נאָהענ־טע באריהרונג.

ניט ווילענדיג, און פיליייכט אליין

ניט וויסענדיג נעמען די קאנסאמפּטיווס ראכע אן די „געזונדע“ פאר דעם, וואס מען היט זיך פאר זיי ווי פאר קרעציגע, און דאס העלפט אימער צו פארגרעסערען די צאהל קרבנות פון דער ווייסער פעסט.

אונזער אויפגאבע אין דיזען קורצען ארטיקעל איז צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון לעזער צו דיזען טעות און העלפען ברייגען צו א בעסערע פארשטענדניס צווישען די קראנקע פון טוּבערקולאזיס און די מיט וועלכע זיי קומען אין באריהרונג. א בעסערע פארשטענדניס וועט זיין געזונטער פאר די קראנקע, און נאך מעהר פאר די וואס זיינען נאך ניט קראנק.

קראנקע און געזונדע קאנסאמפּטיווס.

ארום אכציג פּראצענט פון אלע מענשען, ספּעציעל צווישען די איינוואוינער פון גרויסע שטעדט, וואו די וואוינונגען זיינען ענגע און די לופט איז פול מיט שטויב, זיינען ניט פריי פון טוּבערקולאזיס. גליקליכערווייזע איז די קראנקהייט אין די מעהרסטע פעלע ניט גענוג ענטוויקעלט. די באצילען וואס פאראורזאכען טוּבערקולאזיס זיינען ערגעץ וואו איינגעשלאסען אין קערפּער, און אזוי לאנג ווי מיר זיינען געזונד, אזוי לאנג ווי אונזער קערפּער האט גענוג ווידערשטאנדס־קראפט אין זיך, קענען די באצילען אונז קיין גרויסען שאדען ניט טאן. אבער ווי נאר מיר ווערען אפּגעשוואכט אזוי שנעל ווי די ווידערשטאנדס קראפט פון אונזער קערפּער ווערט קלענער, טשוכען זיך דיזע באצילען אויס פון שלאף, זיי פיהלען ניט מעהר קיין שטערונג פאר זייער צושטערונגס ארבייט.

צו האבען טוּבערקולאזיס און צו זיין קראנק פון טוּבערקולאזיס זיינען דארום צוויי באזונדערע זאכען. די מעהרסטע מענשען האבען טוּבערקולאזיס, אבער בלויז א קליינע צאהל מענשען זיינען קראנק פון טוּבערקולאזיס. און קראנק ווערען פון טוּבערקולאזיס קען מען ווען דער קערפּער ווערט זעהר אפּגעשוואכט, אפילו ווען מען קומט ניט אין באריהרונג מיט איינעם, וועלכער ליידעט שוין פון טוּבערקולאזיס. די אייגענע באצילען, וועלכע מען טראגט ארום אין קערפּער פאראורזאכען די קראנקהייט.

וואס איז טוּבערקולאזיס?

ווען מען רעדט פון קאנסאמפּשאן, אדער טוּבערקולאזיס, פארשטעהט דער געוועהנליכער לעזער דאס די קראנקהייט איז אין די לונגען. אין דער אמת'ן איז לונגען טוּבערקולאזיס בלויז איין טייל פון דער קראנקהייט, וואס ווערט באצייכענט מיט'ן נאמען טוּבערקולאזיס.

די קראנקהייט ווערט פאראורזאכט פון א געוויסען סארט באציל, און דיזע באצילען קענען אנגרייפען אירגענד וועלכע טייל פון קערפּער.

אויף יעדען פלאץ, וואו א גרופּע פון דיזע באצילען געפינען זיך, צושטערען זיי די געוועבען פון קערפּער, און פאראורזאכען א וואונד. די קערפּער געוועבען ארום דיזער וואונד פארמירען א שטארקע וואנד, אין א פארזוך צו פארשפּארען די באצילען און זיי ניט לאזען זיך פארשפּרייטען, און אנטאן נאך מעהר שאדען ווי זיי האבען שוין אנגעטאן. די וואונד, צוזאמען מיט דיזער וואנד ארום דער וואונד זעהט אויס ווי א קליין, פארהארטעוועטע בלעזעל (אויף ענגליש הייסט דאס טוּבערקעל) און דארום ווערט די קראנקהייט גערופען „טוּבערקולאזיס“. דעם צווייטען נאמען „קאנסאמפּשאן“, אדער שווינדזוכט“, ווי אנדערע רופען עס, האט דיזע קראנקהייט געקראגען דערפאר, וואס פילע פון איהרע קרבנות ווערען שנעל אויסגעצעהרט און פארלירען זעהר פיל געוויכט.

פון וואנען נעהמט זיך קאנסאמפשאן?

מיר האבען שוין פריהער באמערקט, דאס די קראנקהייט ווערט פאראורזאכט פון געוויסע באצילען. אבער פון וואנען נעהמען זיך דיזע באצילען? וואו געפינט זיך ערגעץ דער אונערשעפּליכער קוואל פון וואנען דיזע באצילען קומען? ווער באזארגט עס דיזע קליינע מחבלים אין אזא ריזיגער צאהל אויף דער גאנצער וועלט?

ווי אזוי די ערשטע באצילען זיינען באשאפען געווארען, אדער האבען זיך ענטוויקעלט, דאס ווייסט מען ניט, פונקט ווי מען ווייסט ניט ווי אזוי עס האט זיך באוויזען אויף דער וועלט דאס ערשטע איי פון וועלכע די ערשטע הון איז געקומען. וואס מען ווייסט יא איז דאס דער קוואל פון וואנען די באצילען קומען יעצט געפינט זיך אין די קערפּערס פון די מענשען, וועלכע ליידען פון דער קראנקהייט. די מענשען זעלבסט שטעלען צו די באצילען פאר זייער אייגענער פארניכטונג.

איינער וועלכער ליידעט פון טובערקולאזיס אין די לונגען, טראגט ארום אין זיינע לונגען מיליאנען פון די באצילען און ער האלט אין איין שאפען נייע מיליאנען אויפ'ן פלאץ פון די וואס פארלאזען זיין קערפּער.

דיזע באצילען געפינען זיך אויך אין די ליחות „שפּייעכץ" פונ'ם קראנקען, און ווען ער הוסט, ניסט, אדער שפּייט, שיקט ער ארוים אויף דער פרייער וועלט צוזאמען מיט זיין שפּייעכץ און מיט דער פייכטקייט פון זיין מויל גאנצע רעגימענטען באצילען.

אזוי לאנג ווי די ספּיוטום איז פייכט ליגען די באצילען ווי געפּענטעט, און קענען זיך ניט באוועגען. אבער אזוי שנעל ווי די פייכטקייט ווערט אויסגעטריקענט מישען זיך אוים די באצילען מיט'ן שטויב און דער ווינד צוטראגט זיי אויף זיינע פליגעל און ברייננט זיי אונז א מתנה פון די אונפארזיכטיגע קראנקע.

ווי אזוי די קראנקהייט פארשפּרייט זיך.

די לופט וואס מיר אטעמען איין איז פול מיט שטויב און מיקראבען, און ווען טובערקעל באצילען געפינען זיך אויסגעמישט מיט'ן שטויב אטעמען מיר איין אויך דיזע באצילען.

אויב דיזע באצילען געלינגט אריינצודרינגען אין אונזערע לופט רעהרען, קומען זיי אריין אין די לונגען און באהאלטען זיך אין די לופט זעקעלאך. דארטען פיהלען זיי זיך גאנץ באקוועם. די ווארעמקייט פון קערפּער איז פאר זיי פונקט ווי געוואונשען. זיי האבען אויך גענוג פרישע לופט און שפּייז, און זיי לעבען א גוטען טאג און פארמעהרען זיך מיט אן אונגעהייערע שנעלקייט. דאביי פרעסען זיי אויף און צושטערען די געוועב פון די לונגען און זאמלען אן אין זייערע קערפּער געוויסע גיפטען. דאס לעבען פון אן איינציגע באצילוס איז א זעהר קורצעס, און ווען די באצילען שטארבען ווערען די גיפטיגע מאטעריאלען פון זייערע קערפּערס פארשפּרייט דורכ'ן בלוט דורך דעם גאנצען קערפּער פונ'ם קאנסאמפּטיוו.

אם מעהרסטען שטעקען זיך אן מיט דער קראנקהייט קליינע קינדער. קינדער גלייכען צו קריכען אויף דער ערד און גלייכען צו נעמען אין מויל אריין יעדע זאך וואס זיי געפינען. אין א הויז וואו עס געפינט זיך א קאנסאמפּטיוו, וועלכער איז ניט גענוג פארזיכטיג און שפּייט וואו ער שטעהט און געהט, איז זיכער דאס פריהער אדער שפּעטער וועט דאס קינד נעהמען אין מויל אריין עטוואס, וואס וועט האבען אויף זיך די באצילען פונ'ם קראנקענ'ס

ליחות. אין אזא פאל קריגט דאס קינד אין'ם מאגען און אין די קישקעס די ערשטע אטאקעס פון די טובערקעל באַ־צילען.

קליינע קינדער קריגען אפט טובער־קולאזיס אויף דורך די מילך פון שווינד־זיכטיגע בהמות. די באצילען וואס פאראורזאכען טובערקולאזיס אין בהמות זיינען עטוואס אנדערש ווי די באצילען וואס פאראורזאכען טובערקולאזיס אין מענשען. אויף ערוואקסענע מענשען האבען דיזע באצילען קיין ווירקונג נים. אבער אויף קינדער ווירקען זיי יא. און ווען א קינד ווערט געהאדעוועט מיט מילך פון א בהמה, וואס ליידעט פון טובערקולאזיס איז דאס קינד אין גרויס געפאהר אויף צו קריגען די קראנקהייט.

ערוואקסענע מענשען קענען אויך קריגען די קראנקהייט דורך עסען שפייז וואס ווערט פארפעסטעט פון די הענד פון נאכלעסיגע קאנסאמפטיוו מענשען, קעכער, בעקערס, א. ד. גל.

ענגשאפט, ווענינ פרישע לופט און ווענינ שפייז, א באשעפטיגונג ביי וועל־כע מען מוז שטענדיג איינאטעמען פיל שטויב, און איבערהויפט יעדע זאך וואס שוואכט אפ דעם קערפער איז א גוטער אגענט פאר דיזער קראנקהייט און העלפט די טובערקולאזיס באצילען צו אטאקירען אונזער קערפער.

ווען שטעקט מען זיך אן מיט טובער־קולאזיס?

פילע דאקטוירים וועלכע האבען גע־נוי שטודירט דיזע קראנקהייט ערקלערען, דאס אין די מעהרסטע פעלע שטעקט מען זיך אן מיט דער קראנקהייט אין דער יוגענד. אויב מען ווערט דאן געזונד בלייבען די באצילען פארבארגען אין קער־פער און ווארטען אויף א גינסטיגער געלעגענהייט. לויט דער מיינונג פון **דיזע דאקטוירים קענען ערוואקסענע** מענשען זיך נים אנשטעקען מיט די באַ־צילען פון טובערקולאזיס, ווייל זיי האַ־בען זייערע אייגענע באצילען. און אזוי לאנג ווי דיזע מענשען זיינען געזונד און שטארק האבען די טובערקולאזיס באַ־צילען איבער זיי קיין שליטה נים.

דר. מארים פישבערג האט געבראכט סטאטיסטישע פאקטען פון אונטערזוכונג צווישען די קאנסאמפטיוו פאמיליעס, וואס די יונייטעד היברו טשאריטיס האַ־בען געשטיצט, צו צייגען דאס ערוואק־סענע מענשען נעהמען זיך נים אן מיט דיזער קראנקהייט פון אנדערע. זיין אונ־טערזוכונג האט געצייגט, דאס געזונדע פרויען, וועלכע האבען געלעבט מיט שווינדזיכטיגע מענער, האבען זיך נים אנגעשטעקט מיט דיזער קראנקהייט.

די מעהרסטע דאקטוירים זיינען נים איינשטימיג מיט דער מיינונג, אז דאס באווייזט, דאס טובערקולאזיס איז נים אנשטעקענד פאר ערוואקסענע מענשען, אבער יעדענפאלס צייגט עס, דאס די געפאהר איז נים אזוי גרויס ווי מאנכע דענקען.

פארזיכטיגע און נאכלעסיגע קאנ־סאמפטיווס.

די הויפט געפאהר פון קומען אין צו נאהענטע באריהרונג מיט א קאנסאמפ־טיוו איז צו קריגען אויף זיך, אדער איינאטעמען די טראפעלעך פייכקייט, וואס פארלאזען זיין מויל, ווייל דיזע טראפעלעך פייכטקייט קענען ענטהאל־טען טובערקעל באצילען. אויב דער קראנקער איז אבער פארזיכטיג גענוג זיך צו פארשטעלען מיט א שטיקעל מערליע דאס מויל און די נאז יעדעס מאל, וואס ער הוסט אדער ניסט, און שפייען אין א ספעציעלע ספיוטום־באקס און דאס אלעס פארברענען איידער עס ווערט פארטריקענט, איז ער קיין גע־פאהר פאר די וואס לעבען מיט איהם צוזאמען.

עס זיינען דאָ צוויי סאָרטען שווינד־
זיכטיגע: אזעלכע וועמענס ספּיוטום איז נעגאַטיוו, דאָס הייסט, די ליחות זיינע ענטהאַלט ניט קיין טובערקעל באַצילען, און אזעלכע וועמענס ספּיוטום איז פּאָזיטיוו, דאָס הייסט, עס ענטהאַלט יאָ טובערקעל באַצילען. די קראַנקע פון ערשטען קלאַס זיינען אין גאַנצען אונשעדליך פאַר די מענשען מיט וועלכע זיי לעבען צוזאַמען. די קראַנקע פון צווייטען קלאַס זיינען אויך אַ קליינע געפאַהר פאַר ערוואַקסענע מענשען אויב זיי, די קראַנקע, זיינען נאָר פאָרזיכטיג ניט צו שפּייען, הוסטען אָדער ניסען „אין דער וועלט אריין“, נאָר אין מערליע וואס מען קען נאכהער פאַרברענען.

קליינע קינדער זיינען זעהר עמפּפינדליך צו טובערקולאָזיס, און אויב נאָר מעגליך איז גלייכער, דאס זיי זאָלען ניט זיין צוזאַמען מיט שווינדזיכטיגע ערוואַקסענע מענשען.

דער שלוס פון דעם וואס מיר האָבען דאָ געזאָגט איז, דאָס טובערקולאָזיס איז אַ קראַנקהייט ווי אַלע אַנדערע קראַנקהייטען. עס איז אַ וועהטאָג אָבער ניט קיין בזיון, און מענשען וועלכע ליידען פון דיזער קראַנקהייט דאַרפען זיך מיט איהר ניט באַהאַלטען. אויב זיי פאָלגען נאָר אויס די אָרדערס פון דאָקטאָר און זיינען פאָרזיכטיג ניט צו פאַרשפּרייטען ארום זיך זייער ליחות, אָדער טראָפּעלעך שפּייעכץ, אויב ווען זיי ניסען און הוסטען פאַרשטעלען זיי זיך דאָס מויל מיט אַ שטיקעל מערליע און זיי שפּייען אין אַ ספּעציעלע ספּיוטום־באָקס וואס מען קען פאַרברענען, זיינען זיי קיין שום געפאהר ניט פאַר זייערע מיטמענשען און מען דאַרף זיך פאַר זיי ניט אזוי שטאַרק היטען.

ווען אַלע וועלען דאָס פאַרשטעהן, וועלען די קראַנקע זיך ניט פיהלען ווי ארויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט, זיי וועלען דארום מעהר קענען אכטונג געבען אויף זייער געזונד און דערמיט ניט נאָר פאַרבעסערען זייער געזונד און זייערע אויסזיכטען געזונד צו ווערען, נאָר אויך פאַרהיטען דאָס געזונד פון די, וואָס זיינען נאָך ניט קראַנק פון טובערקולאָזיס.

בעקאַנטמאַכונג.



די בעסטע ערפינדונג פאַר לייב־קראַנקע און די וועלכע ליידען פון ברוך, סאַי מענער און סאַי פרויען, פאַר און נאָך דער אָפּעריישאַן. קאָרסעט־הויזען צום טראָגען. פאַרהיט געשווילעכטס און ניט ערלייבטערונג. אויך גיבען דיזע קאָרסעטען אַ שעהנע פיגור. ספּעשעל. — צו באַקומען ביי:

H. J. HUETTNER
1270 Second Ave., New York City
בעטווין 66טע און 67טע סטריטס.

טעלעפאָן, לענאָקס 2673 ליידי אַטענדענט

M. J. WINTERKORN

מאַנופעקטשורער פון





כירורגישע און אָרטהאָ־
פעדישע אינסטרומענטען

334 East 86th Street, New York.

פעקטאָרי אם פּלעץ.

קיראפּראקטיק

איז די נייעסטע וויסענשאפט, וועלכע האט איבער־ציינט די וועלט, אז אלע קראנהייטען קאנען געהיילט ווערען אהן מעדיצינען. דער מענשליכער געזונטהייט העננט אפ אן דעם צושטאנד פון דעם רוקען ביין. דר. יעקב רפאל ניומאן האט זיך באריהמט געמאכט דורך זיין פעהיגקייט צו היילען די ערגסטע קראנקהייטען, ווי צוקער קראנקהייט, שלאף קראנקהייט, אינפלוענזא און אלע אנדערע פארלעגנגערטע נערוועזע, רהומאטישע און מאגען קראנקהייטען דורך דעם רוקען ביין. ער איז דער ערשטער נאטור־ארצט צווישען די אידען פון ניו יארק און ברוקלין פאר די לעצטע 13 יאהר. אויב איהר ליידעט פון וועלכע עס איז קרענק, קאנט איהר זיך מיט איהם בעראטען גאנץ פריי אין איינעם פון זיינע אפיסעם.

DR. A. I. NEWMAN

301 Stone Ave., Brooklyn, N. Y. Phone: Dickens 2410
18 West 34th St., New York. Room 47 Phone: Pennsylvania 0880
5 Bleecker St., Brooklyn, N. Y. Phone: Evergreen 10307

ענדליך א גערוכלאזע גארבעדזש קען

איהר קאנט פטור ווערען פון מיסט און גארבעדזש אויף אן אבסאלוט גע־רויכלאזען און סאניטארישען אופן. קיינע פליגען, קיינע גערויכען, וועל־כע פא אורזא־כען קראנקהייט. ניטא נאך אזעלכעס פאר היימען, האספּיטעלער, רעסטאראנטס און פלייש מארקעטס. שטארק אינדארסירט פון די גרעסטע ביזנעס און פּראפעסיאנעלע מענשען.

פולע איינצעלהייטען אויף פארלאנג.

Executive Office
The Odorless Refuse Can Co.
101 W. 42nd St., New York City
Tel. Bryant 6359



158 E. 116th St.
(Entire Building)
New York City

John N. Eschen
Otto Koether
Proprietors

Formerly with
A. A. Marks

Tel. Harlem 8987

אלע אונזערע אדווערטייזערס זיינען ערליכע און ראיעלע ביזנעסלייט. איהר קענט זיך אויף זיי פארלאזען.

V. C. MIRIZIO

MAKER OF SURGICAL INSTRUMENTS & ORTHOPEDICAL APPLIANCES

קינסטליכע גלידער
בענדער,
ברוכבענדער,
קארסעטען.

בויך סופּארטערס.
עלאסטישע זאקען.
ליידי אטענדענט.

ריפּיירינגס און ניקעל פּליימינג

1699 Lexington Avenue, New York. Tel. Harlem 5497

Robert G. Lightner
D. C., Ph. C.
CHIROPRACTOR
Spinal Adjustments
Mon., Wed., Fr. 10-12 A. M., 2-5, 6-8 P. M.
Tues., Thur., Sat. 2-4 P. M.
316 Livingston St., B'lyn, N. Y.
Phone: Nevins 3729

G. J. RENCHER
D. C., Ph. C.
CHIROPRACTOR
44 Court Street
Opposite Borough Hall, Brooklyn, N. Y.
Phone: Main 3473

NEW KARLSBAD
RUSSIAN AND TURKISH BATH
STEAM BOXES
Plunges, Showers and Bath Tubs
306-308 East 3rd St., New York City
Ladies' Days Steam Boxes, Monday & Wednesday
Telephone: Dry Dock 1169

לאָזט ניט אויספאַלען די האָר פון קאָפּ

די ליידענדע פון דער
לעצטער קראַנקהייט,
אָדער אַנדערע ליידענ־
דע, ביי וועמען עס פאַ־
לען אויס די האָר פון
קאָפּ, זאָלען זיך זאָ־
פאָרט מעלדען צו מיר.
איך גאַראַנטיר עס אָפּ־
צושטאָפּען אין אַ קור־
צער־צייט.
SONIA KURMAN
11 Ridge Street
Cor. Grand St.
First Floor
Tel. Drydock 3697
לייטע, וואס וואוינען אויסער ניו יאָרק,
אין קאַנטרי, שיקט צו $1.35 אין סטעמפּס,
אָדער מאַני אָרדער, וועלען מיר אייך אַלעס
צושיקען.
אַ ספּעשעל דאָבעל באָטעל — — — $2.50
אין קענערע — — — — $1.50 און $2.75

Dr. Fred. Barbey
FOOT SPECIALIST
Sure relief to all Foot Troubles
Hours: 9 to 8
1032 Third Ave., New York.
Phone: Rhinelander 6968

Tel. Sterling 2093
The Becker Institute
64½ Flatbush Ave., Brooklyn, N. Y.
עלעקטרישע בייקינג, ליכטבעדער
אויך אלערליי מאסאזשען

די איבעראשונג פון אייער לעבען
רהומאַטיזם
יעצט ערפאָלגרייך געהיילט פון אונזער
הײדראָ־עלעקטריק
קאַטאַפאָראַטיק באָד
— אויך —
גירט, ניורײטיס, לאַמבייגא און
סייאַטיקא
טעלאַפאָנירט פאר אינפאָרמיישאָן, שיקט
פאר ליטעראַטור, פרעגט אייער פריינד
וועגען אונז. 25,000 פּאַציענטען, 2,000
דאַקטוירים קענען אונז. 22 יאָר עטאַבלירט
SYLVAN
ELECTRIC BATH
160-162 Schermerhorn St.,
Brooklyn, N. Y.

דזשואיש ניוראלאדזשיקעל אינסטיטוט

דזשואיש ניוראלאדזשיקעל אינסטיטוט אוו אמעריקא

א נאציאנאלער אינסטיטוט צו העלפען די וועלכע ליידען פון קראנקהייטען אויף דעם נערווען סיסטעם.

דער צוועק פון דער ארגאניזאציאן איז:

אויפצוהאלטען א אידישען אנשטאלט ספעציעל פאר ליידענדע פון נערווען־קראנקהייטען (אויסער אומהיילבארע און גייסטעס קראנקע), וואו זיי זאלען באהאנדעלט און קורירט ווערען פון אידישע ספעציאליסטען, וועלכע פארשטעהען און קאנען סימפאטיזירען מיט דעם אידישען ליידענדען און וואו אלע מאדערנע מיטלען זאלען אנגעווענדעט ווערען צו פארהיטען דעם אויסגעמאטערטען נערווענען אידישען ליידענדען פון א פאלשטענדיגען צוזאמענברוך און פון אוועקגעשיקט ווערען אין א שטאדט אדער א פריוואט אנשטאלט פאר גייסטעס קראנקע.

דער ערשטער איינציגער אידישער ניוראלאדזשיקעל אינסטיטוט.

ביז היינט עקזיסטירט נאר איין אנשטאלט, וועלכער גיט זיך אפ ספעציעל מיט קראנקהייטען אויף דעם נערווען־סיסטעם, און דאס איז דער איינציגער קריסטליכער ניוראלאדזשיקעל אינסטיטוט אין ניו יארק. אונזער אויפגאבע איז צו שאפען א אידישען אנשטאלט ספעציעל פאר אזעלכע קראנקהייטען, ווי עס ווערען אנגענומען און קורירט אין דעם קריסטליכען; מיט דער אויסנאהמע, דאס עס מוז זיין א שטרענג אידישער אנשטאלט, וואו דער איד זאל זיך געפינען אין א אידישער היימישער אטמאספערע און זיך קאנען פארשטענדיגען מיט די דאקטוירים אויף זיין אייגענער אידישער שפראך.

וואס מען טוט שוין פאר די ליידענדע:

דער אפיס איז אפען פאר אפליקאנטען פון אלע קראנקהייטען אויף דעם נערווען־סיסטעם (אויסער אומהיילבארע און גייסטעס קראנקע), זיי באקומען זאפארטיגע מעדיצינישע באהאנדלונג פון באוואוסטע ספעציאליסטען.

פריי פאר ארימע!

אונזער הויפט אויפגאבע איז צו רעטען די וועלכע קענען גערעטעט ווערען און צו העלפען די וועלכע קענען זיך אליין ניט העלפען.

מיט אלע אנפראגען ווענדעט זיך צו אונז אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

Jewish Neurological Institute of America

305 Broadway, New York, N. Y.

Justice AARON J. LEVY, *President* — Justice JACOB S. STRAHL, *Chairman Advisory Board*

JEWISH NEUROLOGICAL INSTITUTE

„דער קרוין פון אידישע אנשטאלטען"



מושב זקנים בית בנות יעקב

167טע סטריט, פינדלעי און טעלער עוועניוס, בראנקס, נ. י.

וואו 500 עלענדע אלטיטשקע קריגען א רוהיגע, באקוועמע און עכט אידישע היים. דיזער אנשטאלט איז געבויט ווי א פאלאסט מיט אלע נייעסטע און בעסטע איינריכטונגען. אלעס מעגליכעס ווערט געטאן צו מאכען די אלטיטשקע פיהלען זיך אזוי היימיש און באקוועהם ווי נאר מעגליך. דיזער אנשטאלט איז

דער שטאלץ פון די איינגעוואנדערטע אידען און

דארף געשטיצט ווערען פון יעדען איד אין אמעריקא

ווערט א מעמבער! בייששטייערט אייער חלק!

HOME OF THE DAUGHTERS OF JACOB

167th Street, Teller and Findlay Avenues, Bronx, New York

MRS. A. J. DWORSKY, President — ALBERT KRUGER, Superintendent

ווי אזוי קאלאמבוס האט ענטדעקט אמעריקא

1.

מיט א סך הונדערטער יאהרען צוריק האבען שוין מענשען געמאכט רייזעס איבער דער וועלט, אום צו געפינען נייע לענדער און אויסצופארשען אומבאקאנטע געגענדען. אין יענע צייטען זיינען נאך גאנצע לענדער און אפילו ערד־טיילען געווען אפגעזונדערט פון דער אייבינער וועלט. די אלטע וועלט איז דעמאלט באשטאנען נאר פון דריי טיילען: אייראפע, אזיע און אפריקע. וועגען דעם גרויסען קאנטינענט, וואס מיר רופען אמעריקע, האט מען נאך דאן ניט געוואוסט.

אמעריקע איז געווען אפגעטיילט פון דער אלטער וועלט מיט צוויי גרויסע אקעאנען: פון אייראפא און פון אפריקא — מיט'ן אטלאנטישען אקעאן, פון אזיע — מיט'ן גרויסען אדער שטילען אקעאן. און מענשען האבען ניט געוואוסט, האבען זיך נאר נישט פארגעשטעלט, אז הינטער די אקעאנען געפינען זיך נאך לענדער.

מענשען האבען דאמאלסט ניט געוואוסט, אז אונזער ערד איז קיילעכדיג, אז ווען מען זאל ארויספאהרען פון איין פונקט אויף דער ערד און פאהרען נאכאנאנד אין איין אין דער זעלביגער ריכטונג, וועט מען צולעצט קומען צום זעלביגען פונקט נאר פון דער אנדערער זייט. מען האט געמיינט, אז דארט וויית, הינטער דעם אקעאן, ענדיגט זיך די וועלט.

2.

פון די גאר אלטע צייטען אן האבען די גריכען, איטאליענער און אויך אנדערע פעלקער געהאנדעלט מיט'ן רייכען לאנד אינדיע, וואס געפינט זיך אין מזרח זייט פון זיי.

אין יענער צייט איז אינדיע געווען א גאלדען לאנד, מען פלעגט פון דארט ברענגען די טייערסטע ארטיקלען: גאלד, זיידענס, פערעל און א סך אנדערע טייערע סחורה. אבער דער וועג אהין איז געווען זעהר א שווערער און א ווייטער. עס פלעגט אויסקומען צו פאהרען טויזענדער מיילען דורך פעלדער און וועלדער, דורך בערג און טאלען, זומפען און טייכען.

הונדערטער יאהרען זיינען אריבער און קיינעם איז אויפ'ן זינען נישט ארויף, אז צו דעם רייכען לאנד אינדיע קאן מען צוקומען דורך א אנדער וועג, א סך גרינגערען און באקוועמערען.

אזוי האט עס אנגעהאלטען ביז'ן ענד פון 15טען יאהרהונדערט. מיט א פיער הונדערט און דרייסיג יאהר צוריק, צום ענד פון 15טען יאהרהונדערט, האט זיך געפינען א מענש, וואס האט אנגעצייגט א נייעם וועג קיין אינדיע. דאס איז געווען דער איטאליענער קריסטאפער קאלאמבוס. קאלאמבוס האט געוואלט געפינען א נייעם וועג קיין אינדיע, אויפ'ן וועג האט ער אבער געפונען גאר א ניי לאנד, וואס האט שפעטער באקומען דעם נאמען אמעריקע.

3.

קאלאמבוס איז געבוירען געווארען און האט פארבראכט זיינע יונגע יאהרען אין דער שטאדט גענוא, איטאליע אויפ'ן

עטאבלירט 1888 טעלעפאן ארטשארד 576



H. LEWKOWITZ

דיימאנדס, דזשולערי און זילבערוואַרג

צופרידענהייט גאראנטירט — געלט צוריקגעגעבען אויף אלע ווארע

288 גרענד סטריט

קארנער עלדרידזש סטריט, ניו יארק.



Phone: Murray Hill 2922 — Established 1906

H. BAUER MUSIC COMPANY

135 East 34th Street, New York, N. Y.

— פאבלישערס פון —

"Practical History of the Violin"

אמת'ע אמאטי וויאָלין אין פאלקאָמענעם צושטאַנד — $5,000
און אנדערע וויאלינס פון דעם העכסטען קלאס.

א פולע ליין פון אלטע און נייע וויאלינס, אינסטרומענטען, סטרינגס און טיילען.

ארטיסטישע ריפעירינג

Telephone: Stuyvesant 0908-0909

HYMAN FRIEDMAN

ACCOUNTANT AND AUDITOR

32 Union Square, New York, N. Y.

אינקאַם טעקס ריטוירנס — ביכער געעפענט — געשלאָסען — פינאנציעלע
סטייטמענטס — מאָנאטליכע אָפּרעכענונגען א. אז. וו.

ברעג פון דעם מיטללענדישען ים. פון קינדהייט אָן האָט קאָלאָמבוס געהאַט אַ גרויסען חשק צום ים, שטונדען לאַנג פלעגט ער פארברענגען ביי'ם האפען.

אין יענע צייטען איז גענוא געווען אַ גרויסע האנדעלס שטאָדט. אין איהר פלעגען אריינקומען סוחרים און שיפער פון אלע עקען וועלט. דער יונגער קאָלאָמבוס האָט זיך דאָ אָנגעהערט אַ סך מעשיות וועגען פארשיידענע לענדער און רייזענדע, און דאָס האָט נאָך מעהר פארשטארקט אין איהם די לוסט צו ווערען אַ ים רייזענדער.

ביז 15 יאָהר האָט ער זיך געלערנט. צו 15 יאָהר ווערט ער אַ מאַטראָז. ער איז צופרידען מיט דער שרעקליך שווערער ארבייט אויף דער שיף. אין דער פרייער צייט פלעגט ער לערנען. איבער־הויפט פלעגען איהם אינטערעסירען די באשרייבונגען פון ים און פון די ווייטע לענדער. אָנגעליטען האָט ער זיך גענוג אויפ'ן שיף. עטליכע מאָל איז איהם אויסגעקומען אנטייל צו נעהמען אין שלאַכטען און זיין לעבען איז ניט איין מאָל געווען אין געפאהר. קאָלאָמבוס איז אָבער געווען אַ דרייסטער און פלעגט די מוט נישט פארלירען אפילו אין די שווערסטע צייטען. איין מאָל איז אונטערגעגאַנגען די שיף אין וועלכער ער האָט זיך געפינען. ער האָט זיך אָבער ניט פארלוירען. ער איז דרייסט אריינגעשפרונגען אין ים, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ קלאָץ און איז אויף אַזאַ אופן צוגעשוואומען צום ברעג, וואָס איז געלעגען אויף אַ שטרעקע פון דריי מייל.

4.

דער צופאַל, וואָס האָט מיט איהם געטראָפען, האָט זעהר געווירקט אויף זיין ווייטערדיגען גורל. דער ברעג, צו וועלכען ער איז צוגעשוואומען, איז געווען אַ פארטוגאַלישער. פון דאָרט איז קאָלאָמבוס אוועק אין דער הויפט שטאָדט פון פארטוגאל — ליסאַבאָן. דאָ אין ליסאַבאָן האָט ער זיך באשעפטיגט מיט צייכענען קארטעס פאר די ים רייזענדע און פון דעם האָט ער פארדינט אויף אַ לעבען. אין יענע צייט האָט מען צווישען די שיפער שטארק גערעדט וועגען דעם, ווי אַזוי צו געפינען אַ דירעקטען און נאָהענטען ים־וועג קיין איסט אינדיען.

קאָלאָמבוס האָט נאָך פריהער וועגען דעם געטראַכט. ער איז געווען זיכער, אַז אַזאַ וועג מוז געווים זיין. מאַנכע פון די אַלטע שיפער האָבען איהם דערצעהלט, אַז בעת די שטארקע שטורעם ווינטען פלעגען פאַריאָגען זיי אין ים אריין גאַנץ ווייט צו אומבאַקאַנטע אינזלען, און אַ זייט פון די באַוואוסטע וועגען, פלעגען זיי דאָרט געפינען עפּעס מאָדנע מענשליכע קערפּער, וואָס זיינען גאָרנישט ענהליך צו די מענשען פון די באַוואוסטע לענדער. אויך פלעגען זיי טרעפען אין ים בוימער פון אומבאַקאַנטע מינים. איינער האָט אַמאָל אפילו געפונען אין ים אַ קונציג אויסגעשניטען שטיק האָלץ.

„אויב אַזוי" — האָט קאָלאָמבוס זיך געטראַכט — „אויב דאָרט זיינען פאראַן בוימער און מענשען, איז קלאָר, אַז דאָרט מוז אויך זיין אַ לאַנד, און דאָס דאָזיגע לאַנד איז געווים אינדיע".

קאָלומבוס האָט זיך געהאַלטען אָן עצה מיט געלערנטע פון יענער צייט צווישען וועלכע עס זיינען געווען פיעל אידען. אידען האָבען איהם זעהר פיעל געהאָלפען אין זיין רייזע מיט געלט און מיט עצות. אידען האָבען אויך אנטייל גענומען אין זיין עקספּעדיציע. אָבער דאָס רוב מענשען האָבען איהם אויסגעלאַכט. קאָלאָמבוס איז אָבער געווען אַן ענערגישער מענש און איהם האָט זיך איינגעגעבען צו געפינען די נויטיגע מיטלען.



101 WEST 43rd STREET
New York City

צוואַנציג יאָהר עקספּיריענס אין מאַכען, ריפּערען און פּארקויפען וויאָלינס. צופרידענהייט גאַראַנטירט — מעסיגע פּרייזען.

PROF. A. H. TRUCK'S CONSERVATORY OF MUSIC
(The True Artist's Temple)

די צייט ווען אנצופאנגען לערנען קינדער שפּילען פידעל איז, ווען זיי ווערען דריי־און־א־האלב יאהר, און פּיאַנאָ — ווען זיי זיינען פינף־און־א האלב יאהר און עלטער.

דער באגאבטער ארטיסט, פּראָפ. א. ה. טראַק, דער באריהמטער שילער פון דזש. יאאכים, בערלין, דזש דאנט, וויען, און ל. מאססארט, פּאריז, נעהמט אן א באשרענקטען צאהל שילער פון אירגענד וועלכען עלטער, וועלכע ווערען פון איהם פּערזענליך אונטעררירכט פאר מעסיגע פּרייזען.

שילער ווערען פּאַרבערייטעט פאַר קאָנצערטען
די מאָדערנסטע מעטאָדען ווערען אָנגעווענדעט
אַלע מאָדערנע שפּראַכען ווערען געשפּראַכען

PROF. A. H. TRUCK 157 Second Avenue, New York, N. Y.
Bet. 9th and 10th Sts. Tel. Dry Dock 2852

5.

פריהער פון אלץ האט קאלאמבוס זיך געווענדעט נאך הילף צו דער רעגירונג פון זיין געבורטס שטאדט גענוא.

אבער די רעגירונג פון גענוא האט געהאלטען זיין פלאן פאר א משוגעת און מען האט איהם קיין שטיצע ניט געגעבען. איז ער אוועקגעפאהרען קיין פארטוגאל און האט זיין פלאן פארגעלייגט דער דארטיגער רעגירונג. האט אבער אט וואס פאסירט. די פארטוגאלישע רעגירונג, זיך באקענענדיג מיט אלע איינצעלהייטען פון זיין פלאן, האט באשלאסען אוועקצושיקען א שיף אויף אויסצופארשען די נייע לענדער. די שיף איז אבער אהין ניט דערגאנגען. אין וועג האט זיך אויפגעהויבען א שטורם און דער קאפיטאן מיט די מאטראזען זיינען שיער ניט אומגעקומען.

נאכדעם איז קאלאמבוס אוועק אין שפאניע, וואו ער איז צוגעקומען צום שפאנישען קייזער, און האט געבעטען מען זאל איהם געבען שיפען און מענשען, אום צו געפינען די נייע לענדער. דער שפאנישער קייזער, פערדינאנד, האט די זאך איבערגעגעבען צו זיינע ראטגעבער. זעקס יאהר האט מען איהם אלץ אפגעלייגט, צולעצט האט קאלאמבוס באקומען אן ענטפער, אז די רעגירונג קאן איהם קיין שיפען ניט געבען.

איז ער אוועק פון שפאניע קיין פראנקרייך, אפשר וועט זיך איהם דארט איינגעבען צו פארווירקליכען זיין חלום.

דערווייל האט זיך אין וועג מיט איהם געטראפען אזא צופאל. א גאנצען טאג איז ער געגאנגען און געגאנגען און איז זעהר מיעד געווארען. עס איז געווארען פינסטער און ער האט באשלאסען אריינגעהן ערגיץ־וואו איבערנעכטיגען. גראד האט זיך ניט ווייט געפונען א מאנאסטיר. קאלאמבוס איז אריין אין מאנאסטיר און דארט געטראפען זיך מיט'ן הויפט גלח. דער גלח האט זיך פאנאנדערגערעדט מיט'ן גאסט און קאלאמבוס האט איהם דערצעהלט וועגען זיין פלאן און וועגען אלץ, וואס האט מיט איהם פאסירט.

קאלאמבוס האט ביים גלח אויסגענומען און ער האט שטארק באדויערט, וואס מען איז זיך מיט איהם אזוי באגאנגען.

דער גלח איז געווען גוט באקאנט מיט דער שפאנישער קעניגין איזאבעלא און ער האט גענומען זי בעטען, מען זאל קאלאמבוס'ען ארויסגעבען די נויטיגע מיטלען.

זיין בריעף צו דער קעניגין האט געווירקט און קאלאמבוס'ן האט מען ווידער גערופען צום קייזער. צולעצט האט די שפאנישע רעגירונג אנגענומען קאלאמבוס'עס פארשלאג און איהם באזארגט מיט אלעם נויטיגען. מען האט איהם ארויסגעגעבען דריי שיפען: סאנטא־מאריא, פינטא און נינא. מיט איהם זיינען מיטגעפארען 120 מאן. עסענווארג האט ער געהאט אויף 12 חדשים. חוץ דעם האט די שפאנישע רעגירונג ארויסגעגעבען א שריפט, וואו מען האט צוגעזאגט איהם צו מאכען פאר א וויצעקעניג פון די ניי־אנטדעקטע לענדער. דער דאזיגער טיטעל געהט אויך איבער צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

א צעהנט־חלק פון די הכנסות, וואס וועלען זיך באקומען פון די נייע לענדער, געהערט צו קאלאמבוס'ען. קאלאמבוס ווערט אדמיראל פון שפאנישען פלאט.

דעם 3טען אויגוסט אין יאהר 1492 האבען קאלאמבוסעס שיפען פארלאזען דעם האפען פאלאס און זיינען אריין אין פרייען ים.

א גרויסע מאסע מענשען האט זיך פארזאמעלט אויפ'ן ברעג און באגלייט די דרייסטע רייזענדע. די שטימונג ביי

ANNOUNCEMENT

VINCENT J. ARTALE, formerly in charge of the violin repairing department of the A. F. MOGLIE CO., begs to announce the opening of a Violin Studio at 163 West 46th St., New York City.

As I have been for five years under the supervision of Mr. Moglie, you no doubt are aware of my ability of repairing and restoring old violins, etc.

I trust you will honor me with your patronage and I assure you that I will endeavor to serve you to the best of my ability.

VINCENT J. ARTALE & BRO.
Formerly A. F. MOGLIE Co.
163 West 46th St., New York City
(Just east of Broadway)

..Melodyland..

DANCE PALACE

St. Nicholas Avenue

Cor. 125th St., New York City.

DANCING EVERY EVENING
AND SUNDAY AFTERNOON.

ONE ADMISSION COVERS ENTIRE EVENING.
8 P. M. to 1 A. M.

Also private instruction on separate floors every afternoon and evening.

Jewish Dance Clubs will find very superior accommodations in MELODYLAND, the most up-to-date dance place uptown.

BROADWAY REGISTRY FOR NURSES

(AGENCY)

2067 Broadway, (Near 72nd St.), New York, N. Y.

Phones: Columbus 1036, 0851

A. SMEDES, Prop.

גרעדיואייטס, אונטערגרעדיואייטס

מענער און פרויען נורסעס פאר קינדער

ערפאהרענע דיפלאָמירטע נורסעס געשיקט נאָך דער גאַנצער וועלט

Sick, Tired or overworked man, woman or child, you turn for the better the minute you entrust your health in the hands of

ELIDA JOHANNSEN, Bonafide Swedish Graduate.

I have seen rundown people coming to my office, suffering with all sorts of pains and illness such as: insufficient blood circulation, rheumatism, gout, paralysis, heavy colds, constipation, and other diseases and I made them healthy, strong, full of energy prepared to overcome the problems of life. In my health institute, or in your own home. I will treat you with my Swedish massage or medicated baths, and will give you satisfactory service. The man or woman who is overweight will find my guaranteed reducing service incomparable.

Reasonable prices, best references.

ELIDA JOHANNSEN HEALTH INSTITUTE

51 West 84th Street, near Columbus Avenue, New York, N. Y.
Telephone: Schuyler 4234

אלעמען איז געווען זעהר א נעדריקטע.

— זיי וועלען שוין צוריק ניט קו־מען... — האט זיך יעדערער געטראכט, און ביי א סך זיינען געשטאנען טרערן אין די אויגען.

די ערשטע טעג פון דער רייזע איז אלץ געגאנגען כשורה. דער ים איז גע־ווען רוהיג, די זון האט געשיינט, דער ווינט איז געווען א גינסטיגער. זעהר אפט פלעגט מען צוקומען צו א אינזעל, מען האט זיך געפיהלט נאהענט צו דער יבשה און מען איז זיך רוהיג געפאהרען אלץ ווייטער און ווייטער אויף מערב.

נאר אט האבען די שיפען פארלא־זען דעם לעצטען אינזעל און די רייזענדע האבען גלייך פארלארען דעם מוט. ווי נאר די ערד איז פארשוואונדען געווא־רען פון זייערע אויגען, אזוי האבען זיי זיך דערפיהלט ווי אפגעריסען פון דער וועלט. ערשט איצט האבען זיי פאר־שטאנען, וואס פאר א געפאר עס שטעהט זיי פאר. א שרעקליכע מורא איז אנ־געפאלען אויף אלעמען און אפילו די אלטע געניטע שיפערם האבען גענומען וויינען און קלאגען.

איין קאלאמבוס נאר איז געבליבען רוהיג. ער האט, פארקערט, זיך געפילט גליקליך, ווען די שיפען זיינען אריין אין אפענעם ים.

דארט, ווייט הינטער דעם אקעאן, האט ער זיך געטראכט, געפינט זיך דאס לאנד, צו וועלכען מיר מוזען שטרעבען. קיין זאך טאר אונז ניט אפשרעקען, און דאן וועלען מיר געווים דערגרייכען אונ־זער ציעל.

די לאגע זיינע איז אבער געווען זעהר א שווערע. נאר ער אליין האט געגלויבט אין ערפאלג און איז גרייט גע־ווען אריבערצוטראגען די גרעסטע ליי־דען, כדי צו דערגרייכען דעם אנגע־מערקטען ציעל. די חברים זיינע האבען אבער אין ערפאלג ניט געגלויבט און בשום אופן זיך ניט געוואלט בארוהיגען.

— צוריק אהיים! — האבען זיי געשריען און פון קיין זאך ניט געוואלט הערען.

קאלאמבוס האט גענומען ווירקען אויף זיי מיט גוטע רייד. ער האט זיי פארגעשטעלט די גליקען פון דעם נייעם לאנד. ער האט צוגעזאגט די טייערסטע מתנות דעם, וואס וועט דער ערשטער דערזעהן די ערד.

אויף א שטיקעל צייט איז שטיל געווארען.

כדי צו הויבען דעם מוט ביי די חברים, האט קאלאמבוס אנגעהויבען צו ארבייטען נאך מעהר ווי פריהער. גאנ־צענע נעכט פלעגט ער פארברייננגען אויפ'ן אויבערדעק פון שיף, ניט צו־מאכען מיט קיין אויג.

זיין אויסזעהן איז אלעמאל געווען רוהיג און זיכער און מיט דעם פלעגט ער אויפמונטערען די חברים. צום גליק איז די גאנצע צייט געשטאנען א שעה־נער וועטער און די רייזענדע האבען קיינע שטערונגען ניט באגעגענט. איינ־מאל פארטאג האבען די מאטראזען דער־זעהן, אז דער ים איז אויף א גרויסען שטח באדעקט מיט א גרינעם טעפיך פון וואסער־גראזען. דאס איז געווען דער טייל פון אטלאנטישען ים, וואס רופט זיך דער סאראגאסער ים. די שיפען איז אויסגעקומען צו שווימען אזוי ווי אי־בער א לאנקע.

קאלאמבוס'עס חברים איז באפאלען אן אימה.

— דא וועלען די שיפען געוויס אן עפעס זיך אנשטויסען און אראפ צום גרונט! — האבען זיי אנגעהויבען צו טענה'ן.

קאלאמבוס האט זיי גענומען דער־ווייזען, אז זייערע טענות זיינען ניט קיין ריכטיגע. ער האט זיי דערקלערט, אז אויב מען זעהט גראז, איז דאך א

Tel. Orchard 10160 Tel. Dry Dock 3297

ווען איהר זייט אין ניו יאָרק באַזוכט גארפיינס דיינינג רום

„דער שטאלץ פון דער
איסט סייד"

די עסענס זיינען געשמאק,
די געזעלשאפט, די פיינסטע
און דער פלאץ—פראכטפול
סטריקטלי כשר

אונטער דער השגחה פון
הרב הגאון ר' בנימין ברוך
גוט פון קלינטאן סט. שול.
א מאלצייט אין גארפיינ'ס
איז אן אמת'ער טריט.

גאַרפיינ'ס

10 עוועניו „אײ"
צווישען ערשטע און צווייטע סטריטס, ניו יאָרק.

כ ש ר כ ש ר

THE GREAT ROUMANIAN RATHSKELLER
AND AMERICAN CABARET
A. GOLDSTEIN, Prop.
64 Rivington Street, New York, N. Y.
Tel. Dry Dock 9724

חתונות, בר־מצות און אנדערע פארטיס ווערען ביי אונז פאראנשטאלטעט צו מעסיגע פרייזען.
געזאנג און דענסינג יעדען אווענט. מוזיק ביי באַפ'ס דזשעז בענד.
שרייבט — טעלעפאנירט אדער קומט.

Telephone: Stuyvesant 9530

RICHELIEU RESTAURANT

French Pastry Shop

61 FIFTH AVENUE

Near 13th Street, New York City

פאָדערט —
סעם גאַרדאָן'ס
באַריהמטע כשר'ע פלייש פראָדוקטען
אין אלע דעליקאטעסען סטאָרס.
אונטער די אויפזיכט פון א רב און די רעגירונג.

קיין אמת'ע
אהן דיזען
זיגעל

Factory and Office: 62-64 East 110th St., New York City

Telephone: Canal 0575 **J. C. KELLY**

מאנופעקטשורער פון **פיקטשור און אדווערטייזינג פריימס**

קאַלענדאַרען

פיקטשור מעטס געמאכט פאר לאדזשעס, אירגענד סייז, פון איינס ביז טויזענט עפענונגען.
347-349 BROOME STREET, NEW YORK CITY

סימן, אז ס'איז שוין ניט ווייט די ערד.

באלד האבען זיך אנגעהויבען צו באווייזען פארשיידענע פויגלען. די רייזענדע האבען דאס אנגענומען פאר א סימן, אז די ערד איז טאקע גאר נאהענט, און זיי האבען זיך בארוהיגט.

7.

עס זיינען אבער אריבער נאך עטליכע טעג און קיין ערד האט זיך אלץ ניט געוויזען. די האפנונג איז געווען אן אומזיסטע. די שיפען זיינען שוין דערוויל איינגעגאנגען א מהלך פון 770 ים־מייל.

צום גליק האט קיינער אויסער קאלאמבוס'ען ניט געקענט אויסמעסטען דעם גאנג פון דער שיף. קאלאמבוס האט זיי געזאגט, אז די שיף איז דורכגעגאנגען נאר 580 מייל. דער דאזיגער מהלך האט אבער אויך ארויפגעווארפען א שרעק אויף די מיטרייזענדע. זיי האבען ווידער גענומען שרייען און פאדערען פון קאלאמבוס'ען, ער זאל זיך צוריקקערען קיין שפאניען. די אויפרעגונג געגען קאלאמבוס'ען איז געוואקסען פון טאג. איינינגע האבען אפילו פארגעלייגט, אז מען מוז איינמאל פאר אלע מאל פטור ווערען פון איהם און אריינווארפען איהם אין ים אריין.

קאלאמבוס האט זיך געפונען אין א שרעקליכער געפאהר. ער איז אבער ביי זיך ניט אראפגעפאלען. מיט פארשיידענע מיטלען האט ער געפרופט ווירקען אויף די חברים.

— נאך אביסעלע געדולד! — האט ער זיך געבעטען ביי זיי — און מיר וועלען דערגרייכען דעם ציעל!

קאלאמבוס'ען האט ווידער זיך איינגעגעבען צו בארוהיגען די חברים. עס האט אבער געדויערט נאך עטליכע טעג. איינמאל האט דער קאפיטאן פון דער שיף „פינטא", וואס איז געשוואומען פאראויס, געמאלדען קאלאמבוס'ען, אז אויף א מהלך פון 15 מייל צו צפון־זייט זעהט זיך ערד. דערהערט דאס ווארט „ערד", האבען זיך אלע זעהר דערפרעהט און געבעטען קאלאמבוס'ען, ער זאל וואס גיכער טרייבען די שיפען אין דער אנגעמערקטער ריכטונג.

קאלאמבוס האט אבער פארשטאנען, אז די ידיעה איז ניט קיין ריכטיגע. עס האט זיך זיי משמעות אפגעדוכט, און ער האט זיי ניט געפאלגט.

קאלאמבוס האט געוואוסט, אז לויט זיין פלאן איז פאראן נאר איין ריכטונג, אין וועלכער די שיף דארף געהן. די ריכטונג איז — מערב־זייט. קאלאמבוס האט זיך געהאלטען פעסט אן זיין פלאן און די ריכטונג ניט געביטען.

שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז געווען גערעכט. דאס, וואס זיי האבען אנגענומען פאר ערד איז געווען א וואלקען. א טאג נאך א טאג איז אריבער און קיין ערד האט זיך אלץ ניט געוויזען.

די רייזענדע האבען אינגאנצען פארלארען די האפנונג און ווידער גענומען פאדערען פון קאלאמבוס'ען, ער זאל זיך צוריקקערען קיין שפאניען. איצט איז די פאדערונג געווען זעהר א שטרענגע. די קאמאנדירען פון די שיפען, וואס זיינען שטענדיג געווען טריי קאלאמבוס'ען, זיינען איצט אויך צוגעשטאנען צו זיינע געגנער. קאלאמבוס האט געפרופט נאך אמאל נעמען זיי מיט רייד, דאס מאל האט דאס שוין אבער ניט געהאלפען. די מאטראזען האבען איהם אינגאנצען אויפגעהערט צו פאלגען. די רציחה פון די באגלייטער איז געווען אזוי גרויס, אז יעדע מינוט האט זיך קאלאמבוס געקאנט ריכטען אויפ'ן טויט.

דערזעהן, אז ס'איז שלעכט, האט קאלאמבוס געמאלדען זיינע חברים, אז ער וועט ערפילען זייער פארלאנג נאר

„די גרעסטע ביזנעס פון דיזען סאָרט זיין דער וועלט"



מ. וואָלאָזין

97 הענרי סטריט, ניו יאָרק

מאַנופעקטשורער און דילער פון

אַלע סאָרטען כלי קודש

ספרי תורה'ס, תפילין, טליתים, מזוזות, ציצית, כלי קודש מכסף טהור, גאַראַנטירט סטערלינג (84 פּראָבע).

מענטלאַך פּרוכת'ן און חופות, געמאַכט צו אָרדער אין אונזער אייגענער פעקטאָרי. —



שרייבט היינט פאַר אונזער קאַטאַלאָג — געשיקט פריי צו יעדען איינעם.

M. WOLOZIN

97 Henry Street, Phone: Orchard 4511 New York, N. Y.

"The largest establishment of this kind in the world"



קויפט דירעקט פון מאַנופעקטשורער

פּרוכת'ן, מענטעלאַך, חופות, בענערס

די שענסטע ארבייט. — אויך אימפּאָרטער פון

ספרי תורות, טליתים סילק און וואָל

אויך כלי קודש

קאַנטרי אָרדערס פּינקטליך אטענדעט.

J. LEVINE

105 East Broadway, New York, N. Y.

ART BINDERY & SAMPLE CARD CO.

M. Zelmanowitz, Pres.; Geo. Wartner, Treas.; A. Magidson, Secy; S. Levine, Mgr.

Edition, Commercial and Pamphlet

BOOKBINDERS

7 and 9 Bond Street, New York, N. Y.

Phones: Spring 2930, Canal 1328

פּרוכת'ן, מענטעלעך, חופות, בענערס

האָלסייל און ריטייל מאַנופעקטשורערס

י. נעכעס, 64 קלינטאָן סטריט, ניו יאָרק.

I. NECHES, 64 Clinton St., New York, N. Y

קאָונטרי אָרדערס פּינקטליך אטענדעט.

מיט איין באדינגונג — זאלען זיי איהם פאלגען נאך דריי מעת-לעת.

— אויב אין משך פון דריי מעת־לעת וועט זיך ניט ווייזען קיין ברעג, דאן זאג איך אייך צו צו פארקירעווען די שיפען צוריק קיין שפאניען.

קאלאמבוס האט נאך אלץ געהאפט, אז אין משך פון דריי טעג קאן זיך נאך ביימען די לאגע.

סימנים פון נאהענטער ערד האט ער געהאט א סך. אין מערב-זייט זיינען געפלויגען גרויסע מחנות פויגלען. די לופט איז געווארען וויכער, ניט ווייט פון די שיפען איז פארבייגעשוואומען א צווייג מיט פרישע רויטע יאגדעס. קאלאמבוס האט געווארט און געהאפט.

8.

די נאכט פון 12טען אקטאבער, 1492. איז געווען זעהר א פינסטערע. קאלאמבוס איז געשטאנען אויפ'ן אויבערדעק פון שיף און קיין אויג ניט אראפגענומען פון דער ווייטער פינסטערניש.

אויפ'ן הארצען איז איהם געווען זעהר טרויעריג — ווער וויים? — האט ער זיך געטראכט, — די גאנצע ארבייט קאן דאך איצט פארלארען געהן... טאמער חלילה וועט זיך היינט-מארגען ניט ווייזען קיין ברעג, מוז ער דאך זיך אפזאגען פון דעם ציעל, צו וועלכען ער האט אזוי לאנג געשטרעבט. די בעסטע יאהרען זיינע האט ער דאך אפגעגעבען דער דאזיגער זאך. וויפיעל צרות, וויפיעל עגמת נפש האט ער שוין צוליב דעם אריבערגעטראגען!... און איצט, ווען דער ציעל איז שוין, דאכט זיך, אזוי נאהענט, מוז מען זיך אומקערען...

און ווי ער שטעהט אזוי פארטיפט אין מחשבות, גיט איהם פלוצלונג א פינקעל אין די אויגען עפעס א פייערל, קאלאמבוס האט אליין זיינע אויגען ניט געגלויבט. ער האט צוגערופען א חבר און געפרעגט ביי איהם, צי זעהט ער ניט עפעס אין דער ווייטער פינסטערניש.

—א פייערל — האט יענער מיט פרייד אויסגעשריען. דאס הארץ ביי קאלאמבוס'ען האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפען. ענדליך וועט ער ווערען באלוינט פאר די אלע צרות, וואס ס'איז איהם אויסגעקומען אויסצושטעהן...

קאלאמבוס האט נאך אבער מורא געהאט צו דערציילען די חברים וועגען דעם, וואס ער האט געזעהן, אפשר האט ער א טעות?

און ער האט געווארט.

ארום צוויי ביינאכט האבען זיך פון דער שיף „פינטא” דערהערט קולות: ערד! ערד אלעמענס אויגען האבען זיך געווענדט אין איין פונקט. ארויסווייזען די פולע פרייד האט נאך אבער קיינער ניט געוואגט!. צופיעל מאל זיינען זיי שוין אין וועג געפרופט געווארען. צופיעל מאל האט זיך פון זייערע האפנונגען גארנישט אויסגעלאזען. מיט א ציטער אין הארצען האבען אלע געווארט עס זאל ווערען ליכטיג. די לעצטע שעה'ן פון דער נאכט האבען זיך געצויגען לאנג, לאנג. נאר אט האט זיך אין מזרח-זייט אנגעצונדען דער הימעל און פאר די אויגען פון די רייזענדע האט זיך אנטפלעקט א פראכטפולער בילד. אויף א מהלך פון עטליכע הונדערט קלאפטער פון זיי האט זיך געפונען א זעלטען שעהנער אינזעל, וואס איז געווען אינגאנצען איינגעטונקט אין גרין.

א געזאנג פון פרייד האט זיך ארויסגעריסען פון אלעמענס הערצער. פאר גרויס ענציקונג זיינען אלע געפאלען אויף די קני.

איצט האבען אלע חברים דערזעהן, אז קאלאמבוס האט זיי ניט גענארט. אלע זיינען איהם געפאלען צו די פיס

BEST

Pageants	Drills	Tableaux	Physical Culture
Plays	Games	Recitations	Delsarte
Pantomimes	Parties	Monologues	Dances
Entertainments	Songs	Pianologues	Music

All Publishers Entertainment material — Catalogues Free

EDGAR S. WERNER & CO., 11 East 14th St., New York City

מודעה מאוצר הספרים

ווער עס וויל ספרים קויפען, דארף בעזוכען מיין סטאָר
וואו איהר קענט בעקומען אַלעס אין דער וועלט ביליג.
אַלערליי ש״ת, קבלה, דרוש, השכלה, חקירה,
פילוסופיא, דקדוק, טליתים, מזוזות, תפילין, א. ז. וו.

I. M. ALTER

110 Suffolk Street, New York, N. Y.

אַמעריקען יוראָפּיען ישורון בוך קאָמפּאַניע

דער גרעסטער ספרים־אימפּאָרט געשעפט אין אַמעריקע. איהר קריגט
ביי אונז פון א קליינעם בריפען־שטעלער ביז א גרויסען ווילנער ש״ס.
א גרויסער אויסוואהל פון ראָמאנען אין אידיש און העברעאיש,
לעהר־ביכער און קינדער־ליטעראטור, פארשידענע ספרים, חומשים,
טליתים, תפילין, מזוזות, ספרי תורות, א. ז. וו. מוכרי ספרים,
שולען, אָרגאניזאציעס באקומען א ספעציעלען ר א ב א ט.

AMERICAN-EUROPEAN JESHURUN BOOK CO.

202 East Broadway, Tel. Orchard 6668 New York City.

אימפּאָרטער און דיעלער פון
די שעהנסטע ספרי־תורות
אויך ספרים, תפילין, מזוזות, מענטעלאך, פרוכת׳ן
זיידענע און וואָלענע טליתים
אתרוגים, לולבים, שופרות, א. ז. וו.
אַלעס צו די ב י ל י ג ס ט ע פרייזען
קאַונטרי אָרדערס פינקטליך אטענדעט.

ש. י. ק ר ו פ ע נ י — **S. J. KRUPENI**

57 נאָרפאָלק סטריט, ניו יארק — 57 Norfolk St., New York.

געגענאיבער בית המדרש הגדול

און געבעטען, ער זאל זיי מוחל זיין די אלע זינד אנטקעגען איהם.

קאלאמבוס האט זיי מוחל געווען און צוגעזאגט צו פארגעסען אלץ, וואס ס'איז פריהער געווען.

באלד האט מען אראפגעלאזען קליינע שיפלאך און די רייזענדע זיינען צוגע־קומען צום ברעג. מוזיק האט געשפילט, פאהנען האבען געפלאטערט. די פרייד פון די שפאניער איז גארניט צו באַ־שרייבען.

קאלאמבוס האט אריינגעשטעקט אין דער ערד די שפאנישע פאן און האט אנגערופען דאס נייע לאנד מיט'ן נאמען סאן סאלוואדאר.

9.

וואס איז דאס אבער געווען פאר א לאנד צו וועלכען די רייזענדע זיינען צו־געקומען? קאלאמבוס האט ניט גע־וואוסט, אז ער האט אנטדעקט א נייע וועלט, וואס איז אפגעטיילט פון דער אלטער מיט צוויי גרויסע אקעאנען. ער איז געווען זיכער, אז ער איז געקומען קיין אינדיע.

די שפאניער האבען דערוייל גענו־מען באקוקען דאס נייע לאנד. וואס ווייטער זיי זיינען געגאנגען, אלץ מעהר האבען זיי זיך געוואונדערט.

זיי האבען דערזעהן גרויסע וועלדער פון אומבאקאנטע בוימער, עפעס גאר מאדנע פארשיידענפארביגע פויגעל. אויף דעם אינזעל האבען זיך אויך געפונען מענשען. אין אנהויב האבען זיי זיך דערשראקען פאר די פרעמדע און זיינען זיך צולאפען. באלד אבער האבען זיי גענומען ארומרינגלען די אייראפייער און מיט שטומען וואונדער אנגעקוקט די געסט מיט זייערע שווימענדיגע הייזער.

די ווייסע הויט, די מאדנע בגדים, דאס געוועהר, בכלל אלץ וואס זיי האַ־בען געזעהן ביי די אייראפייער, איז געווען פאר זיי נייַ און אויסערגעוויינ־ליך. דער דונער פון די הארמאטען און ביקסען האט ארויסגעווארפען אויף זיי א שרעק און זיי האבען גערעכענט, אז די געקומענע זיינען ניט אנדערש די קינדער פון זייער גאט — די זון.

די שפאניער האבען פון זייער זייט זיך אויך ניט געקאנט גענוג אנקוקען אויף די מאדנע ווילדע באשעפענישען. די הויט פון די ווילדע איז געווען קופער־רויט. די האר — שווארצע און לאנ־גע. די פנים'ער און אויך אנדערע טיי־לען פון קערפער זיינען געווען אויסגע־ציערט מיט פארשיידענע געמעהלען. גע־גאנגען זיינען זיי כמעט ווי נאקעט, אין די אויערען, אין דער נאז און אויפ'ן קאפ האבען זיי געטראגען צירונג פון גאלד, פעדערען און מויער־קעפלאך.

די ערשטע צייט האבען זיך די וויל־

I. FRICKLAS & SON

52 CANAL STREET
Phone: Orchard 4354

97 RIVINGTON STREET
Phone: Orchard 4735

NEW YORK

פרוכת'ן, מענטעלאך, חופה'ס
צו די ביליגסטע פרייזען.
גרעסטער אויסוואהל פון
סילקענע און װאָלענע טליתים
תפילין און טלית בעגס
אויך ספרים און מאָדערנע ליטעראטור
אלערליי כלי קודש
קאַנטרי ארדערס פינקטליך אַטענדעט.

מאַנופעקטשורערס פון
ראַבער סטעמפּס
קאָמוירשעל סטיישאָנערי און
אלערליי פּרינטינג
בענערס, בעדזשעס, מעדעלס און פינס
א ספּעשעלטי.

ניו יאָרק היברו בוק קא.

ביי אונז קויפט איהר פון די בעסטע סופרים
ספרי תורה, נביאים, והפטורות

אויך אלערליי בעסטע ווילנער **ש"ס'ן** זשיטאָמירער און בערלינער

ספרי השכלה דרוש חקירה וקבלה, אייראָפּעאישע און סילק טליתים.
מחזורים, שופרות, אויך פרוכת'ן און מענטעלאך.
אלעס אימפּאָרטירען מיר זעלבסט פון יוראָפּ און פארקויפען ביליג.

NEW YORK HEBREW BOOK CO.

53 Norfolk Street, Tel. Orchard 4870 New York, N. Y.

דער גרעסטער אידישער פאַמיליען זשורנאַל אין דער וועלט.

$1.50
א יאָהר

פרויען זשורנאל
THE JEWISH WOMAN'S HOME JOURNAL

15 סענט
א קאָפּיע

ערשיינט יעדען מאָנאט.

א זשורנאַל וועלכער דארף זיך געפינען אין יעדער אידישער היים.

THE JEWISH WOMAN'S HOME JOURNAL

110-116 Nassau Street, New York, N. Y.

דע געשראָקען פאַר די געסט, נאָר אַז די שפּאַניער האָבען זיי גענומען געבען פאַרשיידענע קליינינקייטען, פּאַטשערקעס, קנעפּלאַך, גלעקלאַך און שטענגעס, האָבען זיך די ווילדע צוגעבונדען צו זיי און שוין ניט געוואָלט אָפּטרעטען.

אין אָוועגט האָבען זיך די שפּאַניער צוריקגעקערט אויף דער שיף. אַ סך ווילדע זיינען אויך געקומען אַהין, כדי צו באַקוקען די וואונדערבאַרע הייזער. איינינע האָבען געבראַכט מיט זיך פרוכט און פּאַפּוגייען, כדי דאָס אויסצובייטען אויף אומבאַקאַנטע זאַכען. אין די אויגען פון די ווילדע האָט יעדע זאַך אויסגעזעהען ווי אַ אוצר, אַפילו די שערבלאַך פון אַ צובראָכענעם לוימענעם טאָפּ.

10.

אין אַ משך פון עטליכע טעג האָט זיך קאָלאָמבוס באַקענט מיט דעם אינזעל אויף וועלכען ער האָט זיך געפונען, און מיט די איינוואוינער, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט. ער איז אַרומגעפאָהרען אויף אַ שיפעל אַרום און אַרום אינזעל, עטליכע מאָל איז ער אַראָפּ אויפ'ן ברעג און האָט זיך אָנגעזעהן זעהר אַ סך וואונדער. די ווילדע האָבען איהם אומעטום באַגלייט און אַלץ דערקלערט אויפ'ן וואונק.

קאָלאָמבוס האָט געפרעגט ביי זיי, וואו זיי האָבען גענומען די גאָלדענע בלעכעלאַך, וואָס אַ סך פון זיי האָבען געטראָגען ווי ציערונג. די ווילדע האָבען איהם דערצעהלט, אַז דאָ אויפ'ן אינזעל איז קיין גאָלד ניטאָ, דער דאָזיגער מעטאַל געפינט זיך אין די דרום'דיגע לענדער.

קאָלאָמבוס האָט זיך גענומען זיבען ווילדע און איז אוועקגעשוואומען צום דרום.

די דאָזיגע רייזע האָט געדויערט דריי טעג. אין וועג האָט ער געטראָפען אַ סך קליינע אינזלען. עס האָט זיי אַלע אויסגעמידען און געוואָרפען דעם אַנקער נאָר ביי דעם גרויסען פראַכטפולען אינזעל, וואָס די ווילדע האָבען גערופען קובאַ.

אַז די אָרטיגע איינוואוינער האָבען דערזעהן די וואונדערבאַרע שיפען פון די אייראָפּייער, האָבען זיי זיך זעהר דערשראָקען און זיינען זיך צולאָפען אין די בערג. נאָר איין ווילדער האָט געהאַט דעם מוט צו צוגעהן נאָהענט צו די געסט. קאָלאָמבוס האָט איהם געגעבען אַ סך מתנות און צוזאַמען מיט איהם אוועקגעשיקט עטליכע שפּאַניער, כדי אויסצופאָרשען דאָס לאַנד. די שפּאַניער זיינען דורכגעגאַנגען אַ מהלך פון 12 מייל. קומענדיג האָבען זיי דערצעהלט, אַז טיפער אויפ'ן אינזעל זיינען פאַראַן אַ סך דערפער. דאָס לאַנד איז זעהר פרוכטבאַר. דאָרט וואַקסט מאַאיס, בוימוואָל און אַ סך אַנדערע אומבאַקאַנטע געוויקסען.

צוזאַמען מיט די שפּאַניער האָבען זיך צוריקגעקערט אויך עטליכע ווילדע.

דערזעהן, אַז די ווייסע באַגעהען זיך מיט זיי פרידליך, זיינען די ווילדע געוואָרען מוטיגער און האָבען זיך אַלע צוריקגעקערט אַהיים.

קאָלאָמבוס האָט פאַרבראַכט אויפ'ן אינזעל קובאַ אַ לענגערע צייט. ער האָט זיך צוגעקוקט צום לעבען פון די ווילדע און דאָס באַשריבען אין זיין טאָגבוך.

דאָ אויפ'ן אינזעל האָבען די אייראָפּייער צוערשט געפונען קאַרטאָפעל, די פיסטאַטשקע און קאַמעד־בוימער, דאָ האָבען זיי אויך צוערשט גענומען רויכערען טאַבאַק.

די שפּאַניער האָבען דערזעהן, ווי די ווילדע קלייבען און טריקענען עפּעס אַזוינע בלעטער; נאָכדעם דרעהען זיי די בלעטער צונויף, צינדען אָן איין



Merrow Machines a Specialty Catering to the Mfg. Trade Exclusively



LOUIS FINKELSTEIN

305 Broadway, Brooklyn, N. Y.

Telephone: Stagg 9392

SPECIAL SEWING MACHINES FOR YOUR PURPOSES



AMERICAN CASH REGISTER CO.

George H. Groening

330 WEST 42nd STREET

Between 8th and 9th Avenues, New York City

מיר פארקויפען אויף באקוועמע אפצאהלונגען.
אויך איבערגעמאכטע נעשאנאל רעדזשיסטערס.

Main Office:
175 BRISTOL STREET
Brooklyn, N. Y.
Tel. Dickens 2514

New York Office:
5 HUDSON STREET
New York, N. Y.
Tel. Canal 4516-4517

QUINLAN'S EXPRESS CO.

Established 75 Years

באגאזש ווערט צוגעשטעלט צו אלע אייזענבאהנען און שיפען.
טעגליכע טריפס נאך קוני איילענד, האוארד ביטש און ראקאוויי ביטש.
ספעציעלע באדינונג. פראכט געשיקט נאך דער גאנצער וועלט.



אפ טו דייט

פעקארד אטאס צו פארדינגען

צופערלעסיגע פריוואט באדינונג

LOUIS LEVINE AUTO RENTING

Office: 159 W. 45th St., New York

Corner Broadway.

Phone: Bryant 2622, 1474

ברעג, האַלטען דעם אַנדערען אין מויל און ציהען אַריין אין זיך דעם רויך.

די ווילדע האָבען אָנגערופען די בלעטער טאַבאַקאָ. דאָס רויכערען האָט פאַרשאַפט די ווילדע גרויס פאַרגעניגען. די אייראָפּייער האָבען אויך גענומען רויכערען און ס'איז זיי אויך געפעלען געוואָרען. זיי האָבען מיט זיך גענומען אַ סך פון די בלעטער און שפּעטער דאָס אָפּגעבראַכט קיין אייראָפּאַ.

.11

קאָלאָמבוס האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַרבייט זיינע וועט אָפּגעשאַצט ווערען אין שפּאַניען נאָר דאַן, ווען עס וועט זיך איהם איינגעבען צו געפינען אין די נייע לענדער אַ סך גאָלד. ער האָט זיך דעריבער כסדר נאָכגעפרעגט ביי די ווילדע, וואו עס געפינט זיך דאָס לאַנד פון די גאָלד. די ווילדע האָבען איהם אָנגעוויזען אויף דרום און אָנגערופען דאָס לאַנד מיט'ן נאָמען האַאיטי.

קאָלאָמבוס האָט פאַרלאָזען קובאַ און איז אָפּגעפאָהרען צו דרום. אָנהויב דעצעמבער איז ער געקומען קיין האַאיטי. די נאַטור פון דעם זעלטען שעהנעם אינזעל איז געווען עהנליך אויף דער נאַטור פון שפּאַניען און דעריבער האָט ער איהם אָנגערופען שפּאַניאָל — קליין-שפּאַניען.

די ווילדע האָבען אָנגעוויזען קאָלאָמבוס'ען, אַז דאָס גאָלדענע לאַנד געפינט זיך אין מזרח'דיגען טייל פון'ם אינזעל און קאָלאָמבוס איז צוגעקומען צום יענעם ברעג.

דער „קאַציק" (דער הערשער) פון דער געגענד איז גלייך געקומען צו קאָלאָמבוס'ען און האָט זיך אָנגערופען פאַר זיינעם אַ פריינד. קאָלאָמבוס האָט איהם זעהר פיין אויפגענומען, געגעבען איהם עסען און טרינקען, געשאָנקען אַ סך מתנות. דער „קאַציק" איז געווען אַנטציקט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהען ביי די אייראָפּייער. ער האָט זיי אָנגעוויזען אַ ריכטיגען אָרט אין די בערג, וואו ס'האָט זיך געפונען אַ סך גאָלד. קאָלאָמבוס האָט זיך געפיהלט גליקליך, נאָר אין דערזעלביגער נאַכט האָט איהם פּלוצלונג געטראָפען אַן אומגליק. די שיף „סאַנטאַ מאַריאַ" האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ שטיין און איז אונטערגעגאַנגען. קאָלאָמבוס מיט די חברים האָבען זיך געמוזט איבערזעצען אין דעם קליינעם שיפעל „נינאַ".

די שיף „פינטאַ", וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַרטין פינזאָן, האָט זיך נאָך מיט עטליכע טעג צוריק אָפּגעטיילט פון קאָלאָמבוס'ען און איז אַוועק זוכען גאָלד אין אַנדערע ערטער. קאָלאָמבוס האָט איהם דאָס פאַרווערט צו טאָן, מאַרטין פינזאָן האָט איהם אָבער ניט געפאָלגט און פאַרלאָזען קאָלאָמבוס'ען. איין טרייסט האָט קאָלאָמבוס איצט געהאַט. די ווילדע האָבען איהם אויפגענומען זעהר גאַסטפריינדליך און געבראַכט אַ סך גאָלד.

קאָלאָמבוס האָט באַשלאָסען איבערלאָזען דאָ אַ טייל פון די חברים און מיט די איבעריגע אָפּפאָהרען צוריק קיין אייראָפּאַ.

אַ סך שפּאַניער האָבען חשק געהאַט צו באַזעצען זיך אין דעם נייעם לאַנד.

קאָלאָמבוס האָט אויסגעבויט פאַר זיי אַ פעסטונג, און איינגעאָרדענט זיי מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. ער האָט באַשטימט איינעם פאַר אַן עלטסטען, האָט זיי פאַרזאָגט צו לעבען צווישען זיך בשלום און אין אחדות, גוט באַגעהן זיך און ניט איינרייכען מיט די אָרטיגע איינוואוינער.

אָנהויב יאַנואַר 1493 האָט קאָלאָמבוס פאַרלאָזען די ערשטע אייראָפּעאישע קאָלאָניע אויף יענער זייט אָקעאַן און

BIANCHI BROS.

68 COLUMBUS AVENUE
Bet. 62nd & 63rd Sts.
Phone: Columbus 0833

639 THIRD AVENUE
Cor. 41st Street
Phone: Murray Hill 8496

NEW YORK, N. Y.

מאטראצען

נייע און צו ארדער. אלטע מאטראצען סטערעליזירט און איבערגעמאכט. באקס ספרינגס צורעכטגעמאכט און מעשענע בעטען געפאלישט.
אלע ארבייט ווערט געמאכט פון עקספערטען.



פוירניטשור

צורעכט געמאכט, איבעראפהאלסטערט און געווארנישט. שטיהל געפלאכטען. סליפ קאווערס, קאפ קישענס צו מעסיגע פרייזען

ווענען צופרידענהייט — פרעגט ביי אונזערע קאסטאמערס.

קוויק דעטה

מיר וועלען געבען צעהן דאלער פאר יעדער וואנץ, וועלכע וועט בלייבען לעבען נאכדעם ווי מען האט באנוצט „קוויק דעטה". פרעגט, אויב אנדערע אין דעם געבען (?) ליין וועלען דאס טאן.

„קוויק דעטה"
ווערט באנוצט פאר וואנצען, פרייסלאך, פליי, מאטען און לייז.

CO-OPERATIVE CHEMICAL COMPANY
231 Third Ave., New York, N. Y. Tel. Gramercy 4199

האט איהר טראבעל פון ראאטשעס, בעד באגס, א. אז. וו. ?

לעזט דאס ! יעצט פריש אנגעקומען עכטע אימפארטירטע

אינזעקטען פולווער

דאס איינציגע און בעסטער מיטעל גרינדליך אויס־צוראטען ראאטשעס, בעד באגס, א. אז. וו.

מיר שיקען דורך פאסט אין ½, 1 און 3 פונט קאנען.

CHARLES ORTNER
310 WEST 125th STREET, NEW YORK CITY
ESTABLISHED 14 YEARS
Telephone: Morningside 6904

S. SLOTNICK

דילער אין

בילדינג מאטעריאל סופלייס

Main Office:
43-61 Auburn Street
Tel. 1330-1432 Chelsea

Residence:
172 Shurtleff Street
Tel. 1971 J. Chelsea

Yard and Warehouse: GERRISH AVE., CHELSEA, MASS.

איז אפגעפאהרען צוריק קיין אייראפע. ער האט מיט זיך גענומען עטליכע ווילדע אינדיאנער און אויך פארשיידענע מינים געוויקסען און בעלי-חיים פון דעם נייעם לאנד. אויפ'ן צווייטען טאג פון דער רייזע האט קאלאמבוס געטראפען די שיף „פינטא". דער קאפיטאן פון דער שיף האט זיך פארענטפערט, אז ער האט ניט געמיינט קיין שלעכטעס און געבעטען מחילה ביי קאלאמבוס'ען. קאלאמבוס האט איהם מוחל געווען און זיי זיינען צוזאמען אפגעפאהרען קיין שפאניען.

א פרישער מערב'דיגער ווינטעל האט אין אנהויב מיטגעהאלפען די רייזענדע אין זייער וועג צוריק אהיים.

אלע זיינען געווען פרעהלאך און מונטער און האבען זיך מיט פרייד פארגעשטעלט, ווי מען וועט זיך דאס וואונדערען אין דער היים, ווען זיי וועלען נעמען דערציילען די ניסים פון דעם נייעם לאנד.

פלוצלונג האט זיך אבער אויפגעהויבען א שטורם-ווינט, וואס האט געווילדעוועט עטליכע מעת-לעת נאכאנאנד. אויף די רייזענדע איז ארויפגעפאלען א שרעקליכע אימה. די כוואליעס זיינען געווען הויך ווי די בערג, און יעדע פון זיי האט געקאנט פאר איין מאל איינשלינגען די שיפען. די שיפען זיינען געווען אלט און צובראכען, די רייזענדע האבען זיך געפונען אין דער גרעסטער געפאהר או זיי האבען שוין געווארט אויפ'ן זיכערען טויט.

קאלאמבוס האט באשריבען זיינע אנטדעקונגען אויף א פארמעט, האט עס איינגעוויקעלט אין צעראטע, באשמירט מיט וואקס, אריינגעלייגט אין א פעסעל און אריינגעווארפען אין ים.

דריי טעג מיט דריי נעכט האט געדויערט דער שטורם און נאר דורך א נס זיינען די רייזענדע ניצול געווארען פון טויט. אויפ'ן פערטען טאג האט זיך דער ים בארוהיגט און די רייזענדע האבען דערזעהן פון דער ווייטען ערד.

די פרייד זייערע איז גארניט געווען צו באשרייבען. זיי זיינען צוגעקומען צו איינעם פון די אזארישע אינזלען. אויפ'ן ברעג האבען זיך געפונען פארטוגאלען. די פארטוגאלען האבען זיך געקריגט מיט די שפאניער און זיי האבען באגעגענט די רייזענדע זעהר ניט גאסטפריינדליך.

קאלאמבוס האט זיך אפגערוהט א קורצע צייט און באלד זיך ווידער געלאזען אין וועג אריין. שוין גאר נאהענט פון שפאניען איז איהם ווידער אויסגעקומען צו האבען גרויס שרעק. עס האט זיך ווידער אויפגעהויבען א שטורמווינט און נאר א גליקליכער צופאל האט געראטעוועט די רייזענדע פון טויט.

ענדליך זיינען די שיפען זיינע אריין אין לעפצונג פון דער טייך טאכא און צוגעשטאנען צו דעם פארטוגאלישען ברעג. קאלאמבוס האט גלייך אוועקגעשיקט צוויי שלוחים, איינעם קיין מאדריד צום שפאנישען קעניג מיט דער פרייליכער בשורה אז ער, קאלאמבוס, האט זיך צוריקגעקערט פון דער ווייטער רייזע. דעם צווייטען שליח האט קאלאמבוס געשיקט דעם פארטוגאלישען קעניג, מען זאל איהם ערלויבען אריינקומען אין דעם ליסאבאנער האפען.

אין א קורצער צייט איז די ידיעה וועגען דעם אנקומען פון די שיפען מיט גאלד און אנדערע אנטיקען פון די אומבאקאנטע לענדער באוואוסט געווארען אין דעם גאנצען לאנד. א גרויסער המון האט זיך פארזאמעלט אין האפען, כדי אנצוקוקען דעם וואונדערבארען מענשען, וואס האט געמאכט אזא ווייטע געפערליכע רייזע.

דעם 15טען מארץ, 1493, איז קאלאמבוס געקומען אין דעם האפען פא־

Phone: Orchard 4423-0054

פריש געשניטענע בלומען טעגליך.　　ניט פארבונדען מיט אירגענד אנדער סטאָר.

FRED SPITZ THE FLORIST

3 SECOND AVENUE

Between Houston & First Sts.　　New York City

בוקעטען פאר כלות

קענאפים, דעקאראציעס און פיונעראל דעזיינס א ספעציאליטעט. אויך הארטשוהס און באסקעטס

Branch Store: 48 Kenmare St., West of Delancey Street

PICHLER & CO., Inc.

511 3rd Ave., New York, N. Y. Bet. 34th & 35th Sts.

Phone: Vanderbilt 4238

טעאטער און מאסקאראדען קאסטיומען

צו פאררענטען און פארקויפען פאר עמעטשור, פראפעסיאנעלע שאוס, אפעראס, דראמאס. אויך פאריקען און גרימירען. קינדער קאסטיומען א ספעציאליטעט.

The TAVERN

OYSTER AND CHOP HOUSE

156 West Forty-Eighth Street

New York, N. Y.

Sea Food Specialties　　**Telephone: Bryant 5250**

THE LOBSTER

OYSTER AND CHOP HOUSE

156 West 45th Street,　　New York, N. Y.

SIMON LINZ
MAX FUCHS　Props.　　Bet. Broadway and Sixth Avenue

YOUNG CHEW

CHINESE RESTAURANT　　*SPECIAL CHINESE DISHES*

Open 11:30 A. M. to 3 A. M.

307 W. 125th St., N. Y.　　Telephone: 4513 Morningside

K. EICHLER

Established 1893

מאנופעקטשורערס פון אייער לאָקשען

402 E. 5th St., Near 1st Ave., New York, N. Y.
Phone: Orchard 2094

YOUNG NAM & CO.

Chinese and American Restaurant

Music and Dancing Every Evening

243-259 West 125th St., New York City

לאס, פון וואנען ער איז מיט זיבען חדשים צוריק ארויסגעפאהרען. די פרייד פון די דארטיגע איינוואוינער איז זיך לייכט פארצושטעלען.

אין יעדען הויז כמעט האבען זיך געפונען קרובים פון קאלאמבוסעס מיט־רייזענדע.

קינד און קייט זיינען ארויס מקבל־פנים זיין די דרייסטע רייזענדע. מ'האט זיי באגעגענט מיט פרעהליכע געשרייען, מ'האט לכבוד זיי געקלונגען אין די גלאקען, געשאסען פון הארמאטען.

פון פאלאס איז קאלאמבוס אפגעפא־רען קיין בארצעלאנא, וואו עס האבען זיך דאן געפונען דער קעניג מיט דער קעניגין.

אויפ'ן וועג האט מען דעם דרייסטען רייזענדער אומעטום באגעגענט מיט פרייד־געשרייען. אין בארצעלאנא האט מען לכבוד קאלאמבוס'ען איינגעארדענט א גראנדיעזען פאראד מיט א פראצעס־ציע. פאראויס איז געגאנגען אן אפ־טיילונג פון דעם אויסדערוויילטסטען שפאנישען חייל, נאך זיי — די ווילדע אינדיאנער, וואס קאלאמבוס האט גע־בראכט קיין אייראפא, אויסגעצירט אין גאלד און פיל־פארביגע פעדערען; נאך זיי — קאלאמבוס'עס חברים. זיי הא־בען געטראגען די זעלטענע טראפישע פויגלען און געוויקסען און דאס גאלד און צירונג, וואס קאלאמבוס האט מיט־געבראכט פון דעם נייעם לאנד. גאר צום סוף איז געריטען קאלאמבוס אליין, ארומגערינגעלט פון די אנגעזעהענסטע ריטער פון שפאניען.

דער קעניג מיט דער קעניגין הא־בען געווארט אויפ'ן פלאץ, וואו מ'האט פאר זיי אויפגעשטעלט א טראן.

אז קאלאמבוס האט זיך באוויזען, האט זיך דאס קייזערליכע פאר אויפגע־הויבען פון די ערטער און פריינדליך געמאכט איהם אן ארט לעבען זיך.

אין יענער צייט האט זיך זעלטען ווער פון די הויפלייט דערדיענט צו אזא כבוד.

קאלאמבוס האט דערציילט וועגען אלץ, וואס מיט איהם האט פאסירט אין וועג. ער האט אנגעוויזען אויף די גוואלדיגע עשירות, וואס שפאניען קאן איצט קריגען, אויך די אלע וואונדער פון דעם נייעם לאנד.

אלע הויפלייט זיינען נשתומם געווא־רען פון דעם, וואס זיי האבען געהערט און געזעהן. זיי האבען געקוקט אויף קאלאמבוס'ען ווי אויף א העלד און אפגעגעבען איהם גרויס כבוד. די זעל־ביגע מענשען, וואס האבען פריהער גע־לאכט פון איהם, האבען זיך איצטער פאר איהם געבוקט, איצט האט מען שוין געטאן אלץ, וואס ער האט נאר פארלאנגט.

קאלאמבוס איז געווען גליקליך, אבער ניט פון דעם כבוד וואס מ'האט איהם אפגעגעבען, נאר נאר פון אן אנדער זאך — דער קעניג האט באלד באפוי־לען צוצוגרייטען א סך שיפען פאר א צווייטער רייזע אין די אנטדעקטע לענ־דער אויף יענער זייט אקעאן.

זעהר א סך מענשען האבען חשק געהאט צו באגלייטען קאלאמבוסען אויף דער צווייטער רייזע זיינער. אלע האבען זיך אנגעהערט פיל וואונדער פון די נייע לענדער און יעדערער האט געהאפט דארטען גיך רייך צו ווערען. א סך הא־בען זיך אפילו אנגענומען צו באזעצען זיך דארט אויף שטענדיג.

קאלאמבוס האט אויך געטראכט צו באזעצען אייראפייער אין די אנטדעקטע לענדער און דעריבער האט ער מיטגע־נומען ערד־ארבייטער און האנדווערקער פון פארשיידענע פאכען. ער האט אויך מיטגעפיהרט פארשיידענע מינים הויז־חיות, זריעות פון אייראפעאישע געוויק־

שפּאָרט ווי לאַנג איהר זייט יונג

$25 געשפּאָרט מאָנאטליך וועט אייך איינברייינגען $18,127.00 אין 25 יאָהר.

אונזער פּלאַן וועט אייך ערקלערען ווי אזוי.

Nehemiah Friedman & Co.

29 Broadway, New York, N. Y.

CONEY ISLAND BUSINESS INSTITUTE

Silver Rod Building, 1300 Surf Avenue, Coney Island

ב י ל ד ו נ ג א ו ן ג ע ז ו נ ד

סעקרעטעריעל, סטענאָגראַפּיע, אקאונטינג און אנדערע קאָמערציעלע קורסען.
ענגליש פאר איינגעוואַנדערטע.

ואכלת ושבעת וברכת

דאָס מיינט, אז די בעסטע ק י י ט ע ר ע ר זיינען

רובין בראָדערס

147 ה אָ מ ב אָ ל ד עוועניו
:: ראקסבורי, מאסס. ::

אין די דריי ווערטער פון ואכלת ושבעת וברכת צייגט אונז די תורה, וואס א גוטער קייטערער דאַרף זיין. עס איז ניט גענוג וואָס א קייטערער גיט גענוג צום עסען, ער דאַרף געבען אזעלכע שפּייזען אז מען זאָל איהם בענשען פאר זיין מאָהלצייט. רובין בראָדערס פון 147 האָמבאָלדט עוועניו סערווירען אזעלכע שפּייזען, אז יעדער איינציגער בענטשט זיי פאר זייערע פרישע, געשמאקע, ריינע און שעהנע מאָהלצייטען, און ס ט ר י ק ט ל י כ ש ר. דארום זאָל אייך קיין וואונדער ניט זיין, וואָס די גרעסטע באנקעטען. אזוי ווי דער קרן היסוד באנקעט אין עליזעאום קלאָב, ווערען סערווירט פון רובין בראָדערס.

ווען איהר האָט א שמחה, א באנקעט אדער גלאט א יאָיכעל קומט, שרייבט אדער טעלעפאָנירט רובין בראָדערס, 147 האָמבאָלד עוועניו, ראָקסבורי מאָסס.

Roxbury 3884-M Dor. 7020-J Ruhmond 2284

Tel. Harlem 8980

JOSEPH HERTZ



גראַניט און מארבעל

מאָנומענטען ווערען געלייגט אויף אלע סעמעטערים

149-151 East 113th Street, New York, N. Y.

סען און בכלל אלץ, וואס איז נויטיג אויף גרינדען קאלאניעס.

דער פלאט זיינער איז איצט באשטאנען פון פינף גרויסע און פערצעהן קליינע שיפען.

דעם 25טען סעפטעמבער 1493 איז דער פלאט ארויסגעפאהרען פון דעם האפען קאדעקס.

אין משך פון דער צווייטער רייזע האט אין וועג קיין אויסערגעוועהנליכעס נים פאסירט. די רייזע האט געדויערט זעקס און דרייסיג טעג. דעם דריטען נאוועמבער האבען די שפאניער צו זייער גרויס פרייד דערזעהן ערד און געווארפען די אנקערס ביי איינעם פון די קליין־אנטילישע אינזלען גוואדעלופ. אויף דעם דאזיגען אינזעל האט געוואוינט דער שבט קאראאיבען. די קאראאיבען זיינען געווען מענשען־פרעסער. אין די פארלאזענע הייזער זייערע האבען די שפאניער געפונען אפגעגריזשעטע מענשליכע ביינער און איינגעווייקטע מענשען־פליים. אויף די ווענט זיינען געהאנגען מענשליכע שארבענס, וואס האבען, ווייזט אויס, געדינט פאר שטורבינע כלים.

ווען די שפאניער זיינען אראפ אויפ׳ן אינזעל, האבען זיי דארט קיין מאנסבילען נים געפונען. די קינדער האבען דערצעהלט, אז זיי געהערען צו אנדערע פרידליכע שבטים. זיי געפינען זיך דא אין געפאנגענשאפט ביי די קאראאיבען. די קאראאיבען אליין זיינען איצט אפגעפאהרען אויף עטליכע טעג צו די שכנות׳דיגע אינזלען, כדי צו באפאלען די דארטיגע איינוואוינער. די געפאנגענע האבען געציטערט פאר די קאראאיבען און געבעטען קאלומבוסען, ער זאל זיי ראטעווען. קאלאמבוס האט אויף זיי רחמנות געהאט און גענומען זיי צו זיך אויף די שיפען.

אין א קורצער צייט ארום האבען די שפאניער געהאט די געלעגענהייט צו באקאנען זיך נעהנטער מיט די קאראאיבען. דער דאזיגער שבט האט זיך אויסגעטיילט פון אלע איבעריגע ווילדע שבטים מיט זייגע זיטען און מנהגים. זייער אויסזעהן אליין פלעגט שוין אויף אלעמען אנווארפען א שרעק און אן אימה. איינגאנצען באוואקסען ווי חיות, ארום די אויגען שווארצע רעדער שטענדיג באוואפענט מיט פייל און בויגען, העק און שפיזען. די פיילען פון די שפיזען זייערע זיינען געווען באשמירט מיט גיפט. דאס גאנצע לעבען פלעגען זיי פארברענגען אין מלחמות מיט די שכנות׳דיגע שבטים. די קאראאיבען האבען נים געוואוסט פון קיין רחמנות. די מאנסבילען פלעגען זיי טויטען און אויפפרעסען, די ווייבער — נעהמען געפאנגען, די קינדער — האדעווען, כדי שפעטער זיי אויפצועסען...

פאהרענדיג ווייטער אויף מערב, האט קאלאמבוס אנטדעקט דעם דריטען פון די גרעסערע אנטילישע אינזלען — פארטאריקא. דא אויפ׳ן אינזעל האבען זיך געפונען די קרובים פון די געפאנגענע פרויען און קינדער, וואס קאלאמבוס האט גענומען צו זיך אויף די שיפען. קאלאמבוס האט זיי אפגעלאזען אהיים. די ווילדע האבען נים געוואוסט ווי איהם צו דאנקען.

פון פארטאריקא איז קאלאמבוס אפגעפאהרען קיין האאיטי צו דער קאלאניע פון די אייראפעער, וואס ער האט דארט געגרינדעט פאר׳ן אוועקפאהרען קיין אייראפע.

קאלאמבוסעס שיפען זיינען צוגעקומען צום ברעג ביינאכט, קאלאמבוס האט געהייסען מעלדען די חברים וועגען זיין אנקומען דורך הארמאטען־שאסען. קיינער האט זיך אבער אויף דעם נים אפגערופען. ארום איז געווען טויט שטיל און פינסטער, קיין פייערעל האט

L. GOLDSTEIN

פאָטאָגראַפער

3917-3919 Third Avenue

Bronx, N. Y.

Tel. Bingham 4691

BLUE BIRD STUDIO

N. Sussman D. Mishkin

פאָטאָגראַפיעס פון בעסערען סאָרט

1598 Pitkin Ave. Tel. Glenmore 8436

1703 Pitkin Ave. Tel. Dickens 1096

BROOKLYN, N. Y.

איך פארריכט



עלעקטריק א י י ז ע נ ס, טאוסטערס, וואקיום קלי־נערס, קו רלינג אייזענס. האר דרייערס, עלעקטריק הייצערס, ריידיא סעטס, טעלעפאן רעסיווערס, על־עקטריק פענס, אלעס אין עלעקטריק.

H. ROYS

101 West 42nd St., New York City

At 6th Ave. Suite 311-314

PHILIP SHONFELD

מ א ש י נ ע ר י

206 East 5th St., Tel. Orchard 0463

475 East 145th St., Bronx, N. Y.

Tel. Melrose 8969-J

BAIM BROS. & FRIEDBERG

ברוקלינ'ס גרעסטע דילערס פון

וויקטראָלאס און וויססנער פיאַנאָס

דריי גרויסע סטאָרס וואו מען נעהמט איך אויף מיט כבוד און פריינדשאפט.

1525 פיטקין עוועניו

1658 פיטקין עוועניו

1430 סיינט דזשאנס פּליים,
ברוקלין, נ. י.

פיפעלס ביזנעס סקוהל

1731 פיטקין עוועניו

בעטווין טהאטפארד און אזבארן סטס.

ברוקלין

עסטאבלירט 1903

מיר האבען ניט קיינע אגענטען.

אונזערע פרייזען בייטאג זיינען:
קאמפליט קורס — — — — 95 דאל.
בוקקיפינג און טייפרייטינג — — 75 דאל.
סטענאגראפי און טייפרייטינג — 70 דאל.
אווענט קורסען זיינען 10 דאלאר ביליגער.

אלע סופליים און ביכער פריי!

ענגליש פאר אנפאנגער

4 דאָלאר א מאָנאַט

אנשטאט צו שיקען אן אגענט אייך איינ־צורעדען, גיבען מיר אייך פון איין וואך ביז צוויי וואכען צו מאכען דעם ערשטען פעימענט.

Peoples Business School

1731 Pitkin Ave. Brooklyn, N. Y.

זיך ניט אָנגעצונדען. קאָלאָמבוס האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט עפּעס פּאַסירט, און ער האָט געוואַרט ביז פאַרטאָג. אויפ'ן פריהמאָרגען האָט זיך באַוויזען אויפ'ן ים אַ שיפעל מיט ווילדע. דאָס זיינען געווען שלוחים פון דעם אָרטיגען הערשער גוואקאנאהא. זיי האָבען געבראַכט קאָלאָמבוסען מתנות פון זייער הערשער. זיי האָבען איהם אויך דערצעהלט וועגען דעם, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען מיט די ווייסע נאָך זייער אָפּפאָהרען.

א טייל האָבען ניט געקאָנט פאַרטראָגען דעם קלימאַט און זיינען געשטאָרבען פון קדחת און אַנדערע קראַנקהייטען. די איבעריגע האָבען די ווילדע אויסגע'הרג'עט. נאָך זיין אַוועקפאָהרען האָבען זיך זיינע חברים גענומען שלעכט באַגעהן מיט די אָרטיגע איינוואוינער. אליין ארבייטען האָבען זיי ניט געוואָלט. זיי האָבען זיך צווייט איבער'ן גאַנצען אינזעל און אומעטום גענומען ראַבעווען און הרג'ענען. דערהויפּט פלעגען זיי אָפּט אָנפאַלען אויף די געביטען פון ציבאַאָ, וואו עס געפינט זיך אַ סך גאָלד. דער הערשער פון יענעם לאַנד האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגען. ער איז פּלוצלונג אָנגעפאַלען אויף זיי, פאַרברענט די פעסטונג און אַלעמען אויסגע'הרג'עט.

די שלוחים האָבען צוגעגעבען, אַז זייער הערשער גוואקאנאהא איז אַ פריינד פון די ווייסע. ער האָט זיי פאַרטיידיגט און איז אין שלאַכט פאַרוואונדעט געוואָרען.

קאָלאָמבוס האָט געהאַט זעהר פיל קריינקונג פון דער דערצעהלונג. ער איז אָבער ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלען. ער האָט אויסגעקליבען אַ באַקוועמען אָרט ביי דער לעפצונג פון אַ טייך און איז באַלד צוגעטראָטען צו בויען אַ נייע פעסטונג. אַלע האָבען זיך פלייסיג גענומען צו דער ארבייט און מיט געמיינזאַמע כחות איז באַלד אויסגעוואַקסען אַ גאַנצע שטאָדט מיט שעהנע הייזער און ברייטע גאַסען. לכבוד דער שפּאַנישער קעניגין האָט קאָלאָמבוס אָנגערופען די שטאָדט אויף איהר נאָמען איזאַבעלע.

די ערשטע צייט האָבען די געקומענע שפּאַניער געאַרבייט מיט גרויס חשק און געלעבט צווישען זיך אין שלום און אחדות. באַלד אָבער האָבען זיי זיך אָנגעהויבען איינע מיט די אַנדערע צו רייסען און צו קריגען. די הויפּט־אורזאַך דערפון איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַראָפּגעקומען אַהער זיינען אין גרעסטען טייל פריצישע קינדער. די דאָזיגע יונגע לייט זיינען געפאָהרען אַהער, אין דעם גאָלדענעם לאַנד, נאָר מיט איין פאַרלאַנג — גיך רייך צו ווערען. זיי האָבען געמיינט, אַז גאָלד וואַלגערט זיך אויף די פעלדער און זיי וועלען בלויז האָבען די מיה דאָס צו קלייבען. און מיט אַמאָל קומט זיי אויס צו האָרעווען, און נאָך ווי? ביז'ן שוויים, אונטער דער ברענענדיגער זון. קאָלאָמבוס האָט ניט געקוקט אויף קיין יחוס. ביי איהם האָבען אַלע געמוזט אַרבייטען.

די שפּאַניער זיינען מיט דעם געווען אומצופרידען און געטראָגען אַ שנאה אויף קאָלאָמבוס'ען. באַלד האָבען זיך צווישען די שפּאַניער אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען קראַנקהייטען. דאָס האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט די אומצופרידענקייט. אין אַלע צרות האָבען זיי באַשולדיגט קאָלאָמבוס'ען. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מ'האָט איהם נאָך געוואָלט הרג'ענען. קאָלאָמבוס'ען האָט געקאָסט פיל מיה, איידער ס'האָט זיך איהם איינגעגעבען צו באַפרייען פון די שונאים. אַ טייל האָט ער באַשטראָפט אויפ'ן אָרט, דעם גרעסטען טייל האָט ער אָפּגעשיקט צוריק קיין שפּאַניען.

מאנופעקטשורער
פון
קינדער וועגע־
לעך.
די גרעסטע
סטאָר פון דיי־
זען סארט אין
ניו יארק.

HENRY BEHR
3310-3314 Fulton St., Crescent St. Station
Phone: Applegate 2568 BROOKLYN, N. Y.

ווילט איהר הנאה האבען
פון אייער עסען ?
בעזוכט
דזשאָזעף פעלדשטיין'ס
רעסטאראנט
164 עלען סט. ניו יארק.

Phone: Orchard 7455

M. CORNFIELD

Smart Clothes

די בעסטע קליידער
—— פאר ——
מענער און יונגע לייט
צו די ביליגסטע פרייזען

127 Canal Street
New York City
(Facing Manhattaan Bridge Plaza)

Barovick & Sons
האָלסייל קייק בעקערס
194 Third Ave., New York City
Tel. Stuyvesant 6079

Tel. Bushwick 7783
Full Dress and Tuxedos
To Hire
A. SALSBERG
1389 Broadway, B'klyn, N. Y.
Opp. Keith's Bushwick Theatre
Gates Avenue "L" Station
Special Club Rates
פול דרעס און טאקסידאס
אויסגעליהען.

Harlem Tea Garden
אמעריקאן און טשייניז
רעסטאראנט
מוזיק און דענסינג
Open from 11 A. M. to 3 A. M.
77-81 W. 125th St., Cor. Lenox Ave.
New York City
Tel. Harlem 5369

פארוקען — טופעים —
טראנספארמאציעס
H. HAUSWIRTH
טופעי ספעציאליסט
פארוקען פאר אלע געלעגענהייטען.
עמעטשורס ארויסגעהאלפען.
826 Sixth Avenue, New York City
Phone: Bryant 4919

M. NEGIN & M. GLICKFELD
קארפענטערס און דזשענעראל קאנטראקטארס.
אלטערײשאנס און סטאר פראנטס א ספעציא־
ליטעט. מיר מאכען נייע דאמבווייטערס, און
אלטע מאכען מיר צורעכט.
765 East 169th St., Bronx, N. Y.
Phone: Bingham 2635

J. H. EISNER
HARDWARE, HOUSEFURNISHINGS, PAINTS
4233 Third Ave., New York City
Bet. Tremont Av. & 178 St. Tel. Tremont 3559

אז די נייע פעסטונג איז פארטיג געוואָרען, האָט קאָלאָמבוס אויסגעקליבען פיר הונדערט זעלנער און איז מיט זיי אוועק אין די בערג ציבאָאָ, כדי אויסצופאָרשען דאָס לאַנד פון גאָלד. קאָלאָמבוס האָט זיך דערקונדיגט, אַז דאָס לאַנד איז טאַקע אַ זעלטענער אוצר. דאָ געפינט זיך אזוי פיל גאָלד, אַז די שפּאַנישע קעניגע קענען זיך רעכענען פאַר די רייכסטע אין דער וועלט. די שפּאַניער האָבען אויסגעבויט אַ פעסטונג און זיינען צוגעטראָטען צו דער ארבייט, — ארויסקריגען דעם טייערען מעטאַל פון דעם גאָלד־זאַמד, וואָס האָט זיך געפונען אין די באַרג־טייכלאַך. קאָלאָמבוס האָט איבערגעלאָזען ביי דער ארבייט אַ קלענערע אָפּטיילונג און אליין זיך צוריקגעקעהרט אין שטאָדט איזאַבעלע. די ווילדע פון יענער געגענד האָבען זיך באַגעגענט נאָהענט מיט די אייראָפּעער צום ערשטען מאָל. מיט גרויס וואונדער האָבען זיי אָנגעקוקט אַלץ, וואָס פלעגט זיי אויסקומען צו זעהן ביי די אייראָפּייער, די בגדים, די געשיר און געציינ, די געבראַכטע בעלי־חיים און דערהויפּט — די פערד. אַז די ווילדע האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן רייטער, זיינען זיי געוועזן אויסער זיך פאַר ענציקונג. ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז דער רייטער מיט'ן פערד איז איין חיה. און גרויס איז געוועזן זייער וואונדער ווען זיי האָבען דערזעהן, ווי די רייטער געהען אראָפּ פון די פערד...

די אייראָפּייער האָבען זיך אויך צוגעקוקט און באַקאַנט מיט'ן ארט לעבען, זיטען און מנהגים פון די אָרטיגע איינוואוינער.

די נאַטור ארום איז געוועזן רייך. באקומען שפּייז איז געוועזן זעהר לייכט. די פּאַלמען פלעגען שיינקען די טייערסטע פרוכט, די וועלדער זיינען פול געווען מיט חיות און פויגלען, דער ים און טייכען האָבען געשפּרודעלט מיט פיש און די ווילדע פלעגט ניט אויסקומען שווער צו ארבייטען. זיי האָבען זיך געלעבט רוהיג און אָהן זאָרג. דאָס רוהיגע לעבען פלעגען פון צייט צו צייט צושטערען די קאַראַאיבען מיט זייערע אָנפאַלען. דאַן פלעגען זיך די ווילדע נעהמען פאַר'ן געוועהר. די ווילדע זיינען געוועזן געצענדינער. די געצען פלעגען זיי אליין מאַכען פון די האָלץ, ליים אָדער בוימוואָל. צו די געצען פלעגען זיי זיך בוקען, געהאַלטען זיי פאַר באַשיצער און בעת אַ מלחמה צובינדען זיי צום שטערען. אַ גרויסע ווירקונג אויפ'ן פאָלק האָבען געהאַט די כוהנים און די כישוף־מאַכער. צו זיי פלעגט מען זיך ווענדען אין פאַל פון אַ קראַנקהייט. די היילונג פלעגט באַשטעהן אין דעם, וואָס זיי פלעגען ארומרינגלען דעם חולה מיט וואָלקענס רויך, כדי ארויסצוטרייבען פון איהם בייזע רוחות. אַז דער חולה האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, פלעגט מען איהם איבערלאָזען אליין און פאַר איהם קיין זאַך ניט טאָן.

קאָלאָמבוס האָט פאַרבראַכט אין איזאַבעלע גאַר אַ קורצע צייט. זיצען אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט האָט ער בכלל ניט געקאָנט. ס'האָט איהם אַלץ געצויגען אין וועג אריין. ער האָט כסדר געשטרעבט צו נייע אנטדעקונגען. די אָנפיהרונג מיט דער פעסטונג האָט ער איבערגעגעבען דעם ברודער זיינעם דיעגאָ און אליין איז ער אָפּגעפאָהרען צום אינזעל קובאַ, כדי גרינדליכער איהם אויסצופאָרשען.

געקומען קיין קובאַ, האָט קאָלאָמבוס גענומען פאַנאַנדערפרעגען ביי די ווילדע, וואו עס געפינט זיך דאָ גאָלד. די ווילדע האָבען איהם אָנגעוויזען, אַז דאָס לאַנד פון די גאָלד געפינט זיך פון יענער זייט ים אויף דרום־זייט.

קאָלאָמבוס איז אָפּגעפאָהרען אין דער אָנגעמערקטער ריכטונג און איז

The Bird Sign Works
459 Third Ave., New York City
Tel. Murray Hill 1908

The Garber Furniture Co.
29-31 East 125th St., New York, N. Y.
Tel| Harlem 1010

KAPLAN & TROSHANSKY
פרויען און מענער שניידערס
678 Jefferson Place, Bronx, N. Y.

MAX FEDERGREEN
פוירניטשור, בעדינג און פלאר קאווערינג
1338 Wilkins Avenue, Bronx, N. Y.
Tel. Intervale 1131

P. R. SHUMAN DUSTER CO.
New York City

BERTHA BERKO—*Pastry Parlor*
9 West 110th St., New York City

G. LASKAS—*Florist*
270 Broadway, Brooklyn, N. Y.

JOSEPH COHEN—*Furrier*
119 Sutter Ave., Brooklyn, N. Y.

S. HOFFMAN—*Art Decorations*
33 West 125th St., New York

Telephone: 1195 Lenox

M. WEXLER

GLAZIER
177 E. 96th St., New York City

פענסטער, פיקטשור און פלייט גלאז

שפיגעל איבערגעזילבערט און גלייזינג געמאכט
אויף באשטעלונג. גלאז טאפס פאר פוירניטשור
מאנופעקטשורערס פון
פענסטער שיידס בילדער ראהמען
געמאכט אויף באשטעלונג.

B. Schwartz & Son

אנדערטייקערס
אטאמאבילס צו פאררענטען פאר אלע
געלעגענהייטען. קברים ווערען פאר-
קויפט אויף אלע סעמעטערים.

Office and Chapel: 504 E. 5th St.
Near Avenue A., New York City
Telephone: Orchard 1138

THE BRENNER STUDIO
2202 Broadway and 200 West 72 nd Street
New York City
Tel. Columbus 6557

ESSEX BEDDING CO.
BURGER & KLEIN, Props.
116-118 Essex St., New York, N. Y.
Tel. Orchard 5679

KAUFMAN & GOLDMAN
בעסטע קליידער פאר סטיילישע מענער
31 Essex Street, 43 Canal Street
Tel. Dry Dock 4140 Tel. Dry Dock 9161
New York City

JOSEPH MASTROCOLA
פידעל און פיאנא אינכטראקטאר
184 Division Ave., Brooklyn, N. Y.
Tel. Williamsburg 5429-J

Monrach Auction Co., Inc.
J. A. FLEISCHER S. J. HASSETT
161 East 125th St., New York City
Tel. Harlem 2787

MICHAEL J. ROBINSON
מאונט מארים פארק האטעל
1480-1482 Fifth Ave., New York City
Tel. Harlem 2632

Tarter's Realty Exchange
ריעל עסטייט און גאראזש בראקערס
9-11 Schiff Parkway, New York City
Phones: Orchard 2674-2675

A. BROIDY
חתונה און באל קליידער צו פאררענטען
און געמאכט צו ארדער
99 Forsyth Street, New York City

W. LEINER
חתונה קליידער צו פאררענטען און צו
פארקויפען
100 Forsyth Street, New York City

United Millinery Supply Store
פארטיגע העטס און צו ארדער
אינסטרוקציעס פריי
11 Clinton Street, New York City

Rubel's Millinery Supplies
1710 Pitkin Ave., Brooklyn, N. Y.
Tel. Dickens 0523
Branches: 5-7 Clinton St., New York, N. Y.
Tel. Dry Dock 1765

Gellis, Popelniker & Thau
פ ר א ו ו י ז י ש י א נ ס
441 East 16th St., New York City
Tel. Stuyvesant 7196

Greenbaum-Schweisheimer Company
פ ר א ו ו י ז י ש י א נ ס
441-443 East 16th Street, New York City
Tel. 1650 Stuyvesant

Patronize Our Advertisers—They Are Reliable.

באַלד טאַקע געקומען אין דעם וואונדערבאַרען לאַנד. דאָס איז געווען דער פראַכטפולער אינזעל יאַמאַאיקע (דזשעמייקאַ) — דער לעצטער פון די גרויס־אַנטילישע אינזלען. די נאַטור אויף דעם דאָזיגען אינזעל איז געווען אַזוי רייך, אַז קאָלאָמבוס איז אַ באַצויבערט געוואָרען.

די איינוואוינער האָבען אָבער באַגעגענט די אייראָפּייער ניט פריינדליך. זיי האָבען זיי באַשאָטען מיט פיילען. די שפּאַניער האָבען זיך געמוזט פאַרטיידיגען מיט געוועהר. אינגיכען האָט זיך קאָלאָמבוסען איינגעגעבען צו ענדערען די באַציהונג פון די ווילדע. ער האָט צוטיילט אַ סך מתנות און איבערגעגעבען דורך די דאָלמעטשער, אַז ער קומט ניט אַהער מיט זיי מלחמה צו האַלטען. ער וויל נאָר אויספאָרשען זייער לאַנד. דאַן האָבען זיך די ווילדע באַרוהיגט. קאָלאָמבוס האָט אויסגעפאָרשט דעם אינזעל. ער האָט אָבער דאָרט קיין גאָלד ניט געפונען. דערווייל איז אויסגעגאַנגען ביי די שפּאַניער די גאַנצע שפּייז. קאָלאָמבוס האָט באַשלאָסען צוריקצוקעהרען זיך קיין שפּאַניאָל. אין וועג איז ער קראַנק געוואָרען און איז אָפּגעלעגען עטליכע וואָכען אויף איינעם פון די אינזלען. אַז זיין געזונט האָט זיך פאַרבעסערט, האָבען איהם די חברים געבראַכט קיין שפּאַניאָל. דאָ אין דער פעסטונג האָט ער געפונען אַ סך צרות. פיל פון די חברים זיינען אויסגעשטאָרבען, די איבעריגע האָבען געליטען הונגער און קראַנקהייטען. קיינער האָט ניט געוואָלט אַרבייטען און די לאַגע איז געוואָרען שרעקליך.

כל זמן עס האָט זיך געפיהלט די שטאַרקע האַנט פון קאָלאָמבוס'ען, האָט זיך געהאַלטען אַן אָרדענונג. ווי נאָר אָבער ער איז אָפּגעפאָהרען, האָבען זיי דעם ברודער זיינעם אויפגעהערט פאָלגען, יעדער האָט גענומען טאָן וואָס נאָר ער האָט געוואָלט.

צוויי פון די עלטסטע, וואָס האָבען געהאַט אַ כעס אויף קאָלאָמבוס'ען, זיינען אָפּגעפאָהרען קיין אייראָפּע, כדי צו פאַר'מסר'ען איהם דאָרט פאַר'ן קעניג, אַז ער פייניגט די חברים.

דער חייל האָט זיך צוזייט איבער'ן אינזעל און גענומען ראַבעווען און דריקען די אָרטיגע איינוואוינער.

די ווילדע האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף די ווייסע ווי אויף זייערע שונאים און גענומען גרייטען זיך צו אַ מלחמה. די ווייסע האָבען זיי געבראַכט קנעכטשאַפט און הונגער. מיט גרויס פאַרדרוס פלעגען זיי זעהן, ווי איין אייראָפּייער עסט אויף פאַר אַמאָל מעהר ווי פינף זייערע.

אַז קאָלאָמבוס איז געקומען קיין שפּאַניאָל, איז שוין דער אויפשטאַנד פון די ווילדע געווען צוגעגרייט.

איבער הונדערט טויזענט ווילדע זיינען גרייט געווען אָנצופאַלען אויף די ווייסע אונטערדריקער און באַפרייען דאָס לאַנד פון די פאַרהאַסטע געסט. די לאַגע פון די אייראָפּייער איז געווען אַ געפעהרליכע — אַ הייפעלע אַנטקעגען אַזאַ מחנה!

קאָלאָמבוס האָט זיך אָבער אויך איצט ניט פאַרלאָרען. די אייראָפּייער האָבען אָבער געהאַט ביקסען און פערד און מיט דעם האָבען זיי זיך געראַטעוועט. אינמיטען נאַכט זיינען די שפּאַניער פלוצלונג אָנגעפאַלען אויף די ווילדע. דאָס קנאַלען פון די ביקסען, דאָס הירזשען פון די פערד און דאָס בילען פון די הינט האָבען אַרויפגעוואָרפען אויף די ווילדע אַ שרעקליכע אימה און זיי זיינען זיך צולאָפען.

קאָלאָמבוס איז דאַן אַרומגעפאָהרען איבער'ן גאַנצען אינזעל און אַלע ווילדע האָבען זיך איהם אונטערגעגעבען. איצט

האט ער געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלען איהם צאָהלען צינזען — אָדער צושטע־לען גאָלד אָדער ארבייטען פאר די איי־ראָפּייער.

די ווילדע האָבען דערשפירט דעם אמת'ען יאָך, די פרייע גליקליכע צייטען זיינען פאַרביי. די פרעמדע זיינען גע־וואָרען בעלי־בתים איבער זיי.

אין דער צייט ווען קאָלאָמבוס האט געהאט צו טאָן מיט די ווילדע, האָבען אייניגע פון זיינע שונאים פאַרכאַפּט א שיף און אַנטלאָפען קיין איירָאָפּע. זיי זיי־נען געקומען צום שפּאַנישען קעניג און אָנגעהעצט אויף קאָלאָמבוסען. זיי האָ־בען דערצעהלט, אַז קאָלאָמבוס טראַכט גאָר ניט וועגען באַרייכערען די אוצרות פון דער מלוכה, ער האט אין זינען נאָר זיין אייגענע טובה. ער באַגעהט זיך שלעכט מיט די שפּאַניער און רייצט אויך אויף די אָרטיגע באַפעלקערונג. בכלל, — האָבען זיי גע'טענה'ט, — איז די גאַנצע אַנטדעקונג ניט אַזוי וויכטיג ווי ער האט דאָס פאָרגעשטעלט.

באַקומענדיג אַזוינע ידיעות, האט דער שפּאַנישער קעניג באַשלאָסען אוועק־צושיקען אַהין זיינעם א נאָהענטען פריינד מיט'ן נאָמען אגודאָ, כדי צו דערגעהן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דעם נייעם לאַנד.

אגודאָ איז געווען קאָלאָמבוסעס א שונא. געקומען אין דעם נייעם לאַנד, האט ער גענומען זאַמלען באַווייזען גע־גען קאָלאָמבוסען. די אומצופרידענע האָבען אויסגעטראַכט א סך בלבולים און אין גאַנצען פאַרשוואַרצט קאָלאָמ־בוס'ען.

קאָלאָמבוס האט פאַרשטאַנען, אַז איצט מוז ער קומען קיין שפּאַניען, כדי צו פאַרטיידיגען זיך פון די אַלע פאַלשע באַשולדיגונגען.

קאַסטאָם הויז בראָקערס און עקספּאָרט איבער־שיקער

פּאַרסעל אגענטור פון דער דייטשער פּאַרסעל פּאָסט

פּאַרסעל אַגענטור פון דער ראַ־יאַל דעניש מעיל

פראַכט און רעליעף שיפּמענטס איבערשיקט נאָך אלע לענדער

צו די ביליגסטע פרייזען

רעגולערע וועכענטליכע שיפּמענטס פון עקספּרעס פּעקעדזשעס ביז 40 פונט געשיקט נאָך דייטשלאַנד, עסטרייך, פּוילען, רומע־ניען, לאַטוויא, ליטא, א. אז. וו.

HENSEL, BRUCKMAN
& LORBACHER, Inc.
29 Broadway, New York
Chicago: 53 West Jackson Blvd.
Tel. Whitehall 2950
עטאבלירט 1879

פון סאָוועט רוסלאַנד

האָבען מיר אריבערגעבראַכט פילע פּאַסאַ־זשירען. מיר האָבען פילע דאַנקבאַרע בריף. אויב איהר האַט פאַרוואַנדטע (קרובים) אין רוסלאַנד אָדער אוקראַינע, וועמען איהר ווילט אריבערברענגען קיין אַמעריקאַ, ווענדעט זיך צו אונז נאָך אַלע איינצעלהייטען.

געלד־זענדונגען נאָך רוסלאַנד און אלע טיילען פון דער וועלט.

Russian Petrograd Bureau
Epstein & Efimoff, Agents
25 Delancey St., New York.

יעדע אינטעליגענטע אידישע פרוי לעזט

$1.50 א יאהר

ער האָט איבערגעגעבען די אָנפיה־רונג מיט דער קאָלאָניע דעם ברודער זיינעם ווארפאַלאָמיי און איז אָפּגעפאָה־רען קיין איראָפּע.

דאָ האָט זיך ארויס־געוויזען, אַז ער האָט זיך אומזיסט געשראָקען. דער קעניג מיט דער קעניגין האָבען איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך. זיי האָ־בען זיך ניט צוגעהערט צו די רכילות פון די שונאים און אָנגענומען קאָלאָמ־בוסעם אַלע נייע פּלענער.

קאָלאָמבוס האָט געוואָלט באַפעסטי־גען די קאָלאָניע אין שפּאַניאָל און דע־ריבער האָט ער איצט געבעטען ביים קעניג, מען זאָל איהם מיטגעבען וואָס מעהר לעבענס־מיטעל און נאָך מענשען.

די שונאים זיינע האָבען דערווייל אויך ניט געשלאָפען. זיי האָבען אין דעם גאַנצען לאַנד געגומען פארשפּריי־טען קלאַנגען וועגען דעם, אַז דאָרט קומט אוים זעהר שווער צו ארבייטען, אַז קאָלאָמבוס באַגעהט זיך דאָרט זעהר שטרענג מיט די ארבייטער, אַז עס פעהלט זיי דאָרט וואָס צו עסען און זיי שטאַרבען אוים פון פארשיידענע קראַנק־הייטען. דערהערט אַזוינע דיבורים, האָ־בען זיך אַלע אָפּגעשראָקען און ס׳האָבען זיך כמעט ניט געפונען קיין בעלנים צו פאָהרען מיט קאָלאָמבוס׳ען.

דאַן האָט קאָלאָמבוס אויס־געווירקט ביים קעניג מען זאָל אוועקשיקען אהין פארשיידענע פאַרברעכער. שפּעטער האָט ער אויף דעם שטאַרק חרטה גע־האַט, די פאַרברעכער האָבען געבראַכט אַ סך אומגליקען.

צוויי יאָהר האָט געדויערט, איידער קאָלאָמבוס האָט זיך צום צווייטען מאָל אויס־געקליבען אין וועג אריין.

דאָס מאָל איז ער געפאָהרען מיט אַ נייעם וועג.

אין משך פון דער רייזע האָט זיך איהם איינגעגעבען צו אַנטדעקען דעם קאָנטינענט אַמעריקאַ.

אין שפּאַניאָל האָט קאָלאָמבוס גע־פונען אַ גרויסע מהומה. פאַר די צוויי יאָהר, וואָס ער האָט פארבראַכט אין איראָפּע, זיינען דאָ אין דעם נייעם לאַנד פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען, די שפּאַניער האָבען אַנדעקט נייע ער־טער פון גאָלד, דער ברודער זיינער האָט אויסגעזוכט אַ נייע שטאָדט, סאַן־דאָ־מינגאָ. די אַלטע שטאָדט איזאַבעלע האָבען די איינוואוינער אינגאַנצען פאַר־לאָזען און זיך איבערגעצויגען אַלע קיין סאַן־דאָמינגאָ.

אַז די שטאָדט איז פארטיג געוואָ־רען, האָט זיך ווארפאַלאָמיי אַוועקגעלאָ־זען מיט אַן אָפּטיילונג שפּאַניער אי־בער׳ן אינזעל, כדי אויסצופאָרשען די אומבאַקאַנטע ערטער. אַלס אָנפיהרער האָט ער באַשטימט איינעם אַ שופט ראָלדאָן.

ראָלדאָן האָט שוין אָבער פון לאַנג גע׳חלומ׳ט צו ווערען אַ זעלבסטשטענ־דיגער הערשער פון די נייע לענדער. ער האָט אריבערגעצויגען אויף זיין זייט אַ גרויסען טייל פון די קאָלאָניסטען און געוואָלט פאַרכאַפּען די פעסטונג. דער פּלאַן זיינער האָט זיך איהם ניט איינ־געגעבען. דער גרעסטער טייל איז גע־בליבען טריי קאָלאָמבוס׳ען, און ראָלדאָן מיט זיינע אָנהענגער האָבען זיך באַ־פעסטיגט אין אַ צווייטען טייל פון אינ־זעל.

קאָלאָמבוס איז אראָפּ־געקומען קיין דאָמינגאָ אין רעכטען פּלאַקער פון דעם אויפשטאַנד. דער אויפשטאַנד האָט געדויערט אַ לענגערע צייט, קאָלאָמ־בוס׳ען האָט געקאָסט אַ סך מיה, איי־דער עס האָט זיך איהם איינ־געגעבען צו שליסען שלום מיט ראָלדאָנען.

נאָכ׳ן איינשטעלען די אָרדנונג, **האָט קאָלאָמבוס אוועקגעשיקט וועגען דער גע־**

שעהעניש א באריכט צום קעניג. חוץ דעם האט ער אויך בייגעלעגט זיין טאג־בוך און א סך גאלד.

אין דער זעלבער צייט האבען אבער קאלאמבוס'עס שונאים אוועקגעשיקט צום קייסער גאר אן אנדער באריכט. זיי האבען אויסגערעכענט די נעמען פון די אלע מענשען, וואס קאלאמבוס האט דער'הרג'עט בעת דעם אויפשטאנד, אנ־געוויזען אויף די אלע נגישות, וואס עס קומט דא אוים אויסצושטעהן פון איהם. זיי האבען פאר'מסר'ט, אז קאלאמבוס רעכענט זיך פאר'ן איינציגען הערשער פון די נייע לענדער.

דער קעניג האט דאן באשלאסען צו שיקען קיין דאמינגא א ספעציעלען שליח, איינעם פראנציסק באבאדיליא, כדי צו דערגעהן, וואס דארט איז פאר־געקומען.

באבאדיליא האט באקומען דאס רעכט אפילו צו באזייטיגען קאלאמ־בוס'ען פון זיין אמט, אויב עס וועט זיך ארויסווייזען אז ער איז שולדיג.

באבאדיליא האט שוין פון פריהער געטרוימט צו פארנעהמען קאלאמבוס'עס אמט. קומענדיג קיין דאמינגא, האט ער זיך ניט גענומען צו דער אויספאר־שונג ווי דער קעניג האט איהם פאר־געזאגט, ער האט זיך גלייך דערקלעהרט בעל־הבית פון דעם לאנד. ער האט איבערגענומען די פעסטונג, באפרייט אלע ארעסטירטע, געשמידט אין קיי־טען קאלאמבוסעס ברידער, פארנומען קאלאמבוסעס וואוינונג און קאנפיסקירט זיין גאנצען פארמעגען. קאלאמבוס אליין איז גראד דאן אין שטאדט ניט געווען. באבאדיליא האט געשיקט צו קאלאמבוסען א פאפיר און אויפגעפא־דערט איהם באלד צו קומען צום געריכט. דער ביי האט ער אויך געשיקט דעם קע־ניג'ס פאפיר אויסצופיהרען אלע בא־פעהלען פון דעם שליח.

די פלוצלונדיגע ידיעה האט געמאכט אויף קאלאמבוס'ען א שטארקען רושם. ער איז געווען שרעקליך אויפגעבראכט פון דער באליידיגונג. אין אנהויב האט ער זיך אליין ניט געגלויבט, אז אזא זאך קען גאר פארקומען. ער האט זיך אפילו געקאנט שטעלען אנטקעגען, נאר ער האט וועגען דעם גאר ניט געוואלט טראכטען.

— איך פיהל קיין שולד ניט! — האט ער געזאגט און איז געקומען קיין סאן דאמינגא. באבאדיליא האט מיט איהם אפילו ניט געוואלט ריידען, ער האט באפוילען שמידען איהם אין קייטען און פארשליסען אין א קליינעם צימערל פון דער פעסטונג.

קאלאמבוס האט געמיינט, אז מען וועט איהם שוין דא טויטען. און עס האט איהם זעהר באנג געטאן ניט אזוי פאר'ן לעבען, ווי פאר דעם, וואס דער נאמען זיינער וועט בלייבען פארפלעקט.

איינמאל פארטאג איז אריינגעקומען צו איהם א באקאנטער אפיציר פון דער וואך. קאלאמבוס האט געמיינט, אז מען פיהרט איהם טויטען.

— וואוהין פיהרט איהר מיך? — האט ער געפרעגט.

— אויפ'ן שיף, הער קאפיטאן — האט דער אפיציר געענטפערט.

קאלאמבוס האט איהם ניט געוואלט גלויבען. יענער האט איהם געשווארען. דאן ערשט האט ער זיך בארוהיגט.

אז די שיפען זיינען ארוים אין ים, איז דער קאפיטאן פון דער שיף צוגעגאנ־גען צו קאלאמבוס'ען און געוואלט בא־פרייען איהם פון די קייטען.

קאלאמבוס האט זיך אבער פון דעם אנטזאגט, ער האט ניט פארלאנגט קיין טובות פון די שונאים.

קומענדיג קיין שפאניען, האט ער אפ־געשיקט א בריף צו דער קעניגין. אין

דעם דאָזיגען בריף האָט ער אויסגעגאָסען פאר איהר זיין ביטער הארץ און דערצעהלט אלץ, וואס מיט איהם האָט פּאַסירט. ער האָט זיך דאָך אזוי פיל אָנגעליטען, איידער עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו ענטדעקען די נייע לענדער. די בעסטע יאָהרען האָט ער דאָך אָפּגעגעבען דער הייליגער זאַך, אזוי פיל געטאָן פאר שפּאניען און איצט — האָבען איהם די שפּאַניער געשמידט אין קייטען און פיהרען איהם ווי א פארברעכער.

די ידיעה וועגען דעם, ווי אזוי מען האָט געבראכט קאָלאָמבוס'ען, האָט זיך גיך פארשפּרייט איבער'ן לאנד און האָט ארויסגערופען אין פאָלק א גרויסע אומצופרידענהייט.

באלד איז אָנגעקומען א רייטער פון קעניג מיט א באפעהל באלד צו באפרייען קאָלאָמבוס'ען מיט זיינע ברידער. דער קעניג האָט איהם צוגעשיקט א בריף, אין וועלכען ער האָט זעהר באדויערט דאָס, וואס איז פאָרגעקומען און איינגעלאדען איהם צו זיך אין גרענאדע.

קאָלאָמבוס איז געוועזן זיכער, אז מען וועט איהם ווידער שיקען אין די נייע לענדער און ער וועט דאָרט ווידער פארנעהמען זיין פריהערדיגען פּאָסטען. ער האָט אָבער א טעות געהאט. דער קעניג פערדינאנד האָט שוין גאָרניט געטראכט איבערצולאָזען ביי איהם אלע רעכט און פּריווילעגיעס, וואס ער אליין האָט איהם פריהער געשאָנקען. דער קעניג האָט מורא געהאט אנצוטרויען קאָלאָמבוס'ען די אָנפיהרונג פון די נייע לענדער און האָט באשטימט פאר דאָמינגאָ א נייעם גובערנאטאָר — ניקאָלאַי אָוואנדאָ.

אָוואנדאָ איז אָפּגעפאָהרען קיין דאָמינגאָ מיט א פלאָט פון דרייסיג גרויסע שיפען. אין זיין רשות האָבען זיך געפונען ביז 3000 מאַן.

קאָלאָמבוס איז פארבליבען אין שפּאַניען. ער האָט געפיהלט די גרויסע אומרעכט, וואס מען איז באגאנגען אנטקעגען איהם, און ס'האָט איהם זעהר געקריינקט.

די קייטען, אין וועלכע ער איז געוועזן געשמידט זיינען שטענדיג געהאנגען פאר זיינע אויגען און ער האָט פארזאָגט, מען זאָל זיי אריינלייגען ביי איהם אין קבר אריין.

מיט גרויס פארדרוס האָט קאָלאָמבוס צוגעזעהן, ווי אנדערע געניסען פון דעם לאנד, וואָס ער האָט ענטדעקט נאָך אזוי פיל מיה און צרות. מעהר פאר אלץ האָט איהם אבער געקריינקט דאס, וואס מ'האָט ביי איהם צוגענומען די מעגליכקייט פון ווייטערדיגע ענטדעקונגען.

לאנג האָט ער אָפּגעשלאָגען די שוועלען פון שפּאַנישען קעניגליכען הויף, געבעטען זיך, מען זאָל איהם געבען כאָטש א פּאָר שיפען. נאָך א סך מאטערנישען האָט זיך איהם צולעצט איינגעגעבען צו באקומען פיער קליינע שיפען, כדי צו מאכען א נייע רייזע.

אין צעהן יאָהר ארום נאָך זיין ערשטער רייזע, דעם 21טען יוני 1502, איז קאָלאָמבוס ווידער ארויסגעפאָהרען פון קאָדיקס.

אז קאָלאָמבוס איז געקומען קיין סאן־דאָמינגאָ, האָט זיך אוואנדאָ'ס פלאָט געגרייט אָפּצופאָהרען צוריק קיין שפּאניען. קאָלאָמבוס האָט זיך געווענדעט צום נייעם גובערנאטאָר מיט א ביטע ארויסצוגעבען איהם א שיף, וויל איינע פון זיינע שיפען האָט זיך אין וועג צובראָכען. חוץ דעם האָט קאָלאָמבוס געבעטען, מען זאָל איהם ערלויבען פארבלייבען א קורצע צייט אין דעם האפען סאן־דאָמינגאָ, וויל ער האָט פאָראויסגעזעהן, אז עס רוקט זיך אָן א שטורעם. אוואנדאָ האָט ענטזאגט קאָלאָמבוס'ען אין ביידע זיינע ביטעס. קאָלאָמבוס איז אָפּגעפאָא־

רען אויף דרום־מערב און פאראנקערט די שיפען אין אן אויסגוס.

אוואנדא האט אפגעשיקט זיינע שי־פען קיין שפאניען. אויף די שיפען האט זיך געפונען א סך גאלד און פראדוקטען פון דעם נייעם לאנד. ווי נאר די שיפען זיינען ארויס אין פרייען ים, האט זיך אויפגעהויבען דער גרויסער שטורעם, וואס קאלאמבוס האט פאראויסגעזעהן. דער גאנצער פלאט מיט אלע אוצרות, וואס האבען זיך דארט געפונען, איז אראפ צום גרונט.

נאר על פי נס האט זיך געראטעוועט איין שיף ,אויף וועלכען ס'האט זיך גראד געפונען קאלאמבוס'עס פארמעגען. די דאזיגע שיף האט דאס געבראכט קיין שפאניען די טרויעריגע ידיעה וועגען אונטערגאנג פון דעם פלאט.

וואס איז שייך קאלאמבוס'ען, האט ער זיך באצייטענס פארהיט פון דעם שטור־רעם און האט פון איהם וויניג געליטען.

אז דער ים איז שטיל געווארען, איז קאלאמבוס אפגעפאהרען צו די דרום'־דיגע ברעגעס פון קובא און נאכהער פאר־קירעוועט אויף דרום־מערב. דא, ביי איינעם פון די אינזלען, האט ער געהאט א אינטערעסאנטע באגעגעניש. צו איהם איז צוגעפאהרען א גרויסע אינדיאנישע שיף, וואס איז, ווייזט אויס, געווען צוגעפאסט צו ווייטע רייזעס. דער בעל־הבית מיט זיין פאמיליע האבען דא גע־וואוינט אין א ביידעל פון פאלמען־בלע־טער. ער האט זיך באשעפטיגט מיט אויסבייטען סחורות. אין שיף האבען זיך געפונען א סך קופערנע, הילצערנע, ליימענע און שטיינערנע כלים. קאלאמ־בוס האט דא אויך דערזעהן צום ערשטען מאל די קערנער פון קאקאא.

די אינדיאנער האבען אנגעוויזען קא־לאמבוס'ען אויף מערב און דערקלערט איהם, אז זיי שווימען פון דארטען. זיי האבען איהם אויך געראטהען צו פאהרען אהין. ווען קאלאמבוס וואלט זיי גע־פאלגט, וואלט ער געוויס ענטדעקט דעם רייכען האלב אינזעל יוקאטאן.

די באפעלקערונג פון יוקאטאן האט זיך פארנומען מיט מסחר און איז געווען א סך אנטוויקעלטער פאר די איבריגע איינוואוינער פון די נייע לענדער.

קאלאמבוס האט זיי אבער ניט גע־פאלגט און איז אפגעפאהרען קיין מזרח ביי די ברעגעס פון דעם לאנד האנדוראס.

אין דער דאזיגער רייזע האט קאלאמ־בוס באגעגענט א סך שוועריגקייטען. פאר דער גאנצער צייט האט ער ניט גע־קאנט געפינען קיין איין האפען. די שטור־רעם־ווינטען האבען ניט אויפגעהערט צו ווילדעווען. איבער א חודש האבען די רייזענדער ניט אנגעזעהן קיין זון און קיין שטערען. די שיפען זיינען קאליע געווארען. די חברים האבען אנגעהויבען צו קריינקען. קאלאמבוס אליין איז אויך עטליכע מאל קראנק געווארען און איז שיעור ניט אוועקגעשטארבען.

אין דער שלעכטער צייט איז איהם געקומען צו הילף דער יונגער זוהן זיינער, וואס איז מיט איהם מיטגעפאהרען. דער זוהן האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען מוטיג, און געווירקט אויף אלע איבריגע מאטראזען. די שווערע רייזע האט זיך געצויגען ביז האלב אקטאבער. דעם פיערצעהנטען אקטאבער זיינען די ריי־זענדער געקומען אין דעם רייכען לאנד קאסטאריקא. דא האט ער זיך אפגערוהט א קורצע צייט און באלד אפגעפאהרען נאך ווייטער און דערגרייכט א צווייטען רייכען לאנד — ווערגוא. קאלאמבוס האט ניט געקאנט איינזיצען אויף איין ארט. עס האט איהם אלץ געצויגען אין וועג אריין און ער איז ווידער אפגעפאה־רען. די איצטיגע רייזע האט איהם אינ־גאנצען ניט אפגעגליקט. עס האבען זיך אויפגעהויבען אזוינע שטורעמס מיט אזוי־נע רעגענס, אז קאלאמבוס האט געמוזט

זיך צוריקקעהרען קיין וועראַגואַ. קאָלאָמבוס האָט זיך באַקאַנט גענוי מיט די רייכקייטען פון לאַנד און באַשלאָסען צו גרינדען דאָ א אייראָפּעאישע קאָלאָניע.

ווי נאָר אָבער די ווילדע האָבען דערזעהן, אַז די אייראָפּעער הויבען אָן צו בויען שטענדיגע הייזער, האָבען זיי גענומען שטערען. זיי האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז פרעמדע זאָלען זיך באַזעצען ביי זיי אין לאַנד. קאָלאָמבוס האָט געפּרואווט מלחמה האַלטען מיט די ווילדע. די כחות זיינע זיינען אָבער געוועזן צו שוואַך און ער האָט געמוזט פאַרלאָזען דאָס לאַנד.

קאָלאָמבוס איז דערפאָהרען ביז דעם אינזעל יאַמאַיקאַ. דאָ זיינען אומגעקומען אַלע זיינע שיפען און ער איז געבליבען אָפּגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט.

די לאַגע פון די אייראָפּעער איז געוועזן א געפעהרליכע. דאָס ביסעל עסענווארג, וואָס זיי האָבען געהאַט, איז ביי זיי אויסגעגאַנגען און זיי האָבען גענומען ליידען הונגער. נאָר אין דער עת צרה האָט זיך געפונען צווישען די חברים איינער א העלדישער יונגערמאַן דיעגאָ מענדער און ער האָט זיי געראַטעוועט.

אין אַן איינפאַכען שיפעל האָט ער זיך אוועקגעלאָזען איבער'ן אָקעאַן, איז נאָך לאַנגע שוועריגקייטען געקומען קיין סאַן־דאָמינגאָ און געבעטען הילף פאַר קאָלאָמבוס'ען מיט זיינע חברים. אוואַנדאָ האָט אָבער ניט געוואָלט העלפען קאָלאָמבוס'ען, עס איז אריבער א פּאָר חדשים איידער ער האָט איינגעשטימט צו געבען צוויי שיפען. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס קאָלאָמבוס מיט די חברים האָבען זיך אָנגעליטען איידער זיי האָבען דערזעהן די צוויי שיפען.

קאָלאָמבוס האָט פאַרבראַכט אין סאַן־דאָמינגאָ א קורצע צייט און איז באַלד אָפּגעפאָהרען קיין שפּאַניען. איצט איז ער שוין געווען אַלט, קראַנק און שוואַך.

די באַציהונג צו איהם האָט זיך איצט אין גאַנצען געביטען. דער קעניג האָט איהם אפילו ניט געוואָלט אויפנעהמען. ער האָט פאַרגעסען אַלץ, וואָס קאָלאָמבוס האָט אויפגעטאָן...

די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט קאָלאָמבוס פאַרבראַכט אין שרעקליכער נויט. אַלע האָבען זיך פון איהם אָפּגעקערט און ער האָט זעהר פיל געליטען. אויסגעמאַטערט פון ליידען, איז ער געשטאָרבען דעם 30טען מאי 1506, אין צוויי יאָהר אַרום נאָכ'ן צוריקקערען זיך פון דער פיערטער רייזע.

קאָלאָמבוס'עס אויפטו האָט אַרויסגערופען ביי א סך רייזענדער א ליידענשאַפט צו ענטדעקונגען.

פון פאַרשידענע לענדער האָבען זיי זיך אוועקגעלאָזען אויף א סך שיפען מיט'ן ציעל צו ענטדעקען נייע לענדער. צווישען די פילע רייזענדער האָט זיך אויך געפונען איינער אמעריקא וועסטפּוטשי.

אמעריקא וועסטפּוטשי האָט באַזוכט די נייע לענדער און קומענדיג צוריק קיין שפּאַניען האָט ער פאַרעפענטליכט זיין טאָג־בוך. אין דעם דאָזיגען טאָג־בוך האָט ער אויך געשריבען וועגען זיינע העלדישקייטען. דאָס בוך איז געווען אָנגעשריבען זעהר לעבעדיג און אינטערעסאַנט. דאָס בוך האָט זיך פאַרשפּרייט אין א סך עקזעמפּלאַרען, און דער מחבר פון דעם בוך איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

אַלע, וואָס האָבען געלייענט די רייזעבאַשרייבונגען פון אמעריקא וועסטפּוטשי, זיינען געווען זיכער, אַז ער אַליין האָט עס ענטדעקט די נייע לענדער. מיט דער צייט האָט מען דעריבער טאַקע אָנגערופען דעם נייעם טייל וועלט מיט דעם נאָמען פון דעם דאָזיגען רייזענדער — אמעריקאַ.

דער נייער גערעכטיגקייטס טריבונאַל

פון קאָנסעלאָר סעמיועל גאָלדשטיין.

די יעניגע וועלכע שטודירען די לויפענדע פּאַסירונגען, שטימען איין דאָס איינע פון די וויכטיגסטע געשעהעניש׳ען אין דעם יאָהר 1922 איז די אָרגאַניזירונג פון אַ באַוועגונג וועלכע עפּענט אויף פאַר די עלף מיליאָן בירגער אין ניו יאָרק סטייט אַ קורצען וועג צו ממשות׳דיגע גערעכטיגקייט אין דער שליכטונג פון זייערע סכסוכים און מחלוקות.

די נייע אינקאָרפּאָרירטע אַרביט־ריישאַן סאָסייעטי אָוו אַמעריקאַ האָט די אויפזיכט איבער דיזער באַוועגונג, און אַלס אַן ערשטער שריט אין איהר נאַציאָנאַלען פּראָגראַם, האָט זי געשאַפען אַ גערעכטיגקייטס־טריבונאַל פאַר שנעלע, און געזעצליכע שליכטונגען פון אַלע ביזנעס־קייסעס דורך אַרביטריישאַן אָהן גרויסע הוצאות.

דיזע סאָסייעטי איז געגרינדעט געוואָרען דעם 12טען מאַי, 1922, און מיט צוויי טעג שפּעטער איז ערעפענט געוואָרען פאַר׳ן ברייטען פּובליקום דער גערעכטיגקייטס־טריבונאַל אין די צייטווייליגע העדקוואָרטערס אין 115 בראָדוויי, ניו יאָרק. עהנליכע טריבונאַלען וועלען עטאַבלירט ווערן אין באַפעלקערטע צענטרען איבער גאַנץ אַמעריקאַ אַזוי שנעל ווי געזעצען דאָס צו ערמעגליכען וועלען דורכגעפיהרט ווערען אין די פאַרשיידענע סטייטס.

ניו יאָרק סטייט האָט שוין דורכגעפיהרט אַזאַ געזעץ און דער גערעכטיגקייטס־טריבונאַל, וועלכער פונקציאָנירט יעצט אַקטיוו אין שטאָדט ניו יאָרק, שטעהט אויף דעם פעסטען פונדאַמענט פון דעם געזעץ.

אין 1920 האָט די ניו יאָרק סטייט לעדזשיסלייטשור אָנגענומען דעם אַזוי גענאַנטען „אַמענדירטען אַרביטריישאַן געזעץ" און ער איז באַלד אונטערגעשריבען געוואָרען פון גאָווערנאָר אַלפרעד ע. סמיטה. דאָס האָט געשאַפען דעם געזעץ וועלכער עפענט דעם וועג פאַר די איינוואוינער פון דיזען סטייט צו שנעלע גערעכטיגקייט אין דער שליכטונג פון זייערע סכסוכים, אָבער עס איז ניט געווען קיין מאַשינעריע פאַר זיין פונקציאָנירונג. דער געזעץ איז געשטאַנען אין די געזעצביכער ווי אַ גלענצענדער, אָבער פּאַקטיש לעבענסלאָזער מאָנומענט צו דער אינטעליגענץ און כלל טוערישען גייסט פון דער לעדזשיסלייטשור וואָס האָט איהם געשאַפען.

איצט האָט די אַרביטריישאַן סאָסייעטי אָוו אַמעריקאַ אריינגעגעבען, קען מען זאָגען, לעבען אין דעם געזעץ — האָט געשאַפען די מאַשינעריע מיט וועלכע דורכצופיהרען זיינע פּונקטען אין פּראַקטישע לייסטונגען צום ניו יאָרקער פּובליקום.

דער ניו יאָרקער געזעץ, אונטער וועלכען דיזע גרויסע רעפאָרמע איז איינגעפיהרט געוואָרען, לויטעט אין גרונד גענומען ווי פאָלגט:

„1טענס: דאָס צוויי אָדער מעהר פערזאָנען קענען אָפּמאַכען שריפטליך פאַרצוברענגען אירגענד וועלכען גערינטליכען סכסוך אָדער מחלוקת פאַר אַרביטריישאָן, און אַזאַ שריפטליכער

אַפּמאַך איז **בינדענד** און **אונ־צוריקרופבאַר**.

2טענס: דער ארביטרייטאָר מעג זיין אירגענד וועלכער פּערזאָן, ער־וועהלט פון די צדדים, און אַזא ארביט־טרייטאָר איז דורך דעם געזעץ באַ־קליידעט מיט מאַכט צו סובפּינען עדות, צווינגען צו ברענגען ביכער און פּאַפּירען וועלכע זיינען וויכטיג צו דעם סכסוך, און אין כמעט אַלע וויכ־טיגע הינזיכטען, אויסצואיבען די זעל־בע אויטאָריטעט מיט וועלכע א ריכ־טער איז באַקליידעט אין דער דורכ־פיהרונג פון א טרייעל אין געריכט.

3טענס: דער פּסק פון אַן ארביט־רייטאָר, ווען אירגענד וועלכער צד אין דער קייס ווענדעט זיך צום געריכט, ווערט באַשטעטיגט ווערען פון געריכט און ווערט זיין דורכפיהרבאַר פּונקט ווי **א דזשאַדזשמענט פון יענעם געריכט**.

4טענס: דער פּסק פון אַן ארביט־רייטאָר איז **ענדגילטיג** און ווערט בטול געמאַכט ווערען פון געריכט בלויז אויב עס איז ארויסגעקראָגען גע־וואָרען דורך שווינדעל, קאָרופּציאָן, ניט־ריכטיגע אויפפיהרונג אָדער אי־בערשטייגונג פון אויטאָריטעט פון דעם ארביטרייטאָר."

דאָס אָננעהמען פון געזעץ איז אינ־ספּירירט געוואָרען דורך כלל טוערישע איידזשענסים וועלכע האָבען געהאַנדעלט צוזאַמען אין די אינטערעסען פון גערעכ־טיגקייט. דאָס וואָס האָט באַוועגט זייער האַנדלונג ווערט קלאָר געצייגט לעצ־טענס אין א באַריכט פון דער ניו יאָרק קאונטי לאָיערס אַסאָסיאיישאָן, אין וועל־כען דער איבערגעפּאַקטער צושטאַנד פון אונזערע קאָורט־קאַלענדאַרען ווערט גע־שילדערט אַלס „**עס ווערט באַלד אונערטרעגליך**". די קאַלענדאַר־רעקאָרדען פון סופרים קאָורט פון ניו יאָרק קאונטי פאַר די לעצטע זעקס יאָהר פאַרצייכענען יעהרליכע טאָטאַלס ווי פאָלגט:

	קייסעס
1917	10,265
1918	10,744
1919	12,419
1920	16,402
1921	21,380
1922	26,000 (אונגעפעהר)

די פולע באַדייטונג פון דיזע ציפערען זעהט מען אין דעם פאַקט דאָס אין 1921, דער באַנער־יאָהר פון אויפטואונגען אין דער געשיכטע פון סופרים קאָורט פון ניו יאָרק קאונטי, זיינען נאָר 8,938 קייסעס ערלעדיגט געוואָרען דורך טרייעלס, אונ־טערזוכונגען אָדער אויף אַן אַנדער אופן. אונזערע איבערבאַלעסטיגטע דזשאַדזשעס קענען מעהר ניט טאָן.

דאָס איז געוועזען די לאַגע וואָס האָט געשאַפען דעם נייעם ארביטריישאָן־גע־זעץ און די ארביטריישאָן סאָסייעטי אָוו אַמעריקא. וואָס ווערט זיין די לאַגע אין דריי יאָהר ארום ווען, ווי מען קען מיט רעכט אָננעהמען, די צאָהל קייסעס ווערט ווידער זיין געדאָפּעלט?

די לייטע וועלכע האָבען אָרגאַניזירט דעם נייעם טריבונאַל האָבען געוואוסט, דאָס מען קען ניט מעהר צוגעבען צו דער יעצטיגער צאָהל פון סופרים קאָורט־דזשאַדזשעס אין דיזען סטייט צוליב דער קאָנסטיטוציאָנעלער באַגרענצונג וואָס איז שוין דערגרייכט געוואָרען. אין אַנ־דערע ווערטער, זיי האָבען באַגריפען דאָס ליטיגאַנטען וועלכע זוכען צו שליכטען זייערע סכסוכים אין ניו יאָרק סופרים קאָורט קומט זיי אויס, און עס מוז זיי ווייטער אויסקומען, אונפאַרמיידליך צו וואַרטען יאָהרען. דאָס קען ברענגען און אָפט ברענגט עס די ערגסטע פון

אַלע איבלען — אַ פּאָזיטיווע פאַרלייקענונג פון גערעכטיגקייט.

דער נייער גערעכטיגקייטס־טריבונאַל איז אַ פאָלקס־טריבונאַל אָפען פאַר׳ן אַלגעמיינעם פּובליקום, צו וועלכער דיספּוטירענדע צדדים קענען פאַרברענגען אירגענד וועלכע פאָרמע פון סכסוך פאַר זאָפאָרטיגע שליכטונג דורך אַרביטרייטאָרס וועלכע זיי אַליין קלייבען אויס, אָדער ווען זיי ווילען, ווערען אַפּאָינטעט פון דער סאָסייעטי.

די אַרבייט פון דיזען געריכט ציי־כענט זיך אויס מיט אַ פאָלשטענדיגע אַבוועזענהייט פון טעכניקאַליטעטען. דער איינציגער רול פון פּראָצעדורע איז דער רול פון איינפאַכען שכל הישר.

עס זיינען ניטאָ קיינע רולס וועגען באַווייזע אויסצושליסען עדות זאָגען אַלס „אירעלעוואַנט, אונוויכטיג און אונקאָמפּעטענט“, און דאָס גלייכען. יעדער דיספּוטירענדער צד דערצעהלט זיין געשיכטע אויף זיין אייגענעם אופן און דער אַרביטרייטאָר, אויסאיבענדיג זיין שכל הישר, ווייס וואָס צו באַטראַכטען און וואָס צו פאַרוואַרפען. עס איז דורכאויס אַ יושר׳דיגע, עהרליכע און דעמאָקראַטישע פּראָצעדורע, די סאָרט פּראָצעדורע וואָס מענשען מיט עהרליכע סכסוכים און עהרליכע צוועקען פאַרלאַנגען.

דיספּוטירענדע צדדים ביי דיזען טריבונאַל נויטיגען זיך ניט צו זיין פאַרטראָטען דורך לאָיערס. זיי איז אָבער ערלויבט צו האָבען די הילפע פון לאָיערס ביי אַלע פאַרהערען אויב זיי פאַרלאַנגען עס, און די מעהרסטע באַנוצען זיך טאַקע מיט דיזער מעטאָדע כדי צו האָבען קלאָר און גוט פאַרגעבראַכט זייערע קייסעס. אָבער דאָרט איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר פּראָפעסיאָנעלע מאַנעווערען און שעהן־רעדנערישע טענות פון לאָיערס. די פאַקטען אַליין עקזיסטירען לויט ווי די דיספּוטירענדע צדדים זעלבסט ברענגען אין זייער אייגענעם וועג און דורך זייערע עדות וועלכע זיינען ניט געפּענטעט דורך געריכטס־רולס און זיי ווערען באַטראַכט פון די אַרביטרייטאָרס וועלכע צילען צו איינפאַכע גערעכטיגקייט ניט קוקענדיג אויף געריכטליכע טעכניקאַליטעטען.

דער גרינדער פון דיזער באַוועגונג איז דער געוועזענער ריכטער מאָזעס ה. גראָסמאַן, וועלכער האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אַלס לאָיער, ווי דאָס באַווייזען די רעקאָרדס פון אונזערע קאָורטס. ער האָט געפיהרט מאַנכע פון די וויכטיגסטע קייסעס אין דער געריכטס־געשיכטע פון אונזערע צייטען, און זיין פירמע — האוז, גראָסמאַן ענד וואָרהאוז — איז היינט צו טאָג צווישען די גרעסטע לאָאָ־פירמעס אין אַמעריקאַ.

דער נייער גערעכטיגקייטס־טריבונאַל איז געוועזען דזשאָדזש גראָסמאַן׳ס אידעאַל, און אין זיין פּראַקטישע ענטוויקלונג האָט ער געהאַט די הארציגע קאָאָפּעראַציאָן פון די פאָלגענדע גוט־באַקאַנטע פּערזאָנען, וועלכע זיינען יעצט פאַרבונדען אַלס גאָווערנאָרס פון דער נייער סאָסייעטי:

דזשולס ס. באַך, פון דזש. ס. באַך ענד קאָ., באַנקירען.

הענרי אייוואָס קאָבב, אַרכיטעקט.

ראָבערט גרייער קוק, פּרעזידענט פון דער פיפטה עווענוי אַסאָסיאיישאָן.

האַריס דע ליסער, פּרעזידענט פון דער בראָדוויי אַסאָסיאיישאָן.

טשאַרלס ל. גאַי, ניו יאָרק סטייט סופּרים קאָורט דזשאַדזש.

ראָבערט ליע העטש, פּרעזידענט פון דעם ראָטארי קלאַב פון ניו יאָרק.

אַלמעט פ. דזשענקס, געוועזענער

פּרעזיצענדער ריכטער פון אַפּעליִיט דיוויזשאָן פון סופּרים קאָורט, סעקאָנד דעפּאַרטמענט.

וויליאם ב. דזשאָיס, פּרעזידענט פון דער נעשאָנאל שורעטי קאָמפּאַניע.

פרעדעריק קערנאָקען, טשיף דזשאַסטיס פון קאָורט אָוו ספּעשעל סעשאָנס.

סעמועל מק'קון לינדסעי, פון קאָלאָמביא אוניווערזיטעט און פּרעזידענט פון דער ניו יאָרק אַקאַדעמיע פון פּאָליטישע וויסענשאַפט.

סעמועל מק'ראָבערטס, פּרעזידענט פון דער מעטראָפּאָליטאַן טראַסט קאָמפּאַניע.

דזשיימס א. אָ'גאָרמאַן, געוועזענער יונייטעד סטייטס סענאַטאָר און געוועזענער סופּרים קאָורט דזשאַדזש.

טהאָמאַס י. פּאַרקינגסאָן, וויִס־פּרעזידענט פון דער עקוויטייבל לאַיף אשורענס סאָסייעטי.

וויליאם ס. רעדפּיעלד, געוועזענער האַנדעלס־מיניסטער אין פּרעזידענט ווילסאָן'ס קאַבינעט.

דייוויד א. שולטע, פּרעזיאָענט פון דער שולטע סיגאַר סטאָרס קאָמפּאַניע.

פרענקלין סיימאָן, פּרעזידענט פון פרענקלין סיימאָן ענד קאָ.

פרענק ה. סאָממער, דער דיען פון לאָא סקוהל פון ניו יאָרק אוניווערזיטעט.

הארלאַן פ. סטאָון, דער דיען פון דער לאָא־סקוהל פון קאָלאָמביא אוניווערזיטעט.

אנערקענענדיג די וויכטיגקייט פאַר'ן פּובליקום פון זייער פּראָיעקט און זייער אייגענע ערנסטע פּאַראַנטוואָרטליכקייט אין דער אנגעלעגענהייט, האָבען דיזע לייטע, איידער זיי האָבען פּאָרמעל באַקאַנט געמאַכט זייערע פּלענער, פאָרגעלעגט דעם פּראָיעקט, פאָלשטענדיג אויסגעארבייט מיט אַלע איינצעלהייטען, פאַר פּראָמינענטע דזשאַדזשעס פון אַלע קאָורטס. דער רעזולטאַט איז געווען אַן איינשטימיגע איינדאָרסירונג.

דער נייער טריבונאל איז ניט אַ געלד - מאַכענדע אינסטיטוציע. דאָס ווערט קלאָר און ענדגילטיג דורך דעם פּאַקט דאָס די סאָסייעטי איז אַ „מעמבערשיפּ קאָרפּאָריישאָן", און לויט דעם געזעץ קענען קיינע פון די באַאמטע, גאָווערנאָרס אָדער מעמבערס פּראָפּיטירען פון איהר ארבייט. עס איז אַ פּאַבליק אינסטיטושאָן, געצילט צו געבען די בענעפיטען דעם ברייטען פּובליקום. אַלע איינוואוינער האָבען אַ גלייכען חלק אין איהרע בענעפּיטען און אַלע זיינען אויף גלייכע באַדינגונגען.

די קאָסטען פון ארביטריישאָנס צו דיספּוטירענדע צדדים זיינען קליין. פאַרגלייכענדיג מיט די קאָסטען, אין געלד און אין צייט, פון משפּט'ן זיך אין געריכט איז עס אַ קלייניגקייט. די סאָסייעטי רעכענט בלויז אַ קליינע סומע פאַר באַנוצען די קאָורט־רומס און אויסשטאַטונג און פאַר דער ארבייט פון קריגען ארביטרייטאָרס און צו פיהרען די פאַרהערונגען. יעדער דאָלאַר וואָס די סאָסייעטי נעהמט איין וועט געהן פאַר אויפהאַלטען דעם טריבונאל און פאַר פאַרגרעסערען זיין ארבייט איבער'ן גאַנצען לאַנד.

די עקזעקוטיוו אָפּיסעס פון דער סאָסייעטי זיינען אין 115 בראָדוויי, ניו יאָרק סיטי. די פולסטע אונטערזוכונג פון דער סאָסייעטי'ס פּלאַן איז ווילקאָמען און אויספיהרליכע אויסקינפטע וועלען מיט צופרידענהייט געגעבען ווערען ווען פאַרלאַנגט.

די אַרבייט פון בית יתומים ישראלי

איינער פון די וויכטיגסטע אינסטיטושאַנס אין ניו יאָרק איז אָהן צווייפעל דער בית יתומים ישראלי פון 274—280 איסט צוועלפטע סטריט. דיזער אינסטיטושאַן געפינט זיך אין איינע פון די שעהנסטע און מאָדערנסטע געביידעס אין שטאָדט, א געביידע וואָס פאַרנעמט א שטח פון 3 הייזער אויף צוועלפטע סט., צווישען עוועניו „סי" און עוועניו „די".

דער בית יתומים איז א רעזולטאַט פון א פאָלקס באַוועגונג און איז פאַקטיש אויפגעבויט געוואָרען פון ניקעלס און דיימס, וואָס די ברייטע מאַסען האָבען בייגעשטייערט אונטער די באַגייסטערענדע האַרציגע אַפּילען פון דזשאָדזש גוסטאַוו האַרטמאַן, דער פאָטער און פּרעזידענט פון אַנשטאַלט. די באַוועגונג פון גרינדען דעם „איזראַעל אָרפאַן אַסיילום" איז געוועזען אַן אַרויסוואוקס פונ'ם „חסד של אמת", פון וועלכען דזשאָדזש האַרטמאַן איז אויך פּרעז. און וועלכער עקזיסטירט שוין 17 יאָר און מיט וועלכען דער בית יתומים ישראל איז ענג פאַרבונדען. דער חסד של אמת, זייענדיג געגרינדעט מיט מיט דער הייליגער אויפגאַבע צו פאַרהיטען דעם כבוד פון אידישען מת: אז אַלע פאַרשטאָרבענע אָרימע זאָלען געבראַכט ווערען בדרך כבוד צו קבר ישראל, איז זיינע מתעסקים אויסגעקומען צו באַגעגנען זיך פנים אל פנים מיט די אומגליקליכע לעבעדיגע, מיט די עלענדע יתומים. פיהלענדיג, אז זייער הייליגע ארבייט קאָן ניט זיין פאָלקאָמען אָהן צו נעהמען אונטער זייער שוץ די אָרימע קינדער, האָבען זיי געגרינדעט דעם בית יתומים ישראלי.

דזשאָדזש גוסטאַוו האַרטמאַן

דער בית יתומים ישראלי איז יעצט איינער פון די פּאָפּולערסטע אינסטיטו־

שאנס אויף דער איסט־סייד. ער האט הונדערטע אידישע יתומים׳לאך געראטעט פון קריסטליכע אנשטאלטען.

בית יתומים ישראלי,
274-280 צווייטע סט
ניו יארק.

די קינדער, וואס ווערען דארט גע־האלטען, זיינען אין דעם עלטער פון איינס ביז זעקס יאהר. זיי ווערען אויפ־געהאדעוועט אין אן עכט־אידיש־ארטא־דאקסישען און אמעריקאנישען גייסט.

א פעהיגער מעדיצינישער סטעף פון ספעציאליסטען און א דענטאל קליניק בא־זארגט צו יעדער צייט די קינדער מיט מע־דיצינישע הילף. די נוירסעס און פרויען־אויפפאסערינס באהאנדלען די קינדער מיט דער ליבשאפט אזוי ווי טרייע מו־טערס.

די גרויסע באדערפניש, וואס דער בית יתומים ישראלי ערפילט אין דיזער גרעס־טער אידישער קהלה פון דער וועלט, קאן

מען זעהן פון דער אומגעהויער גרויסער
צאָהל אפליקיישאָנס, מיט וועלכע ער איז
פארוואָרפען.

דער מערקווירדיגער וואוקס און פראָג־
רעס פון בית יתומים ישראלי איז צו פאר־
דאנקען דעם פרעזידענט דזשאָרדזש גוס־
טאוו הארטמאן און זיינע טרייע און אי־
בערגעגעבענע געהילפע און דירעקטאָרען,
ווי אויך די פארשיידענע אָקזילערים, וועל־
כע ארבייטען אונערמידליך.

יעצט ווערט אָנגעפיהרט א טעטיגער
קאמפיין צו שאפען געגוג געלט אויפצו־
בויען א נייע היים, אָנשטאָט דער היים,
וואָס איז פארניכטעט געוואָרען לעצטען
זומער אין דעם גרויסען ארווערן פייער.

דזשאָרדזש גוסטאוו הארטמאן האט
דעם גאנצען לעצטען זומער געארביים
פשוט איבער די כחות צו שאפען געגוג
געלט פאר א נייער זומער־היים. די אַלע
באאמטע און מיטגלידער ארבייטען אויך
טעטיג אין דיזען קאמפיין און עס איז די
פליכט פון יעדען איד צו טאָן זיין פליכט
צו דיזען אנשטאלט, וועלכער גיט אזא
שעהנע עכט אידישע היים צו הונדערטער
אומגליקליכע יתומים׳לאך.

שטיצט דיזען אנשטאלט מיט א פולער
האנט! ווערט א מעמבער!

וועלכער מענש, ביי וועמען עס קלאפט
נאָר א מענשליכע הארץ, קען זיך ענטזאָ־
גען פון העלפען אן אינסטיטושאן וועל־
כער גיט זיך אָפּ מיט געבען א שעהנע
עכט אידישע היים צו אונגליקליכע אי־
דישע יתומים׳לאך?

דער בית יתומים ישראלי גיט א היים
צו הונדערטע אזעלכע אונגליקליכע קינ־
דער־לאך וועלכע האָבען ניט קיין פא־
טען און ניט קיין מאמען. אלעס מעגלי־
כעס ווערט געטאָן צו מאכען דיזע קינ־
דערלאך פיהלען היימיש און באקוועהם,
צו מאכען זיי פארגעסען דעם גרויסען
אונגליק וואס האָט זיי געטראָפען.

אזוי פיל עלענדע יתומים׳לאך זוכען
אריינגענומען צו ווערען אין דיזען אנ־
שטאלט אז די יעצטיגע גרויסע געביי־
דע איז שוין צו קליין און מיטלען ווע־
רען אָנגענומען צו מאכען מעהר פלאץ
פאר אפליקאנטען.

עס איז ניטאָ קיין צווייפעל אז יע־
דער איינער וועלכער פארשטעהט נאָר
די וויכטיגקייט פון אזא נאָבעלע אר־
בייט וועלען מיט צופרידענהייט שטיצען
דיזען גרויסהערציגען, נאָבעלען אינסטי־
טושאָן.

טוט אייער פליכט! ווערט א מעמ־
בער פון דיזען אינסטיטושאָן אדער
שיקט אייער דאָניישאן צו

ISRAEL ORPHAN ASSYLUM
274-280 Second Street,
New York City

דער קרן היסוד

בויט איצט די אידישע היים אין ארץ ישראל

דער קרן היסוד פארזאָרגט אימיגראנטען

" " " שטיצט און בויט קאָלאָניס

" " " האלט אויף דעם גלענצענ־דען העברעאישען שול־סיסטעם

" " " היילט און היט אפּ דעם געזונט פון ארץ ישראל

" " " ערמעגליכט הייזער־בוי א. אז. וו. א. אז. וו.

עס רופט דער שופר של גאולה!

צאָהלט אייער חוב צום „קרן היסוד“

PALESTINE FOUNDATION FUND
(Keren Hayesod)
Main Office: 50 Union Square, New York, N. Y.

אידישע דעי נוירסערי און בית יתומים



טאָג און נאַכט נוירסערי
723 איסט 9טע סטריט

דיזע אָרגאַניזיישאָן האָט ערדייכט גלענ־צענדע רעזולטאַטען אין דער קורצער צייט פון בלויז 2 און אַ האַלב יאָהר. די אָרגאַני־זיישאָן צעהלט יעצט אַרום 6000 מעמבערס און האָט שוין אַ טשאַרטער. אַ פראַכט־פולע 5־שטאָקיגע פייערפּרוף בילדינג מיט אַלע נייעסטע און מאָדערנסטע אימפּרואווּ־מענטס איז אויפגעבויט געווארען אין 9טע סטריט, ביטווין עווענױס „סי" און „די", אלס דעי און נאַיט נוירסערי. אַרום 150 קינדער קריגען טעגליך אַ גוטע היים און אַ אידישע ערציהונג . עס איז איינגעאָרדענט אַ ספּעשעל וואָרד פאַר באָטעל בייביס אונטער דער אויפזיכט פון טריינד נוירסעס און אַ דאָקטאָר. אויך אַ וואָרד פאַר טעמ־פּאָרערי שעלטער און איז די איינציגע אידישע נוירסערי אין אַ געגענד וואו עס געפינען זיך 5 מיסיאָנערסקע נוירסעריס. די צווייטע בילדינג פון דעם בית יתומים פאַר אינפאַנטס וואָס בויט זיך אויף אַ גרויסען פּלאַט 1344־62, 56טע סטריט, באָראָ פּאַרק, ווערט שוין פאַרפערטיגט און וועט געבען אַ באקוועמע היים פאַר העכער 2 הונדערט בייבי יתומים'לאַך.

דער פּרעזידענט פון דיזער אָרגאַניזיישאָן איז מר. ס. געדינסקי, וואָס האָט עס געמאַכט פאַר זיין לעבענס אויפגאַבע צו זאָרגען פאַר עלענדע יתומים. איינער פון די וויס־פּרעזידענטען איז אַ באוואוסטער ביזנעסמאַן פון דער איסט סייד, מר. מאַקס קופערמאַן. דער מענעדזשער איז דער באוואוסטער כלל טוער און גרינדער פון דעם ערשטען אידישען קינדער גאָרטען (גן ילדים) און דעי־נוירסערי אין ניו יאָרק, מר. צבי יעקב לוריא.

בית יתומים, 1358—56טע סט., ברוקלין, נ. י.

שטיצט דיזען נאָבעלען אנשטאַלט

שליסט זיך אַן אַלס מעמבער, אָדער שיקט אייער דאָניישאָן אויף פאָלגענדען אַדרעס:

HEBREW DAY NURSERY AND NIGHT SHELTER

723 E. 9th St., New York

דער גן ילדים ובית יתומים

— אַ גרויסער אינסטיטושאָן מיט אַ היילינען צוועק —

איינער פון די וויכטיגסטע אינסטיטושאָנס אין ניו יאָרק איז אָהן צווייפעל דער גן ילדים ובית יתומים פון 35—37 מאָנטגאָמערי סטריט, וואו אונגליקליכע יתומים׳לאַך און קינדערלאַך פון עלטערען, וועלכע זיינען צושיידעט, אָדער וועמעס מוטערס זיינען פאַרלאָזען פון זייערע מענער ווערען אויפגעהאַלטען בהרחבה.

אין דעם גן ילדים ובית יתומים געפינען זיך איצט ארום צוויי הונדערט און פופציג קינדער. דריי פלאָרס פון דעם אנשטאַלט זיינען געווידמעט צו די קינדער, וועלכע האָבען דאָרט אַ פערמאַנענטע היים און צוויי פלאָרס צו די קינדערלאַך, וועלכע ווערען דאָרט צייטווייליג אויפגעהאַלטען. די קינדערלאַך, וועלכע ווערען דאָרט אויפגעהאַלטען זיינען אין עלטער פון איינס ביז פיערצעהן יאָהר.

דער גן ילדים ובית יתומים האָט אן אייגענעם קינדערגאַרטען וואו די יונגוואַרג פאַרברייגגען זייער צייט ביי פאַרשיעדענע געימס און אונטערהאַלטונגען, וואו אַלעס ווערט געטאָן אום זיי זאָלען זיך פיהלען ווי אין דער היים. די קינדער וואָס זיינען איבער זעקס יאָהר ווערען געשיקט צו די דערבייאיגע פאַבליק סקולס און תלמוד תורה אום זיי זאָלען קריגען אַ גוטע אַלגעמיינע און אידישע ערציהונג.

אין דער יתומים אבטיילונג פון דיעזען אנשטאַלט ווערען ארייגענומען קינדערלאַך אין עלטער פון דעם ערשטען טאָג וואָס זיי ווערען געבוירען ביז פינף יאָהר. פאָרצוג ווערט געגעבען צו קינדערלאך וואָס האָבען פאַרלאָרען זייער מוטער. אין די בייבי וואָרדס אַליין געפינען זיך פינף און פופציג עופה׳לאַך. די אויסגאבען אויפצוהאַלטען דיזען אנשטאלט זיינען גרויס — אומגעפעהר פופצעהן הונדערט דאלאר אַ וואָך.

פיעל קרעדיט פאַר דעם ערפאָלג פון דיזען אַנשטאַלט קומט דעם פעהיגען מענעדזשער פון דיזען אנשטאלט מר. יוסף דייטש, וועלכער ארבייט אונערמידליך, כמעט איבער די כחות פאַר דיזען אנשטאלט. אויך דער פרעזידענט און דירעקטאָרען פון אנשטאלט ארבייטען מיט גרויס איבערגעבענהייט און טריהייט צו דיזען אנשטאלט.

עס איז אָבער ניט מעהר ווי רעכט, אַז אַזאַ אנשטאלט זאָל געשטיצט ווערען מיט אַ ברייטער האנד פון יעדען אידישען מאַן און פרוי. עס איז די פליכט פון יעדען איינעם, וועלכער פיהלט נאָר דעם אונגליק פון יתום, דעם צער פון דער אָרימער מוטער, וועלכע מוז איבערלאָזען איהר ליעבען קינד אין אַן אנשטאַלט און אַליין געהן פאַרדינען אויף אַ שטיקעל ברויט פאַר זיך, די פיין פון די עלטערע יתומים׳לאַך, וועלכע פאַרשטעהען שוין, אַז זיי האָבען ניט קיין טאַטען און ניט קיין מאַמען, — צו שיקען יעדער לויט זיין מעגליכקייט צו דיזען העכסט נאָבעלען אַנשטאַלט.

יעצט האָט דער אנשטאלט צוגעקראָגען נאָך אַ וויכטיגע פערזענליכקייט אַלס פרעזידענט, און דאָס איז קיין אַנדערער, ווי דר. סעמועל ביכלער, אַ פיעל באַוואוסטער און טעטיגער כלל טוער.

ביישטייערע פאַר דיזען וויכטיגען אינסטיטושאָן ביטע שיקען צום טרעזשורער מאָריס אַבראַמאָוויץ, 35—37 מאָנטגאָמערי סטריט, ניו יאָרק.

ס׳איז אַ כבוד צו באַלאַנגען צו די

קהל חסידים

7—9 אטוירני סטריט, ניו יאָרק.

די גרעסטע אָרטאָדאָקסישע אידישע חברה אין אמעריקא — געגרינדעט ע״י אדמו״ר ר׳ דוד מרדכי טווערסקי שליט״א (טאלנער רבי).

די קהל חסידים האָט אַן אייגענע חברה קדישא, חברה משניות, לינת הצדק ובקור חולים.

צו באַלאַנגען צום קהל חסידים קאָסט בלויז 1 דאלער א קוואָרטאָל. דאָס הייסט 4 דאלער א יאהר אַ גייער מעמבער האָט בלויז צו מאַכען א קליינע ערשטע איינצאַהלונג, פאַר די פאַרשיידענע ערהאבענע סעמעטערים, וואָס די חברה פאַרמאָגט אַלס איהר אייגענטהום.
די חברה קהל חסידים נעמט אויך אַן פרייוועט לויות און פאַרקויפט קרקע פאַר נפטרים וואָס זיינען בחייהם געווען שומרי שבת. — טעלעפאָן אָרטשאַרד 2299.

בלויז שומרי שבת ווערען אָנגענומען אַלס מעמבערס.

דער אָפיס, 9 אטוירני סטריט, איז אָפען יעדען טאָג אריינצונעהמען מעמבערס.

אידישע נאציאנאלע היים פאר אונהיילבארע

„א שעהנע אינסטיטושאן מיט א וויכטיגער אויפגאבע".

אויפגעבויט פון נאבעלע אידישע פרויען פאר אומגליקליכע אידישע אונהיילבארע.



די היים, וועלכע געפינט זיך אין 1801 ענטהאני עוועניו,
ניער פראספעקט פליים און 175טע סט., בראנקס, נ. י.

דער הויפט־צוועק פון דיעזען אנשטאלט איז ארויסצונעהמען אומגליק־ליכע אידישע אונהיילבארע קראנקע פון די סיטי האספיטעלער און זיי געבען א אידישע היים, צו ערלייכטערען זייער אומגליקליכע לאגע דורך געבען זיי א אידישע אטמאספערע.

די גרינדערין פון דיעזען אנשטאלט איז מרס. אסתר קנייטעל, וועלכע איז יעצט אויך די פרעזידענטין פון אנשטאלט.

יעדער רעכטדענקענדער מענש דארף העלפען דיזען נאבעלען אנשטאלט מיט א ברייטער האנד. יעדע רעכטדענקענדע פרוי דארף ווערען א מיטגלידערין פון ד י ע ז ע ן אינסטיטושאן.

פאר ווייטערע איינצעלהייטען שרייבט צו:

HEBREW NATIONAL HOME FOR INCURABLES

1801 ANTHONY AVENUE

Prospect Place & 175th Street **BRONX, N. Y.**

דער מארגען זשורנאל

די איינציגע אידישע מאָרגען צייטונג

ערשטע און פּינקטליכסטע נייעס

ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטען אין
אַלע טיילען פון דער וועלט

בעסטע ארטיקלען פון די פּראָמינענטסטע אידישע שרייבער.

JEWISH MORNING JOURNAL

The Only Jewish Morning Paper
NEW YORK

דער

אמעריקאנער

דאָס גרעסטע און בעסטע
אידישע וואָכענשריפט
אין אַמעריקא

יעדער נומער א באזונדער
ליטעראַרישער אוצר

קאָסט בלויז
$3.00 אַ יאָהר — $1.50 אַ האַלב יאָהר
7 סענט א קאָפּיע

Der Amerikaner

77 Bowery, New York

יעקב מארינאוו, רעדאקטאר.

דער זשורנאל וואס בארשט אפ דעם שטויב פון אייער נשמה, פרעסט ארויס די ביטערניש פון אייער געמיט און דעם זויער פון אייער מינע.

א זשורנאל וואס שאנעוועט ניט קיינעם און שמייכעלט ניט קיי־נעם. האט פאר קיינעם קיין מורא ניט און דיענט דעם נא־קעטען אמת.

וואָרט

א וויציג
א נייע
א פריי
א קלוג
א אמת'דיג
א שארף
א הארציג

קענט איהר געפינען נאר אין „קונדס"

ערשיינט יעדען דאנערשטאג.

7 סענט א קאפיע אין ניו יארק — — 8 סענט אויסער ניו יארק.

אבאנעמענט פרייז:

אמעריקא	(יעהרליך)	$3.50
קענעדע	"	$4.00
אייראפא	"	$4.00

צו באקומען איבעראל.

אדרעסירט:
The Big Stick, 177 East Broadway, N. Y.

אידישע צייטונגען און זשורנאלען

אין די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע

אידישער אלמאנאך
110־116 נעסאו סטריט, ניו יארק.— יעהרליכע אויסגאבע. געגרינדעט אין 1922. רעדאקטאר: וויקטאר מירסקי; ליטעראַרישער רעדאקטאר: ל. לאקסאן.

אידישע וועלט
50טע און וואודלאנד סטריטס, קליוולענד, אהייא. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט אין 1908.

אידישע וועלט
233 ס. 5טע סטריט, פילאדעלפיא, פא. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט 1914. רעדאקטאר: דזשייקאב גינצבורג.

אידישע וועלט
125 5טע סטריט, סאן פראנציסקא, קאל. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1921.

אידישער קוריער
1214 ס. האלסטעד סטריט, שיקאגא, איל. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט 1887. רעדאקטאר: דר. ס. מ. מלמד.

אידישער רעקארד
1127 בליו איילענד עוועניו, שיקאגא, איל. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1909. רעדאקטאר: יעקב מ. וואלפזאהן.

אידישער זשורנאל
251 קווין סטריט, טאראנטא, קענעדע. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט 1912. רעדאקטאר: א. רהיינוויין.

אידישע פאלק
55 פינפטע עוועניו, ניו יארק. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1907. רעדאקטערע: אב. גאלדבערג און דר. ש. בערנשטיין.

אמעריקאנער
77 באוערי, ניו יארק. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1904. רעדאקטאר: ש. יודסאן.

אידישע פרעסע
827 וואלנאט סטריט, מילוואקי, וויס. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1918. רעדאקטאר: איזידאר ס. האראוויץ.

אידישער רעקארד
907 נארטה 11טע סטריט, סיינט לואיס, מיזורי. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1913.

אידישע וואכענבלאט
285־289 וועסט 10טע סטריט, פארט וואירטה, טעקסעס. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1921.

אידישע שטימע
רעדינג, פא. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1922.

אידישע ליכט
808 דריגס עוו., ברוקלין, נ.י. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט יאנואר, 1923. רעדאקטאר: ה. הוירש.

אידישע גאזעטען
185־187 איסט בראדוויי, ניו יארק. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1874.

אויפגאַנג
48 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק. ערשיינט מאָנאַטליך. געגרינדעט 1922. רעדאַקטערע: י. ליבמאַן, ב. פרידמאַן און מ. קראַוועץ.

ברוקלין־בראָנזוויל פאָסט
1776 פּיטקין עוועניו, ברוקלין, נ. י. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1909. רעדאַקטאָר: לעאָן בורשטיין.

גערעכטיגקייט
3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק. ערשיינט וועכענטליך. רעדאַקטאָר: ש. יאַנאָווסקי.

הדואר
169 איסט בראָדוויי. העברעאישע וואָכענבלאַט. געגרינדעט 1922. רעדאַקטאָר: מנחם ריבאַלוב.

התורן
114 5טע עוועניו, ניו יאָרק. העברעאישע מאָנאַטשריפט. רעדאַקטאָר: ראובן בריינין.

העדגער וואָירקער
41 יוניאָן סקוועער, ניו יאָרק. ערשיינט וועכענטליך. רעדאַקטאָר: י. מ. בודיש.

דער וועקער
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1922.

דאָס וואָרט
175 איסט בראָדוויי. ערשיינט מאָנאַטליך. געגרינדעט 1921. רעדאַקטאָר: ש. ה. זעצער.

טאָג־ווארהייט
183 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. („טאָג” געגרינדעט 1914, פאַראייניגט מיט די „ווארהייט” אין 1920). ערשיינט טעגליך. רעדאַקטאָר: וויליאַם עדלין.

טאָגעבלאַט
185 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט 1885. רעדאַקטאָר: גדליה בובליק.

מאָרגען זשורנאַל
77 באַוערי, ניו יאָרק. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט 1901. רעדאַקטאָר: פּרץ וויערניק.

מילוואָקער וואָכענבלאַט
827 וואַלנאַט סטריט, מילוואָקי, וויס. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1914. רעדאַקטאָר: איזידאָר ס. האָראָוויץ.

ניי אידיש
134 איסט 7טע סטריט, ניו יאָרק. ערשיינט מאָנאַטליך. געגרינדעט 1922. רעדאַקטאָר: אברהם רייזען.

דאָס נייע לעבען
242 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ערשיינט מאָנאַטליך. געגרינדעט 1922. רעדאַקטערע: דר. ח. זשיטלאָווסקי און ש. ניגער.

פאָרווערטס
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט 1897. רעדאַקטאָר: אב. קאַהאַן.

פאָרווערטס
1128 בליו איילענד עוועניו, שיקאַגאָ, איל. ערשיינט טעגליך. געגרינדעט 1919.

פאָרמיטלער
799 בראָדוויי, ניו יאָרק. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1914. רעדאַקטאָר: מאָרם מ. פרענקעל.

פאָרטשריט
31 יוניאָן סקוועער, ניו יאָרק. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1915. רעדאַקטאָר: יוסף שלאָסבערג.

פאָלקספריינד
95 לאָגאַן סטריט, פּיטסבורג, פּאַ. ערשיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1888.

פרויען זשורנאַל
116־110 נעסאָו סטריט, ניו יאָרק. ערשיינט מאָנאַטליך. געגרינדעט אין 1922. רעדאַקטאָר: וויקטאָר מירסקי.

פרייע ארבייטער שטימע
23 ראָטגערס סטריט, ניו יאָרק. ער־שיינט וועכענטליך. געגרינדעט אין 1899. מע:עדזשינג רעדאַקטאָר: דזשאָזעף קאָהאן.

פריינד
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ער־שיינט מאָנאַטליך. געגרינדעט אין 1910. רעדאַקטאָר: י. ב. ביילין.

פרייהייט
47 קריסטי סטריט, ניו יאָרק. ער־שיינט טעגליך. געגרינדעט 1921. רעדאַקטאָר: מ. אָלגין.

פּראָלעטאַרישע שטימע
230 איסט בראָדוויי. ערשיינט ווע־כענטליך. רעדאַקטאָר: ב. אָסט־ראָווסקי.

די צוקונפט
175 איסט בראָדוויי. ערשיינט מאָ־נאַטליך. געגרינדעט 1901. רעדאַק־טאָר: א. ליעסין.

די צייט
534½ ס. ספּרינג סטריט, לאָס אַנ־דזשעלעס, קאַליפאָרניא. געגרינדעט 1918.

דער קונדס
177 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ער־שיינט וועכענטליך. געגרינדעט 1908. רעדאַקטאָר: יעקב מארינאָוו.

קינדערלאַנד
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ער־שיינט מאָנאַטליך. געגרינדעט 1921.

שבת פּאָסט
317 1טע עוועניו, נאָרטה, מי:עאַ־פּאָליס, מינעסאָטאַ. ערשיינט ווע־כענטליך. געגרינדעט 1921.

זובסקרייבט זיך אויף דעם

„התורן"

דער איינציגער מאָנאַטליכער זשור־נאַל אין העברעאיש רעדאַקטירט פון

ראובן ברײנין

יעדער נומער פון

„התורן"

ענטהאַלט א רייכען מאַטעריאַל פון פּובליציסטישע און וויסענ־שאַפטליכע ארטיקלען, לידער און ערצעהלונגען פון די באַ־ריהמטעסטע דענקער און באַ־דייטענדסטע העברעאישע שריפטשטעלער. אַלע וויכטיג־סטע אידישע פראַגען און פּראָבלעמען ווערען ברייט באַ־האַנדעלט אויף די זייטען פון

„התורן"

סובסקריפּשאַן פּרייז:
$5.00 א יאָהר; זעקס מאָנאַטען $2.75. קאַנאַדא און אייראָפּא — $5.50 יאָהר; $3.00 פאַר א האַלב יאָהר.

סובסקרייבט דעם

HATOREN
114 FIFTH AVENUE
New York City

לעזט און פארשפרייט

„דאס אידישע פאלק"

אפיציעלער ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקא,
ערשיינט יעדען פרייטאג, אונטער דער רעדאקציע פון

אב. גאלדבערג און דר. ש. בערנשטיין

„דאס אידישע פאלק" האט ספּעציעלע קארעספּאנדענטען אין אמעריקא און אין אייראפּא: אין ירושלים, בערלין, וויען, פאריז און אין אנדערע אידישע צענטרען.

„דאס אידישע פאלק" ברענגט אין יעדען נומער ארטיקלען פון די בעסטע אידישע שרייבער איבער די פארשיידענסטע פּראבלעמען פון דער ציוניסטישער וועלט און גענויע באריכטען איבער דער אויפבוי־באוועגונג אין ארץ־ישראל.

„דאס אידישע פאלק" ברענגט אין יעדען נומער באריכטען איבער די טעטיגקייט פון די ציוניסטישע דיסטריקטען אין די פאראייניגטע שטאטען, וואס גיבען דעם לעזער א קלאר בילד איבער דער נאציאנאלער ארבייט, וואס ווערט אנגעפיהרט אין לאנד.

„דאס אידישע פאלק" ברענגט אין יעדען נומער א גענויע פארצייכניס פון אלע מנדבים פאר דעם אידישען נאציאנאלפאנד אין אמעריקא.

„דאס אידישע פאלק" ברענגט שטענדיג גענויע ידיעות און אינפארמאציע וועגען די עקאנאמישע מעגליכקייטען פאר די וואס ווילען זיך באזעצען אין ארץ־ישראל.

„דאס אידישע פאלק" דארף ניט פעהלען אין קיין אידיש הויז וואו מען אינטערעסירט זיך מיט דעם אידישען לעבען אין ארץ־ישראל און אין גלות. לעזט און פארשפרייט „דאס אידישע פאלק".

א וויכטיגע מתנה פאר די סובסקרייבערס פון
„דאס אידישע פאלק"

יעדערער, וואס וועט צושיקען דעם סובסקריפּשאן פּרייז פאר א יאהר (3 דאלער), באקומט

דר. טעאדאר הערצל'ס ציוניסטישע שריפטען

צוויי פּראכטפולע קונסט־בענדער

אלס א פּרעמיע אינגאנצען אהן געלד.

אלע ווערען אויפגעפאדערט וואס גיכער זיך צו באנוצען מיט דער זעלטענער געלעגענהייט, כדי צו ערווערבען די פּראכטפולע פּרעמיע, וואס איז א צירונג פאר יעדער אידישער הויז.

שיקט תיכף ארײן אייער סובסקריפּשאן פּרייז פאר א יאהר.

DOS YIDDISCHE FOLK, 55 Fifth Avenue, New York City

א פערטעל מיליאן
אידישע פאמיליען
לעזען דעם

זונטאג-
„פארווערטס“

מיט דער
וואונדערבארער
קונסט - ביילאגע

ברוקלין-בראָנזוויל פּאָסט

BROOKLYN-BROWNSVILLE POST

די איינציגע אידישע וועכענטליכע צייטונג אין גאַנץ ברוקלין

אונטער דער רעדאַקציע פון
ליאָן בורשטיין

אָפיס: 1776 פּיטקין עווע., ברוקלין. טעלעפאָן: דיקענס 3062.

פאַר א דאָלאַר אַ יאָהר צוגעשיקט אין אייער הויז.

דיזע צייטונג עקזיס־טירט שוין 13 יאָהר. זי ווערט געלעזען אין יע־דע אידישע הויז אין גאַנץ ברוקלין.

אלע לאָקאַלע נייע־סען, טעגליכע פּאַסירונ־גען, ווי אויך באַריכ־טען פון טשאַריטי אינ־סטיטושאַנס, ווי אויך שוהלען, חברות, לאָד־זשען, סאָסייעטיס און יוניאָנס מיט זייערע טעטיגקייטען ווערען באַ־ריכטעט אין אונזער צייטונג. די ערצעה־לונגען פון דער אלטער היים צוריק מיט פיל יאָהרען, וועלכע ווערען געגעבען אין אונזער צייטונג, פאַרשאַפען די גרעסטע פאַרגעניגענס, זיי זיינען צום לאַכען און אין דער זעלבער צייט מאַכען זיי צום וויינען.

די ערצעהלונגען זיינען גוט באַקאַנט צו אונזערע לעזער:

ר׳ סענמער הורוויץ
ר׳ דניאל מיכעל
די חליצה פון א סאָלדאַט
דער רבי ישראל־איסר
דער רבי יצחק מאיר
דער זיידע מיט׳ן סטאַטשען
אהרן־ביינוש דער קברות־מאַן.
מחלוקות׳ן אין די קליינע שטעדטלאַך
און שמעון־אייזיק, וועלכער איז נאָך ניט געענדיגט.

דער שרייבער פון די אויבענדערמאַנטע ערצעהלונגען האָט דעם ערשטען יאַנואַרי דיזעס יאָהר אַנגעפאַנגען אַ נייע סעריע ע. צעהלונגען מיט׳ן נאָמען: „דאָס שטרעבען אין לעבען אין די שטעדט און שטעדטלאַך“. זייט זיכער, אַז איהר וועט פון דיזע ערצעהלונגען זיך ניט קענען אָפּרייסען. אויב איהר האָט ניט אַנגעפאַנגען פון ערשטען נומער קענט איהר די פאַר־גאַנגענע נומערען באַקומען צו יעדער צייט אין אָפּיס פון אונזער צייטונג.

אין גיכען וועלען מיר באַשרייבען די גאַנצע אידישע היסטאָריע אין דער „פּאָסט“ אין פאָרזעצונגען. זאָ אַז דער יעניגער, וואָס וועט סייפען די אויסשניטע, וויט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָבען ביי זיך אין הויז די גאַנצע אידישע היסטאָרי, וועלכע קאָסט איבעראַל 8 דאָלאַר, וועט איהר האָבען אומזיסט.

אונזער משיב כהלכה (במקום בריפקאַסטען) פאַרענטפערט ניט נור לוח פראַגען מיט פאַר־שידענע אינפאָ־מיישאַנס. ער בעאַנטוואָרט אויך היסטאָרישע, וויסענשאַפטליכע אינטערעסאַנ־טע פראַגען. דעם משיב כהלכה באַוואונדערען זאָגאַר די גרעסטע טהייל לומדים און משכילים.

די „פּאָסט“ איז אַ צייטונג פאַר אַלע קלאַסען אידען, אָהנע אויסנאַהמען. אַז אַדווער־טייזמענט אין דער „פּאָסט“ ברייגנט די בעסטע רעזולטאַטען. דאָס קען קיינער ניט אָפּלייקענען, זאָגאַר אונזערע גרעסטע געגנער.

The Jewish Tribune

and THE HEBREW STANDARD

The Forum of American Jewry

The Largest Paid Circulation of Any Jewish Weekly in America
Printed in English

איז אַן ענגליש-אידישע וואָכענבלאַט וואָס גיט יעדע וואָך:

1. אידישע נייעס פון דער גאנצער וועלט.
2. ארטיקלען וועגען { אידישע אנגעלעגענהייטען / אידישע גרויסע מענשען / אידישע נייע ענטדעקונגען.
3. תשובות צו אונזערע אינערליכע און אויסערליכע שונאים.
4. וועכענטליכע ערקלעהרונגען איבער די וואָכען סדרה אין מדרש, אין וועלכע עס ווערט דערוויזען דאָס אונזערע חכמים'ס וועלט אנשויאונג און חכמה האָט ניט קיין גלייכען אין דער וועלט.
5. עדיטאָריעלס, וועלכע פארטיידיגען מיט שלאָגענדע לאָגיק דאָס אידענטום און די אידען.

דיזע עדיטאָריעלס זיינען געשריבען ביי דר. נהמי' מאָזעסאָן, א מוסמך להוראה פון גרויסע אייראָפעאישע רבנים און א גרעדואייט פון פילע אוניווערזיטעטען.

אחינו בני ישראל וועלכע ווילען איינפלאַנצען אין זייערע קינדער

ליבע צו יודענטום
עהרע צו אונזער תורה
אַכטונג פאר אונזערע תלמודישע רבנים
טרייהייט צו אונזער רעליגאָן
הערצליכע פארבינדונג מיט כלל ישראל

מוזען האָבען THE JEWISH TRIBUNE אין זייערע הייזער.

זייערע קינדער וועלען לערנען פילע נויטיג זאכען און וועלען האָבען פארגעניגען פון דעם ענגליש אין וועלכען דאָס בלאט איז געדרוקט

עס קאָסט נאָר 4 דאָלאר א יאָהר; 7 דאָלאר פאר 2 יאָהר.

שיקט אייער סובסקריפשאָן צו:

THE JEWISH TRIBUNE
and THE HEBREW STANDARD

Marbridge Building

1328 Broadway, New York, N. Y.

THE TALMUD MAGAZINE

A Journal of Jewish Thought

A monthly magazine, beautifully printed and illustrated, devoted to the presentation of Jewish ideals and to popularizing knowledge of Jewish life and literature. Its aim is neither attack nor defence, but *enlightenment.* It is non-partisan, but it is *not* colorless.

THE TALMUD MAGAZINE is "the first Jewish magazine to recognize the beautiful and artistic in typography as of as much importance as the contents." It presents each month a pleasing variety of interesting and authoritative articles on matters of Jewish interest, essays on Jewish world topics, short stories, poems, book reviews, dramatic criticisms and fine illustrations.

THE TALMUD MAGAZINE is a forum for the expression of the many-sided Jewish spirit. It is a most effective antidote to anti-Semitism. Every Jew who has at heart the welfare of his people will support

THE TALMUD MAGAZINE in its presentation of Jewish ideals and the best Jewish thought. A year's subscription makes a splendid gift for any friend, Jew or Gentile. The rate is Three Dollars the Year. Subscribe now and take your choice of one of the following books, *without extra charge*:

A BOOK OF JEWISH THOUGHTS.
Selected and arranged by Chief Rabbi Joseph Herman Hertz
A fascinating collection of prose and poetical passages of deep significance. New, enlarged and revised library edition.

STORIES FROM THE RABBIS. By Abram S. Isaacs
The Rabbis, whose sayings were recorded in the Talmud, were admirable story-tellers. Here are nineteen of their beautiful tales.

CHILD VERSUS PARENT. By Stephen S. Wise
Terse chapters on the irrepressible conflict in the home.

SPECIAL TRIAL SUBSCRIPTION: FIVE MONTHS FOR ONE DOLLAR

FILL OUT, DETACH AND MAIL TODAY

THE TALMUD MAGAZINE,
Park Square, Boston, Mass.

Check method you prefer.

1 year BOOK FREE: [ ] Please enter my name for a year's subscription to THE TALMUD MAGAZINE. Send me a bill later. Also send me, FREE, a copy of the following book:
....

FIVE MONTHS TRIAL: [ ] Enclosed please find One Dollar or which send me THE TALMUD MAGAZINE for five months.

Name ....

Address ....

City .... State ....

"The Magazine With a Soul"

אוהבי תורה

וועלכע ווילען איינפלאנצען אין אַמעריקאַנער יוגענד

ליבע צו אונזער הייליגער תורה
ליבע צו אונזערע ברידער
ליבע צום אידענטום
ליבע צום אידישען פאָלק

מיט איין וואָרט, זיין אינפאָרמירט מיט אַלעם וואָס שפיגעלט זיך אָפּ אין אונזער מאָדערנעם אָרטאָדאָקסישען לעבען אין אמעריקא; מוזען אריינברענגען אין זייער הויז דיזען ענגליש־אידישען מאָנאַטליכען זשורנאַל,

די קרוין פון אידישען זשורנאַליזם

עס קאָסט נאָר צו סובסקרייבען $1 פאַר 4 מאָנאַטען פּראָבע.

שיקט אייער סובסקריפּשאָן צו:

The Jewish Forum

The leading Jewish monthly in English.

3-5-7 Beekman Street, New York, N. Y.

WE ARE NOW IN OUR 6th YEAR OF PUBLICATION
OUR SPECIAL INTRODUCTORY OFFER
WILL INTEREST YOU

4 issues for $1.00

THE JEWISH FORUM is a *real magazine,* authoritative articles each month, interesting studies, short stories, a *veritable forum,* aiming to help keep America safe for Judaism and to further every constructive effort for the upbuilding of Palestine.

4 Issues of The Jewish Forum
for a total cost of $1.00

היסטאָרישע און ביאָגראַפּישע דאַטען

יאָהר.

70 — טיטוס מאַכט חרוב ירושלים.

756 — די מורישע מלוכה אין שפּאַניען געגרינדעט.

1096—אָנגעהויבען די קרייץ־ציגע: דער לעצטער איז געווען אין 1270.

1172—הענריך דער 2טער באַזיגט אירלאַנד.

1204—געשטאָרבען דער רמב"ם, משה מיימאָנידעס, דעצעמבער 13.

1215—קעניג דזשאהן גיט ענגלאַנד די „מאַגנאַ קאַרטאַ" (קאָנסטיטוציע), יוני דעם 15טען.

1265—דער ערשטער רעפּרעזענטאַנטען פּאַרלאַמענט אין ענגלאַנד.

1427—אידען אַרויסגעטריבען פון שווייץ.

1431—דזשאַן ד'אַרק פאַרברענט געוואָרען, מאַי 30טען.

1453—טערקען נעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

1481—פילע אידען פאַרברענט אויפ'ן שוויטער־הויפען אין סעוויל.

1483—געבוירען געוואָרען מארטין לוטהער, נאָוועמבער 10.

1492—קאָלומבוס ענטדעקט אַמעריקא; גירוש שפּאַניען אין זעלביגען יאָהר.

1497—קעבאָט ענטדעקט דעם מזרח־ברעג פון קענעדע, יוני 24.

1506—געשטאָרבען קאָלאָמבוס, ענטדעקער פון אַמעריקא, מאַי 12.

1517—די רעפאָרמאַציע זיך אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד.

1535—געדרוקט די ערשטע ענגלישע ביבעל.

1546—געשטאָרבען מארטין לוטהער.

1564—געבוירען געוואָרען גאַליליי.

1564—געבוירען געוואָרען שעקספּיר, אַפּריל 23.

1572—די שחיטה אויף די הוגענאָטען אין דער סט. באַרטהאָלאָמעי נאַכט, אוגוסט 24.

1588—די ענגלענדער פאַרניכטען די שפּאַנישע פלאָטע (אַרמאַדא), יולי.

1600—דזשאָרדאַנאָ ברונאָ פאַרברענט אויפ'ן שייטערהויפען, פעברואַרי 9.

1616—געשטאָרבען שעקספּיר, אַפּריל 23.

יאָהר.

1618—דער 30 יאָהריגער קריג אין דייטשלאַנד הויבט זיך אָן.

1619—דער ערשטער נעגער שקלאַף געבראַכט אין אַמעריקא.

1619—דער איטאַליענער וואַניני, פאַרברענט געוואָרען אויפ'ן שייטערהויפען, אַלס אַטעאיסט, פעברואַרי 19.

1620—די פּילגרימען קומען אויף דער „מאַיפלאַוער".

1640—ענטדעקט געוואָרען דער לייק איריע.

1643—געבוירען געוואָרען אייזיק ניוטאָן.

1649—ענגלישער קעניג קאַרל 1טער הינגעריכט, יאַנואַר 30.

1653—קראָמוועל ווערט לאָרד פּראָטעקטאָר.

1690—די ערשטע צייטונג אין אַמעריקא, אין באָסטאָן.

1677—געשטאָרבען ברוך שפּינאָזא, פעברואַרי 21טען.

1704—ענגלענדער נעמען גיבראַלטאַר.

1706—געבוירען געוואָרען בענדזשאַמין פּרענקלין, יאַנואַר 17.

1707—דער ערשטער פּאַרלאַמענט פון גרויס בריטאַניען.

1717—געפאַלען אַ שניי פון 10 ביז 20 פוס טיף אין ניו ענגלאַנד, פעברואַרי 20—24.

1759—קענעדע אַוועקגענומען פון די פראַנצויזען.

1774—ערשטער קאָנטינענטאַל קאָנגרעס, סעפּטעמבער 5 — אָקט. 26, פילאַדעלפיע.

1775—קאָנגרעס שטימט איין אויף די אַרטיקעלס פון דער קאָנפעדעריישאָן.

1775—די 1טע אַמעריקאַנער אַנטי־סלייוועריי געזעלשאַפט געגרינדעט פון די קווייקערס אין פילאַדעלפיע, אַפּריל 14.

1775—וואַשינגטאָן ערוועהלט אַלס הויפּט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

1776—די שלאַכט פון לאָנג אײלאַנד, אוגוסט 27טען.

1776—די שלאַכט פון האַרלעם הייטס, סעפּטעמבער 16.

יאהר.

1776—דעקלערײשאָן אוו אינדעפּענדענס, יולי 4.

1776—וואשינגטאָן געהט אריבער דעם דעלאַוואר ריווער, דעצעמבער 8.

1777—קאָנגרעס נעמט אָן די פלאג „סטארס ענד סטרייפּס”, יוני 14.

1777—די אַרטיקעלס פון דער קאָנפעדערײשאָן אָנגענומען פון קאָנגרעס, נאָוועמבער 15.

1778—געשטאָרבען וואָלטער, מאַי 30.

1783—קאָנגרעס דעמאָביליזירט אַמעריקאַנער אַרמיי, אָקטאָבער 18 — נאָוועמבער 3.

1783—דעפיניטיווע פרידענס טריטי צווישען אַמעריקא און ענגלאַנד, סעפּט. 3.

1784—ערשטע טעגליכע צייטונג אין אַמעריקא, „אַדווערטייזער”, ארויסגעגעבען אין פילאַדעלפיע.

1786—געשטאָרבען משה מענדעלסאָן, 4טען יאַנואַר.

1787—אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע ראַטיפיצירט אויף אַ קאָנווענשאָן פון דעלעגאַטען פון די שטאַטען אין פילאַדעלפיע, מאַי 14 — סעפּטעמבער 17.

1787—14טער (לעצטער) קאָנטינענטל קאָנגרעס פאַרזאַמעלט אין ניו יאָרק, נאָוועמבער 5.

1789—ערשטע פּרעזידענט וואַהלען, פעברואַר.

1789—ערשטער יונייטעד סטייטס קאָנגרעס פאַרזאַמעלט, ניו יאָרק, אַפּריל 6.

1789—וואַשינגטאָן אײנגעשוואָרען אַלס פּרעזידענט, אַפּריל 30.

1789—פראַנצויזישע רעוואָלוציע הויבט זיך אָן, יולי 14.

1790—געשטאָרבען בענדזשאַמין פרענקלין, אַפּריל 17.

1792—גילאָטינע צום ערשטען מאָל באַנוצט, אַפּריל 25.

1792—רוזש דע־ליל פאַרפאַסט די מאַרסעלעזע, אַפּריל 23.

1792—פראַנקרייך פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק.

1793—לואיס דער 16טער פון פראַנקרייך הינגעריכט, יאַנואַר 21.

1798—איירישער אויפשטאַנד.

1800—געשטאָרבען דער אידישער פילאָזאָף שלמה מיימאָן, נאָוועמבער 22.

1800—דער 6טער קאָנגרעס (2טע סעסיע), פאַרזאַמעלט זיך (צום 1טען מאָל) אין וואַשינגטאָן, נאָוועמבער 17.

יאהר.

1801—ענגלענדער פאַרברענען די קעפּיטאָל וואַשינגטאָן, יאַנואַר 19.

1803—שפּאַנישע אינקוויזיציע אָפּגעשאַפט פון נאַפּאָלעאָן דעם 1טען, דעצ. 4.

1804—נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטא ווערט אימפּעראַטאָר פון פראַנקרייך.

1807—פולטאָן'ס ערשטע דאַמפּער רייזע. — די צווייטע אַמעריקאַנישע מלחמה מיט ענגלאַנד.

1808—נאַפּאָלעאָן'ס מאַניפעסט וועגען אידען, יולי 20.

1809—געבאָרען געוואָרען דזשאָזעף פּיער פּרודאָן, יאַנואַר 15.

1812—די פראַנצויזען געהען אויף מאָסקווע.

1814—די דרוק־מאַשין ווערט ערפונדען.

1817—געשטאָרבען דער פּוילישער רעוואָלוציאָנער קאָסטיושקאָ, אָקטאָבער 15.

1821—נאַפּאָלעאָן געשטאָרבען אויף סט. העלענא, מאַי 5.

1823—די מאָנראָ דאָקטרין ווערט ערקלעהרט דעצעמבער 2.

1823—געשטאָרבען דער אידיש־ענגלישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם, דוד ריקאַרדאָ, סעפּטעמבער 11.

1825—פּעסטעל, רילעיעוו און אַנדערע רעוואָלוציאָנערען (דעקאַבריסטען) אויפגעהאָנגען, יולי 26.

1825—געבאָרען פערדינאַנד לאַסאַל, מאַי 11.

1825—געשטאָרבען סען־סימאָן, באַוואוסטער סאָציאַל. דענקער, מאַי 19.

1825—דער אויפשטאַנד פון די דעקאַבריסטען אין פּעטערבורג, דעצעמבער 26.

1828—די מלחמה צווישען רוסלאַנד און טערקיי.

1831—געשטאָרבען דער דייטשער פילאָזאָף העגעל, נאָוועמבער 14.

1833—דאָס וואָרט „סאָציאַליזם” צום ערשטען מאָל געברויכט אין אַן ענגלישער צייטונג, אויגוסט 24.

1835—מאָרז ערפינדעט דעם טעלעגראַף.

1837—געשטאָרבען שאַרל פוריע, דער פראַנצויזישער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסט, אָקטאָבער 8.

1837—געשטאָרבען דער באַוואוסטער רוסישער פּאָעט פּושקין, יאַנואַר 29.

1837—געשטאָרבען לודוויג בערנע, פעברואַר 12.

1837—אָפּגעשאַפט דעם שאַנד־קלאָץ אין ענגלאַנד, יוני 30.

יאהר.

1839—אויפשטאנד פון די טשארטיסטען אין ענגלאנד, (בוירמינגהעם).

1841—געשטארבען דער גרויסער רוסישער פאעט לערמאנטאוו, יולי 15.

1845—טעקסעס ווערט אנעקסירט.

1848—גאלד ווערט ענטדעקט אין קאליפארניא, סעפטעמבער.

1852—ערשינען ביטשער סטאו'ס ווערק „אנקעל טאם'ס קעבין", מערץ 20.

1853—אנגעהויבען די קרימער מלחמה.

1858—סעוואסטאפאל געפאלען, די קרימער מלחמה ענדיגט זיך, סעפטעמבער 8.

1856—געשטארבען הענריך היינע, פעברואר 17.

1861—לייב־אייגענטום (שקלאפעריי) אפגעשאפט אין רוסלאנד.

1863—אנגעהויבען דער פוילישער אויפשטאנד.

1863—די שלאכט פון געטיסבורג, יולי, 1 — 3.

1863—אפגעשאפט נעגער־שקלאפעריי אין אמעריקא.

1863—דרעפט רייאטס אין ניו יארק סיטי, יולי 16—13.

1864—מלחמה צווישען דייטשלאנד און דענמארק.

1864—פערדינאנד לאסאל טויטליך פארוואונדעט אויפ'ן דועל, אוגוסט 28.

1864—געשטארבען פערדינאנד לאסאל, 30טען אוגוסט.

1864—די עמאנציפאציע פון אידען אין שווייץ.

1864—טשערנישעווסקי, דער ר ו ס י ש ע ר שריפטשטעלער און סאציאל. דענקער, פאר'משפט אויף קאטארגע.

1865—ענד פון אמעריקאנער בירגער קריג, אפריל 9.

1865—אייבראהאם לינקאלן ווערט דער'הרג'עט, אפריל 14.

1866—ערשטער אטענטאט (קראקאזאוו'ס) אויף אלעקסאנדער דעם 2טען, אפריל 17.

1867—ערשינען „קאפיטאל" פון קארל מארקס, אוגוסט 25.

1867—געגרינדעט די דאמיניאן אוו קענעדע.

1869—געשטארבען דער רוסישער קאמפאזיטאר דארגאמיזשסקי, יאנואר 5.

יאהר.

1870—אפגעשאפט די וועלטליכע הערשאפט פון פאפסט, סעפטעמבער 20.

1870—נאפאלעאן דער 3טער ערקלערט קריג דייטשלאנד.

1870—געשטארבען אלעקסאנדער הערצען, יאנואר 9.

1870—אידען באקומען גלייכע רעכט אין שוועדען.

1871—פראקלאמירט די פאריזער קאמונע, מערץ 18.

1872—געשטארבען דער איטאליענישער רעוואלוציאנער מאדזיני, מערץ 10.

1872—געשטארבען דער דייטשער פילאזאף לודוויג פייערבאך, סעפטעמבער 13.

1873—רעפובליק פראקלאמירט אין שפאניען.

1875—געשטארבען משה העסס, אפריל 6.

1877—געשטארבען דער אידיש־דייטשער פרייהייטס קעמפער יאקאבי, מערץ 6.

1878—גענעראל מעזענצאוו דערשטאכען אין פעטערסבורג פון סטעפניאק, אוגוסט 17.

1878—רוסישע רעוואלוציאנערקע וויערא זאסוליטש שיסט אויף גענעראל טרעפאוו.

1878—געשטארבען דזשאן סטוארט מילל, מאי 8.

1878—געעפענט געווארען אין ניו יארק דער „עלעווייטעד", אפריל 30.

1879—די פראנצויזישע ארבייטער פארטיי געגרינדעט פון געד און לאפארג, אקט. 24.

1880—א דינאמיט אויפרייס אין אלעקסאנדער דעם 2טענס פאלאץ, פעברואר 5.

1881—סאפיא פעראווסקאיא, זשעליאבאוו און אנדערע רעוואלוציאנערען אויפגעהאנגען, אפריל 16.

1881—פארפרוירען געווארען דער איסט ריווער, מען איז איבער איהם געגאנגען.

1881—פרעזידענט גארפילד דערשאסען, יולי 2טען.

1881—אלעקסאנדער דער 2טער דער'הרג'עט פון א באמבע, וואס רעוואלוציאנערען האבען אויף איהם געווארפען.

1882—פראפ. קאך ענטדעקט די באציל פון טובערקולאז.

1882—געשטארבען טשארלז דארווין, אפריל 19.

1883—געשטארבען קארל מארקס, מערץ 14.

יאָהר.

1883—געשטאָרבען דער אַמעריקאַנער גרויסער קעמפּפער פאַר דער נעגער באַפרייאונג װענדעל פיליפּס, פעברואַר 2.

1883— געשטאָרבען ריכאַרד װאַגנער, דײַטשער קאָמפּאָזיטאָר, פעבר. 13.

1883—ענגלאַנד אָקופּירט עגיפּטען.

1883—פּעטער קראָפּאָטקין און אַנדערע פאַרזוכען צו מאַכען אַן אויפשטאַנד אין ליאָן, פראַנקרייך, יאַנואַר 8.

1883—געשטאָרבען דער באַריהמטער רוסישער שריפטשטעלער טורגעניעוו, אויגוסט 22.

1883—געעפענט געוואָרען ברוקלין בריק, מאַי 24.

1884—באַרטאָהלדי'ס סטעטשו אָוו ליבערטי געשאָנקען די פאַראייניגטע שטאַטען אין פּאַריז, יולי 4.

1886—די סטעטשו אָוו ליבערטי אויף בעדלאָ'ס איילענד װערט אַפּגעדעקט אין דער אַנװעזענהייט פון אַ מיליאָן מענשען. די „װאָירלד" האַט געזאַמעלט אַ מיליאָן דאָלאַר די סטאַטוע אויפצושטעלען, אָקטאָבער 28.

1886—געגרינדעט געוואָרען „די אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר", דעצעמבער 7.

1886—זיבען אַנאַרכיסטען פאַר'משפט צום טויט אין שיקאַגאָ, אויגוסט 21.

1886—גלאַדסטאָנ'ס ערשטער אײרישער האָום רול ביל.

1888—געגרינדעט די פאַראייניגטע אידישע געװערקשאַפטען אין ניו יאָרק, אָקטאָבער 9.

1889—בראַזיליען װערט אַ רעפּובליק.

1889—געשטאָרבען ניקאָלאַי טשערנישעװסקי, אָקטאָבער 30.

1889—הריגה אויף די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין יאַקוטסק, סיביר, אויגוסט 4.

1892—אַלעקסאַנדער בערקמאַנ'ס אַטענטאַט אויף פריק'ן, יוני 23.

1894—קאַפּיטאַן דרייפוס דעגראַדירט, דעצ. 23; באַקומט צוריק זיינע רעכטען יולי 12, 1906.

1894—געשטאָרבען דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר אַנטאָן רובינשטיין, נאָװעמבער 8.

1895—פּראָפעסאָר רענטגען ענטדעקט נייע שטראַלען — די רענטגען־שטראַלען.

יאָהר

1895—די קובאַנער רעװאָלוציע זיך אָנגעהויבען, פעברואַרי 20.

1895—געשטאָרבען פרידריך ענגעלס, אויגוסט 5.

1898—שפּאַניען ערקלעהרט אַמעריקא קריג, אַפּריל 23.

1898—פרידענס פּראָטאָקאָל אונטערגעשריבען צװישען אַמעריקא און שפּאַניען, אויגוסט 12.

1898—פרידענס טריטי אונטערגעשריבען פון אַמעריקאַנער און שפּאַנישע דעלעגאַטען אין פּאַריז, דעצעמבער 10.

1899—אָנגעהויבען די מלחמה אין סאַוט אַפריקא (בורען־קריג).

1891—געשטאָרבען דער אידישער היסטאָריקער גרעץ, סעפּטעמבער 7.

1896—געשטאָרבען דער ענגלישער שריפטשטעלער װיליאַם מאָריס, אָקטאָבער 3.

1897—געגרינדעט געוואָרען דער אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילען („בונד"), אָקטאָבער 8.

1897—געשטאָרבען דער אַמעריקאַנער רעפאָרמער (סינגעל טעקסער) הענרי דזשאָרדזש, אָקטאָבער 29.

1898—עמיל זאָלאַ טרעט אַרויס מיט זיין באַריהמטען בריף „איך באַשולדיג" װעגען דעם דרייפוס פּראָצעס, יאַנואַר 13.

1900—געשטאָרבען פּעטער לאַװראָװ (מירטאָװ), יאַנואַר 25.

1900—קעניג הומבערט פון איטאַליען דערשאָסען.

1900—געשטאָרבען דער גרויסער אידיש־רוסישער מאָהלער י. לעװיטאַן, יולי 22.

1900—געשטאָרבען דער רוסישער פילאָזאָף און אידען פריינד װלאַדימיר סאָלאָװיאָװ, יולי 31.

1901—פּרעזידענט מעקינלי, ערמאָרדעט געװאָרען, סעפּטעמבער 6.

1901—געשטאָרבען די ענגלישע קעניגין װיקטאָריאַ, יאַנואַר 22.

1901—מאַרקאָני סיגנאַליזירט דראַטלאָז דעם בוכשטאַב „ס" איבער'ן אַטלאַנטיק פון ענגלאַנד צו ניו־פאַונדלענד, דעצ. 12; די ערשטע דראַטלאָזע דעפּעשע געשיקט אין דעצ. 1902.

1901—רוסישער בילדונגס־מיניסטער באָגאָליעפּאָװ דערשאָסען, פעברואַר 27.

יאָהר

1902—געשטאָרבען עמיל זאָלאַ, סעפּטעמבער 29.

1902—מאַרטיניק ווערט חרוב פון אַ וואול־קאַן.

1902—געשטאָרבען דער גרויסער אידישער סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי, יוני 26.

1902—קובאַ'ער רעפּובליק איינגעשוואָרען, מאַי 20.

1902—עדוואַרד דער 7טער ווערט געקרוינט אַלס קעניג פון גרויס־בריטאַניען, אויגוסט.

1903—געגרינדעט די רעפּובליק פון פּאַנאַ־מאַ.

1904—פּלעווע דער'הרג'עט פון אַ באָמבע, וואָס סאַזאָנאָוו האָט אויף איהם גע־וואָרפען, יולי.

1904—דר. טהעאָדאָר הערצל געשטאָרבען יולי 3.

1904—אָנגעהויבען די רוסיש יאַפּאַנעזישע קריג.

1905—גרויס פירשט סערגעי ערמאָרדעט גע־וואָרען אין מאָסקווע, פעברואַרי 17.

1905—קאָנסטיטוציע פּראָקלאַמירט אין רוס־לאַנד, אָקטאָבער 30.

1906—דער ערשטער טאָג פון די וואַהלען צו דער ערשטער דומאַ אין רוסלאַנד, מערץ 8.

1906—אונגאַרן קריגט אויטאָנאָמיע.

1906—הערצענשטיין, ראַדיקאַלער דומאַ דע־פּוטאַט דערשאָסען פון דער שוואַרצער מאה, יולי 31.

1906—גלח גאַפּאָן דער'הרג'עט פון אידישען רעוואָלוציאָנער רוטענבערג, מערץ 28.

1907—געשטאָרבען פּאָביעדאָנאָסצעוו, דער רוסישער טאַרקוואמאדאָ, מערץ 24.

1907—געשטאָרבען דער באַריהמטער רוסי־שער כעמיקער מענדעלעיעוו, יאַנו־אַרי 20.

1908—געשטאָרבען גריגאָרי גערשוני, מערץ 18.

1909—די האָדסאָן פולטאָן פייערונג אין ניו יאָרק, סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָ־וועמבער.

1909—אַזעף ווערט ערקלעהרט אַלס פּראָוואָ־קאַטאָר, יאַנואַר 4.

1910—ערשטער סאָציאַליסט וויקטאָר בערגער ערוועהלט אַלס קאָנגרעסמאַן, נאָוועמ־בער 8.

יאָהר

1910—געשטאָרבען גראַף לעאָ טאָלסטאָי.

1910— פּאָרטוגאַל ווערט אַ רעפּובליק.

1910—יוניאָן פון סאַוט אַפריקא, מאַי 31.

1911—פּאָסטאל־בענק געעפענט אין אַמעריקא, יאַנואַר 3.

1911—קאַפּיטאַן אַמונדסען ענטדעקט דעם סאַוט פּאָל, דעצעמבער 14.

1911—רעפּובליק ערקלערט אין כינאַ, מערץ 11.

1911—טריינגעל קאַטאַסטראָפע אין ניו־יאָרק, 146 מענשען פאַרברענט אין אַ שאַפּ, מערץ 25.

1911—איטאַליען טרעט אַריין אין קריג מיט טערקיי און פאַרכאַפּט טריפּאָליס.

1911—רוסישער פּרעמיער סטאָליפּין דער־שאָסען פון סטודענט באָגראָוו, סעפּט.

1912—אַמעריקא ברעכט אָפּ די האַנדעלס טרי־טי מיט רוסלאַנד.

1914—עסטרייכישער גרויס פירשט פראַנסיס ערמאָרדעט אין סאַראַיעוואָ, יוני 28.

1914—אויסגעבראָכען די גרויסע וועלט־מלחמה.

1914—דייטשלאַנד דרינגט אַריין אין בעל־גיען, אויגוסט 2.

1914—פּאַנאַמאַ קאַנאַל געעפענט, אויגוסט 15.

1914—יאַפּאַן ערקלערט דייטשלאַנד קריג, אויגוסט 23.

1915—געשטאָרבען י. ל. פּרץ, מאַי 3.

1915—דער דאַמפער לוזיטייניאַ געזונקען, מאַי 7.

1916—די גרויסע עקספּלאָזיאָן אין דזשוירזי סיטי, יולי 30, 33 מיליאָן דאָלאַר שאָדען.

1917—די צווייטע רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, געגרינדעט דער באָלשעוויסטישער רע־זשים, נאָוו. 7.

1917—רוסישער צאַר ניקאָלאַי דער 2טער זאָגט זיך אָפּ פון טראָן, מערץ 15.

1917—אַמעריקא ערקלערט אַ צושטאַנד פון קריג מיט דייטשלאַנד, אַפּריל 6; מיט עסטרייך — דעצ. 7.

1917—די ענגלענדער נעהמען ירושלים, דעצ. 8.

1918—צאַר ניקאָלאַי דער 2טער, ווערט דער־
1919—די טריטי צווישען די עליים און דייטשלאַנד אונטערגעשריבען יוני 28.
שאָסען פון באָלשעוויקעס אין יעקאַ־טערינבורג, יולי 16.

יאהר

1920—אמעריקא שיקט ארויס פון לאנד עמא גאלדמאן, אלעקסאנדער בערקמאן און אנדערע 200 קאמוניסטען (דעצעמבער 1919, יאנואר 1920).

1920—דער 18טער אמענדמענט צו דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע וועגען פראהיבישאן איז אריין אין קראפט, יאנואר, 16.

1920— דער 19טער אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע וועגען פרויען שטימרעכט איז אריין אין קראפט אוגוסט 26.

יאהר

1921—פרעזידענט הארדינג לאזט ארויס אן אויפרוף פאר אן ענטוואפנונגס קאנפערענץ, יולי 10.

1922—פרעזידענט הארדינג שרייבט אונטער דעם ביל, פון קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן, וועגען דעם, אז באנקראטירטע פירמעס מוזען פריהער פון אלץ באצאהלען די ווידזשעס צו די ארבייטער דערנאך קומען די אנדערע בעלי־חובות, יאנואר 12.

מאס און וואג

וועלכע ווערען געברויכט אין אמעריקא.

טרוקען-מאס

2 פיינטס = 1 קווארט
8 קווארט = 1 פעק
4 פעקס = 1 בושעל
196 פונט מעהל = 1 בארעל

אפאטהעקער געוויכט

20 גריינס = 1 סקרופל
3 סקרופלס = 1 דראם
8 דראמס = 1 אונץ
12 אונצעס = 1 פונט

צייט-מאס

60 סעקונדען = 1 מינוט
60 מינוטען = 1 שטונדע
24 שטונדען = 1 טאג
365 טעג = 1 יאהר

טראי געוויכט

24 גריינס = 1 פעני ווייט
20 פעני ווייטס = 1 אונץ
12 אונצעס = 1 פונט

לענגע-מאס

12 אינטשעס = 1 פוס
3 פוס = 1 יארד = 36 אינטשעס
5½ יארד = 1 ראד = 16½ פוס
40 ראדס = 1 פורלאנג = 660 פוס
8 פורלאנגס = 1 מייל = 5,280 פוס

פלעכין-מאס

144 סקווער אינטשעס = 1 סקווער פוס
9 סקווער פוס = 1 סקווער יארד
30¼ סקווער יארד = 1 סקווער ראד
160 סקווער ראדס = 1 אייקער
640 אייקער = 1 סקווער מייל
36 סקווער מייל = 1 טאונשיפ

קיוביק-מאס

1728 קיוביק אינטשעס = 1 קיוביק פוס
27 קיוביק פוס = 1 קיוביק יארד
128 קיוביק פוס = 1 קארד האלץ, אדער שטיין.

פליסיגקייט מאס

4 גילס = 1 פיינט
2 פיינטס = 1 קווארט
4 קווארט = 1 גאלאן
31½ גאלאנס = 1 בארעל
2 בארעלס = 1 האגס'העד

וואָקזאַלען (דיפּאָס) אין ניו יאָרק
